STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05480

GETRAKHT MIT IVRI-TAYTSH

Ephraim Auerbach

Permanent preservation of this book was made possible
by Richard S. Herman
in memory of
Steve Herman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געטראַכט מיט
עברי-טייטש

געטראַכט מיט
עברי־טייטש

אפרים אויערבאַך

•

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

ESSAYS

By

EPHRAIM AUERBACH

Copyright, 1955 by
EPHRAIM AUERBACH
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 E. 17th St., New York 3, N. Y.

Printed in U. S. A.
by Futuro Press, Inc.
200

אינהאַלט:

זייט

וועגן טראַכטן מיט עברי־טייטש — 7

תנ"כישע געשטאַלטן

אברהם — דער גאָט־דערקענער — 13
אין שאָטן פון דער עקדה — 18
דער אויסדערוויילטער פון די אבות — 23
דער נביא און דער מלך — 50
מאָטיוון פון שיר השירים — 71
קהלת — דער סקעפּטיקער און גלייבער — 78

אַ וועלט אין אָפּשיין

דאָס געזאַנג פון שבת — 91
קולטור־ירידה, צי שאַפערישער קיום? — 100
מיטן טייטל אין האַנט — 109
וואָס לערנסטו, ייִנגעלע? — 114
אחדות הבורא, טרויער, פרייד — 118
סתירה און גאַנצקייט — 127
וואו איז דיין זון יצחק? — 131

פאָלק און לאַנד

ציוניזם אין זיין גאַנצקייט — 137
צעשייד און צונויפקום — 153
דער מעקסיקאַנער קויש — 168
הלכה און אגדה פון ציוניזם — 175

אין אייגענעם גאָרטן

די מעשה פון אַ שטוב — 191
אַ שמחת תורה און אַ סוכות ביינאַכט — 200
ווערטערוואַלד — 205
אייביקער אָנהייב — 213
נוסח בעסאַראַביע — 218
דאָס קליינע מלחמהלע — 221

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון פריינד ה. א. איבראַמסאָן

וועגן טראַכטן מיט עברי־טייטש

(אַ כמו־אַריינפיר)

טראַכטן מיט עברי־טייטש האָט אַ באַזונדערן מיין. ס'איז אַנדערש גע־טראַכט, אפילו אַנדערש אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק. נישט דאָס יידישע לשון אַליין איז דאָ דער עיקר, נאָר דער גאַנצער אופן פון אַרויסברענגען דעם געדאַנק. און בפירוש מיט עברי־טייטש, נישט אויף עברי־טייטש, וואָרים אין דער אמתן איז עס ווי חומש מיט רשי, אָדער גמרא מיט תוספות. עברי־טייטש הערט־אויף צו זיין אַ לשון, סע ווערט אַ פירוש, אָדער אַ גאַנצע קייט פירושים.

עברי־טייטש איז, ווידער, נישט קיין לשון, נאָר אַ פאָלקס־קולטור, אַ פאָלקס־מענטאַליטעט. עברי־טייטש איז הלכה און אגדתא, מוסר און לעבנס־חכמה, מעשהלעך און משלים, ליריזם און דראַמאַטיזם, — אַ פולע יידישע וועלט איז עברי־טייטש. אַז עברי־טייטש האָט זיך אָנגעהויבן איינצו־וואָרצלען אין אונדזער לעבן, האָט די דעמאָלסטיקע למדנישע וועלט געקוקט מיט ביטול אויף דער פאָלקס־שאַפונג, פאַר ווייבער און דעם „פּראָסטן פאָלק" האָט עברי־טייטש געדאַרפט דינען ווי אַ וועג צוצוקומען צו יידישקייט. אָבער מיט דער צייט איז עברי־טייטש געוואָרן אַ יש פאַר זיך, נישט אַ צוגאָב, נישט קיין סתם צוואוואקס צום אוראַלטן יידישן שטאַם. ווי אַמאָל מאַכט זיך אַז פון אַ גרויסן בוים וואַקסט־אַרויס אַ קליין ביימל, וואָס שפייזט זיך פון דעם גרויסן בוימס וואָרצלען, אָבער ביסלעכווייז צעוואַקסט זיך עס און פאַרנעמט אַן אייגענעם שטח, האָט אייגענעם שאָטן, אייגענע צווייגן, געשטאַלטיקט זיך אַנדערש, ווי דער פאָטער־בוים.

עברי־טייטש איז אַרויסגעוואַקסן פונעם גרויסן יידישן בוים, פון סאַמע אָנהייב־אָן, ווי נאָר זי האָט אַ שפּראַך־געטאָן, האָט פון איר געשמעקט מיט אַלטקייט. זי האָט אָבער אין דער אַלטקייט אַריינגעוועבט די אייגענע יונג־שאַפט און פרישקייט, זי האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט די זאַפט פון דער יידישער אַלטקייט און אַליין געוואָרן יונג. זי איז געוואָרן נישט נאָר דאָס לשון פונעם פאָלק, אויך דער געדאַנק זיינער איז זי געוואָרן, דאָס געמיט זיינס, דער לעבנס־גאַנג.

די אָבות און די אמהות אויף עברי־טייטש זענען אַנדערע, ווי זיי זענען אין חומש, זיי זענען אַפילו אַנדערש ווי אין דער אגדתא. אויף זיי איז

אַרויפגעוואַקסן אי די פאַנטאַזיע פונעם פאָלק, אי זיין געמיט איז אין זיי אַריינגעוואַקסן.

אַז מיר האָבן געלערנט אין חדר „ואני״, איז דערפון געוואָרן אַ געזאַנג, — דאָס טרויעריק־לירישע געזאַנג יעקבס, וואָס אויף דער עלטער האָט ער זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ ווי ער האָט די מוטער רחל איבערגעלאָזט אין אַ קבר אויפן וועג קיין אפרת. אין חומש, אַז יעקב רופט די זין און זאָגט זיי, וואָס ער זעט אין דער וויזיע זיינער פאַר יעדער איינעם פון זיי, קלינגט אייך דאָס קול זיינס ווי סע וואָלט געווען פול מיט מעטאַל. ער איז שטרענג, בילדלעך, צמצומדיק אין אויסדרוק. דער יעקב פון „ואני״ אָבער, דער יעקב מיט עברי־טייטש, איז ראָמאַנטיש, טראַגיש, פול מיט חרטה. דער פירוש פון עבר־טייטש אויף יעקבן איז דער פאָלקס־פירוש, וואָס לעבט־איבער יעקבס ליבע צו רחלען אַ סך מער און אַפילו טיפער, ווי דאָס חומש דערציילט פון איר.

דער עברי־טייטש יוסף און דאָס געראַנגל זיינס מיט די ברידער, איז אויך אַן אַנדערער ווי ער איז אין חומש און אַפילו אין דער אגדתא. עברי־טייטש האָט יוספן געגעבן מער חלום ווי דאָס חומש האָט אים געגעבן. אין עברי־טייטש איז ער געוואָרן דער סימבאָל פון ליבשאַפט, פרומקייט און טראַגיזם. וויפל געוויין די עברי־טייטש יידן האָבן פאַרגאָסן אויף יוספן, בעת ער איז געלעגן אין גרוב, און דערנאָך, אַז די ברידער האָבן אים פאַרקויפט צו די ישמעאלים. היינט דער יוסף, וואָס לאָזט זיך נישט דער־קענען צו די ברידער און אַנטלויפט צו זיך אין חדר זיך אויסצוואוויינען, — דער חומשדיקער יוסף איז ער, נאָר מיט עברי־טייטש, וואָס מיינט מיטן פאָלקס נשמהדיקן פירוש.

אַזויווי איך האַלט, אַז עברי־טייטש איז נישט סתם לשון, נאָר אַ לעבנס־קוק און אַ פאָלקס־געמיט, זע איך אויך ווי דער גלות מיט עברי־טייטש האָט אַ באַזונדערן טעם. דער עברי־טייטש קוק אויפן גלות איז אַ געמיט־לעכער, אַן אַריינגעוואַקסענער אין דער פסיכיק פונעם פאָלק, וואָס האָט אויפן גלות געמאַכט דעם אייגענעם פירוש, — דעם עברי־טשעדיקן. דער גלות מיט עברי־טייטש איז אַ וואָרעמער, אַ היימישער, אַ טרויעריק־באַשערטער, ווי דאָס לעבן אַליין.

האָט דער עברי־טייטש ייד נישט געוואָלט אויסגעלייזט ווערן פון גלות? יאָ, ער האָט זיך געריסן צו גאולה נישט ווייניקער ווי דער לשון־קודשדיקער ייד, נאָר איידער די גאולה קומט, איז דערווייל דער גלות ווי די נעסט פאַר אַ פויגל, וואָס אויף ווינטער גרייט ער זיך פון איר איבערצופליען אין אַ וואַרעם לאַנד. אַוודאי האָט דער עברי־טייטש ייד געוואָרט אויף משיחן, נאָר אַזויווי משיח אַליין איז אויך אַ גלות־ייד, האָט אים דער עברי־טייטש ייד אַריינגענומען צו זיך, אין דער גלותדיקער היים זיינער, און מיט אים איינאיינעם אָפּגעריכט די גלות־עבודה.

דער עברי־טייטש ייִד האָט אָפּגעריכט גלות מיט אַ וואַרעם געמיט, אַ משיחן האָט ער געשאַפֿן, וואָס איז געווען בצלמו ובדמותו, — אַ היימישער משיח, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן יידן, רעדט דאָס לשון זייערס, טראָגט די צרות זייערע און פריידט זיך מיט זיי אויף זייערע שמחות. דער עברי־טייטש ייד האָט נישט געטראַכט אַז גלות איז אַן אידייע, — דער באַגריף פון אידייע איז ביי אים בכלל נישט געווען. ער האָט אָבער דעם גלות אויפגעבויט ווי אַן אידייע, ער האָט אים אידייאיש מפורש־געווען. דער טרויער אויפן גלות איז ביי אים אַ געזונטער, וואָרים אַז ער זאָל, חלילה, אַריינפאַלן אין יאוש, וועט ער דאָך קיין כח נישט האָבן צו וואַרטן אויף משיחן.

די עברי־טייטש לידער אויפן גלות זענען דערפאַר נישט קיין קלאָגע־דיקע, זיי האָבן אַפילו אָפּט דעם שאָטן פון איראָניע, ווי דאָס ליד „וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען". אינעם ליד איז דאָ די פולע אגדתא, — דער שור הבר, דער לויתן, דער יין המשומר, — נאָר באַלד דער אָנהייב, „ווען מיר מאַכן אַ סעודהניו", פאַרמאָגט אין זיך דינע איראָניע. האָט דער עברי־טייטש ייד נישט געגלייבט באמונה שלימה אין דער אגדתא פון ביאת המשיח? חלילה וחס, ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו גלייבן, נאָר די איינגעוואָרעמטקייט אין גלות האָט ער אַריבערגעטראָגן אויף דער גאולה. די משיחדיקע „סעודהניו" איז ביי אים געווען אַ היימישע, ווי אַ שבתדיקע, אָדער יום־טובדיקע סעודה אין דער אייגענער היים.

אַפילו אויפן רבונו־של־עולם אַליין האָט דער עברי־טייטש ייד געמאַכט אַן אייגענעם פירוש. דעם אל־נוקם האָט ער כמעט ווי פאַרגעסן, דעם גאָט פון דין האָט ער באַהאַלטן פאַר די תפילות, אויף עברי־טייטש איז געווען נאָר דער אל־רחמים. אין קיין שום לשון איז, דאַכט זיך, נישטאָ אַזאַ היימישקייט מיט גאָט, אַזאַ אינטימע צוניפגעלעבטקייט מיט אים, ווי אויף עברי־טייטש. אַז דער עברי־טייטש ייד האָט געזאָגט „שטראָף מיך נישט גאָט פאַר די רייד", איז עס געווען ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ יידן, וואָס איז אַן אייגענער טאַטע זיינער און שטייט אָט־דאָ לעבן אים.

דער עברי־טייטש ייד איז פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט. אין די טעג פון ניסן דערמאָנען מיר די לעצטע גרויסקייט זיינע, איידער דער פאַר־לענד איז אויף אים געקומען. דער אויפשטאַנד אין געטאָ איז פול מיט די הייליקע, פונקען פונעם עברי־טייטש ייד, ער איז דער עברי־טייטש פירוש, וואָס דער ייד האָט געגעבן אויפן אומקום.

תנ״כישע געשטאַלטן

נישט קיין תנ״ך־פאַרשער בין איך, נאָר אַ תנ״ך־איבערלעבער.
נישט צו ברענגען פאַרשערישע חידושים האָב איך זיך פאַר־
מאָסטן, נאָר צו געבן געשטאַלטן פון תנ״ך, ווי איך האָב זיי
געזען אין מיין וויזיע און זיי דורכגעלעבט.
צו די געשטאַלטן בין איך צוגעקומען ווי צו אייגענע טאַטע־
מאַמע, וואָס קיין מפרשים דאַרף מען אויף זיי נישט האָבן, כדי
זיי צו פאַרשטיין און אין זיי זיך אַריינצולעבן.

אברהם — דער גאָט־דערקענער

אברהמען דערקענען מיר אין די רייפע יאָרן. ער האָט שוין אַרויסגעוואַנדערט פון אור־כשדים, איז געקומען קיין חרן און דאָ באַוויַיזט זיך צו אים גאָט און זאָגט אים: „גיי דיר אַוועק פון דיין לאַנד און דיין אָפּשטאַם". דאָס חומש דערציילט אונדז נישט, צי אברהם איז שוין פריער געווען דורכגענומען מיט דער איין־גאָט אידייע, צי ער האָט פריער געהאַט גאָט־זעאונגען, נאָר באַלד, ביי דער ערשטער זעאונג, זאָגט אים גאָט אַז ער זאָל אַוועקגיין קיין כנען. מיר פילן אָבער, אַז פאַר אברהמען איז דער געדאַנק פון איין גאָט נישט געווען פרעמד און די גאָט־זעאונג איז צו אים געקומען פון דער פריערדיקער גאָט־דערקענונג.

גאָט באַוויַיזט זיך צו אברהמען נאָכן דור ההפלגה, — נאָכן דור, וואָס האָט געבויט אַ טורעם און געוואָלט דערגרייכן דעם הימל. פריער, זאָגט דאָס חומש, איז געווען „שפה אחת", אַלע האָבן גערעדט איין שפּראַך. אַז מענטשן האָבן זיך פאַרמאָסטן צום הימל, האָט גאָט צעמישט די שפּראַך זייערע, זיי האָבן זיך אויפגעהערט צו פאַרשטיין. די שפּראַך־צעמישעניש איז געווען אַ מין נייער וועלט־באַשאַף, אַ וועלט פון אַ סך שפּראַכן איז געבוירן־געוואָרן, אַ וועלט, וואו איין מענטש האָט אויפגעהערט צו פאַרשטיין דעם אַנדערן. אין אַזאַ וועלט האָט זיך געדאַרפט אויסלייטערן איין פאָלק, וואָס זאָל נעמען אויף זיך דעם יאָך פון גאָט־גאַנצקייט. מיר זעען דעריבער, ווי פון דעם שפּראַך־צעמיש איז אַרויסגעוואַקסן די גאָט־קלאָרקייט. דער שטאַם־פאָטער פונעם יידישן פאָלק, קומט אויס, האָט באַלד געטראָגן אין זיך דאָס שליחות אַריינצוברענגען קלאָרקייט אין דער וועלט.

אברהמען הייסט גאָט גיין קיין כנען, דאָרטן וועט ער אים גרויס מאַכן און אַ גרויס פאָלק וועט פון אים אַרויסקומען. די גאָט־דערקענטעניש איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט אַ פאָלק און אַ לאַנד. אַז אברהם אַליין האָט געהאַט אַזאַ באַוואוסטזיין, דערינגען מיר דערפון וואָס ער האָט באַלד אָנגענומען דאָס שליחות, ער האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק אַז פון אים וועט אַרויסוואַקסן אַ פאָלק. אין אור כשדים, וויַיזט־אויס, איז אברהם שוין געווען דער פירער פון דעם עברי־שבט. מיר נעמען עס דערפון וואָס ער האָט געהאַלטן צוגעבונדן צו זיך לוטן, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך דאָס אַחריות פאַר אים. נאָכמער, לוט האָט זיך צוגעהערט צו אברהמען, ער האָט אָנערקענט אברהמס אויטאָריטעט און, אַז ער איז געווען אין אַ צרה, איז ער געקומען צו אברהמען.

אין אור כשדים אָבער איז אברהם געווען פירער פונעם עברי־שבט אָן אַ גאָט־פאָלק און אָן אַ לאַנד־שליחות. אויפן וועג קיין כנען האָט זיך אין אים אויסגעקריסטאַליזירט די גאָט־דערקענטעניש און דערמיט אויך די וויזיע פון אַ פאָלק און אַ לאַנד. מיר דאַרפן דערביי אויך פאַרשטיין, אַז די שבטים, אָדער משפחות, האָבן אין יענער צייט געהאַט באַזונדערע געטער; אַז אברהם איז געקומען צו דער דערקענטעניש פון איין גאָט, איז ממילא ביי אים געבוירן־געוואָרן דער געדאַנק פון אַ פאָלק, ווי סע איז געווען דער נוסח פון דער צייט.

אברהמס וויזיע איז אָבער צו דער אייגענער צייט געווען פון אַן אוני־ווערסאַלן גאָט, וואָרים ער זעט פאַר זיך, אַז פון אים וועט אַרויסקומען אַ פאָלק, וואָס וועט אין צאָל זיין אַזוי רייך, ווי די שטערן אין הימל. דער איין־גאָט דאַרף טאַקע שאַפן איין פאָלק, אָבער דאָס איינע פאָלק וועט זיין אַזוי גרויס, אַז סע וועט אַרומנעמען אַ וועלט. מיר זעען דעריבער, אַז איין פאָלק איז לאָגיש אַרויסגעוואַקסן פונעם איין־גאָט. מיר זעען אויך, אַז דער איין־גאָט איז פון אָנהייב־אָן געווען פון אַן אוניווערסאַלן פאַרנעם, וואָרים געטער זענען דאַמאָלסט געווען משפחהדיקע און אין דעם באַגריף פון נאָר איין גאָט פאַר אַ גאַנץ פאָלק איז שוין געווען דער יסוד פון אוניווערסאַליזם. דערצו נאָך, ווי מיר האָבן געזען פריער, דאַרף דאָס פאָלק פונעם איין־גאָט זיין אַזוי גרויס אין צאָל, ווי די שטערן אין הימל. דער הימל איז דער אויסשפרייט איבער דער גאָרער וועלט. די שטערן שיינען איבער דער גאָרער וועלט. דער איין־גאָט איז פאַר דער גאָרער וועלט, איין פאָלק דאַרף אין תוך זיין דער אוניווערז. באַלד פון אָנהייב־אָן, ביים אַנטפּלעקן זיך צו אברהמען, איז דער איין־גאָט געווען אַ נאַציאָנאַלער און אַן אוניווערסאַלער.

די גאָט־דערקענטעניש ביי אברהמען איז געווען אַ שטרענגע, מיט פעסטע מאָראַלישע פּרינציפּן. אין דער אברהם־דערציילונג האָבן מיר נישט קיין לירישע געזאַנגען, אַפילו נישט קיין פּאָעטישע שורות, ווי ביי יצחקן און יעקבן. דער אָנהייב איז אַ שטרענג־באַפעלערישער: לך־לך מארצך וממולדתך. אין דער שטרענגקייט איז דאָ דער אָנווייז, אַז דער דראַנג צום איין־גאָט איז אין אברהמען געווען אַ מין מאָראַליש געבאָט. די גאָט־דערקענטעניש איז ביי אים געווען אַזאַ קלאָרע, אַז זי האָט אים אויסגעפילט אינגאַנצן און נישט געלאָזט קיין אָרט פאַר לירישע איבערלעבונגען. אַפילו אַז אברהם טענהט זיך אויס מיט גאָט, אין אַ זעאונג, און זאָגט אים: „גאָט דו האַר, וואָס קאָנסטו מיר געבן, אַז איך גיי־אַוועק אָן אַ קינד, און דערווירטשאַפטער פון מיין הויז איז דער דמשקער אליעזר?" אַפילו דאָ איז ער נישט ליריש. דאָס קינד, וואָס ער מאָנט ביי גאָט, איז נישט פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאָט־אידייע. כדי צו שטאַרקן אין אברהמען דעם גלויבן אַז ער וועט געבערן אַ קינד, הייסט אים גאָט דורכפירן אַ סימבאָלישן אַקט, — פאַרשניידן אַ בונד מיט אים. ערשט אַז אברהם בעט ביי גאָט אַ קינד, פאַרשניידט ער מיט אים אַ בונד, דאָס קינד ווערט אים געגעבן מיטן באַזונדערן ציל—צו פאַרמערן די דינער צום איין־גאָט.

צוויי מאָמענטן אין אברהמס לעבן זענען סותר איינס דאָס אַנדערע. מיר מוזן זיך איבער זיי פאַרטראַכטן און פּרוּוון פאַרשטיין. ביי דער מעשה־סדום, אַז גאָט לאָזט אים וויסן, אַז ער וועט פאַרטיליקן סדום, וואָרים „דאָס געשריי פון סדום און עמורה איז פאַרוואָר גרויס," שטעלט זיך אברהם אויסטענהן מיט גאָט: „וועסטו אומברענגען דעם אומשולדיקן מיטן שולדיקן?" ער דערוועגט זיך אַפילו גאָט צו מוסרן: „זאָל דער ריכטער פון דער גאָרער ערד נישט טאָן קיין גערעכטיקייט?" נאָר ביי דער עקדה, אַז גאָט הייסט אים ברענגען פאַר אַ קרבן דעם איינאיינציקן זון זיינעם, יצחקן, פרעגט ער נישט אָפּ גאָטס אָנזאָג, ער איז אים באַלד מקיים. אברהם האָט דאָך געקענט פרעגן גאָט אַ פּשוטע שאלה: האָסט מיר צוגעזאָגט אַז פון מיר וועט אַרויסקומען אַ גרויס פאָלק, האָסט ביים צוזאָג מיט מיר כורת־ברית געווען, אַז מיין ווייב שרה וועט געבוירן אַ זון, ווי־זשע וועסטו מקיים־זיין דיין הבטחה, אַז איך וועל יצחקן ברענגען פאַר אַ קרבן? אברהם האָט נישט געפרעגט, האָט נישט געהאַט קיין טענות צו גאָט, נאָר — וישכם אברהם בבוקר, אברהם האָט זיך געפעדערט גאַנצפרי און געפירט יצחקן צום באַרג מוריה, וואו ער האָט אים געדאַרפט מקריב־זיין.

פאַרוואָס ביי דער מעשה־סדום האָט אברהם יאָ געהאַט דעם גייסטיקן כח זיך אַנטקעגנצושטעלן גאָט און ביי דער עקדה האָט ער דעם כח נישט פאַרמאָגט? מיר דאַרפן דערפאַר אַ טראַכט־טאָן, אַז די מעשה־סדום איז דער־מיט אַנדערש פון דער עקדה, וואָס אין איר ווערט אויסגעדריקט אברהמס מאָראַלישע שטרענגקייט, — אַ שטרענגקייט, וואָס גיט אים כח אַפילו אָפּ־צופרעגן גאָט. די זינד פון סדום איז געווען בין אדם לחברו, די סדומער האָבן דעם מענטשן שלעכטס־געטאָן, זיי זענען מאָראַליש געווען געפאַלן. אברהם האָט איבערגעטראַכט, אַז טאָמער וועט גאָט, מיט דער שטראָף אויף סדום, באַגיין די אייגענע מאָראַלישע אומרעכט און וועט „אומברענגען דעם אומשולדיקן מיטן שולדיקן". די עקדה שטייט אָבער נישט אין גדר פון מאָראַל, נאָר דורכאויס פון רעליגיעזער פעסטקייט. דאָ וועט אברהם נישט אָפּפרעגן גאָטס אָנזאָג, ער איז גאַנץ מיט גאָט, ער פאָלגט וואָס ער הייסט אים. אין די ביידע עפּיזאָדן, — מעשה־סדום און עקדה, — ווערט פאַר אונדז געוויזן די פולע גייסטיקע האַרמאָניע פון אונדזער שטאַם־פאָטער: ער איז מאָראַליש גאַנץ אין זיינע טענות צו גאָט, ער איז רעליגיעז פעסט אין זיין צוהערן צו גאָט ביי דער עקדה.

מיט דער עקדה האָט גאָט געוואָלט אויספּרוּוון אברהמען. פרעגט זיך: אַז גאָט האָט אים געוואָלט אויספּרוּוון, פאַרוואָס האָט ער עס געדאַרפט טאָן אויף אַזאַ בייזן אופן, ווי באַפעלן צו ברענגען דעם איינאיינציקן זון פאַר אַ קרבן? און בכלל, ווי פאַלט גאָר איין גאָט אַז מע זאָל פאַר אים מקריב־זיין אַ מענטשלעך לעבן? דאַרפן מיר דערפאַר טראַכטן, אַז דער זין פון דער עקדה איז — דער ווייטערער צוקום צום איין־גאָט און זיינע הויכע פּרינציפּן. אין

אברהמס צייטן איז דער מענטש־קרבן געווען איינגעפירט ביי אַ סך געצנדינער. דער בכור־קרבן איז געווען דער העכסטער רעליגיעזער ריטואַל ביי די געצנדינער. אַז אברהם האָט געהערט פון גאָט דעם קלאָרן אָנזאָג: „נעם דיין זון, דיין איינציקן, וואָס דו האָסט אים ליב, — יצחקן, — און גיי אין דעם לאַנד מוריה, און ברענג אים דאָרטן פאַר אַ קרבן־עולה אויף איינעם פון די בערג וואָס איך וועל דיר ווייזן," האָט ער גאָרנישט נאָכגעטראַכט, וואָרים ער האָט נאָך נישט געוואוסט, אַז דער איין־גאָט וויל נישט קיין מענטש־קרבנות. דערנאָך, אַז גאָט האָט אים געזאָגט, דורך אַ מלאך: „אל תשלח את ידך אל־הנער," איז אין אים אויפגעגאַנגען דאָס דערקענטעניש, אַז דער אויספּרואוו איז גאָר געווען דער צוריקהאַלט נישט מקריב־צו־זיין יצחקן. דורך דער עקדה האָט אים גאָט באַוויזן, אַז מענטש־קרבנות זענען נישט אין גייסט פון דער ריינער געטלעכקייט. די עקדה איז געווען אַ העכערע מדרגה פון דערקענען גאָט, פון אויסלייטערן אין אברהמען דאָס באַוואוסטזיין פון דעם מענטש־ליבנדיקן גאָט.

די עפּיזאָדן אין אברהמס לעבן, וואָס דערציילן פון זיינע מאָראַלישע טואונגען און די צונויפטרעפענישן מיט גאָט, זענען קינסטלעריש פול, כמעט אויסגעשעפּט. דאָרטן אָבער, וואו ער דרייט זיך נישט אין דער גייסטיקער אַטמאָספערע פון מאָראַל־און גאָט־באַוואוסטזיין, ווערט דאָס געשטאַלט זיינס קלענער. הויך־קינסטלעריש איז די באַשרייבונג, ווי גאָט באַווייזט זיך צו אברהמען „במחזה", — אין אַ זעאונג. מיר ווערן ממש פאַרכאַפּט פונעם בילד, ווי ער האָט גענומען „אַ דריי־יאָריקע קו, און אַ דריי־יאָריקע ציג, און אַ דריי־יאָריקן ווידער, און אַ טערקלטויב, און אַ יונגע טויב, און האָט זיי איבערגעשניטן אינמיטן, און אַוועקגעלייגט איין העלפט קעגן דער אַנדערער. נאָר די פויגלען האָט ער נישט איבערגעשניטן. זענען די רויבפויגלען אַראָפּגענידערט אויף די פּגרים, אָבער אברהם האָט זיי אַוועקגעטריבן."

די דערציילונג האָט אפילו נישט פאַרגעסן די רויבפויגלען, — אַ קינסטלערישער פּרט וואָס גיט דעם בילד פולקייט.

און, אַז גאָט דאַרף אברהמען אָנזאָגן אַז זיינע „קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ לאַנד וואָס איז נישט זייערס, און מע וועט זיי פאַרקנעכטן," מאָלט די דערציילונג ווי די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין, אַ טיפער שלאָף איז אָנגעפאַלן אויף אברהמען, און אימה, אַ גרויס פינצטערניש איז געפאַלן אויף אים. די קינסטלערישע שילדערונג פונעם זונפאַרגאַנג, דעם שלאָף און דער אימה, גיסט זיך צונויף מיטן פאָראויסזאָג אויף קנעכטשאַפט. דערנאָך, אַז גאָט זאָגט אים אַז נאָך פיר הונדערט יאָר קנעכטשאַפט וועלן זיינע קינדער „אַרויסגיין מיט אַ גרויס פאַרמעג," ווערט דאָס בילד פאַרגאַנצט מיט סימבאָלישע שטריכן: „ווי די זון איז אונטערגאַנגענגען, און סע איז געוואָרן שטאָקפינצטער, איז געווען אַן אויוון מיט רויך און אַ פלאַמפייער איז דורכגעגאַנגען צווישן די שטיקער." דער ברית בין הבתרים איז אַ מין מיסטישפייערלעכער אַקט, וואָס נעמט אונדז דורך מיט אַ ציטער. דער אָנהייב פון

דער אברהם־דערציילונג איז אַ שטרענגער, ווי דער פסק־דין פון אַ ריכטער, — גיי־אַוועק פון דיין לאַנד און דיין אָפּשטאַם, — אָבער אַז מיר קומען צום ברית בין הבתרים, ווערט די געטלעכע שטרענגקייט באַלויכטן מיט אַ מיסטישער זון.

אינעם בילד פונעם בונד, וואָס אברהם האָט פאַרשניטן מיט גאָט, זענען דאָ נאָך צוויי מערקווירדיקע פּרטים. איינס דריקט־אויס אברהמס רעליגיעזן געדאַנק און דאָס צווייטע — זיין עטישן. אין דער זעאונג זאָגט אים גאָט: „און דו וועסט קומען צו דיינע עלטערן בשלום; אין אַ גוטער עלטער וועסטו באַגראָבן ווערן." דער פּערזענלעכער שכר אברהמס וועט זיין באַגראָבן צו ווערן אין אַ גוטער עלטער. די אידייע פונעם איין־גאָט האָט אברהם געטראָגן פאַר דער פולקייט פונעם לעבן ביז דער „גוטער עלטער". מיטן „קומען צו די עלטערן בשלום" קומט דער רואיקער סוף.

דערנאָך זאָגט אים גאָט אַז ערשט אין פערטן דור וועלן זיך זיינע קינדער אומקערן קיין כנען, „וואָרים די זינד פון דעם אמורי וועט נישט זיין פאַרפול ביז דענסטמאָל". גאָט האָט אים טאַקע צוגעזאָגט דאָס לאַנד פאַר זיינע קינדער, אָבער אַ מאָראַלישע באַרעכטיקונג דאַרף זיין דערפאַר, די זינד פונעם אמורי דאַרף זיין פאַרפול, אַז ער זאָל אָנווערן דאָס רעכט זיינס אויפן לאַנד און אברהמס קינדער זאָלן עס מעגן צונעמען ביי אים. אין דער זעאונג פונעם אמוריס זינד, ווי די מאָרלישע באַרעכטיקונג פאַר צונעמען ביי אים דאָס לאַנד, איז אברהמס שטרענגע מאָראַל אָנגעווענדט אויף זיך אַליין, אויף דער רייכסטער וויזיע זיינער.

די באַשרייבונג, ווי גאָט האָט פאַרברענט סדום און עמורה, איז קורץ, שאַרף, אומפאַרמיידלעך ווי אַ גזר. „און ער האָט איבערגעקערט די דאָזיקע שטעט, און די גאַנצע געגנט, און אַלע באַוואוינער פון די שטעט, און די שפּראָצונגען פון דער ערד." גאָטס גערעכטער משפט איז האַרט, אָנפּשרהדיק און אַבסאָלוט. כמעט גרוי ווערט ער באַשריבן, דאָס וואָרט איז קאַרג פאַר דער גרויסער, געטלעכער גערעכטיקייט. דערפאַר איז דער צופיר צום אומקום פון סדום אַ גרויס־מאָראַלישע דראַמע, וואָס פאַרנעמט אין דער אברהם־דערציילונג מער פלאַץ, ווי אפילו די עקדה. די פּאָעטישסטע באַשרייבונג אין דער אברהם־דערציילונג איז דער ברית בין הבתרים, די דראַמאַטיש־מאָראַלישסטע איז די מעשה פון סדום. אין דעם עפּיזאָד פון ברית בין הבתרים וואַקסט־אויס אברהם דער וויזיאָנער, אין דער מעשה פון סדום ווערט ער דער שמידער פון אַ הויכן מאָראַלישן פּרינציפּ, וואָס איז געוואָרן אַ גרונט־פּרינציפּ אין די רעכט־קאָדעקסן פון דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט: נישט צו באַשטראָפן דעם אומשולדיקן אינאיינעם מיטן שולדיקן. אברהם האָט זיך פאַרן דאָזיקן מאָראַלישן פּרינציפּ איינגעשטעלט פאַר גאָט, ביי אים געמאָנט דעם יסוד פון רעכט. נאָך טיפער, ווי דער רעכט־פּרינציפּ, זענען געווען אברהמס טענות צו גאָט: ער האָט געוואָלט, אַז פאַר די געציילטע גערעכטע אין סדום זאָל גאָט שאַנעווען אפילו די אומגערעכטע. ער האָט געהאַט דעם גלויבן, אַז

דער גערעכטער מיעוט איז בכח אויסצוקויפן די זינד פונעם רוב, אפשר אויך סוף־כל־סוף ווירקן אויפן רוב און אים באַקערן צו גערעכטיקייט.

די זינד פון סדום, — וואָס איז זי געווען? דאָס חומש דערציילט אונדז נישט, אַז די באַוואוינער פון סדום זענען געווען שלעכט איינער צום אַנדערן. פאַרקערט, מיר זעען גאָר אַז צווישן זיך זענען זיי געווען געבונדן, אַז זיי זענען באַפאַלן לוטן דערפאַר וואָס ער האָט אַריינגענומען צו זיך די צוויי פרעמדע, האָבן זיי עס געטאָן אַלע מיט איין הסכם. די זינד פון סדום איז געווען קעגן פרעמדן. די סדומער האָבן זיך געהאַלטן געבונדן צווישן זיך, דעם פרעמדן האָבן זיי פאַרטריבן, אָדער גאָר געפייניקט. אין דער מעשה פון סדום האָבן מיר שוין דעם פרינציפ, וואָס איז שפעטער געוואָרן איינער פון די מאָראַלישע יסודות אין דער תורה, — די רעכט פון דעם גר, דאָס באַוואָרעניש אַז דער פרעמדער זאָל נישט זיין געקריוודעט.

ווי דעם היפוך צו סדום דערציילט אונדז דאָס חומש ווי אברהם איז געווען אַ מכניס־אורח, ווי ער איז געזעסן „על פתח ביתו" און אַריינגעשלעפט צו זיך פרעמדע פאַרבייגייער. די באַציאונג צום גר איז געווען אברהמס אַ מאָראַלישער פרינציפ.

איז דאָס אברהם־געשטאַלט אָן אַ פגם, אָדער אָן סתירות? ווי אין אַלע תנ"ך־געשטאַלטן, זענען אויך אין אברהמען דאָ מאָראַלישע שאָטנס, וואָס באַווייזן אונדז אַז ער איז געווען אַ לעבעדיקער מענטש, נישט קיין מיטאָלאָגישע פיגור, ווי אַ טייל ביבל־קריטיקער ווילן האָבן. אַ שאָטן אויף אברהמס געשטאַלט איז די מעשה מיט פרעהן און שרהן. דער הונגער ברענגט אברהמען קיין מצרים, ער קומט אַהין מיט שרהן, זי איז אַ „יפת תואר", פרעה גלוסט צו איר. אָבער נאָך פריער האָט אברהם אָנגעזאָגט שרהן, אַז זי זאָל זאָגן אַז זי איז זיין שוועסטער, נישט זיין ווייב. פרעה, וואָס מיינט אַז שרה איז אברהמס שוועסטער, נעמט זי צו זיך און „קומט צו איר". פאַר אייגענער באַוואָרעניש האָט אברהם מפקיר־געווען די ריינקייט פון זיין משפחה און דערנאָך האָט ער נאָך גענומען ביי פרעהן גאָלד און זילבער, שאָף און רינדער. דער אייגענער אברהם, אַז דער מלך פון סדום וויל אים באַלוינען מיט גאָלד און זילבער דערפאַר וואָס ער האָט געשלאָגן זיינע שונאים, די מלכים, זאָגט מיט פאַטריאַרכאַלן שטאָלץ: „איך הייב־אויף מיין האַנט צו ה' דעם העכסטן גאָט, דעם באַשעפער פון הימל און ערד, צי איך וועל נעמען אַ פאָדעם אָדער אַ שוכבענדל, אָדער עפּעס וואָס איז דיינס. כדי דו זאָלסט נישט זאָגן: איך האָב רייך־געמאַכט אברהמען." פון פרעהן אָבער לאָזט ער זיך רייך־מאַכן. אַוודאי, אַ פּירוש קען זיין אַז נישט פאַר שרהן האָט פרעה באַלוינט אברהמען מיט רייכקייט, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט פאַר אים געבעטן גאָט אַז ער זאָל אים, און זיין הויזגעזינט, אויסהיילן פונעם צרעת, וואָס איז געווען גאָטס שטראָף אויף אים פאַר דער זינד מיט שרהן. אָבער דער פּירוש פאַרענטפערט נישט אברהמס ערשטע זינד.

דערפון אָבער ווערט אונדז קלאָר, אַז אין דער אברהם־דערציילונג איז געמאָלן אַ לעבעדיקער מענטש, נישט קיין מיטאָלאָגישע פיגור, וואָס פאַר־קערעוועט זיך קיינמאָל נישט אויף אַ זייטיקן, קרומען וועג. דער שטרענג־מאָראַלישער אברהם, דער ערשטער דערקענער פון דעם איין־גאָט, האָט אויך געהאַט שאָטנדיקע שטריכן אין זיין כאַראַקטער און דערמיט ווערט זיין גע־שטאַלט נאָך וואַרהאַפטיקער, נאָך גרעסער, — סיי אין די מאָראַלישע פרינציפּן און סיי אין דער רעליגיעזער פעסטקייט. פונעם קליינעם שאָטן לויכט די זון פולער, ווערט איר שיין בלענדיקער.

אין דער מעשה הגר און ישמעאל איז אויף אברהמען נישטאָ קיין פּגם. מיר דאַרפן געדענקען, אַז ווען שרה זאָגט אברהמען אַז ער זאָל אַרויסטרייבן „דידאָזיקע דינסט און איר זון,״ איז „די זאַך געווען זייער שלעכט אין די אויגן פון אברהמען״. ער האָט אַרויסגעטריבן הגרן און ישמעאלן ערשט נאָכ־דעם ווי גאָט האָט אים געהייסן, ער האָט געפאָלגט גאָט, ווי ער האָט אים געפאָלגט דערנאָך ביי יצחקן, ווען ער האָט דעם איינאיינציקן זון געפירט צו דער עקדה.

שרה איז אין דער אברהם־דערציילונג געצייכנט עפּיזאָדיש, אָבער אין דער מעשה מיט הגרן האָט אונדז דאָס חומש געגעבן דעם אייביקן מאָטיוו פון קנאה פון פרוי־צו־פרוי, — אַ גרונט־מאָטיוו אין מענטשן און אין דער ליטעראַטור דורך אַלע צייטן פון דער וועלט. דער מאָטיוו איז דערנאָך וואַרי־אירט אין תנ״ך, אָבער דער עלעמענטישער תוך זיינער בלייבט דער אייגענער.

אין חומש, נאָכמער אין די ווייטערדיקע טיילן פון תנ״ך, האָבן מיר טראַגישע געשטאַלטן, — מענטשן וואָס לעבן־איבער טיפן אינערלעכן גע־ראַנגל; מענטשן, וואָס דער וועג זייערער איז פול מיט דערנער. אין דער טראַגיק וואַקסן זיי אויס, אינעם זעלישן געראַנגל לייטערן זיי זיך אויס. דאָס אברהם־געשטאַלט פאַרמאָגט נישט קיין טראַגיזם, אפילו נישט קיין פער־זענלעכן דראַמאַטיזם. די דראַמע פון סדום איז נישט אברהמס, ער איז נאָר איר צוקוקער. די דראַמע פון הגרן און ישמעאלן איז מער הגרס ווי אברהמס. דאָס אברהם־געשטאַלט איז גאַנץ, שטרענג־מאָראַליש, פעסט אינעם גאָט־גלויבן. מער ווי אַלע תנ״ך־געשטאַלטן לעבט אברהם אין דער שיין פונעם איין־גאָט, וואָס ער האָט אים דער ערשטער דערקענט און וואָס האָט אים געפירט מיט אַ זיכערער האַנט.

אין דער אייביקייט פון דער וועלט האָט אונדז דאָס אברהם־געשטאַלט, — אַ חוץ דער גאָט־דערקענטעניש, — אַוועקגעלייגט מאָראַלישע גרונט־פּרינציפּן, וואָס זענען אַזוי פעסט און זיכער, ווי ער אַליין איז געווען. פון אַ מאָנומענטאַל־אויסגעהאַקטן כאַראַקטער האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער גאַנג אין דער וועלט.

אין שאָטן פון דער עקדה

רייף, קאַלט, מאָראַליש־שטרענג און רעליגיעז־פּעלזיק איז דאָס אברהם־געשטאַלט. די לופט אַרום אים איז ווינטערדיק־לויטער. דער ראָמאַנטיזם זיינער איז אַ גייסטיק־אידייאישער. יצחק, דער מיטלסטער פון די אָבות, איז קינדיש, איך פילט אין אים טראַגיזם, אָבער ער דערוואַקסט נישט צו אים. מיר האָבן די איבערלעבונג, ווי די עקדה האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ חותם אויפן גאַנצן לעבן זיינעם, ווי ער איז דורכגעגאַנגען דאָס לעבן מיט דער עקדה אין זיך און הינטער זיך.

יצחק איז דער זון פון אברהמס און שרהס עלטער, ער איז אַן אויס־געבעטענער, אַן איוסגעוויינטער. אַז שרה האָט צוליב אים פאַרטריבן הגרן און ישמעאלן אין דער מדבר־אַריין, קענען מיר דערפון דרינגען אַז זי האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַ סך ליבשאַפט און געטריישאַפט. אין דער נאָנטקייט צו אברהמען, ווידער, האָט יצחק געאָטעמט מיט דער לופט פון מאָראַל און אַבסטראַקטער גאָט־אידייע. ער האָט די יונגע יאָרן געלעבט צווישן דער וואַרעמער שרה־מוטערלעכקייט און דער קאַלטער אברהם־געדאַנקלעכקייט. ער האָט צווישן דיביידע עקסטרעמען אויפגעבויט זיין אייגענע וועלט, — אַ וועלט פון דערוואַקסענער קינדישקייט, פון אומזיכערקייט און ציטער.

אין דער דערציילונג, ווי אברהם פירט אים צו דער עקדה, איז יצחקס גאַנג נישט באַשריבן. איך פילט אָבער אין דער קאַרגשאַפט פון די ווערטער, ווי ער גייט מיט באַהאַלטענער, יינגלישער פרייד. ער ווייסט נישט וואוהין דער טאַטע פירט אים, צו אַ באַרג גייט ער מיט אים, דער טאַטע פירט אים אָפּצוריכטן אַ סודותדיקן רעליגיעזן ריטואַל. דער טאַטע פירט אים אַריין אין דעם סוד פונעם נישט־געזעענעם און אומעטום־דאַאיקן גאָט. מיר מאָלן זיך אויס ווי דאָס יינגל יצחק איז געגאַנגען מיט ציטערדיקער פרייד, מיט דערוואַרטונג צו זען דעם באַרג, צוקוקן ווי דער טאַטע ברענגט דעם קרבן, ווי ער שעכט אים און פאַרברענט אים.

דאָס חומש גיט אונדז נאָר אַן אָנדייט פון יצחקס וואַרטנדיקן, ציטערדיקן געמיט. אויפן וועג צום מוריה פרעגט ער דעם טאַטן: „אָט איז דאָס פייער און דאָס האָלץ, וואו איז דער לאָם פאַרן קרבן?" אין דעם פרעג איז דאָ נייגער, דערוואַרטונג און אויך אַ שאָטן פון שרעק. דער סוד ווערט נאָך גרעסער, אַז אברהם ענטפערט אים: „גאָט וועט אונדז ווייזן דעם לאָם." ווער איז דער גאָט, וואָס הייסט מיטאַמאָל אויפשטיין פאַרטאָג און גיין אַ גאַנג פון דריי טעג צו אַ באַרג, מיטנעמען פייער און האָלץ, נאָר דעם לאָם דאַרף ער ערשט ווייזן? האָט אברהם נישט קיין אייגענעם לאָם, אַז גאָט זאָל אים ערשט דאַרפן ווייזן אַ לאָם, נאָך דריי טעג גאַנג צום באַרג?

יצחק האָט פאַרן סוד מורא און צו דער אייגענער צייט וויל ער אים

דערגיין. און אַז זיי קומען שוין צום באַרג, זעט יצחק ווי אברהם בויט אַ מזבח, צעלייגט דאָס האָלץ, נאָר דער לאָם איז נאָך אַלץ נישטאָ. סע קען זיין, אַז יצחק האָט מיטאַמאָל דערפילט אַז דער קרבן וועט ער זיין. נאָך אײדער אברהם האָט אים אויסגעשטרעקט אויפן מזבח, האָט יצחק חושד־געווען אַז דער לאָם איז גאָר ער אַליין.

און אַז אברהם האָט אים אויסגעשטרעקט אויפן מזבח, האָט יצחק גאָר־נישט געזאָגט. ער איז געווען פאַרשטיינערט פון שרעק, ער האָט געזען דעם קרבנדיקן גורל זיינעם, ער האָט געוואוסט ווי שטרענג אברהם איז אויסצו־פאָלגן גאָטס אָנזאָג. און אַז אברהם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און גענומען דאָס מעסער, צו קוילען יצחקן, איז דאָס פאַרשטיינערטע יינגל שוין דורכגעגאַנגען דעם קרבן, ער איז שוין געווען אַ געשאָכטענער און פאַר־ברענטער, ער האָט שוין אָפּגעלעבט דאָס לעבן זיינס ביזן סוף. דאָ האָבן זיך דערוויקלט זיינע יאָרן, — דאָס יינגל איז דער עלטער, די עלטער אינעם יינגל. צו דער עקדה איז יצחק געגאַנגען אַ יינגל, אַרונטער פון דער עקדה איז ער אַ פול־דערוואַקסענער מענטש, אָבער מיט דער פאַרגליווערטער יינגלשקייט אין זיך.

אַז יצחק איז שוין געווען אין די יאָרן און האָט געדאַרפט חתונה־האָבן, האָט דער טאַטע, אברהם, אויסגעזוכט אַ ווייב פאַר אים: ער האָט געשיקט זיין הויזווירטער, אליעזרן, קיין חרן, צו דער אייגענער משפחה זיינער, און אליעזר האָט געבראַכט רבקהן, אַז זי זאָל זיין אַ ווייב פאַר יצחקן. און ווי אַזוי האָט יצחק באַגעגנט רבקהן? „יצחק איז אַקעגן אָוונט אַרויסגעגאַנגען זיך דורכצוגיין אין פעלד, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און אַ קוק־געטאָן, — קעמלען קומען־אָן.״ אַזוי דערציילט אונדז דאָס חומש פון יצחקס ערשטער באַגעגעניש מיט רבקהן. אָבער אפילו ביי דער באַגעגעניש איז נישט יצחק געווען דער אויפגעטרייסלטער, נאָר רבקה, וואָרים זי „האָט אויפגעהויבן אירע אויגן, האָט דערזען יצחקן און איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם קעמל״.

רבקה האָט באַלד, ווי זי האָט געזען יצחקן, אַרויסגעוויזן אינטענסיווע ענערגיע, יצחק האָט זיך געהאַלטן אי קינדיש־פאַרשעמט, אי פאַרגראָבן אין זיך. און אַז ער האָט זי אַריינגענומען אין שרהס געצעלט און „זי איז אים געוואָרן אַ ווייב״, האָט ער זי ליב־געהאַט און „זיך געטרייסט נאָך זיין מוטער״. דאָס חומש גיט אונדז דאָ קלאָר צו־וויסן, אַז רבקה איז אים געווען אי אַ ווייב, אי אַ מאַמע, וואָרים יצחק איז געווען מאַן און קינד. ער האָט נישט גע'ירשנט אברהמס כאַראַקטער־שטאַרקייט, ער איז אַרונטער פון דער עקדה אַ דער־וואַקסן קינד.

רבקה, ווי שרה, האָט אויך נישט געבוירן קיין קינדער, יצחק האָט פאַר איר געבעטן גאָט, אָבער אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און זי האָט דער־פילט ווי „די קינדער האָבן זיך געשטויסן אין איר״, האָט גאָט צו איר גערעדט און איר אָנגעזאָגט, אַז „צוויי אומות זענען אין דיין לייב״. ביי אברהמען האָט

גאָט גערעדט צו אברהמען, אַז ער האָט געדאַרפט עפּעס זאָגן שׂרהן, האָט ער עס געטאָן דורך אברהמען. ביי יצחקן האָט ער גערעדט צו רבקהן, איר האָט ער פאַרטרויט אַ וועלט־דראַמע: „צוויי פעלקער וועלן זיך פון דיין אינגעווייד צעשיידן, און אַ פאָלק פון אַ פאָלק וועט זיין שטאַרקער, און דער עלטערער וועט דינען דעם יינגערן." אַזאַ דראַמע, פון וועלט־פּאַרנעם, האָט גאָט פאַרויס־געזאָגט רבקהן, נישט יצחקן. דאָס חומש וויל אונדז דאָ ווידער לאָזן־הערן, אַז נישט יצחק איז געווען דער דערוואַקסענער מענטש אין שטוב, נאָר רבקה.

ביי יצחקן איז אויך געווען אַ הונגער אין לאַנד. ער איז אויך געגאַנגען אין לאַנד פון די פּלישתּים און איז געקומען צום אייגענעם אבימלכן וואָס אברהם איז געקומען. דאָ ווייזט זיך שוין צו אים גאָט, ער האָט אים געדאַרפט וואָרענען נישט צו גיין קיין מצרים, אָבער אַז ער בענטשט אים, איז נישט פאַר זיינע אייגענע מעשׂים, נאָר „דערפאַר וואָס אברהם האָט צוגעהערט צו מיין קול". יצחק לעבט אין אברהמס זכות, קיין אייגענעם זכות האָט ער נישט.

ווי אברהם, אַזוי האָט אויך יצחק געזאָגט אויף זיין ווייב, אַז זי איז זיין שוועסטער, וואָרים ער האָט מורא־געהאַט אַז די מענטשן פון גרר וועלן אים טייטן און, „אַז ער איז דאָרטן אָפּגעווען אַ לאַנגע צייט, האָט אבימלך, דער מלך פון די פּלישתּים, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזען, ווי יצחק שטיפט מיט זיין ווייב רבקהן". ווידער ברענגט דאָ די יצחק־דערציילונג אַרויס די קינדישקייט זיינע, צו „שטיפן מיטן ווייב" פאַר מענטשן אין די אויגן, אַז אבימלך זאָל עס זען דורכן פענצטער. און אַז ער האָט געגראָבן ברונעמער און די פּאַסטעכער פון גרר האָבן זיך געקריגט מיט זיינע פּאַסטעכער איבער די ברונעמער, האָט ער געפּרואווט גראָבן ברונעמער אויף אַן אַנדער אָרט. און ווידער האָבן זיך די פּאַסטעכער פון גרר געקריגט מיט זיינע פּאַס־טעכער, איז „ויעתּק משם", האָט ער זיך פון דאָרטן אָפּגעטראָגן. אברהם, אַז לוטס פּאַסטעכער האָבן זיך געקריגט מיט זיינע פּאַסטעכער איבער ברו־נעמער, האָט אַרויסגעגעבן אַ פעסטן פּסק לוטן: „דו גיי וואוהין דו ווילסט און איך וועל גיין צו דער אַנדערער זייט, וועלן מיר זיך נישט דאַרפן קריגן". יצחק האָט נישט פאַרמאָגט דעם פאָטערס פעסטקייט, ער „האָט זיך פון דאָרטן אָפּגעטראָגן".

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס בעת גאָט באַווייזט זיך צו יצחקן אין באר־שבע, זאָגט ער אים: „איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער אברהם, זאָלסט נישט מורא־האָבן." אין יצחקן האָט געלעבט אַ מורא, — די מורא פונעם מוריה, בעת ער איז געלעגן אויסגעשטרעקט און אברהמס מעסער איז געווען אויסגעצויגן איבער זיין האַלדז. אָבער אינאיינעם מיט דער מורא איז אין אים אויך געווען אַ מין ציטערדיקער ליריזם, אַ מין טראַגישע ריינקייט. זיין מאָראַלישע ריינקייט און קינדישע גאַנצקייט זעען מיר אויך אין דער אייגענער שטוב זיינער.

צוויי זין זענען ביי אים געבוירן־געוואָרן, צווישן זיי אַנטוויקלט זיך אַ געראַנגל, וואָס דאַרף אין ווייטערדיקן געשיכטלעכן גאַנג צעטיילן זייערע אָפּשטאַמיקע אויף צוויי צעקריגטע פעלקער, — און ער ווייסט נישט דערפון. רבקה האַלט מיט יעקבן, זי העלפט אים אין דעם היסטאָרישן געראַנגל, יצחק טראָגט זיך אַרום מיט אַ קינדיש־געבענטשטן אומוויסן. ער האָט ליב עשון, ווייל עשו איז דער בכור. ער ווייסט אפילו נישט, אַז יעקב האָט ביי יצחקן שוין אַרויסגענאַרט די בכורה און רבקה האָט אים צוגעהאָלפן. ער עלטערט זיך אויס, אַז זיינע „אויגן זענען געוואָרן טונקל צו זען", רופט ער עשון און זאָגט אים: „זע, איך בין אַלט, איך ווייס נישט דעם טאָג פון מיין טויט." יצחק האָט שוין איין מאָל געוואוסט דעם טאָג פון זיין טויט, נאָר אויף דער עלטער, אין זיין בלינדקייט, רופט דאָס נישט־וויסן אַרויס ביי אים אַ שרעק. דער טויט, וואָס מיט אים איז ער אַרומגעגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן, ווערט פאַר אים פאַרטונקלט אינאיינעם מיט די אויגן.

מיטאַמאָל וואַקסט יצחק אויס. די גאַנצע פּאָעטישע נשמה זיינע, וואָס אין די ליכטיקע טעג פון זיין לעבן איז זי געווען דערדריקט אונטער דער עקדה־משא, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגן, צינדט זיך אָן מיט וויזיאָנערישער שיין. ער איז ווי אַ האַרבסטיקער פאַרנאַכט, וואָס די זון גיט זיך אין אים אַ צעשיין מיט בלענדיק־רויטע קאָלירן, און פאַרפלייצט די שפּיצןביימער מיט ליכט, וואָס איז טיף דערפאַר וואָס סע טראָגט אין זיך דעם סוד פון אונטערגאַנג.

קלאַסישע פּאָעזיע איז יצחקס ברכה יעקבן, וואָס איז פאַרשטעלט פאַר עשון. אין איר איז דאָ געזונטע פויערישקייט, אַ צונויפגעזאַנג פון פעלדישקייט מיט פאָלק־וויזיע. „דער ריח פון מיין זון איז ווי דער ריח פון אַ פעלד, וואָס גאָט האָט עס געבענטשט." וויפל פּשטות די ווערטער פאַרמאָגן, וויפל אַראָ־מאַט! מיר שמעקן ממש אָן די ווערטער, מיר זעען זייער פאַרב. די ווייטער־דיקע רייד וואַקסן־אַרויס פון די פריערדיקע, — דער זון, וואָס זיין ריח „איז ווי דער ריח פון אַ פעלד," דאַרף זיין געבענטשט מיטן „טוי פון הימל און די פעטקייטן פון דער ערד". קינסטלערישע האַרמאָניע איז דאָ אין יצחקס ברכה־געזאַנג, — די האַרמאָניע, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך דאָס גאַנצע לעבן, נאָר מיט באַהאַלטענער מורא.

טראַגיש איז יצחקס שמועס מיט עשון, בעת ער דערוויסט זיך אַז יעקב האָט ביי אים אויסגענאַרט די ברכה. עשו זאָגט אים: „צוויי מאָל האָט ער ביי מיר שוין אויסגענאַרט; מיין בכורה האָט ער צוגענומען און אַצינד האָט ער צוגענומען מיין ברכה." דער אומבאַהאָלפענער יצחק, וואָס ערשט האָט אין אים געלויכטן דאָס ליכט פו געטלעך־פּאָעטישער האַרמאָניע, איז ווידער קינדיש פאַרווירט, ער לעבט ווידער איבער די שרעק וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך זינט דער עקדה. ער זאָגט עשון: „איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ האַר איבער דיר, און אַלע זיינע ברידער האָב איך אים געגעבן פאַר קנעכט,

און מיט קאָרן און וויין האָב איך אים געלענט, און פאַר דיר, — וואָס קען איך דען טאָן, מיין זון?״

אַז עשו האָט אויפגעהויבן דאָס קול און געוויינט, האָט אין יצחקן אויפ־געלויכטן אַן אָפּשיין פונעם פריערדיקן ליכט, ער האָט אים געבענטשט, מיט טראַגישער איבערלעבונג אין זיך: „ווייט פון די פעטקייטן פון דער ערד וועט זיין דיין וואוינונג, און אָן דעם הימלס טוי פון אויבן.״

דאָס ליכט אין יצחקן איז אויסגעגאַנגען, רבקה שטייט שוין איבער אים, רעדט אים אָן אַוועקצושיקן יעקבן, וואָרים אַז ער וועט נעמען פאַר אַ ווייב אַ טאָכטער פון חת, — „וואָס טויג מיר דאָס לעבן?״ יצחק שיקט יעקבן קיין כנען און, — ער איז מער נישטאָ, ווי ער וואָלט פאַרלאָשן־געוואָרן. דער געוויינטלעכער חומש־נוסח איז ביי אים נישטאָ, אַז ער איז „איינגעזאַמלט־געוואָרן צו זיין פאָלק.״ ערשט ווייט אין דער יעקב־דערציילונג דערמאָנט דאָס חומש מיט עטלעכע ווערטער יצחקס טויט.

דער נישט־סופיקער סוף יצחקס איז סימבאָליש. סע קומט אויס ווי יצחק האָט נישט געדאַרפט שטאַרבן, ער האָט געדאַרפט אויסלעבן די עקדה ביזן סוף. געשטאָרבן איז ער אויפן באַרג מוריה, בעת ער איז געווען אַ יינגל, נאָר דערטראָגן האָט ער יענעם טויט ביז דער עלטער זיינער, ביז דער בלינדקייט.

אויסדערוויילטער פון די אבות

דאָס ברידער־געראַנגל

נאָך איידער יעקב איז געבוירן־געוואָרן איז אים באַשערט־געווען זיך צו ראַנגלען מיט עשון. דאָס חומש דערציילט, אַז עשו איז געווען דער ערשטער אַרויסצוקומען פון רבקהס טראַכט. יעקב האָט זיך אָנגעכאַפּט אין עשוס טריט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אָפּהאַלטן, אים צוריקשלעפּן, כדי ער זאָל דער ערשטער אַרויסקומען אויף דער ליכטיקער וועלט. דאָס איז מעגלעך סימ־באָליש, אַן אָנווייז אויף יעקבס שפּעטערדיקן באַוואוסטזיין אַז די בכורה קומט אים. סע איז אָבער אויך מעגלעך אַז יעקב איז געבוירן־געוואָרן אַזוי באַלד נאָך עשון, אַז רבקהן האָט זיך געקענט דאַכטן אַז ער האָט געהאַלטן דעם עלטערן עשון ביי די טריט. קיין ספק איז נישט, אַז רבקה, וואָס האָט „גע־טראָגן אין איר אינגעווייד צוויי פעלקער", האָט שפּעטער יעקבן געכאַוועט אויפן געדאַנק, אַז דער בכור האָט ער געדאַרפט זיין, נאָר עשו איז אים פאַרלאָפן דעם וועג.

דאָס געראַנגל צווישן יעקבן און עשון האָט זיך אַנטוויקלט אויף אַן אַנדער שטייגער ווי דאָס ברידער־געראַנגל צווישן קינען און הבלן, יצחקן און ישמעאלן. אינעם ברידער־געראַנגל, וואָס פאַרנעמט אין חומש אַזויפיל דראַ־מאַטיזם, זענען יעקב און עשו די אַקטיווסטע און באַוואוסטזיניקסטע גע־שטאַלטן. קין איז דעם ברודער־מאָרד באַגאַנגען אַן דעם מינדסטן באַוואוסט־זיין, די אינסטינקטיוו מורא האָט אים געטריבן צום מאָרד. הבל האָט זיך בכלל נישט געראַנגלט קעגן קינען, ער איז נאָר געווען דער קרבן. יצחק, ווידער, האָט זיך קעגן דעם עלטערן ברודער, ישמאלן, נישט געראַנגלט, ער איז געווען אַ זייטיקער אין דער דראַמע. די ערשטע ברייט־אַנטוויקלטע און פּסיכאָלאָגיש־פּאַרטיפּטע ברודער־דראַמע איז דער קאַמף צווישן יעקבן און עשון. די דראַמע דערגרייכט דעם אַפּאָגעי פון רעאַליזם דערמיט, וואָס זי צעטיילט די שטוב אויף צוויי מחנות: רבקה האַלט מיט יעקבן, יצחק האַלט מיט עשון.

דער טרייב־כח אין דער דראַמע איז רבקה. אָן ספק איז רבקה אַרומ־געגאַנגען מיט דער וויזיע פון די „צוויי פעלקער אין איר אינגעווייד" און האָט דערפאַר גענומען אויף זיך דאָס שליחות צו באַפעסטיקן אין יעקבן דאָס באַוואוסטזיין אַז יצחקס און אברהמס יורש איז ער. נאָר די וויזיע איז נישט געווען די איינציקע סיבה פאַרוואָס זי האָט געפירט יעקבן מיט אַזויפיל ליב־שאַפט, — די מאַמע און די פרוי האָבן געווירקט אַז זי זאָל האַלטן יעקבן העכער פון דעם עלטערן זון אירן. יעקב איז געווען לייריש, צוגעבונדן צו דער שטוב, תמימותדיק קלוג. עשו איז געווען קרעפטיק, האַריק, סטיכיש־פעלדיק. ער האָט באַלד אַרויסגעוויזן דעם שטורמישן כאַראַקטער זיינעם,

וואָס איז געווען פרעמד דער דינער, וויזיאָנערישער פרוי. רבקה, וואָס איז יצחקן געווען אַ ווייב און אַ מאַמע, האָט אין יעקבן אויסגעלעבט איר מוטער־לעכקייט און איר ווייבלעכקייט, זי האָט אין אים געכאָוועט דאָס באַוואוסטזיין פון בכורה, פון ירושה־איבערנעם, פון שליחות אויפצושטעלן דאָס פאָלק וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אברהמען.

דאָס געראַנגל צווישן יעקבן און עשון שטייט דערפאַר אויף אַ העכערער פסיכאָלאָגישער מדרגה, איז קינסטלעריש פולער, ווי די פריערדיקע ברידער־דראַמעס אין חומש. סימבאָליש איז, וואָס אין דער ערשטער ברידער־דראַמע, קין און הבל, האָט געוואונען קין, ־ די רויע קראַפט, דער שטייך, האָט געזיגט איבערן ציטערדיקן, תמימותדיקן הבלן. אין דער יעקב־עשו דראַמע האָט געזיגט דער גייסט קעגן דער רויער, דער פרימיטיווער קראַפט. יעקב האָט געטראָגן אין זיך דאָס באַוואוסטזיין וואָס רבקה האָט אין אים איינגעפלאַנצט, ער איז דערפאַר געווען גייסטיק אויסגעאיידלט, בעת עשו האָט זיך נישט דערהויבן צו וויזיע און האָט נישט פאַרמאָגט דעם גייסטיקן כח צו האַלטן די בכורה. עשו איז געווען דער יעגער, דער שיסער, דער מענטש וואָס פיזישער הונגער האָט אים געבראַכט צו פאַרקויפן די בכורה. ווי אַ פרימיטיווער מענטש איז ער געווען סענטימענטאַל, אַז ער באַגעגנט זיך מיט יעקבן בעת ער האָט שוין מיט זיך אַ גרויס חיל, פאַלט ער דעם ברודער אויפן האַלדז און וויינט. יעקב איז איידל, אָבער ער ווייסט וואָס ער וויל, דערפאַר לאָזט ער זיך נישט באַהערשן פון סענטימענטאַליטעט.

דאָס געראַנגל צווישן יעקבן און עשון איז אויף אַ ברייטער געשיכטלעכער קאַנווע, עס איז דער דראַמאַטישער קאַמף אינעם אָנהייב פון דער יידישער געשיכטע ווער סע זאָל בויען דאָס פאָלק, צי דער בויגנשיסער און חיה־יעגער ישמעאל, צי דער שטילער, לירישער יצחק, צי דער פרימיטיווער יעגער־מענטש עשו, צי דער באַוואוסטזיניקער, געשיכטלעך־אחריותדיקער יעקב. צו דער אייגענער צייט אָבער איז די דראַמע אַ טיף־פערזענלעכע, די העלדן אין איר זענען פסיכאָלאָגיש־דורכגעפירטע, די איבערלעבונגען זייערע זענען מענטשלעכע.

די ווירקונג פון דער פרוי אויף יעקבן

פון אָנהייב־אָן, ווי מיר האָבן געזען, איז יעקב געווען באַווירקט פון דער פרוי. רבקה האָט אין אים אויסגעשמידט דאָס באַוואוסטזיין פון ירושה־איבערנעם, זי האָט אים איבערגעגעבן אירע אייגענע וויזיעס, זי האָט אים געהיט קעגן שטאַרקערן ברודער, עשון. רבקה איז יעקבן מאַמע און פרוי, אין איר האָט ער געזען די ווייבלעכע איידלקייט, קלוגשאַפט און פעסטקייט פון כאַראַקטער. די יונגע יאָרן זיינע האָט יעקב געלעבט אונטערן כישוף פון דער פרוי און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער פאַר דער פרוי געהאַט דרך־ארץ און זי טייער געהאַלטן.

יעקב האָט ליב־געהאַט רחלען, אָבער לאהן האָט ער אויך נישט פאַר־שעמט, ער האָט נישט פאַרשעמט די קעבסווייבער וואָס ער האָט גענומען, אַלע זייערע קינדער האָט ער טייער געהאַלטן, אַפילו אַז יוספן און בנימינען האָט ער אַרויסגעוויזן מער ליבשאַפט. דער דרך־ארץ פאַר דער פרוי, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך פון די קינדערשע יאָרן זיינע, האָט אָן ספק געווירקט אַז ער זאָל די קינדער פון די קעבסווייבער נישט דערווייטערן, אַז ער זאָל זיי האַלטן פאַר זיינע יורשים און די בויער פונעם פאָלק, וואָס ער האָט געדאַרפט אויפשטעלן.

רבקה האָט געשיקט יעקבן צו לבנען אַז ער זאָל ביי איר משפחה נעמען אַ ווייב פאַר זיך, זי האָט זיך אַליין געוואָלט וואָס מער פאַרקניפּן אין יעקבס גורל. נישט נאָר מאַמע, נאָר אויך ווייב זאָל זי אים זיין, דורך אַ טאָכטער פון איר משפחה. יעקב איז געגאַנגען צו לבנען, ווי רבקה האָט אים געהייסן, און געטאָן האָט ער עס נישט דערפאַר וואָס ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם שטעל, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין כאַראַקטער־פעסטקייט. פון אָנהייב־אָן איז יעקב געווען אַ פּערזענלעכקייט, נאָר רבקה איז ביי אים געווען די אידייע פון דער פרוי און קיין אַנדער ווייב פאַר זיך האָט ער זיך נישט אויסגעמאָלט, ווי נאָר אַ מיידל וואָס איז משפחהדיק פאַרבונדן מיט רבקהן. דערצו נאָך האָט רבקה אין אים איינגעפלאַנצט אַלע מידות פון איר משפחה, וואָס זענען אָן ספק געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי די מידות פון די פעלקער־שאַפטן, וואָס צווישן זיי האָט ער געלעבט אין כנען. דורך רבקהן איז יעקב געווען מער אַרמער ווי כנענער, בפרט נאָך אַז גייסטיק האָט ער אין כנען געלעבט אין אָפּגעזונדערטקייט, מיט דער אידייע פון איין גאָט און מיטן באַוואוסטזיין פון אַ פאָלק, וואָס דאַרף פון אים אַרויסוואַקסן.

אברהם, לערנען מיר אין חומש, האָט ליב געהאַט שרהן. יצחק האָט זיך צו רבקהן צוגעבונדן אי ווי אַ מאַן, אי ווי אַ קינד. ביי יעקבן אָבער איז די פרוי געווען אַן אידייע. אויף די עלטערע יאָרן, אַז ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר זיינע קינדער, האָט ער זיך אַליין געשטראָפט פאַרוואָס ער האָט רחלען מקבר־געווען אויפן וועג קיין אפרת, זי נישט געבראַכט אין דער מערת המכפלה. די אידייע פון דער פרוי, פון דער ליבשאַפט צו דער פרוי, האָט ער דערמיט פאַרשוועכט. קעגן דעם אידייאישן געשטאַלט פון רבקהן האָט ער דערמיט געזינדיקט.

די פרוי, ווי מיר האָבן געזען, האָט געווירקט אויף יעקבס כאַראַקטער, זי האָט אים געגעבן ליריזם, זי האָט אַנטוויקלט אין אים פאַנטאַזיע, בייגעוו־דיקייט און אויך די באַזונדערע פרויען־קלוגשאַפט, וואָס רבקה האָט אָנגע־ווענדט כדי אַרויסצוקריגן פאַר אים יצחקס ברכה. די פרוי איז אָבער אויך געווען גורלדיק אין יעקבס לעבן. באַלד ווי ער איז געוואָרן מאַן, האָט אים די פרוי באַליט אי מיט טראַגיזם און אי מיט פרייד. ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ער געטראָגן אין זיך דעם פרוי־טראַגיזם. אין דער טיפער

עלטער, אַז ער האָט געבענטשט די זין, איז פאַר אים געשטאַנען דאָס בילד ווי ראובן האָט פאַרשוועכט דאָס געלעגער פון זיין קעבסווייב, בלהה.

גורלדיק איז געווען יעקבס ערשטער צונויפטרעף מיט רחלען. ער איז געקומען צום מזרח און האָט געזען ווי דריי סטאַדעס הויערן ביים ברונעם, וואָס איז צוגעדעקט מיט אַ גרויסן שטיין. רחל איז געקומען מיט איר סטאַדע, אָבער די פאַסטעכער האָבן נישט אַרונטערגעקייקלט דעם שטיין פונעם ברונעם, אָנצוטרינקען רחלס שאָף; זיי האָבן געוואַרט אַז אַלע פאַסטעכער זאָלן זיך צונויפקומען. דאָ האָט יעקב אַרויסגעוויזן אי זיין פּראַקטישקייט, אי זיין ראָמאַנטיזם: ער האָט די פאַסטעכער אָנגעוויזן אַז סע איז נישט פּראַקטיש צו וואַרטן ביז אַלע וועלן זיך צונויפקומען, וואָרים „דער טאָג איז נאָך גרויס, נאָך נישט צייט דאָס פי זאָל איינגעזאַמלט ווערן; נעמט און טרינקט־אָן די שאָף און גייט פּיטערן". אַז ער האָט דערזען רחלען, האָט ער איינער אַליין אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין פונעם ברונעם און אָנגעטרונקען אירע שאָף. דער גורל האָט אים באַלד פאַרבונדן מיט איר, ער האָט שוין אָנגעהויבן צו דינען פאַר איר, ווי ער האָט דערנאָך פאַר איר געדינט פערצן יאָר.

יעקב האָט געוואוסט ווער רחל איז, די פאַסטעכער האָבן אים פריער געזאָגט אַז „אָן קומט זיין (לבנס) טאָכטער רחל מיט די שאָף". פאַר אים איז באַלד אויפגעשטאַנען דאָס בילד פון רבקהן, ער האָט דערזען פאַר זיך דעם גורלדיקן צונויפטרעף, „און יעקב האָט געקושט רחלען, און האָט אויפגעהויבן זיין קול און האָט געוויינט". דער ציטער פאַר דער פרוי, פאַר דער טאָכטער פון זיין מאַמעס ברודער, דאָס פאַרויסגעפיל פון ליבשאַפט צו איר, האָבן יעקבן דורכגענומען. דער צונויפטרעף מיט רחלען איז פאַר אים געווען אַ מיסטישע איבערלעבונג, בפרט נאָך אַז זי איז אים אַנטקעגנגעקומען ווי רבקה אליעזרן, בעת ער איז געקומען נעמען אַ ווייב פאַר יצחקן. דאָס באַהאַלטענע געפיל פון זון און מאַן, וואָס ער האָט געהאַט צו רבקהן, איז דאָ, ביים ברונעם, אויף אַ מיסטישן אופן געוואָרן קאָנקרעט.

אַז יעקב האָט געדינט פאַר רחלען זיבן יאָר, זענען זיי „געווען אין זיינע אויגן אַזוי ווי עטלעכע טעג, פונוועגן זיין ליבשאַפט צו איר". אַז ער האָט אָפּגעדינט די זיבן יאָר, האָט ער געזאָגט צו לבנען: „גיב מיר מיין ווייב, וואָרים מיינע טעג זענען דערפילט געוואָרן, און איך וועל קומען צו איר." מיט דער גרויסער ליבשאַפט צו רחלען, האָט ער זיך זיבן יאָר צוריקגעהאַלטן, זיך געראַנגלט נישט צו „קומען צו איר", וואָרים די פרוי איז פאַר אים געווען אַן אידייע, די ריינקייט פון דער פרוי האָט ער אָפּגעהיט, ווי די ריינקייט פון רבקהן, וואָס האָט אין אים איינגעפלאַנצט אָפּשיי פאַר דער פרוי, ליבשאַפט צו איר און אַ מיסטישן ציטער פאַר איר. און אַז יעקב האָט אָפּגעדינט די ערשטע זיבן יאָר און לבן האָט אים אָפּגענאַרט, האָט ער אָנגענומען דעם גורל, צו דינען פאַר רחלען נאָך זיבן יאָר. און כאָטש לבן האָט אים געגעבן רחלען באַלד, האָט ער אָבער אָפּגעדינט די פולע זיבן יאָר; ער האָט נישט געוואָלט פעלשן, ער

האָט געטראָגן אויף זיך דעם מאָראַלישן חוב נישט צו אַנטלויפן מיט רחלען, נישט צו פאַרבינדן זיין ליבשאַפט צו איר מיט פעלשונג, מיט פחדנות, מיט אַנטרינען פון אייגענעם צוזאָג.

די פרוי, וואָס האָט יעקבן צוגעגרייט צום היסטאָרישן שליחות, איז אויך געווען פאַר אים דער קוואַל פון שווערער טראַגיק און טיפן טרויער. די פרוי, וואָס ער האָט ליב געהאַט, רחל, האָט אים קיין קינדער נישט געבוירן און, אַז זי האָט אים, נאָך יאָרן פאַרשעמטקייט, שוין געבוירן צוויי זין, איז זי יונגערהייט געגאַנגען פון דער וועלט. אויפן וועג קיין אפרת איז רחל גע־שטאָרבן, אויפן וועג האָט ער פאַר איר געגראָבן אַ קבר און דאָס גאַנצע לעבן האָט אים געפּלאָגט דאָס בילד, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט אינמיטן וועג, אין אַן עלנטן קבר. אויף די עלטערע יאָרן, אַז ער איז שוין געווען אַ פּאַטריאַרך, אַרומגערינגלט מיט זין, מיט טעכטער, מיט רייכקייט און כבוד, האָט פון אים אַרויסגערעדט דער צער צוּ פונעם עלנטן קבר. ואני, האָט ער זיך מתוודה־געווען פאַר די זין, — איך האָב רחלען נישט געבראַכט אין דער מערת המכפלה, נאָר זי מקבר־געווען אינמיטן וועג, זי איבערגעלאָזט ווי אַ פאַרוואָרפענע אויף די וועגן.

די טאָכטער זיינע, דינה, האָט פאַראומרייניקט שכם, חמורס זון, דער חיוי. שכם הארץ „האָט זיך באַהעפט אין יעקבס טאָכטער, דינהן, און ער האָט ליב געקראָגן דאָס מיידל". יעקב, וואָס האָט אַזוי טייער־געהאַלטן די ריינקייט פון דער פרוי, האָט אין זיין אייגענער שטוב דערלעבט די בושה פון אַ פאַראומרייניקטער פרוי. ער האָט אפשר אין דעם געזען דעם אָפּצאָל פאַר לאהן, פאַר איר פאַרשעמטקייט. דינה איז געווען לאהס טאָכטער, נישט פון יעקבס ליבשאַפט איז זי געקומען אויף דער וועלט; זי האָט אָן ספק געוואוסט ווי די מאַמע האָט אויסגעווײנט אירע אויגן ביז טונקלקייט, זי האָט דערפאַר צו יעקבן קיין גרויס ליבשאַפט נישט געהאַט. אויף איר גורל איז אויסגעפאַלן פריער פאַראומרייניקט צו ווערן פון שכמען און דערנאָך צו געווינען זיין ליב־שאַפט. יעקב האָט אָן ספק געטראַכט, אַז דורך דינהן איז ער פאַרשעמט געוואָרן פאַר לאהס פאַרשעמטקייט און אַז שכמס ליבשאַפט צו דינהן איז אַ פאַרקרימטקייט פון זיין אומליבשאַפט צו לאהן.

דעם דינה־עפּיזאָד אין יעקבס לעבן וואָלטן מיר נישט געקענט פאַרשטיין, אַז מיר זאָלן אים נישט באַטראַכטן אין דעם ליכט פון דער פרוי־שולדיקייט וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך. וואָרים אַנדערש וואָלטן מיר נישט געקענט פאַרענטפערן יעקבס זאָג צו שמעונען און לוין, וואָס האָבן אַריינגענאַרט די שכמער און זיי אויסגעהרגעט פאַר דער שאַנד, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויף זייער שוועסטער און אויף זייער פאָטערס שטוב. יעקב האָט נישט געהאַט אין זיך דעם מאָראַלישן כח צו נעמען נקמה פון שכמען און זיינע קרובים, וואָרים ער האָט געטראָגן אַן אייגענע מאָראַלישע שולד פאַר לאהן. דערפון, וואָס יעקב האָט געזאָגט שמעונען און לוין, זעען מיר, אַז נישט די מורא

אַליין פאַרן כנעני און דעם פריזי, וואָס „וועלן זיך אויפקלייבן אַקעגן מיר און וועלן מיך שלאָגן, און איך און מיין הויז וועלן פאַרטיליקט ווערן,״ האָט אים באַהערשט. ווארים אַז נאָר די מורא וואָלט געווען, האָט ער נישט גע־דאַרפט זאָגן: „איר האָט מיך פאַראומגליקט, מיך צו פאַרמיאוסן ביי דעם באַוואוינער פון לאַנד.״ צווישן מורא און פאַרמיאוסן איז דאָ אַ סתירה. כדי דער כנעני און דער פריזי זאָלן זיך „אויפקלייבן אַקעגן מיר״ דאַרף יעקב זיי נישט זיין „פאַרמיאוסט,״ וואָס איז גאָר אַ מאָראַלישער באַגריף און האָט מיט נקמה פאַר שכם קיין שום שייכות נישט. דאַרפן מיר דערפון לערנען, אַז יעקב האָט געוואָלט פאַר די זין אַרויסרעדן די איבערלעבונג פון בושה, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן, — די איבערלעבונג, אַז דורך דינהן האָט אים דער גורל פון דער פאַרשעמטער פרוי אָפּגעצאָלט.

נאָך טיפער איז געווען יעקבס פרוי־גורלדיקייט, ווען זיין אייגענער זון, ראובן, „איז געלעגן מיט בלהה, זיין פאָטערס קעבסווייב״. אַז יעקב האָט, צום סוף פון זיינע טעג, צונויפגעזאַמלט זיינע זין און גערעדט צו זיי, האָט ער ראובנען געזאָגט: „דו ביסט אויף דיין פאָטערס געלעגער אַרויף, דענסט־מאָל האָסטו עס פאַרשוועכט, — מיין בעט וואָס אויף דעם ביסטו אַרויף.״ ער האָט געטראָגן אין זיך די איבערלעבונג פון מגדל עדר ביז גושן, — אַ ווייטע שטרעקע פון לאַנד און פון צייט. ער האָט זי אַרויסגערעדט איידער ער איז „איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק״.

ביי יעקבן באַגעגענען מיר דאָס ערשטע מאָל אין חומש דעם באַגריף „פאַרשוועכן דאָס בעט״. נישט ביי נחן, נישט ביי לוטן, אפילו נישט ביי אברהמען, איז דאָ דער דאָזיקער באַגריף. נאָר יעקב האָט אים געקענט פורע־מען, — דאָס גרויסע תנ״כישע געשטאַלט, וואָס פון רבקהן אָן ביז בלהה, איז די פרוי געווען אַריינגעקניפּט אין דעם לעבן זיינעם. סיי מיט דער ליב־שאַפט און סיי מיט דער פאַרשעמטקייט. סיי מיט דער פרייד און סיי מיטן טראַגיזם. סיי מיט דער דערהויבנקייט און סיי מיט דער דערנידעריקטקייט. די פרוי־דערפאַרונג האָט געפורעמט יעקבס כאַראַקטער. זיין געשטאַלט איז דערפאַר אַזוי מענטשלעך און אַלצייטיק.

יעקבס וויזיעס

יעקב איז פון איין זייט געווען אַ ניכטער־קלוגער מענטש און פון דער אַנדערער זייט אַ וויזיאָנער. פון איין זייט האָט ער פאַרשטאַנען ווי אַנצוזאַמ־לען אַ גרויס פאַרמעגן דורך די צוואַנציק יאָר וואָס ער האָט געדינט ביי לבנען. פון דער אַנדערער זייט האָט ער געזען פאַר זיך וויזיעס, וואָס זענען אין זייער תוך געווען אַנדערש ווי אברהמס וויזיעס. אַנדערש זענען זיי געווען דערמיט, וואָס זיי קומען־אַרויס פון יעקבס געמיט; וואָס בעת זיי זענען פאַרבונדן מיט גאָט, זענען זיי אָבער דער אויסדרוק פון זיין פערזענלעכקייט. יעקבס וויזיעס

זענען ווי אַ צייכן אויפן גאַנג פון זיין לעבן, זיי זענען אייגענע איבערלעבונגען געזען אין וויזיע.

קרעפטיקער, אָטעם-פאַרכאַפּנדיקער, עפּאָקאַליפּסישער איז אברהמס וויזיעביים ברית מין הבתרים, בעת אויף אברהמען איז „אַנגעפאַלן אַ טיפער שלאָף" און דערנאָך, „ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען און סע איז געוואָרן שטאָקפינצטער", האָט ער געזען „אַן אויוון מיט רויך, און אַ פלאַם-פייער וואָס איז דורכגעגאַנגען צווישן די דאָזיקע שטיקער". די וויזיע אברהמס וואַרפט-אָן אַן אימה, זי איז שטרענג, מיסטיש און קאַלט אין איר פלאַמפייער.

יעקבס ערשטע וויזיע, וואָס ער האָט געזען אין לוז און דערנאָך דאָס אָרט אָנגערופן בית אל, איז פול מיט מענטשלעכער וואַרעמקייט, איר שפּירט ווי זי איז אַרויסגעוואַקסן פון יעקבס געמיט. יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע צו גיין קיין חרן, ווי רבקה האָט אים געהייסן און ווי יצחק האָט אים געבענטשט. אויפן וועג, אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אָרט, גענומען שטיינער, זיי געלייגט צוקאָפּנס און זיך צוגעשפּאַרט אויף זיי, כדי איבערצונעכטיקן די נאַכט.

יונג און אָרעם איז יעקב געווען, ער האָט גאָרנישט פאַרמאָגט, אַ חוץ דעם געדאַנק פון איין-גאָט און די אידייע פון אַ פאָלק. אויף דער עלטער, ביים צונויפטרעף מיט יוספן אין מצרים, זאָגט ער וועגן יענער צייט: כי במקלי עברתי את הירדן, — דער שטעקן איז געווען דאָס איינציקע פאַרמעגן זיינס, בעת ער איז אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן.

אליעזר, אברהמס ווירטשאַפטלער, אַז ער איז געגאַנגען קיין חרן צו נעמען אַ ווייב פאַר יצחקן, האָט מיטגעבראַכט טייערע מתנות פאַר דער כלה. יעקב איז געגאַנגען אַליין, דאָס בילד פון זיין אָרעמקייט איז געווען דער שטעקן. פרעהן זאָגט יעקב: „ווינציק און שלעכט זענען געווען די יאָרן פון מיין לעבן אין די טעג פון זייער וואַנדערשאַפט." דאָס איז געווען יעקבס לירישער סך-הכל פון זיין לעבן, ביים סוף פון זיינע טעג. ביים אָנהייב אָבער, אַז ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף זיין וואַנדער, און איז נאָך געווען יונג, און איז געווען אָרעם, האָט ער זיך געריסן צו די הימל-הייכקייטן.

דער געדאַנק פון איין-גאָט, די אידייע פון אַ פאָלק, האָבן זיך אין יעקבן צונויפגעוואָרעמט מיטן אייגענעם געמיט, מיט דער פאַרשטעלונג וואָס ער האָט געהאַט פון זיך. די וויזיע אין לוז האָט ביי יעקבן נישט אַרויסגערופן קיין שרעק, ווי די וויזיע ביי אברהמען. אויףביידע איז אָנגעפאַלן אַ שלאָף, אָבער אברהמס שלאָף איז געווען דער קלימאַקס פון אַ מיסטיש-עפּאָקאַליפּטישן אַקט, — פון דעם בונד וואָס ער האָט פאַרשניטן מיט גאָט. יעקבס שלאָף איז געווען דער שלאָף פון אַ מידן וואַנדערער, וואָס שפּאַרט-אָן דעם קאָפּ אויף שטיינער, איבערצושלאָפן די נאַכט. דער יונגער וואַנדערער, מיטן שטעקן און דעם אָרעמען טאָרבעלע, מיט גאָט-געדאַנק און פאָלק-אידייע, איז פסיכיש צוגעגרייט פאַרן געטלעכן חלום.

די ערשטע וויזיע יעקבס איז אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד „און זיין קאָפּ דערגרייכט ביז צום הימל". אין איר איז דאָ דער אָנווייז אויפן מענטשן, וואָס מיטן געדאַנק זיינעם קען ער דערגרייכן צום הימל. זי איז אויך אַ גייסטיקער פּאָרטרעט פונעם יעקב־געשטאַלט, וואָס איז מיטביידע פיס געשטאַנען אויף דער ערד און צו דער אייגענער צייט זיך געריסן צו די העכסטע הייכן. יעקב, הייסט עס, האָט אין דער וויזיע געזען זיך אַליין, ער האָט אין חלום געזען פאַרקערפּערט דעם באַגריף וואָס ער האָט געהאַט פון זיך. דערמיט איז יעקבס חלום אַנדערש פון אברהמס, וואָרים צו אברהמען איז דער הימל אַרונטערגעקומען, יעקב האָט זיך צום הימל אויפגעהויבן. אין אברהמס וויזיע איז דער איין־גאָט אַראָפּגעפאַלן אויף אים, אין יעקבס וויזיע איז דער איין־גאָט שוין געווען אַזוי אַריינגעאייגנט אין אים, אַז ער, — יעקב, — האָט שוין געקענט אַרויפקלעטערן צו אים. דאָס איז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער גאָט־אידייע, — דער געדאַנק פון פּערזענלעכן גאָט, וואָס וואַרפט נישט אָן קיין אימה, וואָרים ער איז אין מענטשן.

די וויזיע יעקבס האָט אָבער געהאַט נאָך איין באַטייט: צו ווייזן יעקבן דעם אַרויפשטייג צום הימל און דעם אַרונטערשטייג. יעקבס געמיט, — פון אַרויפקומען אויפן הימל, מיט דער פולקייט פון אייגענער איבערלעבונג, און אַרונטערקומען פונעם הימל, פּשוט און מענטשלעך, — ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער וויזיע, בעת ער איז איינגעשלאָפן אין לוז, מיט די שטיינער צוקאָפּנס. די וויזיע האָט געקענט קומען צו אים נאָר פון פּערזענלעכער גאָט־דערקענטעניש.

דערנאָך האָט יעקב געזען, אַז גאָט שטייט איבער אים און רעדט צו אים. אַז מיר זאָלן זיך די וויזיע אויסמאָלן סצעניש, זעען מיר זי ווי אַ גוט־רעזשי־סירטע שפּיל, מיטן פאַנטאַסטישן אָנהייב פון דעם לייטער, מיט די מלאכים וואָס שטייגן־אַרויף און אַרונטער, אין אַ לאַנג־דויערנדיקן שווייגן, וואָס פירט־אַריין דעם צוקוקער אין דער ווייטערדיקער מיסטישער האַנדלונג. ערשט דערנאָך ווייזט זיך גאָט צו יעקבן און רעדט צו אים.

און גאָטס רייד צו יעקבן זענען אויך אַנדערש ווי צו אברהמען, זיי זענען אינטימער, פּערזענלעכער, — אין גייסט ווי יעקב האָט אויפגענומען גאָט. אברהמען, — נאָכדעם ווי ער האָט געזען „אַן אויוון מיט רויך, און אַ פלאַם־פייער וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך די דאָזיקע שטיקער," — האָט גאָט גע־זאָגט, אַז „צו דיין זאָמען האָב איך געגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד, פון דעם טייך פון מצרים ביז דעם גרויסן טייך, דעם טייך פּרת". צו יעקבן רעדט גאָט פאָטערלעך־אינטים, — „בענטשן וועלן זיך מיט דיר און מיט דיין זאָמען אַלע משפּחות פון דער ערד". נאָך נענטער איז גאָט צו יעקבן, ווען ער זאָגט אים: „איך וועל דיך היטן אומעטום וואו דו וועסט גיין, און איך וועל דיך אומקערן צו דער דאָזיקער ערד, וואָרים איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן, ביז וואַנעט איך האָב נישט געטאָן וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט."

אַז מיר קוקן אויף צוריק, ווי יעקב רעדט אַליין פון זיין עלנט, ווי ער האָט געטראָגן אין זיך די איבערלעבונג פון „מיט מיין שטעקן בין איך אַריבער־געגאַנגען דעם ירדן," הייבן מיר אָן צו פאַרשטיין אַז די וויזיע אין לוז און דער אופן ווי גאָט האָט גערעדט צו אים, איז דער אויסדרוק פון יעקבס גאָט־דערקענטעניש, — גאָט, וואָס איז אי אַבסטראַקט און אַלצאַרומנעמענדיק, אי יחידיש צום מענטשן.

ווי זאָלן מיר פאַרשטיין יעקבס צווייטע וויזיע? זיין געראַנגל מיט גאָט? איז זי אויך, ווי די פריערדיקע, אַרויסגעוואַקסן פון זיין געמיט? געזען האָט ער די וויזיע אין דער נאַכט וואָס ער האָט זיך געגרייט צו באַגעגענען זיין ברודער עשון. ערשט האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון לבנען, נאָך אַ שטרייט מיט אים, און איצט קומט אים אַנטקעגן עשו. צוואַנציק יאָר איז ער געווען אָפּגעשיידט פון זיין ברודער, עשוס קריוודעס צו אים זענען נאָך אפשר נישט איינגעשטילט. ער געדענקט נאָך אַוודאי ווי ער האָט ביי אים אויסגענאַרט די בכורה און דעם פּאָטער יצחקס ברכה. דורך דער צייט איז עשו געוואָרן שטאַרק און רייך, אַ הערשער און אַ געוועלטיקער. יעקב האָט געשיקט שליחים אין לאַנד שעיר, דעם ברודער איבערצובעטן מיט מתנות, אָבער די שליחים זענען צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז דער ברודער גייט אים אַנטקעגן, און פיר הונדערט מאַן זענען מיט אים. יעקב האָט מורא־געהאַט, אַז עשו קומט מיט די פיר הונדערט מאַן צו פאַרפירן אַ מלחמה מיט אים. יעקב לעבט אין דער מורא פון שטרייט. ער טענהט צו גאָט: „איך בין צו קליין פאַר אַלע חסדים און פאַר אַלדער טריישאַפט וואָס דו האָסט געטאָן מיט דיין קנעכט, וואָרים מיט מיין שטעקן בין איך אַריבערגעגאַנגען דעמדאָזיקן ירדן, און אַצינד בין איך געוואָרן צוויי מחנות. זיי מיך מציל, איך בעט דיך, פון מיין ברודערס האַנט, פון עשון, וואָרים איך האָב מורא פאַר אים, אַז ער זאָל נישט קומען און מיך שלאָגן מוטער מיט קינדער. דו האָסט דאָך געזאָגט: גוטס וועל איך טאָן מיט דיר, און איך וועל מאַכן דיין זאָמען אַזוי ווי דאָס זאַמד פון ים, וואָס קען נישט געציילט ווערן פון פילקייט."

גאָט האָט יעקבן גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַז יעקב „איז אויפגעשטאַנען אין יענער נאַכט, און האָט גענומען זיינע צוויי ווייבער, און זיינע צוויי דינסטן, און זיינע עלף קינדער, און ער איז אַריבערגעפאָרן דעם איבערפאַר פון יבוק," און אַז ער איז געבליבן אַליין, האָט ער געהאַט די וויזיע ווי „אַ מאַן האָט זיך געראַנגלט מיט אים ביז דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען". גאָטס ענטפער אויף יעקבס געבעט איז געקומען אין דער וויזיע, — אינעם געראַנגל מיט אים, מיט גאָט אַליין. וואָס איז עס פאַר אַן ענטפער, וואָס גאָט האָט אים געגעבן?

אין דער טענה צו גאָט האָט יעקב געהאַט אַ שאָטן פון אומגלויבן, אין אים איז פאַרגעקומען אַן אינערלעכער שטרייט צווישן דער מורא פאַר עשון און דער אומזיכערקייט אַז גאָט וועט אים מציל־זיין פון עשוס הענט. די וויזיע

פונעם שטרייט מיט גאָט איז אַרויסגעוואַקסן פון יעקבס געמיט, פון דער אייגענער פאַרענטפערונג אַז מיטן גאָט, וואָס האָט מיט אים פּערזענלעך געטאָן אַזויפיל חסדים, קען ער אפילו פירן אַ שטרייט. נישט מיטן גלויבן זיינעם אין גאָט האָט יעקב געשטרייט, נאָר מיט אים אַליין, מיט די מאָנונגען צו אים. יעקבס שטרייט מיט גאָט געפינען מיר דערנאָך, אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון יידישקייט, אין פאַרשידענע גלגולים. מיר געפינען אים ביי ר׳ לוי יצחקן, און אין חסידות בכלל. יעקב איז פונעם שטרייט אַרויס אַ בעל־מום, אָבער גייסטיק איז ער אַרויס געשטאַרקט, ער האָט אַרויסגעטראָגן דעם נאָמען ישראל, — דער וואָס שטרייט מיט גאָט, — וואָס איז געבליבן דער גרויסער מאָראַלישער כח פון דעם יידישן פאָלק ביז אין דער אייביקייט. דער כח צו שטרייטן מיט גאָט איז די העכסטע מדרגה פון גאָט־דערקענטעניש, וואָרים דער שטרייט מיט גאָט נעמט נישט צו דעם גלויבן, נאָר שטאַרקט אים. פונעם שטרייט מיט גאָט קומט דער מענטש אַמאָל אַרויס אַ צעוואונדיקטער, אָבער דער גייסט זיינער ווערט דערפון געקרעפטיקט.

זעען מיר, ווי די ערשטע וויזיע יעקבס, — אין לוז־בית אל, — איז געווען אַ פּסיכישע צוגרייטונג צו דער צווייטער. אין דער ערשטער איז ער דער־גאַנגען צו דער גאָט נאָענטקייט, צו פּערזענלעכן צונויפבונד מיט גאָט. אין דער צווייטער איז ער געשטיגן העכער, ער איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון ישראל, — דער וואָס שטרייט מיט גאָט.ביידע וויזיעס זענען געקניפּט און געבונדן צווישן זיך. ביידע זענען אַרויסגעוואַקסן פון יעקבס געמיט.

דער טרויעריקער וועג קיין מצרים

יעקבס גאַנג קיין מצרים האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער ווי בעת דער הונגער האָט אים געפירט אַהין. אַלע דראַמאַטישע אַנטוויקלונגען אין זיין לעבן זענען געווען אַ פאַרשפּיל צו דער גרויס־היסטאָרישער מצרים־דראַמע. באַלד ווי ער איז „מיטן שטעקן אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן״ האָט אים דער גורל געפירט קיין מצרים. ער אַליין האָט געהאַט די טונקעלע איבערלעבונג, אַז אין מצרים וועט זיך אָפּשפּילן דער לעצטער אַקט פון זיין פּערזענלעכער דראַמע און אָנהייבן וועט זיך די פאָלקס־דראַמע, וואָס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט דערגאַנגען צום קלימאַקס.

אין באר שבע, וואוהין יעקב איז געקומען אויף זיין לעצטן אָפּשטעל אין כנען, האָט גאָט „גערעדט צו ישראלן אין זעאונגען פון דער נאַכט״ און אים געזאָגט: „זאָלסט נישט מורא־האָבן אַראָפּצונידערן קיין מצרים, וואָרים פאַר אַ גרויס פאָלק וועל איך דיך דאָרט מאַכן.״ פאַר מצרים האָט יעקב מורא־געהאַט, מצרים איז זינט אברהמען געווען דער גורל־וועג פון די עברים. אברהם אַליין איז געווען אין מצרים, יצחק איז געווען אין מצרים, אין דער שבטים־טראַדיציע פון די עברים איז מצרים געווען דער שאָטן אויף זייער ליכטיקן וועג צום איין־גאָט. מצרים האָבן די עברים נישט געקענט אויסמיידן,

אָבער זיי האָבן אַלעמאָל געטראָגן אַ באַהאַלטענע מורא פאַרן גרויס־אַנטוויקלטן, הויך־ציוויליזירטן לאַנד.

אַז די מצריים האָבן געקענט די עברים נאָך איידער יעקב, מיט די זיבעציק נפשות, האָבן זיך באַזעצט אין גושן, לערנען מיר פון חומש. בעת די ברידער האָבן געבראַכט בנימינען צו יוספן, „און יוסף האָט זיך געאיילט, וואָרים דאָס האַרץ איז אים פול געוואָרן מיט רחמנות אויף זיין ברודער, און ער האָט זיך געוואָלט צעוויינען, איז ער אַריין אין קאַמער און האָט דאָרטן געוויינט". דערנאָך, אַז יוסף האָט זיך אויסגעוויינט, זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים און איז אַריינגעקומען צוריק צו די ברידער, האָט ער געהייסן גרייטן דעם טיש מיט ברויט. דערציילט דערביי דאָס חומש: „האָט מען געלייגט (ברויט) פאַר אים באַזונדער, און פאַר זיי באַזונדער, און פאַר די מצריים, וואָס האָבן געגעסן מיט אים, באַזונדער, וואָרים די מצריים קענען נישט עסן קיין ברויט מיט די עברים, ווייל אַן אומווערדיקייט איז עס ביי די מצריים." הייסט עס, אַז די מצריים האָבן שוין פון פריער געקענט די עברים, אויך אַזויפיל געקענט, אַז ביי זיי איז געווען אַן „אומווערדיקייט" מיט זיי צו עסן ברויט. ס'איז קיין ספק נישט, אַז יעקב האָט געוואוסט ווי די מצריים האַלטן די עברים פאַר אַ נידעריקערער ראַסע, ער האָט געהאַט דאָס באַוואוסטזיין אַז זיין גאַנג קיין מצרים איז אַנדערש ווי אברהמס און יצחקס, אַ גאַנצע קייט פון געשעענישן פירט אים אַהין, רחלס צוויי זין זענען די רינגען וואָס קייטלען אים צונויף מיט מצרים, און נישט נאָר אים, נאָר אַלע עברים וואָס נידערן מיט אים אַראָפּ קיין מצרים.

און אַז גאָט האָט צו אים גערעדט „אין זעאונגען פון דער נאַכט," האָט ער אים געשטאַרקט מיט דריי צוזאָגן:

1) „איך וועל אַראָפּנידערן מיט דיר קיין מצרים," — אַ צוזאָג וואָס נאָר אים האָט ער זי גאָט געגעבן. יעקב, ווי מיר האָבן פריער געזען, איז דער־גאַנגען צו דער איבערלעבונג פון אַ פּערזענלעכן גאָט, די זעאונגען פון דער נאַכט זענען געווען זיין אייגן באַוואוסטזיין, אַז דער פּערזענלעכער גאָט וועט מיט אים אַראָפּנידערן קיין מצרים. פון דער זעאונג אין באר שבע האָט זיך דערנאָך אַנטוויקלט די אידייע, אַז די שכינה איז אַלעמאָל מיטגעגאַנגען מיט ייִדן אין גלות־אַריין. די דאָזיקע וויזיע יעקבס, — אַז די שכינה איז מיט ייִדן אין זייער גלות, — האָט אידייאיש באַשטימט דעם ייִדישן גאַנג אין דער וועלט.

2) „אַרויפברענגען וועל איך דיך אַרויפברענגען," האָט גאָט צוגעזאָגט יעקבן. דער צוזאָג, אַרויפצוברענגען יעקבס ביינער קיין כנען, איז אַרויס־געוואַקסן פון יעקבס נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, אַז נישט נאָר גייסטיק טאָר ער נישט אָפּגעפרעמדט ווערן פון כנען, נאָר אויך פיזיש. כאָטש נישט ביי אברהמען, נישט ביי יצחקן און נישט ביי יעקבן געפינען מיר נישט קיין אָנווייז, אַז זיי האָבן געגלייבט אין אַ לעבן נאָכן טויט, זעען מיר אָבער אַז דער קבר האָט ביי זיי געהאַט אַ נאָענטע שייכות מיטן לעבן פון די דורות נאָך

זיי. דער משפחהדיקער קבר איז ביי זיי געווען דער קנופּ, וואָס האָט צונויפ־געבונדן דעם טויט מיטן לעבן. באַזונדערס שאַרף זעען מיר עס ביי יעקבן, — פריער, ווען ער באַקלאָגט זיך וואָס ער האָט רחלען באַגראָבן אינמיטן וועג, נישט אין דער מערת המכפלה, און דערנאָך, ווען „אין זעאונגען פון דער נאַכט" זאָגט אים גאָט צו, אַז „אַרויפברענגען וועל איך דיך אַרויפברענגען".

צי אין דעם איז דאָ דער גלויבן אין אַ לעבן נאָכן טויט, קענען מיר נישט זאָגן אויף זיכער, מיר מעגן אָבער אָננעמען, אַז די אָבות, — און נאָכמער יעקב, — האָבן געגלויבט, אַז דער טויט איז אַ מין המשך פון לעבן. אַז יעקב רעדט צו די זין, וואָס קערן זיך אום פון מצרים מיט דער מאָנונג צו ברענגען אַהין בנימינען, זאָגט ער זיי: „מיין זון וועט נישט אַראָפּנידערן מיט אייך, וואָרים זיין ברודער איז טויט, און ער אַליין איז געבליבן, און אַז אים וועט טרעפן אַן אומגליק אויפן וועג וואָס איר וועט אויף אים גיין, וועט איר מאַכן נידערן מיינע גרויע האָר מיט טרויער שאולה." ווייזט אויס, אַז „שאול" איז געווען אַן אַנדער מדרגה פון קבר, אַן ערגערע, — אַ קבר, וואָס איז נישט דער המשך פון לעבן. מיר זעען אַז דער צווייטער צוזאָג גאָטס אין באר שבע האָט, ערשטנס, אַ שייכות מיט יעקבס נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און, צווייטנס, מיט זיין גלויבן אַז דער טויט איז אַ מין המשך פון לעבן.

3) „און יוסף וועט אַרויפטאָן זיין האַנט אויף דיינע אויגן" איז אַ ריין־פּערזענלעכער צוזאָג, וואָס האָט אַ שייכות צו יעקבס ליבשאַפט פאַר יוספן און נאָך ווייטער צוריק — פאַר רחלען. ביזן סוף פון זיינע טעג איז יעקב געבליבן געטריי רחלען. דער גרעסטער צער זיינער איז געווען ווען „אַ בייזע חיה האָט אים (יוספן) פאַרצוקט". די גרעסטע טרייסט, וואָס גאָט האָט אים געקענט ברענגען, איז געווען יוספס האַנט אויף זיינע אויגן ווען ער וועט איינגעזאַמלט ווערן צו זיינע עלטערן.

אָבער כאָטש די דריי צוזאָגן אין באר שבע, בעת אים האָט באַהערשט די מורא אַראָפּצונידערן קיין מצרים, זענען פאַרשידן אין כאַראַקטער, זענען זיי אָבער געקניפּט און געבונדן צווישן זיך. יעקבס גלויבן אין גאָט, זיין פאָלק־באַוואוסטזיין און דער פּערזענלעכער צער זיינער רינען־אַרויס פון איין קוואַל, — פון דער וויזיאָנעריש־דראַמאַטישער פּערזענלעכקייט, פונעם דינעם ליריזם זיינעם און דעם גרויס־מענטשלעכן טראַגיזם.

יעקב פירט די בני ישראל אין גלות אַריין

די פּערזענלעכע יעקב־דראַמע איז ענג געבונדן מיט דער פאָלקס־דראַמע פון די בני ישראל. פון יעקבן איז אַרויסגעוואַקסן דער גלות מצרים, ער האָט געפירט די בני ישראל אין גלות אַריין, ער האָט אַראָפּגענידערט קיין מצרים מיט זיבעציק נפשות, און נישט ווי אברהם און יצחק, — נאָר איבער־צוקומען די צייט פון הונגער, — נאָר זיך צו באַזעצן.

אין יעקבן אַליין האָט זיך אַנטוויקלט די גלות־דראַמע און דער דירעקטער אַרויסוואַקס אירער איז פונעם ברודער־געראַנגל, וואָס אָנגעהויבן האָט ער זיך מיטן קין־מאָרד און איז דערגאַנגען צו דער קריג צווישן יוספן מיט די ברידער. אַ קייט געשעענישן, וואָס זייערע רינגעלעך זענען, ווי ברידער, צונויפגעקייטלט און דאָך אָפּגעריסן, האָבן דערפירט צום ערשטן גלות פון די בני ישראל. אין דער ברודער־דראַמע, הייסט עס, איז אויך געווען די גלות־דראַמע.

נישט געשיכטלעך און נישט פּסיכאָלאָגיש־מענטשלעך קענען מיר משפּטן איבער יעקבן, צי ער איז געווען דער גערעכטער אין דעם געראַנגל צווישן אים און עשון. אין אַלע חומש־דערציילונגען וואַקסט־אַריין דער סימבאָל אין דער ווירקלעכקייט און די ווירקלעכקייט אין סימבאָל. מיר קענען דערפאַר נאָר אַרויסשיילן פונעם קנויף געשעענישן די סימבאָלישע מאָמענטן און זיי דערנאָך צוריק צונויפקניפּן, כּדי מיר זאָלן זיי זען אין זייער גאַנצקייט. יעקב אַליין איז אַרומגעגאַנגען אין אַ וועלט פון סימבאָלן. ער האָט זיי פאַרמענטשלעכט, ער האָט זיי איבערגעלעבט אויף זיין אייגענעם שטייגער, ער האָט זיי גע־פורעמט נאָך זיין געשטאַלט, אָבער סיי אין זיינע וויזיעס און סיי אין זיין באַוואוסטזיין האָבן אים די סימבאָלן געפירט, אַפילו דאָמינירט.

אַז מיר שיילן־אַרויס פונעם קנויף געשעענישן די סימבאָלן, זעען מיר ווי דאָס ברודער־געראַנגל קייטלט זיך פון קינען און הבלן ביז יוספן און די ברידער. בעת עשו איז אַוועק אינעם לאַנד שעיר און איז דאָרטן געוואַקסן, זיך געמערט און אַרויסגעשטאַמט פון זיך דאָס פאָלק אדום, האָט יעקב ערשט געדאַרפט פירן די בני ישראל אין גלות מצרים. די קריג צווישן די ברידער און יוספן איז געווען דער המשך פון יעקבס קריג מיט עשון, נאָר אַ סך אַנדערש. אין דער יעקב־און־עשו קריג האָט נאָר איין ברודער געדאַרפט זיין דער בויער פונעם פאָלק, בעת אין דער קריג צווישן די ברידער מיט יוספן איז היסטאָריש די דאָזיקע צעטיילונג נישט געווען, וואָרים פון אַלע יעקבס צוועלף זין האָט דאָס פאָלק געדאַרפט אַרויסקומען.

יוסף, וואָס יעקב האָט אים אַרומגערינגלט מיט ציטערדיקער ליבשאַפט דערפאַר וואָס ער איז געווען דער ערשטער זון רחלס, איז פּסיכיש געווען צוגעגרייט צו די חלומות זיינע. דאָס געשטרייפטע העמדל, וואָס יעקב האָט אים אויפגענייט, האָט אַקצענטירט יעקבס ליבשאַפט צו אים. אינעם גע־שטרייפטן העמדל האָבן אים די ברידער אַריינגעוואָרפן אין גרוב־אַריין. דאָס געשטרייפטע העמדל האָבן די ברידער צוריקגעבראַכט צו יעקבן, — אַ פאַר־בלוטיקטס, אַ צעפליקטס, — און יעקב האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין: „אַ בייזע חיה האָט אים פאַרצוקט.‟ זעען מיר דערפון, אַז אַ חוץ דעם המשך פון דער יעקב־און־עשו קריג איז אין דער דערציילונג דאָ נאָך איין סימבאָל, וואָס ווייזט אונדז ווי פון יעקבן אַליין איז אַרויסגעוואַקסן דער גורל זיינער צו פירן די בני ישראל אין דעם גלות מצרים.

רבקה, ווי מיר האָבן צום אָנהייב געזען, האָט אויסגעפורעמט יעקבס כאַראַקטער, זי האָט אים אַריינגעגעבן דאָס באַוואוסטזיין אַז ער איז דער בכור, פון אים וועט אַרויסקומען דאָס פאָלק, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אברהמען. זי האָט אים אויך געגעבן די וויזיעס און דורך איר איז ער דער־גאַנגען צו דער גרויסער ליבשאַפט צו רחלען. די ליבשאַפט צו רחלען האָט יעקב אַריבערגעטראָגן אויף יוספן און דורך יוספן האָט ער געפירט די בני ישראל אין דעם ערשטן גלות, — דער גלות מצרים, — וואָס האָט אויס־געפורעמט דאָס עברים־פאָלק.

פון גלות מצרים, ווי דער אויספורעמער פונעם עברים־פאָלק, וועלן מיר רעדן אין ווייטערדיקן קאַפּיטל. דאָ דאַרפן מיר זיך פרעגן: האָט יעקב גע־וואוסט, אַז מיט זיין אַראָפּנידערן קיין מצרים פירט ער די בני ישראל אין גלות אַריין? פון זיינע זעאונגען אין דער נאַכט אין באר שבע דרינגען מיר, אַז ער האָט געוואוסט. גאָט האָט אים אין באר שבע געזאָגט, אַז ער זאָל „נישט מורא האָבן אַראָפּצונידערן קיין מצרים, וואָרים פאַר אַ גרויס פאָלק וועל איך דיך דאָרטן מאַכן". צו יעקבן איז מסתמא אויך איבערגעגאַנגען די טראַדיציע פון אברהמען, וואָס גאָט האָט אים געזאָגט, אַז זיינע „קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ לאַנד וואָס איז נישט זייערס, און מע וועט זיי פאַר־קנעכטן" און ערשט אין פערטן דור וועלן זיך זיינע קינדער אומקערן קיין כנען. אַז יעקב האָט צונויפגעבונדן די אברהם־טראַדיציע מיט זיין אייגענער זעאונג פון אַ גרויס פאָלק אין מצרים, האָט ער אָן ספק געוואוסט אַז אויף אים איז געפאַלן דער גורל צו פירן די בני ישראל אין גלות־אַריין, כדי פון דאָרטן זאָל אַרויסוואַקסן דאָס פאָלק און פון דאָרטן זאָל זיין פאָלק קומען אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד, — אין כנען.

מיט אומרו און מורא איז יעקב געגאַנגען קיין מצרים, מיטן וויסן פון גלות האָט ער געפירט די בני ישראל אינעם לאַנד פון די פרעהס. פאַרן טויט, אַז ער האָט געבענטשט יוספן און זיינע צוויי זין, — אפרימען און מנשהן, — האָט ער געזאָגט: „זע, איך שטאַרב, אָבער גאָט וועט זיין מיט אייך, און ער וועט אייך אומקערן אינעם לאַנד פון אייערע אָבות." דאָ ווערט שוין אינגאַנצן קלאָר, אַז יעקב האָט געוואוסט וואָס מצרים וועט זיין פאַר די בני ישראל. ער האָט געוואוסט, אַז זיי וועלן נישט זיין פריי זיך אַליין אומצוקערן אינעם לאַנד פון זייערע אָבות, גאָט וועט זיי דאַרפן אומקערן. מיטן דאָזיקן וויסן האָט יעקב געוואָלט אָפּשליסן דעם שבטים־ציקל און ער האָט געזאָגט יוספן: „די צוויי זין, וואָס זענען דיר געבוירן־געוואָרן אינעם לאַנד מצרים פאַר מיין קומען צו דיר קיין מצרים, זיי זענען מיינע." די ווייטערדיקע זין וועלן שוין קיין שבטים נישט זיין. מיטן דאָזיקן וויסן האָט יעקב „גערופן זיינע זין, און האָט געזאָגט: זאַמלט זיך איין, און איך וועל אייך זאָגן וואָס אייך וועט געשען אין סוף פון די טעג".

גלות מצרים — דער אָנהייב פון פאָלק

ביי אברהמען האָבן מיר געזען, אַז גאָט האָט אים פאָרויסגעזאָגט פיר הונדערט יאָר קנעכטשאַפט פאַר זיינע קינדער און ערשט דערנאָך וועט ער זיי ברענגען אינעם לאַנד כנען, „וואָרים די זינד פון דעם אמורי וועט נישט זיין פאַרפול ביז דעמאָלט״. ביי יעקבן, ווידער, זעען מיר, ווי ער האָט געפירט די בני ישראל קיין מצרים, מיטן וויסן אַז זיי וועלן דאָרטן זיין אין גלות, און אַז ערשט נאָכן גלות וועלן זיי זיך צוריקקערן אין לאַנד כנען. דער־פון לערנען מיר, אַז דער יידיש־היסטאָרישער לאַר האָט זיך אָנגעהויבן מיט גלות. נאָכמער, די דערקענטעניש פונעם איין־גאָט איז אויך געווען פאַרבונדן מיט גלות. דאָס ערשטע, וואָס גאָט האָט געזאָגט אברהמען, איז געווען „לך לך מארצך״, מיט דער גאָט־דערקענטעניש איז אברהם געקומען אין אַ פרעמד לאַנד, נישט אין אייגענעם לאַנד, — אור כשדים.

מיט יעקבס אַראָפּנידערן קיין מצרים האָט זיך דער גלות פון די בני ישראל אָנגעהויבן. דאָמאָלסט האָט זיך אויך אָנגעהויבן אויסצושמידן דאָס גרויסע פאָלק, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אברהמען, באַלד ווי ער האָט מיט אים פאַרשניטן אַ בונד.

כדי יידן זאָלן ווערן אַ פאָלק, האָבן זיי זיך פריער געדאַרפט באַפרייען פון קנעכטשאַפט. כדי אָבער זיי זאָלן האָבן דעם גייסטיקן כח זיך צו קענען פון קנעכטשאַפט באַפרייען, האָבן זיי פריער געדאַרפט פאַרמאָגן בולטע פאָלקישע שטריכן, אָדער לכל הפחות אַזאַ בשותפותדיקן גייסטיקן אָנשפּאַר, וואָס זאָל זיי, אין זייער גורל פון קנעכטשאַפט, האַלטן צונויפגעבונדן.

די בני־יעקב זענען נישט געווען די איינציקע קנעכט אין מצרים. אַ סך שבטים און פעלקערשאַפטן האָבן די פּרעהס אונטערגעיאָכט, זיי געבראַכט קיין מצרים — צו בויען פאַר זיי די פּאַלאַצן, די פּיראַמידן, אפילו פירן פאַר זיי די מלחמות. פאַרוואָס זענען נאָר די בני־יעקב אַרויס פון מצרים? און נישט ווי אַ צעשטויבטער המון קנעכט, נאָר ווי אַ גרופּע מיט פולן פאָלק־באַוואוסט־זיין? לכל הפחות דאָס באַוואוסטזיין, אַז באַפרייאונג פון קנעכטשאַפט איז נאָר די ערשטע מדרגה, די צווייטע מדרגה — די וויזיע, דער ענדציל — איז צו ווערן אַ פאָלק?

אין חומש איז משה דער איינציקער גייסטיקער כח, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי די בני־יעקב דעם דראַנג צו באַפרייאונג. אָבער אפילו דאָס חומש דער־ציילט אָן אַן ערך מער פון משהס פּאָליטישן משא־ומתן מיט פּרעהן, ווי פון זיין וועקן דאָס פאָלק, אַרויסרופן אין אים דעם ווילן זיך צו באַפרייען. באַלד ווי משה קומט צו פּרעהן, זאָגט ער אים: שלח את עמי — שיק אַרויס מיין פאָלק. וואָלטן די בני־יעקב, די קנעכט פון מצרים, נישט פאַרמאָגט די מענטאַליטעט פון אַ פאָלק, וואָלט פּרעה אָוודאי געענטפערט משהן: וואו האָסטו אַ פאָלק? גיב מיר אַ פאָלק, וועל איך עס אַרויסלאָזן פון מצרים. אַז

פרעה אַליין וואָלט קיין שכל נישט געהאַט אַזוי צו ענטפערן משהן, וואָלטן די חרטומים זיינע אים אונטערגעזאָגט: זיי זענען נישט קיין פאָלק, אַ המון קנעכט זענען זיי.

די פרומע אגדתא האָט, ווייזט אויס, אויך געזען אַז משה, דער איש אלוקים, האָט נישט געקענט באַווייזן דעם נס — אויפצוהויבן זעקס הונדערט טויזנט קנעכט און זיי אַרויספירן פון מצרים, מיטן באַשטימטן ציל צו ווערן אַ פאָלק. דערציילט דערפאַר די אגדתא, אַז די בני־יעקב זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון קנעכטשאַפט דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געביטן זייערע נעמען און נישט פאַרגעסן זייער לשון. נאָך אונדזערע היינטיקע באַגריפן איז דער פירוש אויף דעם, אַז די בני־יעקב האָבן אין קנעכטשאַפט אויפגעהיט בולטע שטריכן פון פאָלקשאַפט. אָן משהן וואָלטן זיי נישט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אָבער אָן פאָלק־באַוואוסטזיין, — אַפילו אומקלאָרן, מטושטשן, — ביי די בני־יעקב, וואָלט משה זיי נישט געקענט באַפרייען, ער וואָלט נישט געקענט קומען צו פרעהן און מאָנען: שלח את עמי.

דערפאַר דרינגען מיר אַרויס צוויי גרונט־אידייען, וואָס באַלויכטן אונדזער געשיכטע:

א) אַז מיר האָבן געדאַרפט דורכגיין דורכן פייער פון גלות, כדי צו ווערן אַ פאָלק.

ב) אַז די באַפרייאונג פון גלות איז ביי אונדז אי אַ נאַציאָנאַלע פאַסירונג, אי אַ גרויסער עטישער סימבאָל פון גאַנצן פאָלק אונדזערן און פאַר יעדן יידישן יחיד באַזונדער.

לאָמיר נעמען די ערשטע גרונט־אידייע — דעם גלות. אברהם האָט דער ערשטער דערקענט דעם איינציקן גאָט, דעם מאָנאָטעאיזם. פון אור כשדים האָט ער אַרויסגעוואַנדערט קיין כנען און געטראָגן מיט זיך דעם געדאַנק און די אידייע, וואָס האָבן זיך צו אים אַנטפּלעקט. ער איז געווען, ווי בכלל עס האָט זיך געפירט אין יענער צייט, אַ שטאַמפאָטער, דער עלטסטער פון משפחה, וואָס שפּעטער איז זי זיך צעוואָקסן און איז געוואָרן אַ שבט. די, וואָס זענען „אַרויסגעקומען פון זיין דיך," האָבן איבערגענומען ביי אים דעם געדאַנק, די אידייע פון אחדות הבורה, נאָר אַזוי ווי זיי זענען זיך צעוואָקסן, האָבן זיי זיך צעטיילט אויף באַזונדערע שבטים. אפילו אין דער מעשה מיט יוספן זעען מיר שוין, אַז די שבטים זענען געווען צווישן זיך צעטיילט: יוסף האָט געפיטערט זיינע שאָף אויף איין אָרט, ראובן אויף אַן אַנדערן. יעקב האָט זיי נאָך געהאַלטן צונויפגעבונדן, אָבער מיר געפינען נישט אין חומש אפילו קיין אָנדייט, אַז איינער פון די צוועלף ברידער זאָל געווען זיין גייסטיק פעאיק איבערצונעמען ביי יעקבן די ירושה פון העגעמאָניע איבער די אַנדערע. נאָכמער, ביי קיין איינעם פון די ברידער געפינען מיר נישט אָט די נאָענטע פאַרבינדונג מיט גאָט, ווי ביי יעקבן. צו קיין איינעם פון די ברידער האָט גאָט נישט גערעדט ווי ער האָט גערעדט צו אברהמען, צו יצחקן און צו יעקבן.

לערנען מיר דערפון, אַז אין די אָפּשטאַמלער פון אברהמען האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון צעפאַלונג.

אַז די בני־יעקב וואָלטן געבליבן אין כנען, וואָלטן זיי נישט געטיילט קיין איין נאַציאָנאַלן גורל, זיי וואָלטן זיך ביסלעכווייז אָפּגעשיידט איינער פון אַנדערן, אויפגעשטעלט פאַר זיך באַזונדערע משפּחות, מיטן טונקעלן באַוואוסטזיין פון אַ ווייטער קרובהשאַפט צווישן זיך. דער גלות מצרים האָט זיי צונויפגעשמידט, אין גלות מצרים איז אָפּגעווישט געוואָרן דער צעטייל פון שבט צווישן שבט, ביי די פּרעהס זענען זיי אַלע געווען בני־יעקב, אַלע האָבן זיי געטראָגן איין גורל — דעם גורל פון קנעכטשאַפט. און דאָ דערציילט שוין דאָס חומש: ויאנחו אל ה׳, ויזעקו — זיי האָבן געקרעכצט צו גאָט, געשריגן צו גאָט. אין כנען הערן מיר גאָרנישט, אַז יעקבס זין זאָלן זיך קערן צו גאָט, ערשט אונטער דער רוט פון קנעכטשאַפט קערט זיך צו זיי אום צוריק די גאָט־ירושה, וואָס איז געגאַנגען פון אברהמען אָן. דאָ קערט זיך אויך צו זיי אום דאָס באַוואוסטזיין פון צונויפבונד צווישן זיך — דער אָנהייב פון אַ פאָלק־באַוואוסטזיין.

הייסט עס, אַז פון גלות איז אַרויסגעוואַקסן דאָס יידישע פאָלק. גלות איז דער חוט השני, — דער רויטער פאָדעם זייד, — וואָס ציט זיך דורך דער גאַנצער געשיכטע אונדזערער.

די צווייטע גרונט־אידייע — דער עטישער סימבאָל פון יציאת מצרים — איז אפשר נישט ווייניקער געשיכטלעך גרויס און וויכטיק, ווי די ערשטע. גלות מצרים איז נישט נאָר געווען דער שמידער פון דעם יידישן פאָלק, ער איז אויך געוואָרן דער יסוד פון אונדזער עטיק אין דעם געשיכטלעכן גאַנג אונדזערן. אין דער תורה זענען די עטישסטע אָנזאָגן באַזירט אויף גלות מצרים — כי גר היית בארץ מצרים. דערפאַר, וואָס אין גלות מצרים זענען די בני־יעקב געוואָרן אַ פאָלק, האָבן מיר אונדזער קוק אויף דער וועלט, אונדזער עטיק, געבויט אויפן קנעכטשאַפט און באַפרייאונג. מיר האָבן אויף אייביק געהאַלטן וואַך אונדזער פאָלקס־זכרון אויפן גלות און אויף דער באַפרייאונג. ביי אַנדערע פעלקער האָבן ימים־טובים געביטן זייער כאַראַקטער, דורות האָבן די ימים־טובים איבערגעאַנדערשט, אַ סך מאָל דאַרפט איר זוכן און פאָרשן, כדי צו דערגיין דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פון אַ יום־טוב. ביי אונדז איז פסח געבליבן אומפאַרענדערט, אַפילו אַז אַ טייל מנהגים האָבן זיך געאַנדערשט. די גרונט־אידייע — קנעכטשאַפט און באַפרייאונג — איז היינט אַזוי פריש אין אונדזער פאָלקס־באַוואוסטזיין, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק. דאָס איז דערפאַר, וואָס שיעבוד מצרים און יציאת מצרים זענען היסטאָרישע געשעענישן ביי אונדזער פאָלק, וואָס אויף זיי זענען געגרונט־פעסטיקט די גרויס־עטישע אידייען, וואָס מיר טראָגן דורך אַלע דורות.

קנעכטשאַפט איז דער יסוד פון אונדזער עטישער באַציאונג צום פרעמדן, צום אונטערדריקטן, צום סאָציאַלן איינשטעל פון דער וועלט. באַפרייאונג, יציאת מצרים, איז דער אָנהייב פון דער נביאישער וויזיע אויפן אחרית הימים.

יעקבס לעצטע טעג און זיין אָנזאָג צו די זין

אַז מיר קומען צוריק צו יעקבס לעצטע טעג, זעען מיר די צוויי עיקרדיקע שטריכן פון זיין געשטאַלט: דעם ליריש־פּערזענלעכן שטריך און דעם וויזיאָנעריש־נאַציאָנאַלן.

אַז יעקבן זאָגט מען: „דיין זון יוסף איז געקומען צו דיר,“ שטאַרקט ער זיך און זעצט זיך אויף אויפן בעט. דער אַלטער, קראַנקער יעקב האָט מיט יוספן אַן אַנדער שמועס, ווי מיט די אַנדערע זין, מיט אים רעדט דער דורכ־געליטענער מענטש, וואָס איז „מיטן שטעקן אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן,“ וואָס האָט געדינט ביי לבנען, וואָס האָט ביזן לעצטן טאָג געטראָגן אין זיך די גרויסע ליבשאַפט צו רחלען, וואָס האָט דורכגעלעבט די דינה־טראַגעדיע. צו יוספן האָט אויך גערעדט דער יעקב, וואָס מיט אים, — מיט יוספן, — האָט אים פאַרבונדן אַ טאָפּלטער טראַגיזם. פריער, בעת יעקב האָט אָנגענומען אַז אַ בייזע חיה האָט יוספן פאַרצוקט, און ביים סאַמע סוף פון זיינע טעג, בעת ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די „בייזע חיה“ איז גאָר געווען די קריג פון די ברידער, — דער המשך פון זיין אייגענער קריג מיט עשון.

ער בענטשט יוספן און זיינע צוויי זין, אָבער אינמיטן דערמאָנט ער זיך אין רחלען און ער זאָגט: „און איך, אַז איך בין געקומען פון פּדן, איז מיר געשטאָרבן רחל אין לאַנד כנען אויפן וועג, ווען סע איז נאָך געווען אַ שטרעקע לאַנד קיין אפרת. און איך האָב זי דאָרט באַגראָבן, אויפן וועג קיין אפרת, דאָס איז בית לחם.“ מערקווירדיק איז דאָ די קינסטלערישע זייט פון דער דערציילונג: פריער בענטשט יעקב יוספס צוויי זין, דערנאָך פאַלט ער אַריין אין דער דערמאָנונג פון רחלען און דערנאָך פרעגט ער יוספן: „ווער זענען די דאָזיקע?“ ער איז געווען באַהערשט פון דער דערמאָנונג, ער דערקענט נישט יוספס זין. אין דעם קליינעם פּרט האָט די חומש־דערציילונג אויפן בילדלעכסטן אופן איבערגעגעבן יעקבס געמיט, זיין רחל־איבערלעבונג אין אויסלעש פון זיין לעבן.

דראַמאַטישער און פולער, ווי דעם טויט פון אברהמען און יצחקן, באַ־שרייבט דאָס חומש יעקבס טויט. נאָר נאָך איין טויט איז אַזוי דראַמאַטיש באַשריבן — משהס טויט. די דראַמע פון יעקבס טויט איז נישט נאָר דער לעצטער פאָרהאַנג איבער אַ דראַמאַטישן לעבן, זי איז אויך דער אָנהייב פון אַן אַנדער דראַמע, — די דראַמע פונעם יידישן פאָלק. יעקב, וואָס די אויגן זיינע „זענען געווען טונקל פון עלטער,“ האָט פאַרן טויט געזען די לעצטע וויזיע, וואָס איז דורכאויס דורכגעלויכטן מיטן פאָלק־באַוואוסטזיין, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך.

מיר זעען אָבער, ווי אפילו אין דער ריינער פאָלק־וויזיע איז יעקב יחידיש־ליריש, ווי דורך דער זעאונג פונעם „סוף פון די טעג“ זעט ער דאָס אייגענע אָפּגעגאַנגענע לעבן זיינס, דעם טרויער זיינעם און די איבערלעבונג צו יעדער איינעם פון זיינע זין.

יעקב רופט צונויף די זין אויף אַ פּאַטריאַרכאַליש־פּאַטאַסדיקן שטייגער: „קלייבט זיך צונויף און הערט, קינדער פון יעקב, און האָרכט צו אייער פּאָטער ישראל.״ דאָס חומש דערציילט נישט ווי יעקב איז געלעגן אויפן בעט, ווי ער האָט זיך אויפגעזעצט, בעת די זין האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אים. מיר מאָלן זיך אָבער אויס דאָס גראַנדיעזע פינאַלע בילד, ווי דער דורכגעליטענער און דורכגעלייטערטער יעקב אַנטפּלעקט פאַר די זין „דעם סוף פון די טעג״. די לעצטע סצענע אין דער יעקב־דערציילונג איז פאַר זיך אַליין אַ גרויס־קינסטלערישע שאַפונג, וואָס איז אפשר דער יסוד פון די גרויסע קלימאַקסן אין דער שפּעטערדיקער וועלט־דראַמע. דאָ איז אויך דאָ דער זין פונעם מענטשנס אויפלייז, דער טויט ווערט דאָ דערהויבן צו דער דראַמע פון אויפלייז, דער סוף פונעם מענטשן איז פאַרבונדן מיטן „סוף פון די טעג״.

די לעצטע רייד יעקבס זענען פול מיטן קלאַנג פון מעטאַל, דאָס בילד־לעכקייט זייערס וואַקסט אַריבער אַלע רייד, וואָס יעקב האָט גערעדט ביז איצט. דער סטיל איז אַן אַנדערער, דער אויסדרוק איז אַ קרעפטיקער, ער געשטאַלטיקט די זין סקולפּטוריש־באַוועגלעך, אַזוי אַז יעדער זון־שבט איז דערנאָך געבליבן מיטן סימבאָל וואָס יעקב האָט אַנגעצייכנט אין ווערטער. די איבערלעבונג יעקבס, צו יעדער זון באַזונדער, לויכט־אַרויס פון די אַנדערשדיקע רייד זיינע. איר שפּירט אין זיי יעקבס געמיט, זיי זענען דורכגענומען מיט די דערפאַרונגען זיינע.

ראובנען האָט ער נישט פאַרגעסן די זינד, וואָס „דו ביסט אויף דיין פאָטערס געלעגער אַרויף, דענסטמאָל האָסטו עס פאַרשוועכט״. ראובן, דער בכור, וועט דערפאַר נישט זיין דער ערשטער. ביי ראובנען נעמט יעקב צו די בכורה, אָבער ער וואַרפט זיך נישט אָפּ פון אים. אַז עס קומט צו שמעונען און לוין, איז דער וויטיק זיינער, און די בושה, אַזוי גרויס, אַז ער זאָגט: בסודם אל תבוא נפשי, בקהלם אל תחד כבודי, — אין זייער באַראָט זאָל נישט קומען מיין זעל, צו זייער צונויפזאַמל זאָל מיין כבוד נישט צושטיין. די מעשה שכם איז נאָך ביי אים די שווערסטע מאָראַלישע זינד, וואָס צוויי פון זיינע זין זענען באַגאַנגען. און יוסף איז ביי יעקבן נאָך אַלץ דער „פּירשט פון זיינע ברידער,״ רחלס ערשטער זון גיט ער נאָך אַלץ אַוועק די פולע ליבשאַפט זיינע.

ער „האָט אַריינגענומען זיינע פיס אין בעט, און איז פאַרגאַנגען, און איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק״ מיט דער פרישקייט פון ליבשאַפט צו רחלען, ווי אין די ערשטע טעג וואָס ער איז געקומען צו לבנען און זי דערקענט.

פול מיט פייערלעכקייט, מיט פּאַטאָס און דראַמאַטיזם איז יעקבס טויט. דער טויט צייכנט־אָן די פינאַלע שטריכן, וואָס פאַרגאַנצט דאָס גרויסע געשטאַלט פונעם בחיר האָבות.

רות — די מואבערין

רות לייענט מען שבועות, אינעם יום־טוב פון מתן תורה. מיט וואָס האָט די מואַבערין זוכה־געווען צו אַזאַ גדולה? פאַרוואָס קומט איר דער כבוד, אַז איר נאָמען זאָל זיין פאַרבונדן מיט דער גרעסטער גייסטיקער געשעעניש אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק? פאַרוואָס איז די דערציילונג וועגן איר צוגעהעפט געוואָרן צו דער געטלעכער מיסטעריע פון די קולות וברקים אויפן באַרג סיני? זי איז געווען נישט מער ווי אַ פּשוטע טאָכטער פונעם לאַנד מואב און קיין גרויסע קרבנות פאַר יידישקייט האָט זי נישט געבראַכט.

פאַר שיר השירים, וואָס מע זאָגט פסח, איז דאָ אַ פאַרענטפערונג: ערשטנס, דער געהויבענער סטיל, דאָס פריש־פרילינגדיקע געמיט, די בילדער־רייכקייט. שיר השירים איז דאָס גרויסע געזאַנג פון ליבע, וואָס באַלייט דעם יום־טוב פון אידישער באַפרייאונג. אין דער באַפרייאונגס־דראַמע זינגט זיך אַריין די שולמית־שלמה ליבע, — אַ ליבע, וואָס פאַרמאָגט אין זיך דראַמאַטיזם און דערצו נאָך טראָגט זיך פון איר דער אַראָמאַט פון דער שיינער, רייכער ירושלים.

צווייטנס, האָט שיר השירים אַ גרויסן יחוס, די מסורה האָט „דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען" צוגעשריבן צו שלמהן, — דעם מלך בן מלך. אָבער אפילו מיטן פיינעם יחוס האָט די יידישע טראַדיציע פאַרוואַנדלט שיר השירים אין אַ סימבאָל פון דער ליבע צווישן דער כנסת ישראל און דעם בורא עולם, נישט גלאַט אַ פּשוטע, מענטשלעכע ליבע. „דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען" האָט געדאַרפט פריער געהייליקט ווערן, כדי עס זאָל ראוי־זיין צו באַלייטן דעם יום־טוב פון יידישער באַפרייאונג. דער פּירוש האָט שיר השירים געגעבן בירגער־רעכט אין דער טראַדיציע אונדזערער.

קהלת, ווידער, וואָס מען זאָגט סוכות, איז אויך דורכגעוועבט מיט שלמה המלכס זיידענע יחוס־פעדעם. די פילאָסאָפיש־סקעפּטישע פּאָעמע דאַרף זיין דער נאָכזומערדיקער אַקאָרד פון אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט אַ פול לעבן, — אַ מענטש, ווי שלמה המלך, וואָס האָט אויסגעשעפּט ביזן גרונט דאָס נאַציאָנאַלע שליחות זיינס, דאָס רעליגיעזע און דאָס יחידישע. קהלת איז די אינערלעך־פילאָסאָפישע דראַמע פון אַ מענטשן, זי איז אין גייסט פון אַלע גרויס־היסטאָרישע פיגורן ביי יידן. משה האָט געענדיקט דאָס פולע, דראַמאַטישע לעבן זיינס מיט ואתחנן, מיט שטיין אויף דער שוועל פונעם צוגעזאָגטן לאַנד און נישט אַריינקומען אין דעם. דודס לעבן איז געווען פול מיט דראַמע און אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט זיך דער אַלטער, מידער מלך געדאַרפט ראַנגלען קעגן אדניהן, וואָס האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן אים.

שלמהס לעבן איז געווען פול מיט דערגרייכונגען, אָבער עס איז דורכגעגאַנגען רואיק, אָן דראַמאַטישע צוזיפשטויסן. די אגדתא האָט געמוזט

געפינען אַ דראַמאַטישן עפּיזאָד, — זיבן יאָר פאַרוואָרפנקייט, קאַמף מיטן אשמדאי, דאָס סימבאָלישע געשריי אין דער פרעמד „אני שלמה״. די מסורה האָט אים געגעבן אַן אינערלעכע דראַמע, — די קהלת־איבערלעבונג, — און ער איז נישט געבליבן איזאָלירט צווישן די גרויסע תנ״כישע געשטאַלטן. די גייסטיקע דראַמע פון דעם פול־אויסגעשעפּטן שלמה־לעבן פּאַסט זיך אַריין אינעם חג האָסיף: אינעם יום־טוב פון מאַטעריעלער פולקייט, אין דער האַרבסטיקייט, דאַרף זיך דער ייד פאַרטראַכטן איבערן תכלית פון לעבן.

קומען מיר צו רות, זעען מיר, אַז דער דוד המלך־יחוס איז אין איר אַן אומגעריכטער. ביים סוף ערשט ווערט דערציילט, אַז רות האָט געבוירן עובדן און אַז עובד איז ישיס פאָטער און ישי איז דודס פאָטער. אין אַלע תנ״ך־דערציילונגען איז דער יחוס דאָ באַלד ביים אָנהייב, ער איז אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן אין דער דערציילונג. אין רות איז דער דוד המלך־יחוס ווי אַ מין צוגאָב, ווי דער שרייבער וואָלט זיך צום סאַמע סוף דערמאָנט, אַז ער דאַרף די דערציילונג באַרעכטיקן. מיט וואָס־זשע פאַרט האָט רות זוכה געווען צו אַזאַ דערהויבענעם אָרט אין אונדזער יום־טוב טראַדיציע? ווייזט־אויס, אַז גראָד דאָס פשטות פון דער דערציילונג, די שטילע פרומקייט אירע, דאָס מענטשלעכע עניוות זענען בייגעשטאַנען דער טאָכטער פון מואָב, אַז זי זאָל פאַרקניפּט און פאַרבונדן ווערן מיט די טעג פון סיני.

רות איז די איינציקע מגילה, וואָס דערציילט פון אַ רואיק לעבן אין יהודה, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין אויפטרייסלענדיקע פאַסירונגען, וואָס אפילו דער טויט איז אין איר אויך אַ מילדער. די דערציילונג ווערט גערופן אויפן נאָמען פון דער מואָבערין, אָבער די דראַמאַטישע פיגור איז גאָר נעמי, זי איז גאָר די דורכגעליטענע, די דורכגעווייטיקטע. נאָר אַזוי ווי נעמיס גורל איז דורך איר ליידן צו דערפירן צום קלימאַקס, — צו דער מואָבערינס איבערגאַנג צו יידישקייט, — איז איר ראָל נאָר אַן עפּיזאָדישע, רות ווערט די צענטראַלע פיגור פון דער דערציילונג.

כאָטש רות איז נישט קיין היסטאָרישער עפּיזאָד אין דער יידישער געשיכטע, גיט אונדז אָבער די דערציילונג אַ היסטאָרישן אַריינבליק אין דעם לעבנס־שטייגער פון יענער צייט. דער געבוי פון דער דערציילונג איז אַ קינסטלעריש־אויסגערעכנטער, דער נאַראַטיוו איז אַ דירעקטער, איין עפּיזאָד בינדט זיך מיטן אַנדערן, איז אַריינגעמויערט אין דער סטרוקטור, ווי ציגל אין אַ בנין.

דער לעבנס־שטייגער פון יענער צייט ווערט אין רות געמאָלן אין קורצע שטריכן, אָבער אַזוי קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ גאַנץ, אַן אויסגעפּורעמט בילד. בית לחם אין יהודה איז געווען אַ דאָרפישער ישוב, אָבער צווישן די איינוואוינער זענען געווען רייכע פריצים, וואָס האָבן זייערע פעלדער באַאַרבעט מיט „נערים״ און „נערות״, — מענער און פרויען פעלד־אַרבעטער.

ווי עס ווייזט־אויס, זענען די „נערים״ נישט געווען צו אָפּגעהיט אין

זייער מאַראַל, וואָרים אַז בועז געפינט רותן ביי זיך צופוסנס, זאָגט ער איר: „ברוכה את לה' בתי; היטבת חסדך האחרון מן הראשון, לבלתי לכת אחרי הבחורים, אם דל ואם עשיר," — געבענטשט זאָלסטו זיין פון גאָט, מיין טאָכטער; דיין לעצטע גוטסקייט האָסטו געטאָן נאָך שענער פון דער ערשטער, וואָס דו ביסט נישט געגאַנגען נאָך די בחורים, צי אָרעם, צי רייך. נאָך פריער האָט נעמי פאַרזאָגט רותן, אַז זי זאָל אַרויסגיין מיט בועזעס מיידלעך, כאָטש רות האָט איר דערציילט, אַז ביים קלייבן די זאַנגען, האָט זי זיך געהאַלטן מיט די יונגען. מיר זעען אויך, אַז ביי דער אַרבעט אין פעלד זענען די יונגען געווען אָפּגעטיילט פון די מיידלעך, געאַרבעט באַזונדער. אָט דער פּרט איז אַן אָנווייז אויף דער צניעות, וואָס דער מחבר וויל אַרויסברענגען.

ווייטער האָבן מיר פאַר זיך אַ רעאַליסטיש בילד ווי די פּויערים האָבן געגעסן אין יענער צייט. בועז זאָגט רותן דעם ערשטן טאָג וואָס זי קומט קלייבן אויף זיין פעלד: „אין דער צייט פון עסן קום־צו אַהער און וועסט עסן פון דעם ברויט, און וועסט איינטונקען דיין ביסן אין זויערס." דאָס „זויערס" איז מסתמא געווען אַ מין געזייערטע תבואה. אַז זי איז דערנאָך געזעסן ביי דער זייט פון די שניטערס, האָט מען איר דערלאַנגט געבראָטענע זאַנגען, און נישט געקאַרגט, וואָרים „זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן און האָט נאָך איבערגעלאָזט". דאָס „איבערגעלאָזטע" האָט זי דערנאָך געבראַכט נעמין אַהיים און יענע האָט זיך אויך אָנגעגעסן.

שניטצייט זענען אַלע געשלאָפן אויפן פעלד, אפילו דער רייכער גוט־באַזיצער אַליין, בועז, איז אויך געשלאָפן אויפן פעלד. דער שרייבער האָט אפילו געדענקט אונדז צו ווייזן וואו בועז איז געשלאָפן: „בקצה הערמה", — אויפן עק פון דעם תבואה־הויפן. די נעכט זענען, ווייזט־אויס, געווען קילע, בועז האָט זיך געדאַרפט צודעקן, און אַז רות איז געקומען „בלט", — שטילער־הייט, — זיך צו לייגן ביי אים צופוסנס, האָט זי געדאַרפט אויפהייבן דעם צודעק.

דאָס בילד פאַרן טויער אין בית לחם האָט דער שרייבער געמאָלן אַזוי פּרעציז, ווי די אַנדערע, אָבער מיט קינסטלערישער פולקייט. מיר דערוויסן זיך, אַז פאַרן טויער פון שטאָט האָט מען געפירט אַלע עסקים און אַז די מאָראַליש־רעליגיעזע ענינים זענען אויך געקומען צו די עלטסטע פאַרן טויער. מיר לערנען אויך, אַז די פירונג איז געווען אַ דעמאָקראַטישע, אַז בועז האָט געוואָלט באַקרעפטיקן דעם „אויסלייז" פון אלימלכס שטיק פעלד און פון רותן, האָט ער פאַר דער צערעמאָניע גערופן מענטשן, וואָס ער האָט זיי געוואָלט, נישט וואָס זענען פון פריער געווען באַשטימט פאַר אַזעלכע ענינים. דאָס איז געווען אַ מין איינפיר, ווי ביי יידן אין אונדזערע צייטן, — אין אַ סכסוך האָט איין צד געזאָגט: „לאָמיר זיך פאַרלאָזן אויף מענטשן." בועז, ביים טויער אין בית לחם, אַז ער האָט געהאַט דעם סכסוך מיטן „גואל", האָט זיך „פאַרלאָזט אויף מענטשן".

די דערציילונג הייבט זיך אָן מיט „ויהי רעב בארץ,״ — און ס'איז געווען אַ הונגער אין לאַנד. דער הונגער איז אין תנ״ך אַ מאָטיוו, וואָס פון אים הייבן זיך אָן צו קייטלען געשעענישן. נאָך אברהם איז געגאַנגען קיין מצרים דערפאַר, וואָס אין לאַנד איז געווען אַ הונגער. ביי יעקבן האָט דער הונגער אין לאַנד דורכגעפירט אַן אַנטשיידנדיק שליחות: יעקב האָט געשיקט זיינע זין קיין מצרים צו קויפן תבואה און זיי האָבן דאָרטן געפונען דעם פאַר־לוירענעם ברודער זייערן, יוספן. איבערן הונגער האָט יעקב אַליין אַראָפּ־געניידערט קיין מצרים, זיך באַזעצט אין גושן, און פון דעמאָלט הייבט זיך אָן דאָס קאַפּיטל גלות מצרים. אלימלך מיט נעמין און זייערע צוויי זין, מחלון און כליון, זענען איבערן הונגער אין לאַנד אַוועק קיין מואָב.

אלימלך איז געשטאָרבן, מחלון און כליון האָבן גענומען מואָבערינס פאַר ווייבער און זענען אויך געשטאָרבן, — „ותשאר האשה משני ילדיה ומאישה״ — די פרוי איז געבליבן אָן אירע צוויי זין און אָן איר מאַן. אין עטלעכע ווערטער ווערט דאָ איבערגעגעבן דער גרויסער צער פון דער פרוי. ווי אַ קינסטלער, פאַרשטייט דער שרייבער, אַז נישט דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן וואָס נעמי האָט איבערגעלעבט, דאָ איז געגוג נאָר אַיין אָנוואונק, ביים צוריקקער קיין בית לחם וועט דער צער אירער קומען צום פולסטן אויסדרוק.

אַז נעמי קערט זיך אום קיין בית לחם, וואָרים „זי האָט געהערט אין שדה־מואָב, אַז גאָט האָט זיך דערמאָנט אין זיין פאָלק, זיי צו געבן ברויט,״ גייען איר ביידע שניר נאָך. דאָ ווערט נעמיס צער פאַרטיפט, — דער עלנט פון אַ פרוי, וואָס לעבט־איבער דאָס באַוואוסטזיין, אַז זי „האָט שוין נישט קיין זין אין איר לייב״. נעמי איז קלוג אין איר צער, בעת זי זאָגט צו די מואָבישע שניר: „קערט זיך אום, טעכטער מיינע, וואָרים איך בין צו אַלט צו האָבן אַ מאַן. לאָמיר שוין זאָגן, אַז איך האָב אַ האָפענונג, אַז איך זאָל די נאַכט האָבן אַ מאַן, און זאָל געבערן זין, וועט איר דען אויף זיי וואַרטן ביז זיי וועלן גרויס ווערן?״ דער צער נעמיס איז קלוג, פול מיט פאַרשטענדעניש פאַרן מענטשן, דער עיקר פאַר דער פרוי.

דער מאָטיוו פון פרוי און מאַן איז אין דער דערציילונג דערהויבן צו דער העכסטער פשטות און ריינקייט. בעת בועז כאַפּט זיך אויף אינמיטן נאַכט און געפינט רותן ביי זיך צופוסנס, דערציילט דער שרייבער „ויחרד האיש וילפת״, — דער מאַן האָט אויפגעציטערט און זיך אויסגעדרייט. אין די גע־ציילטע ווערטער, — „דער מאַן האָט אויפגעציטערט,״ — גיט דער שרייבער איבער וואָס אַ מאַן דערפילט אינסטינקטיוו, ווען ער געפינט אַ פרוי לעבן זיך. געגעסן און געטרונקען האָט בועז, געגאַנגען שלאָפן איז בועז, אָבער אויפ־געכאַפּט אינמיטן נאַכט האָט זיך „האיש״ — דער מאַן. אין דעם דאָזיקן שפּראַכלעכן ניואַנס איז דאָ איידלקייט, נאָר צו דער אייגענער צייט ווערט אויך קלאָר אַרויסגעבראַכט, אַז בועז איז געווען אַ מאַן, מיט אַלע מענערשע אינסטינקטן.

אָבער דער מאָטיוו מאַן־און־פרוי איז אין רות אַ סך אַ העכערער, ווי נאָר אינסטינקט. מאַן־און־פרוי דאַרפן אויפשטעלן דורות, זייער גלוסטונג איינער צום אַנדערן טראָגט אין זיך אַ שליחות פאַר דער וועלט. די פרומע נעמי טראַכט נישט פון זיך, איר לעבן איז שוין „פאַרביטערט," זי טראַכט פון איר שנור, פון רותן, אַז זי זאָל נישט פאַרבלייבן אָן קינדער און זי זאָל פול מאַכן איר, נעמיס, ליידיקייט. באַלד, ווי ביי רותן איז געבוירן געוואָרן דאָס קינד עובד, האָט אים נעמי „אַריינגעטאָן אין איר שויס און זי איז אים געוואָרן אַ דערציערין". דורך דער שנור, דער מואַבערין רות, האָט נעמי אויסגעפילט איר אייגן לעבן אויף דער וועלט.

די צוויי מואַבערינס, ערפּאָ און רות, האָבן ביידע געוויינט בעת נעמי האָט זיי געהייסן זיך צוריקקערן אַהיים. ערפּה האָט אָבער נישט פאַרמאָגט די אינערלעכע גאַנצקייט וואָס רות, אויך נישט איר תמימות. זי האָט געוואוסט, אַז אין שדה־מואָב איז איר היים און דאָרטן וועט זי גיכער געפינען איר צווייטן באַשערטן, ווי אין דער פרעמדער בית לחם. ערפּה האָט זיך גוט אויסגעוויינט און זיך צעשיידט מיט נעמין. רות איז געבליבן. נעמי האָט מיט איר איינגעטענהט: „זע, דיין שוועגערין האָט זיך אומגעקערט צו איר פאָלק און צו איר גאָט, קער זיך אום נאָך דיין שוועגערין." פאָלק און גאָט זענען, הייסט עס, די צוויי וויכטיקסטע מאָמענטן פאַר אַ מענטשן, אַז ער זאָל נישט זיין אין דער פרעמד. נעמי ברענגט זיי אַרויס אין דער פולער קלאָרקייט, זי וויל מיט זיי ווירקן אויף רותן, אַז זי זאָל זיך אומקערן צוריק אַהיים, קיין שדה־מואָב.

דאָ וואַקסט־אויס רות צו איר פולער מענטשלעכקייט. ביז איצט דער־ציילט זיך נישט, אַז רות האָט שוין געטראָגן אין זיך די איבערלעבונג פון ישראלדיקן פאָלק און ישראלדיקן גאָט. רות האָט גענומען אויף זיך דעם יאָך פון פאָלק און גאָט דערפאַר, וואָס איר איידעלע נשמה איז געווען פול מיט רחמנות אויף דער פרוי, אויף נעמין, וואָס איז שוואַך געטראָפן־געוואָרן ביי איר אין לאַנד, אין מואָב. דורך דער ליבשאַפט צום געליטענעם מענטשן איז רות געקומען צו דער ליבשאַפט צו גאָט. זי ענטפערט נעמין: „בעט מיך נישט אַז איך זאָל דיך פאַרלאָזן, זיך אומקערן פון הינטער דיר, וואָרים וואוהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין, און וואו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן." ערשט דערנאָך, אַז זי האָט שוין פול אַרויסגעזאָגט איר געטריישאַפט צו נעמין, זאָגט זי ערשט: „דיין פאָלק איז מיין פאָלק, און דיין גאָט איז מיין גאָט."

די באַהעפטונג רות'ס איז קודם געווען אַ ריין־מענטשלעכע און דערמיט איז איר געשטאַלט אַזוי גרויס. אין איר געטריישפט און אינערלעכער גאַנצ־קייט טוט זי אַלצדינג וואָס נעמי הייסט איר, זי פרעגט נישט אָפּ, זי נעמט אויף זיך דעם יאָך צו שפּייזן נעמין, צו גיין אין פרעמדן לאַנד קלייבן זאַנגען, וואָס די שניטערס לאָזן איבער, צו ברענגען נעמין וואָס איר איז איבערגעבליבן פונעם מאָלצייט אויפן פעלד. און אַז נעמי הייסט איר זיך גיין לייגן ביי בועזן

צופוסנס, פרעגט זי ווידער נישט אָפּ, כאָטש זי איז אַ פרומע נשמה, אַ מאָראַליש־אָפּגעהיטע.

רות איז די קלאַסישע דערציילונג פון מענטש־געטריישאַפט און מענטש־ערלעכקייט. די פשוטע טאָכטער פון מואָב האָט אַוועקגעשטעלט דעם קלאַסישן מוסטער פון געטריישאַפט: „כי המוות יפריד ביני ובינך,״ — האָט זי געזאָגט נעמין, — נאָר דער טויט וועט צעשיידן צווישן מיר און דיר. דוד האָט אויף יהונתנס טויט געזאָגט: „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו.״ ביי דודן איז אָבער דער זאָג געווען אַ פּאָעטישער, און וועגן דער געטריישאַפט פון אַנדערע. ביי רותן איז עס געווען פּערזענלעכע איבערלעבונג, אויף זיך אַליין האָט זי געטראָגן דעם יאָך פון געטריישאַפט.

אין דער פיינלעכער היסטאָרישקייט אונדזערער וואַקסט רות אויך אויס ווי דער סימבאָל פון יידישער גייסטיק־נאַציאָנאַלער ברייטקייט. דעם שענסטן, דעם דערהויבנסטן און מאָראַליש־ריינסטן פרויען־טיפּ אין תנ״ך האָבן מיר גענומען פון אַ פרעמדן פאָלק. מיר האָבן איר מענשלעכע ריינקייט געשטעלט העכער פון נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט. און נישט נאָר האָט רות זוכה געווען צו פאַרנעמען אַ באַזונדערע מגילה, נאָר זי איז נאָך צוגעהעפט־געוואָרן צו מתן תורה. איז אַ חוץ דער דערציילערישער שלימות פון רות, אַ חוץ דער טיפער מענטשלעכקייט אין דער דערציילונג, איז זי נאָך דער אויסדרוק פון יידישער וועלט־מאָראַל.

דער נביא און דער מלך

די עפּאָכע פון שופטים באַשרייבט דאָס שופטים־בוך טרוקן, אָן פּאַטאָס, אָן פאַרב. מיר שפּירן נישט אין דער דערציילונג די קינסטלערישע הנאה פונעם שרייבער, דעם ציטער זיינעם, דעם דראַנג נאָכן געהויבענעם וואָרט. דער שרייבער פונעם שופטים־בוך האָט אפשר געטריי פאַרצייכנט די כראָניק פון דער עפּאָכע, אָבער אָן פאַנטאַזיע. אים אַליין איז, ווייזט־אויס, די שופטים־עפּאָכע נישט געווען שטאַרק אָנגעלייגט, ער האָט געוואָלט מיט איר פאַרטיק־ווערן וואָס גיכער, כדי צוצוקומען צו שמואלן, שאולן און דודן. מיר האָבן אין שופטים־בוך אַ פּאָר דערציילונגען, וואָס גיבן אַ שיין מיט זייער דראַמאַ־טיזם, אָבער זיי זענען אויך נישט פון גרויסן פאַרנעם, זיי פאַרמאָגן נישט אין זיך די פולקייט און לויטערקייט ווי די חומש־דערציילונגען, אפילו ווי דאָס יהושוע־בוך. זיי זענען עפּיזאָדיש, די געשטאַלטן זענען קינסטלעריש נישט געפורעמט, נישט אויסגעוואָרעמט. אויפן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע האָבן די שופטים־געשטאַלטן נישט געווירקט, זיי האָבן אויך גאָרנישט צו־געטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן געדאַנק, צו דער אויסלייטערונג פון דער איין־גאָט אידייע.

אינעם שופטים־בוך זענען דאָ פיר געשטאַלטן, — דבורה, גדעון, שמשון און יפתח. פון דבורהן איז געבליבן דאָס געזאַנג פון נצחון איבער סיסראַן. פּאָעטיש איז אָז ישיר אַ סך בילדלעכער, קרעפטיקער און אפילו אוניווער־סאַלער. אין אָז ישיר איז דער לויב דורכאויס צו גאָט, בעת אין דבורהס געזאַנג איז שוין דאָ לויב אויך פאַר איר, דבורהן, — חדלו פרזון בישראל, חדלו, עד שקמתי דבורה, עד שקמתי אם בישראל. ביז איר, הייסט עס, זענען מער קיין פירער נישט געווען אין ישראל, איז זי אויפגעשטאַנען, — אַ מוטער אין ישראל. ווייטער וואַקסט איר זינגעריש באַוואוסטזיין נאָך העכער: עורי, עורי, דבורה, עורי, עורי, דברי שיר.

דער יחידישער ווענד אין דבורהס געזאַנג איז ניי לגבי משהס אָז ישיר, אָבער דער אָדע־נוסח ווערט דערפון אָפּגעשוואַכט. אַ חוץ דעם איינציקן געזאַנג האָט דאָס דבורה־געשטאַלט נישט איבערגעלאָזט קיין באַדייטנדיקן שפּור פון זיך. דער שרייבער פונעם שופטים־בוך האָט דאָס געשטאַלט איר׳ס נישט אויפגעבויט. ווי אַ שטורעם־פויגל פליט זיך דורך און פאַרשווינדט.

דאָס צווייטע געשטאַלט אין שופטים, גדעון, פאַרמאָגט שוין מער פאַרנעם, אָבער אויך גדעון איז עפּיזאָדיש געצייכנט און, דער עיקר, ער וואַקסט נישט אידייאיש. אין איין מאָמענט נאָר, בעת ער זאָגט, אַז נישט ער און נישט זיינע קינדער נאָך אים וועלן נישט קיניגן איבער ישראל, גיט ער אַ בליאַסק מיט אידייאישער פעסטקייט. פון דער קורצער גדעון־דערציילונג שאַפט זיך ביי אונדז אַ קלאָר בילד, ווי די יידן האָבן דאַמאָלסט געלעבט, ווי זיי האָבן זיך

געדאַרפט באַהאַלטן אין די היילן, ווי די אַרומיקע פעלקערשאַפטן זענען אָנ־געפאַלן אויף זייערע פעלדער און גערטנער און זיי אויסגערויבט. דאָס דאָזיקע רעאַליסטישע בילד איז דאָס איינציקע, וואָס עפנט אונדז אַ שפּאַרונע אַריינ־צוקוקן אין דערווירקלעכקייט פון דער שופטים־עפּאָכע, ווען די בני ישראל זענען שוין געווען אין כנען, אָבער די אַלטגעזעסענע פעלקערשאַפטן האָבן נאָך אויף זיי געלויערט. פון דער גדעון־דערציילונג איז אונדז געבליבן יותמס פּאָעטישער משל, ווי דיביימער האָבן געוואָלט אַ מלך איבער זיך. דער אויס־פיר, ווי דער דאָרנבוים וויל זיך לאָזן קרוינען, איז מאָראַליש ווירקעוודיק דורך אַלע דורות.

די שמשון־דערציילונג איז קינסטלעריש פול, אָבער מיר קענען חושד־זיין, אַז זי איז באַווירקט פון דער מיטאָלאָגיע צווישן די אַנדערע פעלקער־שאַפטן. דער געדאַנק, אַז דעם מענטשנס גבורה זאָל זיך נעמען פון די האָר, וואָס ער שערט קיינמאָל נישט אָפּ, איז פרעמד דעם יידישן גייסט. מיר קענען זיך אויסמאָלן, אַז די בני ישראל, וואָס האָבן דאַמלסט געלעבט אויסגעמישט מיט די געצנדינערישע פעלקערשאַפטן, האָבן די שמשון־מעשה געשאַפן אויפן מוסטער פון דער פרעמדער מיטאָלאָגיע, נאָר זי באַפּאַרבט מיט אייגענע פאַרבן. ליבשאַפט פונעם מאַן צו דער פרוי, אפילו גלוסט צו דער פרוי, איז נישט פרעמד דעם תנ״ך. שמשונס ליבשאַפט אָבער צו דלילהן איז פרעמד דעם תנ״כישן גייסט, וואָרים זי איז דורכאויס פיזיש. אפילו דער גרויס־קינסט־לערישער פינאַל פון דער שמשון־דערציילונג, דער „תמות נפשי עם פלישתים״, איז נישט אין נוסח פון תנ״כישער העלדישקייט. אַלע גרויסע תנ״כישע געשטאַלטן ווערן „איינגעזאַמלט צו זייער פאָלק,״ דער טויט אין תנ״ך איז נישט קיין אַקט פון גבורה.

פון גאָר אַן אַנדער שניט איז דאָס יפתח־געשטאַלט. יפתח איז אויך געווען אַ גיבור, אָבער זיין גבורה איז געווען מער אַ גייסטיקע ווי אַ פיזישע. דאָס יפתח־געשטאַלט פאַרמאָגט אויך מיטאָלאָגישע שטריכן, ווי זיין נדר צו ברענגען אַ קרבן דעם ערשטן וואָס וועט אים אַרויסקומען אַנטקעגן פון זיין שטוב, בעת ער וועט זיך אומקערן פונעם נצחון איבער די שונאים. די גאַנצע דערציילונג אָבער איז אין גייסט פונעם חומש און דעם ספר יהושוע. דער עפּיזאָד פון זיין טאָכטער, וואָס איז די ערשטע אים אַרויסגעקומען אַנטקעגן, מיט געזאַנג און טאַנץ, איז אַ טונקעלער, דער שרייבער דערציילט אונדז אַפילו נישט, צי יפתח האָט זי געבראַכט, צי דער קרבן איז גאָר געווען וואָס „והיא לא ידעה איש״, — און זי האָט פון קיין מאַן נישט געוואוסט. כאָטש יפתח האָט אין זיין נדר געזאָגט, אַז ער וועט ברענגען דעם ערשט־אַרויס־געקומענעם פאַר אַ קרבן עולה, קענען מיר אָבער טראַכטן אַז דער קרבן אירער איז געווען וואָס „זי האָט פון קיין מאַן נישט געוואוסט״, וואָרים פריער דערציילט זיך, אַז זי און אירע חברטעס זענען אַוועקגעגאַנגען אויף צוויי חדשים אין די בערג און זי האָט באַוויינט איר בתולהשאַפט. נישט איר יונג

לעבן האָט זי באַווײַנט, נאָר איר בתולהשאַפט, וואָס קען אויך מיינען אַז זי האָט געוויינט אויף דעם וואָס זי וועט נישט וויסן פון קיין מאַן.

די שופטים־עפּאָכע איז געווען די דראַמאַטישסטע און טראַגישסטע אין דער יונגער געשיכטע פון די עברים, אָבער אין שופטים־בוך איז זי אַרויס־געבראַכט אָן פאַרב. סע איז געווען באַלד נאָך יהושוען, די עברים זענען ערשט אַרייַנגעקומען אין לאַנד, זיי האָבן זיך טאַקע מיטן לאַנד איינגעטיילט על־פּי גורל, אָבער די פעלקערשאַפטן, וואָס האָבן דאָס לאַנד באַוואוינט, זענען נאָך דאָרט געווען און האָבן געפירט אַ פאַר׳עקשנטע מלחמה קעגן די אַריינ־דרינגער. די עברים־שבטים זענען נאָך געווען צעשאָטן איבער די טיילן לאַנד, וואָס זענען זיי אויסגעפאַלן אין גורל, זיי האָבן ביסלעכווייז אָנגעוואוירן דעם צונויפבונד צווישן זיך. איין שבט האָט אַמאָל געהאָלפן דעם אַנדערן, נאָר צום רוב האָבן זיי גאָרנישט געקענט צוקומען איינער צום אַנדערנס גרעניצן. אַ שבט, וואָס האָט געלעבט רואיק אויף זיין נחלה, האָט זיך צונויפ־געמישט מיט די פריערדיקע באַוואוינער און איבערגענומען ביי זיי די מנהגים און דאָס געצנדינערייַ. די עברים אין דער שופטים־עפּאָכע האָבן זיך פון איין זייט געראַנגלט מיט די פעלקערשאַפטן און פון דער צווייטער זייט — מיט דער גאָט־איבערלעבונג, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פון דער מדבר און וואָס דאָ איז זי צעריבן געוואָרן פון דער אַרומיקער געצנדינערייַ.

דאָס שופטים־בוך גיט נישט איבער דעם פּאַטאָס פונעם דאָזיקן געראַנגל. פאַרוואָס? דער תנ״ך איז געבויט אַרום גרויסע געשטאַלטן, וואָס האָבן געלייגט זייער חותם אויפן יידישן גייסט און דער געשיכטע. אויף דער קאַנווע פונעם געשטאַלט וועבט דער תנ״ך אויס געשעענישן, וואָס זענען דורכ־געשפּונען מיט אוניווערסאַלע אידייען, מיט גאָט־געדאַנקען און עטישע פּרינ־ציפּן. דער מענטש דאַרף איבערלעבן די געשיכטע און אירע אידייען. אַזוי דורך אברהמען, יצחקן, יעקן, משהן און אַפילו יהושוען, וואָס איז אַליין נישט געווען קיין גרויס געשטאַלט, אָבער ער האָט נאָך געטראָגן אויף זיך משהס שיין.

די שופטים־עפּאָכע, ווי יעדער עפּאָכע פון רעקאָנסטרוקציע, נאָך אַ געשיכטלעכער רעוואָלוציע, האָט קיין גרויסע פיגורן נישט אַרויסגעגעבן. די פיר געשטאַלטן, וואָס זענען דאָ אין שופטים, זענען נישט געווען קיין אַנט־שיידנדיקע אינעם יידישן געשיכטלעכן גאַנג. דער תנ״ך, — דער פורעמער פון אייביקע געשטאַלטן, — האָט אין דער שופטים־עפּאָכע נישט געפונען דעם אַנהאַלט פאַר זיין גרויס־שעפערישקייט, ער האָט נישט געהאַט דאָס גרויסע געשטאַלט, וואָס ער זאָל קענען אויספורעמען דערציילעריש, אידייאיש און געדאַנקלעך.

איז בעת די שופטים־עפּאָכע איז געווען פול מיט דראַמאַטיזם, ווערט אין תנ״ך איר דראַמאַטיזם נישט אַרויסגעבראַכט דערפאַר, וואָס די עפּאָכע האָט נישט פאַרמאָגט קיין איין צענטראַלע פיגור, וואָס אויף אירע גייסטיקע פּלייצעס זאָל דער תנ״ך די עפּאָכע אויפבויען.

מיר זעען דערפאַר, אַז דאָס שופטים־בוך איז ווי אַן איבערגאַנג צו די שמואל־ביכער, וואו די גרויסע געשטאַלטן ווערן ווידער געפורעמט.

דער געהייליקטער צו גאָט

שמואל איז געווען געהייליקט צו גאָט. דאָס איינציקע געשטאַלט אין תנ״ך, וואָס די נבואה קומט צו אים נישט ווי אַן אַנטפּלעקונג, נאָר פאַרן געבוירן־ווערן איז ער באַשטימט פאַרן שליחות הקודש. באַלד ווי חנה, — די געשטראָפטע מאַמע וואָס האָט אים אויסגעבעטן ביי גאָט, — אַנטוויינט אים, ברענגט זי אים צו עלי הכהן, אין משכן שילה, אַז ער זאָל אינגאַנצן זיין אָפּ־געגעבן צו גאָט־דינשאַפט. ער וואַקסט מיטן באַוואוסטזיין פון אַ שליחות און נזירות. ער לעבט אונטער איין דאַך מיט עלין, אין אַ שטרענגער סביבה, אַן משפחהדיקער וואַרעמקייט, אין קינדערישן עלנט. זיין קינדערשע וועלט איז דער מזבח און דער קרבן, די כהונה און די לוחות הברית. עלי, דער אַלטער כהן, פורעמט־אויס שמואלס כאַראַקטער, אָבער נאָכמער איז ער אויס־געפורעמט פונעם באַוואוסטזיין, וואָס חנה האָט אין אים איינגעפלאַנצט פון קינדוויַיז־אָן.

צו די אַנדערע נביאים האָט זיך גאָט באַוויזן אין זייערע דערוואַקסענע יאָרן. זיי האָבן אַנטפּלעקט אין זיך דאָס נביאישע פייער מיט אומרו, מיט אינערלעכער אויפטרייסלונג. זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען אויף זיך דאָס נביאישע שליחות, זיי האָבן זיך געבעטן ביי גאָט אַז ער זאָל זיי נישט אָנ־געטרויען זיין וואָרט פון שטראָף און טרייסט. שמואל האָט זיך געגרייט צו דעם שליחות, ער איז געווען ווי אַ לערבייגל ביי דער נבואה. ער הערט גאָטס קול ייִנגלוויַיז, אינמיטן דער נאַכט, און כאָטש דריי מאָל דאַכט זיך אים אַז עלי רופט אים, נעמט ער אָבער דערנאָך אָן גאָטס אָנזאָג, פּרואווט נישט זיך אָפּבעטן ביי גאָט, ווי די אַנדערע נביאים. ער האָט געוואַרט אויף גאָטס קול, ער איז פּסיכיש געווען אָנגעשטעלט אויף דער געטלעכער אַנטפּלעקונג.

פון שמואלס נזירות, פון זיין געהייליקטקייט צו גאָט, פון די קינדערשע יאָרן אין עלנט, איז אַרויסגעוואַקסן דער שטרענגער נביא, דער בייזער שופט, דער קנאי וואָס מיט די אייגענע הענט צעשניידט ער הגגן אויף שטיקער. משה האָט אויך גע׳הרג׳עט אַ מענטשן, — דעם מצרי וואָס האָט געשלאָגן אַ יידן, — אָבער אין דעם מאָרד משהס איז געווען דאָס גרויסע רחמנות צום געפּייניקטן. אין שמואלס מאָרד איז געווען דורכאויס קנאות און כעס וואָס שאול האָט נישט מקיים־געווען אַלצדינג, וואָס ער האָט אים אָנגעזאָגט. משה האָט זיך געקענט אַליין פאַרזינדיקן פון זיין רחמנות אויף מענטשן, — שלאָגן דעם שטיין אַז יידן זאָלן טרינקען וואַסער. דער פאַרכמורעטער נביא שמואל האָט נישט געהאַט קיין מענטש־איבערלעבונג, נאָר עטישע פּרינציפּן און שטרענגן דין. באַלד ווי שאול האָט זיך פאַרזינדיקט, האָט ער אים אָנגעזאָגט אַז גאָט נעמט ביי אים צו די קעניגשאַפט. אָן דער מינדסטער פּשרה, אָן פאַר־

שטענדיקייט פאַרן מענטשן איז שמואל געווען. זיין נביאיש פייער איז געווען אַ קאַלטס, סע האָט געברענט, אָבער נישט געוואָרעמט. דעם מידת הדין פונעם איין־גאָט האָט ער אָנגענומען, אָבער נישט דעם מידת הרחמים.

ביי עלין האָט שמואל געזען ווי דעם כהנס צוויי זין זענען פול מיט זיבד, און אַז גאָט האָט גערעדט צו אים צום ערשטן מאָל, האָט ער אים אָנגעזאָגט פון דער שטראָף, וואָס ער וועט ברענגען אויף עליס הויז. דאָס ייִנגל שמואל האָט מורא־געהאַט אויסצוזאָגן וואָס ער האָט געהערט פון גאָט, אָבער איינ־דערפרי, אַז שמואל „האָט געעפנט די טירן פון גאָטס הויז", האָט אים עלי גערופן און זיך געהייסן דערציילן, — „זאָלסט נישט פאַרלייקענען פון מיר, איך בעט דיך". שמואל פאַרלייקנט נישט און דער פרומער עלי זאָגט: „ער איז ה', וואָס איז גוט אין זיינע אויגן, זאָל ער טאָן." פון איין זייט האָבן מיר דאָ עליס פרומע רעזיגנאַציע פאַר גאָטס שטראָף און פון דער צווייטער זייט — שמואלס פעסטקייט.

אין די מלחמות, וואָס שמואל האָט געפירט קעגן די פלישתים, איז דער שטאַרקסטער מאָטיוו ביי אים געווען אויסצוראָטן דאָס געצנדינערייַ פון צווישן די יידן. אין קרית יערים איז דער אָרון ה' געשטאַנען צוואַנציק יאָר, נישט אַלע יידן האָבן געקענט צוקומען אַהין, וואָרים די פלישתים האָבן אומעטום געלויערט. שמואל האָט, ווייזט אויס, געווירקט אויף די בני ישראל, אַז זיי זאָלן דערפילן אַ בענקשאַפט צום איין־גאָט, — אַ בענקשאַפט זיך צו באַהעפטן מיט אים דורך די לוחות הברית. דאַמאָלסט האָט זיי שמואל געזאָגט: „אויב איר קערט זיך מיטן גאַנצן האַרצן אום צו ה', טוט־אָפּ די פרעמדע געטער פון צווישן אייך, און די עשתרות", וועט זיי גאָט מציל־זיין פון די פלישתים. שמואלס שטרענגקייט האָט געזיגט, די בני ישראל האָבן אויסגעראָטן די פרעמדע געטער פון צווישן זיך, מיטן כח פון געריניקטער אמונה האָט ער זיי געפירט קעגן די פלישתים ביי מצפה. דער כח פון אמונה אין איין־גאָט איז בייגעשטאַנען די בני ישראל, זיי האָבן צעשלאָגן די פלישתים, אַנגעוואָרפן אויף זיי אַ פחד און זיך טיילווייז באַפרייט פון די שטענדיקע פלישתים־אָנפאַלן. שמואל האָט געמשפט אין ישראל דאָס גאַנצע לעבן זיינס, יאָר־נאָך־יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען איבער בית־אל, גלגל און מצפה, — ער איז געווען דער איינציקער פון די שופטים, וואָס האָט דורכגעפירט דאָס שליחות זיינס פול.

כדי מיר זאָלן צוקומען צום שאול־געשטאַלט, איז נייטיק צו באַטראַכטן נאָך איין עפּיזאָד פון שמואלס לעבן. דער נביא פון רמה, וואָס האָט געמשפט דאָס פאָלק מיט אַזאַ פעסטקייט און האָט זיך געהאַלטן ביי די ריינסטע עטישע פּרינציפּן פון דער אמונה, האָט אויף דער עלטער באַשטימט זיינע צוויי זין, — יואלן און אביהן, — פאַר שופטים. דאָס שמואל־בוך זאָגט, אַז „זיינע צוויי זין זענען נישט געגאַנגען אין זיינע וועגן, און זיי האָבן זיך אָפּגעבייגט נאָך געווינס, און האָבן גענומען שוחד, און פאַרדרייט דעם משפט". האָבן זיך די עלצטע פון ישראל צונויפגענומען און זענען געקומען צו שמואלן קיין

רמה און אים געזאָגט: „דו ביסט געוואָרן אַלט, און דיינע זין גייען נישט אין דיינע וועגן, טו־אַרויף איבער אונדז אַ מלך, אַז ער זאָל אונדז משפּטן אַזויווי אַלע פעלקער.״ דערפון זעען מיר, ווי גרויס שמואלס אָנזען איז געווען צווישן די בני ישראל, ווי אין זיינע הענט האָבן זיי איבערגעגעבן, אַז ער זאָל זיי געבן דעם מלך. מיר זעען אָבער אויך ווי שמואל האָט אויף דער עלטער אָפּגעניגט פון זיין מאָראַלישער פעסטקייט, וואָס איז געווען דער וועגווייזער ביי אים פון קינדווייז־אָן.

וואָס האָט שמואל געענטפערט? די זינד פון זיינע זין האָט ער פאַרשוויגן, ער האָט נאָר אָנגעשריגן אויף זיי פאַרוואָס זיי ווילן אַ מלך. אמת, די טענות זיינע קעגן דער מלך־סיסטעם זענען קלאַסישע, אין זיי איז אויסגעדריקט דער סאָציאַלער פּראָטעסט קעגן מאָנאַרכיזם, וואָס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג אידייאיש פריש. ער האָט אָבער פאַרט פאַרשוויגן די זינד פון די זין זיינע, ער האָט נישט געצערנט אויף זיי, ווי ער האָט געצערנט אויף עליס זין.

נאָכמער, ווייטער זאָגט שמואל צו די עלצטע: „האָב איך אַמאָל גענומען עפּעס פאַר זיך? האָב איך אַמאָל געמשפּט אַזוי, אַז מיר זאָל דערפון אַרויס־קומען גוטס?״ ביין, שמואל האָט עס קיינמאָל נישט געטאָן, אָבער ער האָט דאָך געמאַכט זיינע זין פאַר שופטים און זיי האָבן אָפּגעקערט פון זיין גערעכטן וועג. אַז שמואל רעדט מיט גאָט, זאָגט אים גאָט: „הער־צו דאָס קול פונעם פאָלק און אַלץ וואָס זיי זאָגן דיר; וואָרים נישט דיך האָבן זיי פאַראַכט, נאָר מיך האָבן זיי פאַרכט פון צו קיניגן איבער זיי.״ שמואל, הייסט עס, פאַר־ענטפערט דאָס אייגענע אומרואיקייט, ער געפינט אַ תירוץ, אַז די בני ישראל האָבן פאַראַכט גאָט, נישט אים, שמואלן, וואָס גיט־איבער דאָס שופטות צו זיינע זינדיקע זין.

פונעם דאָזיקן עפּיזאָד וואַקסט־אַרויס די גרויסע שאול־דראַמע.

שאול דער פּיטערער פון אייזלען

שאול איז אַרויסגעקומען פונעם שבט בנימין. ביי זיין פאָטער, קיש׳ן, האָט ער געפּיטערט אייזלען. ער איז געווען „יונג און שיין, און קיינער פון די קינדער אין ישראל איז נישט געווען שענער פון אים. פון זיין אַקסל און אַרויף איז ער געווען העכער פונעם גאַנצן פאָלק.״

דער יונגער שאול, ווי דער תנ״ך באַמאָלט אים, איז געווען באַשיידן, ער האָט זיך נישט געריסן צו גרויסקייט, ער האָט געלעבט אין זיין פאָטערס הויז פרידלעך, אַכטונג־געגעבן אויף די אייזלען און זיך געהאַלטן צוריק־געצויגן. אַז ביי קיש׳ן זענען די אייזלען פאַרפאַלן־געוואָרן, שיקט ער שאולן זיי אויפזוכן. דער יונגער אייזל־פּיטערער גייט־אַוועק אויף זיין גורלדיקן וועג אָן דעם מינדסטן איבערטראַכט, אַז מיט אים וועט געשען אַזוינס, וואָס וועט אים דערהייבן צו דער העכסטער מדרגה ביי זיין פאָלק און צו דער אייגענער צייט אים ברענגען אַזויפיל טראַגיזם. דער אייזל־פּיטערער, אַ גאַנצער מיט

זיך און מיט זיין גאָט, גייט איבער בערג, איבער טאָלן, דריי טעג איז ער שוין פאַרגאַנגען פון דער היים, און דער איינציקער איבערטראַכט ביי אים איז, וואָס דער טאַטע וועט זיך זאָרגן וואו ער איז אַהינגעקומען.

שאול וויל זיך שוין אומקערן אַהיים אָן די אייזלען, נאָר דער יונג וואָס איז מיט אים זאָגט אים, אַז אין דער נאָנטער שטאָט איז דאָ אַ „איש אלהים", וואָס וועט „אונדז אפשר זאָגן וועגן אונדזער וועג וואָס מיר גייען אויף אים". די וויטערדיקע באַשרייבונג, ווי זיי קומען אין שטאָט, ווי זיי באַגעגענען מיידלעך און פרעגן אויפן איש אלהים, ווי די מיידלעך זאָגן זיי, אַז ער גרייט זיך מקריב־צו־זיין, וואָרים קיינער וועט נישט עסן ביז ער וועט נישט ברענגען דעם קרבן, — אָט די באַשרייבונג איז די איינציקע אינעם שמואל־בוך, וואָס וויזט אונדז וויאַזוי שמואל האָט זיך געפירט, ווי ער האָט דורכגעפירט זיין שליחות אי ווי אַ כהן, אי ווי אַ שופט.

שאול ווייסט, אַז דעם „איש האלהים" דאַרף ער ברענגען אַ מתנה, ער פאַרמאָגט נישט גאָרנישט, „וואָרים דאָס ברויט איז אויסגעגאַנגען פון אונ־דזערע כלים". דער יונג, וואָס איז מיט אים, האָט אַ פערטל שקל זילבער, ער וועט עס געבן אַ מתנה דעם געטלעכן מאַן. שמואל וואַרט אויף שאולן, גאָט האָט אים נאָך פריער אָנגעזאָגט, אַז „מאָרגן אין דער צייט וועל איך דיר שיקן אַ מאַן פון לאַנד בנימין, זאָלסט אים זאַלבן פאַר אַ פירשט איבער מיין פאָלק". אַז שאול און זיין יונג זענען אַריינגעקומען אין שטאָט, איז זיי שמואל אַרויסגעקומען אַנטקעגן. דאָ הייבט זיך אָן דער ערשטער אַקט צו דער טראַגישער דראַמע פונעם ערשטן יידישן מלך. מיט אומוויסן פון זיין גורל איז שאול געקומען צו שמואלן, נישט מער ווי דעם טאַטנס פאַרפאַלענע אייזלען האָט ער געוואָלט געפינען, אָבער געפונען האָט ער דעם מזבח פון אַ מלוכה.

צווישן שמואלן און שאולן איז געווען אַ מיסטישער צונויפבונד. אין דעם שמואל־בוך געפינען מיר, אַז שמואל האָט אויך געהייסן שאול. די מאַמע זיינע זאָגט: „להנער הזה התפללתי, ויתן ה' לי את שאלתי, אשר שאלתי מעמו. וגם אנוכי הישאליהו לה'; כל הימים אשר היה, הוא שאול לה'." שמואל איז געווען אַ „שאול לה'" — אַן אויסגעעליענער צו גאָט. שאול, קיסש זון, איז אפשר אויך געווען פון די שאולים, — די אויסגעליענע. קיין ספק איז נישט, אַז שמואל האָט געוואוסט דערפון, ער האָט איבערגעלעבט דעם מיסטישן צונויפבונד מיט שאולן, — דער צונויפבונד פון „געליענע". שאול אָבער האָט דערפון נישט אָנגעהויבן צו וויסן. אַז שמואל זאָגט אים: „איך בין דער זעער, גיי־אַרויף פאַרויס פאַר מיר אויף דער במה, און איר וועט עסן מיט מיר היינט", רופט זיך שאול אָן: „איך בין פון די קלענסטע שבטים אין ישראל, און מיין משפחה איז פון די מינדסטע פון אַלע משפחות אין שבט בנימין, פאַרוואָס רעדסטו צו מיר אַזוינס ?"

דעם אַנדערן טאָג, ווי דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, האָט שמואל אַרויסגעפירט שאולן אויפן דאַך און אים געזאַלבט פאַר מלך איבער ישראל.

שאול האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט וואָס שמואל טוט מיט אים, שמואל האָט אים ערשט געדאַרפט אַ קוש־טאָן און זאָגן, אַז „גאָט האָט דיך געזאַלבט פאַר אַ פירשט איבער זיין אַרב״. נאָר אַפילו נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען אַ גע־זאַלבטער, איז נאָך אַלץ שאול נישט געווען ראוי איבערצונעמען די מלוכה. ערש, אַז ער קומט קיין בית אל, גייט־אַרויף אויפן „בערגל פון גאָט״ און טרעפט־אָן אַ בינטל נביאים, וואָס פאַר זיי גייען האַרפן און פויקן און פלייטן און גיטאַרעס, „באַגליקט אים דער גייסט פון גאָט״, ער זאָגט נביאות צווישן זיי און ווערט אַן אַנדער מענטש. דאָס בילד, ווי שאול איז צווישן די נביאים, גאָטס גייסט האָט אים „באַגליקט״ און ער זאָגט נביאות, פאַרמאָגט אין זיך אַ בפירושן אָפשפּעט פון אים. דאָס שמואל־בוך דערציילט, אַז די „אַלע וואָס האָבן אים געקענט פון נעכטן־אייערנעכטן און געזען ווי ער זאָגט נביאות מיט נביאים״, האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: „וואָס האָט געטראָפן מיט קישס זון? שאול איז אויך צווישן די נביאים?״ דער אָפשפּעט ווערט נאָך בולטער דערפון, וואָס צווישן פאָלק איז כלומרשט געבליבן אַ ווערטל: „שאול איז אויך צווישן די נביאים?״ דאָס טמואל־בוך גיסט באַלד אַריין אַ טראָפּן גיפט אין דער מעשה וועגן שאולן. דער חוזק איז ווי אַ מין פאַרשפּיל צו די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען אין דער שאול־דראַמע.

דער שרייבער פונעם שמואל־בוך, זעט מען פון אָנהייב־אָן, האַלט נישט פון שאולן. אין דער דערציילונג איז דער שרייבער דורכאויס אויף דודס צד. מיר, די ווייטערדיקע דורות, האָבן דערפון אַ סך געוואונען, שאולס געשטאַלט איז אַרויסגעקומען פולער, דער נישט־באַפּוצטער טראַגיזם זיינער איז אַ סך אמתער, ווי דודס גלאַריפיצירטער העראָאיזם. שאול איז אויך דאָס איינציקע תנ״כישע געשטאַלט, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען מיט דער פולקייט פון אינערלעכן געראַנגל, אומרו און אַפילו שרעק. מיר האָבן נישט אין תנ״ך קיין איין געשטאַלט, וואָס זאָל זיין אַזוי פּסיכאָלאָגיש פאַרפּלאָנטערט, וואָס זאָל זיך צאַפּלען אין אַ נעץ פון פּסיכישע ווידעראַנאַנדן, ווי שאול. דער שרייבער פונעם שמואל־בוך, וואָס האָט געהאַלטן מיט דודן, האָט ריין־קינסטלעריש שאולן דערהויבן צו דער מדרגה פון „משכמו ומעלה גבוה מכל העם״.

שאול — דער נחבא אל הכלים

איז שאול געווען דערוואַקסן צו פירן דאָס פאָלק? מיר זעען, אַז אַפילו שוין נאָכדעם ווי שמואל האָט אים געזאַלבט און ער האָט שוין געוואוסט אַז ער איז פון גאָט באַשטימט פאַר מלך, איז ער נאָך אַלץ באַשיידן, צוריק־געצויגן, דערשראָקן. אַז שמואל זאַמלט־צונויף דאָס פאָלק אין מצפה, מוסרט זיי פאַרוואָס זיי האָבן געוואָלט אַ מלך און זאָגט זיי אַז ער האָט שוין געזאַלבט אַ מלך, ליגט דערביי שאול אַ באַהאַלטענער צווישן די כלים. מע האָט אים געדאַרפט זוכן און ברענגען כמעט קעגן זיין ווילן און דאַמלסט ערשט האָט דאָס פאָלק געזען, אַז „ער איז העכער פון גאַנצן פאָלק פון זיין אַקסל אַרויף״. דער־

נאָך, אַז דאָס פאָלק האָט אים שוין אָנגענומען פאַר מלך און געשריגן „יחי המלך", איז ער אַ באַשיידענער, אַן עלנטער, געגאַנגען אַהיים, ווי אַלע אַנדערע פונעם פאָלק זענען זיך צעגאַנגען צו זייערע היימען.

שפּעטער, אַז נחש דער עמוני האָט באַלאַגערט יביש־גלעד און פאַר שליסן אַ בונד מיט די באַוואוינער האָט ער געפאָדערט אַז יעדער איינער פון זיי זאָל זיך לאָזן אויסשטעכן דאָס רעכטע אויג, זענען די באַוואוינער געלאָפן צו שאולן מיט אַ געוויין. וואו איז שאול געווען? אין גבעת שאול, הינטער די רינדער איז ער געגאַנגען, ער איז נאָך אַלץ געווען פּאַסטעך.

אָבער אין דער גרויסער סכנה האָט אים „באַגליקט" גאָטס גייסט, ער האָט זיך דערהויבן צו פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט. דער שאול, דער „נחבא אל הכלים", דער מלך וואָס איז געגאַנגען הינטער די רינדער, איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פירער, אין אַ מאַן פון קריג. ער, וואָס ערשט איז ער געגאַנגען הינטער די רינדער, האָט געפונען אין זיך דעם כח צו באַפעלן. ער האָט אויך באַלד געפונען דעם אופן, דעם סימבאָל, ווי אַזוי צו באַקרעפטיקן דעם באַפעל זיינעם: „און ער האָט גענומען אַ געשפּאַן רינדער, און האָט זיי צעשניטן, און האָט זיי צעשיקט דורך דער האַנט פון די שליחים איבערן גאַנצן געמאַרק פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: ווער סע גייט נישט אַרויס נאָך שאולן און נאָך שמואלן, צו יענעמס רינדער וועט אַזוי געטאָן ווערן." דורכצופירן אַזאַ סימבאָלישן אַקט, אַזוי דראַמאַטיש צו רופן דאָס פאָלק אַרויסצוגיין קעגן שונא, האָט געקענט נאָר אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט דאָס באַוואוסטזיין פון אַ מלך און די וויזיע פון אַ פאַראייניקט פאָלק.

אַז מיר פרעגן, צי שאול איז געווען דערוואַקסן צו פירן די מלוכה, דאַרפן מיר לערנען פון זיין ערשטן קעניגלעכן אַקט, אַז ער איז דערצו געווען דער־וואַקסן. ער האָט פאַרמאָגט דעם גייסטיקן כח אַנצוואַרפן אַ פחד אויפן פאָלק, אַז סע זאָל פאַראייניקט אַרויסגיין אין קריג קעגן שונא. מיט זיין ערשטן באַפעל און סימבאָלישן אַקט האָט ער אָנגעהויבן אויסצושמידן די געאייניקטקייט פון דער יידישער מלוכה. און געדענקען דאַרפן מיר אַז שמואל איז דערביי נישט געווען, אַז אַליין האָט ער עס געטאָן, גאָטס גייסט האָט אים „באַגליקט" אָן שמואלן.

שמואלס שרעק אויף שאולן

אַז שמואל האָט אין מצפה אָנגעזאָגט דעם פאָלק אַז ער האָט שאולן גע־זאַלבט פאַר מלך, האָט ער דאָס פאָלק געשטראָפט פאַרוואָס זיי האָבן געמאָנט אַ מלך. ער האָט געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין פאָלק, אַז סע האָט געזינדיקט דערמיט וואָס סע האָט געוואָלט אַ מלך. ער האָט געזאָגט דעם פאָלק: „און איר האָט היינט פאַראַכט אייער גאָט, וואָס ער העלפט אייך פון אַלע אייערע בייזן און אייערע צרות." שאול, דער באַהאַלטענער, האָט געהערט שמואלס רייד, ער האָט אָן ספק איבערגעלעבט די מורא, וואָס אים איז באַשערט צו זיין דער מלך פונעם פאָלקס זינד קעגן גאָט.

דערנאָך, אַז שאול האָט שוין דורכגעפירט דאָס ערשטע מלך־שליחות זיינס, — צונויפגעבראַכט דאָס פאָלק צו יביש־גלעד און צעשלאָגן נחש דעם עמוני, — איז שמואל ווידער געקומען און געשטראָפט דאָס פאָלק פאַר וועלן אַ מלך. אינעם דאָזיקן קאַפּיטל אַנטפּלעקט זיך שמואל אין זיין אָפּגעגלאַרטקייט און פאַרזענלעכן כעס. ער זאָגט דעם פאָלק: „און אַצינד, אָט גייט דער מלך פאַר אייך, איך אָבער בין אַלט און גרוי, און אָט זענען מיינע זין מיט אייך.״ צו־וואָס האָט שמואל געדאַרפט אָנווייזן אויף זיינע זין? נישט אַנדערש, אַז פון אים האָט אַרויסגערעדט דער צאָרן וואָס דאָס פאָלק האָט זיינע זין נישט געוואָלט פאַר שופטים, נאָר געמאָנט אַ מלך איבער זיך.

דערנאָך, אַז ער האָט גערעדט פון זיך, ווי ער האָט געדינט דעם פאָלק געטריי, און האָט אויסגערעדט דעם פאָלק אַלע זיינע זינד, קערט ער זיך ווידער אום צו די זינד פון ווען אַ מלך. ער האָט אַפילו קלאָר באַוויזן, ווי גאָט האָט נישט געוואָלט אַז אַ מלך זאָל זיין ביי יידן:

„און אַצינד, שטייט און זעט די גרויסע זאַך וואָס גאָט טוט פאַר אייערע אויגן. היינט איז דאָך ווייצשניט, וועל איך רופן צו גאָט און ער וועט געבן דונערן און רעגן, און וויסט און זעט, אַז גרויס איז דאָס בייז וואָס איר האָט געטאָן פאַר גאָט, וואָס איר האָט געמאָנט אַ מלך.״

אין דער צייט פון ווייצשניט דונערט נישט און רעגנט נישט אין ארץ־ישראל, אָבער שמואל האָט „גערופן צו גאָט, און גאָט האָט געגעבן דונערן און רעגן אין יענעם טאָג״.

אַוודאי האָט שאול געוואוסט דערפון, שמואל האָט אין אים אַריינגעדונערט דאָס באַוואוסטזיין אַז ער איז געוואָרן מלך איבער דער זינד פונעם פאָלק. שמואל האָט אין שאולן אַריינגערעדט אַ פּסיכישע אומרו, אַ זינד־באַוואוסטזיין, וואָרים די זינד פונעם פאָלק האָט אים דערהויבן, ער איז דער מלך פון זינד. שמואלס שרעק איז פון ערשטן טאָג אָן געפאַלן אויף שאולן און האָט אים באַלייט די טראַגישע יאָרן פון זיין קעניגשאַפט.

דער קאָנפליקט צווישן שמואלן און שאולן איז נאָך ווייטער געוואַקסן. ביי גלגל, די פלישתים „האָבן זיך איינגעזאַמלט מלחמה־צו־האַלטן מיט ישראל, — דרייסיק טויזנט רייטוואָגנס, און זעקס טויזנט רייטער, און פאָלק אַזויווי דאָס זאַמד וואָס אויפן ברעג פון ים״. שאול האָט זיבן טעג געוואַרט, אַז שמואל זאָל קומען קיין גלגל, ווי זיי האָבן אָפּגעמאַכט, נאָר ער איז נישט גע־קומען. דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן צו צעלויפן, שאול האָט געזען די סכנה, האָט ער געפּרוּווט איינהאַלטן דאָס פאָלק, און אַליין האָט ער געבראַכט די קרבנות, אַז דערנאָך זאָל ער אַרויסגיין אין קריג קעגן די פלישתים. נאָר „ס׳איז געווען, ווי ער ענדיקט אויפברענגען דעם בראַנדאָפּער, ערשט שמואל קומט־אָן״. שאול איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן שמואלן, אים צו באַגריסן, נאָר שמואל האָט געצערנט אויף אים: „וואָס האָסטו געטאָן?״ שאול פאַרענטפערט זיך: „אַז איך האָב געזען ווי דאָס פאָלק איז זיך צעלאָפן פון מיר, און דו

ביסט נישט געקומען צו די אָפּגערעדטע טעג, און די פּלישתּים זענען אייַנ־געזאַמלט אין מכמש", — האָט ער געוואָלט ראַטעווען די פּאָזיציע, אַז זי זאָל זיך נישט צעפאַלן. וואָס אַנדערש האָט שאול געקענט טאָן? לאָזן אַז דאָס פאָלק זאָל זיך צעלויפן און די פּלישתּים זאָלן די אָפּגעשוואַכטע פּאָזיציע באַלד צעשלאָגן?

שמואל אָבער האָט באַלד אַרויסגעגעבן זיין בייזן פּסק־דין: האָסט געזינדיקט קעגן גאָט, דיין מלוכה וועט נישט באַשטיין. פאַרוואָס ער איז נישט געקומען אין די אָפּגעשטעלטע זיבן טעג זאָגט נישט שמואל, ער וואַרפט באַר אויף שאולן אַרויף נאָך אַ באַרג מיט זינד.

אינאיינעם מיטן זינד־באַוואוסטזיין, וואָס שמואל רעדט־אַריין אין שאולן, וואַרפט ער אויך אַרויף אויף אים דעם שאָטן פון דעם אַנדערן, וואָס לויערט אויף זיין קעניגשאַפט, — „גאָט האָט זיך אויסגעזוכט אַ מאַן נאָך זיין האַרצן, און גאָט האָט אים באַפוילן פאַר אַ פירשט איבער זיין פאָלק".

אונטערן צייכן פון דער שמואל־שרעק, פון פּסיכישן פּלאָנטער, מיטן לויערנדיקן שאָטן אויף זיין קעניגשאַפט, איז געווען שאולס גורל צו פירן די יידישע מלוכה.

צווישן צוויי פעלזיקע ציין

צו צפון, אַקעגן מכמש, איז געשטאַנען אַ ריזיקער פעלז, וואָס זיין שפּיץ האָט אויסגעזען ווי אַ צאָן, און צו דרום, אַקעגן גבע, איז געשטאַנען אַן אַנדער צאָן־פאַרשפּיצטער פעלז. צווישן די צוויי פעלזיקע ציין איז שאול געזעסן אויף אַ הויפן שטיינער, זיין שטאַלטנע פיגור איבערגעבויגן, דער קרעפטיקער קאָפּ אַראָפּגעניידערט אויף די בראָנזענע, גאָלד־פאַרהאָריקטע הענט, וואָס מיט די עלנבויגנס האָט ער זיי אָנגעלענט אויף די ציטערדיקע קני. דאָס פּנים זיינס, וואָס איז אַלעמאָל געווען אָפן ווי די זון, האָט איצטער געוואָרפן אַ שאָטן אויפן באַגראָזטן שטיקל ערד אַרום. דורך די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט שאול געזען דעם טונקעלן שאָטן פון זיך.

אַז ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זיך דער שאָטן אַ שפּרייט־געטאָן ווייטער. די הענט, וואָס זענען נאָך געבליבן אָנגעלעגט אויף די קני און אויס־געשטרעקט אַרויף מיט צעשפּרייטע פינגער, האָבן אויפן שאָטן אויסגעקוקט ווי צוויי מענטשעלעך, מיט קליינע קעפּ, וואָס שפּעטן־אָפּ פונעם גרויסן שאול־קאָפּ אויפן שאָטן. שאול האָט די אויגן אויפגעעפנט ברייט און אַ געשריי־געטאָן:

„גאָט, דאָס האָסטו זיי געהייסן אָפּשפּעטן פון מיר? גאָט, מיינע אייגענע הענט."

יונתן איז צוגעקומען פון הינטער אים און אים אָנגערירט ביי אַן אַקסל:

„וואָס שרייט דער פאָטער? גאָט האָט די פּלישתּים געגעבן אין זיינע הענט..."

שאול איז אויפגעשפרונגען, געכאַפּט די שפּיז ווי זיך צו באַשיצן פאַרן שונא און פאַרוואונדערט געקוקט אויפן זון.

„יונתן, דו ?״

„איך פּאָטער. פונדערווייטנס האָב איך געזען דעם שאָטן דיינעם. קיינער אין ישראל האָט נישט אַזאַ שאָטן. פונעם אַקסל און אַרויף איז ער העכער פונעם גאַנצן פאָלק.״

שאול האָט אויפן זון געקוקט מיט צער, ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט אים אַרומצונעמען און זיי באַלד צוריקגענומען, דערשראָקן פאַר די צוויי מענטשעלעך וואָס ער האָט פריער געזען אויפן שאָטן.

„יונתן, איך האָב דיך געוואָלט טייטן. זעסט, מיט די הענט וואָס האָבן אָפּגעשפּעט פון מיר.״

„דער פּאָטער איז מיד״, האָט יונתן געזאָגט, „ער האָט אָנגעפירט אַ גרויסע שלאַכט...״

שאול האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויפן הויפן שטיינער און אַרונטערגעשלעפּט דעם זון צו זיך. צו מערב־זייט פון גבע האָט זיך די זון אָנגעהויבן אַרונטערצולאָזן, טאַטע און זון האָבן געקוקט אויפן רויטן קיילעך, ווי ער זינקט־אַרונטער, פאַלט־אַריין אין טונקעלן אָפּגרונט. מיטאַמאָל איז געוואָרן פינצטער, די צוויי פעלזיקע ציין האָבן איצט אויסגעקוקט ווי זיי דערנעענטערן זיך איינער צום אַנדערן, זיך איינצובייסן אין זיך אַליין. שאול האָט ווידער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און, אַז ער האָט גערעדט, איז אים דאָס קול אַרויפגעקומען ווי פון אונטן.

„יונתן, מיין זון, ביסט דאָ לעבן מיר ? איך ווייס אַז דו ביסט דאָ, דו ביסט נישט פון די אַוועקגייערס. אַפילו, אַז איך האָב דיך געוואָלט טייטן, ביסטו אויך נישט אַוועקגעגאַנגען.״

„וואָס רעדט דער פּאָטער ?״, האָט זיך יונתן צוגעבויגן צו שאולן, „דער קעניג פון ישראל איז מיד. אין צענטויזנטער האָט ער די פלישתים צעשלאָגן. גאָט האָט אים איבערגעענטפערט...״

שאול האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק־געטאָן אויף די צוויי פעלזיקע ציין און געזאָגט :

„זיי גייען איינער צום אַנדערן. די ציין, יונתן מיין זון. אַז זיי וועלן זיך צונויפקומען, וועט זיך איינער איינבייסן אין מיר פון צפון און איינער פון דרום...״

מיט ליבשאַפט האָט יונתן אַרומגענומען שאולן און אים אַריינגעזאָגט אין אויער :

„מיד איז דער קעניג פון ישראל, ער דאַרף רוען אין געצעלט.״

פון מזרח איז אַרויסגעקומען אַ דינער לבנה־האָרן און פאַרשמייכלט די בערג מיט זילבער. שאול האָט מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויפן דינעם

זילבער, דאָס פּנים איז אים ליכטיקער געוואָרן, נאָר דער צער האָט זיך געפּאַלדעוועט אין דעם מידן פּנים זיינעם.

„יונתן מיין זון, איך שווער דיר, אַז איך האָב געבעטן גאָט אַז אויף מיר זאָל אויספאַלן דער גורל געטייט־צו־ווערן. אַז נאָר מיר ביידע זענען געבליבן פונעם גאַנצן פאָלק און איינער פון אונדז האָט געדאַרפט זיין דער זינדיקער, האָב איך געבעטן גאָט אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער מיר און דער זינדיקער זאָל איך זיין, נישט דו, יונתן מיין זון."

„פאַרוואָס טראַכט איצט דערפון דער פאָטער?", האָט יונתן גערעדט צו אים ווי אַ טאַטע צו אַ קראַנקן קינד, „דער טויט האָט דאָך אונדז ביידע פאַרמיטן, און די פּלישתּים האָט דער פאָטער צעשלאָגן, און דאָס פאָלק האָט דעם פאָטער געזונגען לויב..."

שאול האָט זיך ווידער האַסטיק אויפגעהויבן, אָנגעכאַפּט יונתנען ביי די אַקסלען און אַן אויפגערעגטער גערעדט צו אים:

„ער וואַרפט אויף מיר זינד, שמואל. אין מיר איז דאָ אַ טונקעלע זינדיקייט. איך אַליין זע זי נישט, אָבער ער זעט זי. אויף מיינע טריט לויערט ער. זינד, זינד, זינד... יונתן מיין זון, איך האָב דיך געוואָלט טייטן, שמואלס שאָטן איז געהאָנגען איבער מיר. דאָס פאָלק האָט דיך אַרויסגענומען פון מיינע מאָרדהענט. גאָט, פאַרוואָס איז דער גורל נישט געפאַלן אויף מיר? מיטן געדאַנק צו טייטן דעם אייגענעם זון האָב איך דאָך געזינדיקט, יונתן מיין זון. און מיין האַרץ איז דאָך פול מיט ליבשאַפט צו דיר, יונתן מיין זון..."

„דער פאָטער איז דער קעניג פון ישראל", האָט אים יונתן אַריינגערעדט, „קעניג פון ישראל, און ווער סע פאַרשולדיקט זיך פאַר אים, צי פאַר גאָט, קומט אים טויט. מיד איז דער קעניג פון ישראל, דאָס בעט אין זיין געצעלט וואַרט אויף אים, צו פאַרוויגן זיין מידקייט."

שאול האָט זיך געלאָזט פירן פון יונתנען, נאָר מיט אימה האָט ער אַ קוק־געטאָן אויף די צוויי פעלזיקע צייג, וואָס איצטער זענען זיי ווידער געווען איינגעהילט אין פינצטערניש און אויסגעקוקט ווי זיי קומען זיך צונויף.

„אַז זיי וועלן זיך צונויפקומען, יונתן מיין זון..."

שמואל קערט זיך אָפּ פון שאולן

די שלאַכט קעגן עמלקן איז געווען די אַנטשיידנדיקע אין שאולס לעבן. שאול האָט געלעבט אונטערן צייכן פון שרעק פאַרן אַלטן שופט און נביא, אָבער צו דער אייגענער צייט איז ער געווען צוגעבונדן צו אים מיט אַ מיסטישן בונד. די נעמען שאול און שמואל האָבן אין טייטש, — אויסגעבעטענע. שמואל איז געווען שאולס צווייטע פּערזענלעכקייט, — די אויסגעהאַלטענע, באַפעלערישע, אומבייגעוודיקע. שאול, ווידער, איז געווען שמואלס אַנדערע פּערזענלעכקייט, — די ליריש־מענטשלעכע, נאַכגיביקע, סתירהדיקע. שמואל האָט פון שאולן געוואָלט אויספורעמען אַ פּערזענלעכקייט אין זיין אייגענעם,

שמואלס געשטאַלט. שאול אָבער, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט שמואלס פעסט־קייט, האָט געזוכט גייסטיקן אָנהאַלט אין אים. דער צונויפבונד איז געווען אַ טראַגישער אַפילו פאַר שמואלן, וואָס דער גאַנג זיינער איז געווען אַ שטרענג־אַסקעטישער.

אַז שאול האָט געשלאָגן דעם עמלק „פון חוילה ביזן צוקום צו שור וואָס פאַר מצרים״, האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן פונעם פאָלק און נישט דער־הרגעט דעם מלך פון עמלק, אגגן, און אויך די פעטע שאָף און רינדער האָט ער נישט פאַרטיליקט. „שאול האָט רחמנות־געהאַט אויף אגגן״, זאָגט דאָס שמואל־בוך. גאָט אָבער האָט אָנגעזאָגט, אַז עמלקן זאָל שאול אינגאַנצן פאַר־טיליקן, קיין זכר זאָל פון אים נישט איבערבלייבן. אַז שמואל האָט געהערט פון דער שלאַכט און פון שאולס רחמנות, האָט עס אים „געערגערט און ער האָט געשריען צו גאָט אַ גאַנצע נאַכט״. מיר שפּירן, אַז געערגערט האָט זיך שמואלן וואָס איצט מוז ער איבערשניידן אינגאַנצן דעם בונד מיט שאולן. ער האָט „געשריען צו גאָט אַ גאַנצע נאַכט״ נישט דערפאַר וואָס שאול איז באַגאַנגען די שווערסטע זינד זיינע, — אויף דעם האָט ער נישט געדאַרפט שרייען, וואָרים ער האָט דאָך אָנגענומען גאָטס אָנזאָג און קיינמאָל אים נישט אָפּגעפרעגט, — נאָר דערפאַר וואָס איצטער האָט ער מער נישט געקענט פאַרמיידן דעם פולשטענדיקן ריס מיט שאולן.

דערנאָך, אַז שמואל האָט שוין אַרויסגעגעבן זיין האַרבן פסק־דין, — „דערפאַר וואָס דו האָסט פאַראַכט גאָטס וואָרט, האָט ער דיך פאַראַכט אַז דו זאָלסט נישט זיין קיין מלך״, — און שאול האָט זיך ביי אים געבעטן אַז ער זאָל אים אָנטאָן „דעם כבוד פאַר די עלצטע פון מיין פאָלק און פאַר ישראל״ און זיך אומקערן מיט אים, איז שמואל מיט אים געגאַנגען. שמואל איז גע־גאַנגען מיט שאולן דעם לעצטן גאַנג. ער האָט זיך געוויזן אינאיינעם מיטן פאַרזינדיקטן, טראַגישן, צעשראָקענעם קעניג פאַר די עלצטע פונעם פאָלק און פאַר ישראל. אַז ער האָט אָבער געזען דעם לעבן־געבליבענעם קעניג פון עמלק, אגגן, האָט אין אים ווידער אויפגעפלאַמט דער צאָרן, — „און שמואל האָט צעהאַקט אגגן פאַר גאָט אין גלגל״.

מער האָט שמואל נישט געזען שאולן, ביזן טאָג פון זיין טויט, „וואָרים שמואל האָט געטרויערט איבער שאולן״. צעשיידט פונעם קעניג, וואָס ער האָט געפּרוּווט אויסצופורעמען, האָט זיך דער טרויער אין אים געשטאַרקט. אין רמה האָט שמואל אויסגעטרויערט דעם ריס מיטן קעניג שאול, און אפשר גאָר דעם ריס מיט זיך אַליין? ביז גאָט האָט אים געזאָגט: „ווי לאַנג נאָך וועסטו טרויערן איבער שאולן?״ צי שמואל האָט מיט טרויער אין האַרצן געזאַלבט דעם יונגן דודן, דער וואָס איז געווען אַ „רויטלעכער, מיט שיינע אויגן און שיינעם אויסזען״, דערציילט אונדז נישט דאָס שמואל־בוך. מיר קענען זיך אָבער אויסמאָלן, אַז אַפילו מיט זיין טרויער האָט שמואל נישט געוואָלט ענדערן דעם משפט זיינעם איבער שאולן און אין דער אָפּגעזונדערט־

קייט פון רמה האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון אַן אַנדערן, וואָס זאָל איבערנעמען די מלוכה ביי שאולן. סע איז אויך קיין ספק נישט, אַז די ישי־משפחה איז געווען אַן אָנגעזעענע און האָט נאָך פון פריער פּרעטענדירט אויפן טראָן. פון מגילת רות הערן מיר אַז ישי האָט אָפּגעשטאַמט פון בועזן און דער מואַבערין, און דאָס איז, ווייזט אויס, געווען אַ גרויסער יחוס. אין בית לחם, אַז ישי האָט פאַר שמואלן פאַרבייגעפירט אַלע זיינע זיבן זין, האָט זיי דער נביא פון רמה נישט אָנגענומען, וואָרים געוואָלט האָט ער דעם קלענצטן, דעם וואָס האָט געפּאַשעט די שאָף, — דודן. סע איז מסתמא דער־פאַר, וואָס שמואל האָט געוואָלט זאָלבן אַ יינגל, וואָס זאָל דאַרפן אויסוואַקסן אינעם באַוואוסטזיין אַז ער איז דער געזאַלבטער מלך. עס איז אויך מסתמא געווען דערפאַר, וואָס אַ דערוואַקסענער וואָלט באַלד אויפגעהויבן אַ בונט קעגן שאולן און שמואל האָט נישט געוואָלט צונעמען ביי שאולן די מלוכה דורך אַ מין הויף־רעוואָלוציע. סע איז אויך מעגלעך, אַז אין דעם קליינעם דודן האָט ער געזען אַזעלכע מעלות, וואָס די אַנדערע ישיס זין האָבן זיי נישט פאַרמאָגט. שמואל אַליין איז פון קינדוויז־אָן געווען אַ „געהייליקטער צו גאָט״, איז אים דערפאַר נאָנט געווען דער געדאַנק פון אויפכאָווען אַ מלך פאַר ישראל, ווי אים האָט עלים משכן אויפגעכאָוועט צו פירערשאַפט אין פאָלק.

אַז שמואל האָט אַפילו אין בית לחם איבערגעלעבט אַ געראַנגל אין זיך, זעען מיר דערפון וואָס גאָט זאָגט אים: „זאָלסט נישט קוקן אויף זיין אויסזען, אויף זיין הויכן וואוקס.״ ביי שאולן האָט שמואל געקוקט אויפן הויכן וואוקס, וואָרים שאול איז „פון זיין אַקסל און אַרויף געווען העכער פונעם גאַנצן פאָלק״. שמואל וויל זיך אַליין פאַרענטפערן דערמיט, אַז שאולס אויסזען האָט אים אָפּגענאַרט, איצט וועט ער שוין קוקן טיפער, „וואָרים דער מענטש זעט נאָכן אויסקוק, גאָט זעט נאָכן האַרץ״. דער רויטלעכער דוד, מיט די שיינע אויגן, איז נאָך אַלץ אַ יינגל, זיין מענלעכע שיינקייט איז נאָך נישט פאַרמירט, דאָס באַוואוסטזיין פון געזאַלבטקייט וועט אויף זיין שיינקייט נישט ווירקן, אָבער זיין כאַראַקטער וועט עס פורעמען.

גאָטס בייזער גייסט אויף שאולן

נאָכדעם ווי שמואל האָט געזאַלבט דודן, האָט שאולן „באַגליקט גאָטס גייסט״, אָבער נישט דער גייסט פון נבואה, ווי פריער, נאָר אַ בייזער גייסט. צו שאולן איז אַן ספק דערגאַנגען אַז שמואל האָט געזאַלבט דודן און ער האָט אָנגעהויבן צו לעבן אין שרעק. אַ פאַרפינצטערטער, אַ פאַר׳מרה־שחורהטער איז שאול אַרומגעגאַנגען, פול מיט חשד צו די אייגענע פינצטערע געדאַנקען, פול מיט פחד פאַר די שאָטנס פון לויער אויף זיין קעניגשאַפט.

דאָס שמואל־בוך, וואָס האָט פון אָנהייב־אָן געוואָלט אַרויסהייבן דודן, ברענגט דאָ אַריין ישיס געזאַלבטן זון, אַז ער זאָל שפּילן פאַרן מרה־שחורהדיקן מלך אויף דער האַרף, כדי אים זאָל „אָפּגיין״ און דער בייזער גייסט זאָל זיך

פון אים אָפּטאָן. דער געזאַלבטער דוד טוט, הייסט עס, אַ חסד מיט שאולן, נאָר דער מלך וואַרפט גאָר אויף דודן זיין שפּיז, — פאַרן גוטס וואָס ער טוט אים וויל ער אים גאָר טייטן. אָבער אַ קאַפּיטל ווייטער, ביי דער מעשה מיט גלית הפלישתי, קומט גאָר אויס אַז שאול האָט דודן פריער נישט געקענט און, אַז ער קומט שפּילן פאַר אים, פרעגט ער אים ווער ער איז און וואָס ער טוט דאָ.

שאול שטאַרבט ביים דערציילער צוויי מאָל, אַנדערע עפּיזאָדן זענען דער־ציילט כאַאָטיש, ווי דער שרייבער וואָלט זיך נישט געקענט קיין עצה־געבן מיט שאולן. אין דער מעשה מיט גליתן איז דוד נאָך אַ קליין יינגל, נאָר דערנאָך וואַקסט ער מיטאַמאָל אויס און האָט חתונה מיט שאולס טאָכטער, מיט מיכלען. שאול איז דער מלך, אָבער דוד פירט אַליין מלחמות און זאַמלט אַרום זיך קריגערס. יונתן איז שאולס זון, גייט מיט אים איינאיינעם אין מלחמה, אָבער קומען קומט גאָר אויס אַז ער פאַרראַט שאולן און פאַרשניידט אַ בונד מיט דודן, מיטן תנאי אַז ווען דוד וועט איבערנעמען די מלוכה, זאָל ער אים שאַנעווען.

אָבער פונעם כאַאָס וואַקסט פאַר אונדז אויס דאָס שאול־געשטאַלט מיט זיין פולן טראַגיזם, מיט זיין הערצאיזם און צעבראָכנקייט. מיר זעען, אַז דער יונגער דור האָט קעגן שאולן אויפגעשטעלט אַ טייל פונעם פאָלק, שאולס מלוכה איז געווען צעריסן, דער טרויעריקער מלך האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גאָטס בייזן גייסט אין זיך, מיטן משפּט פון אונטערגאַנג און אומקום.

דאָס שמואל־בוך דערציילט אונדז נישט פון די רעפאָרמען, וואָס שאול האָט דורכגעפירט, נאָר דרך־אגב דערוויסן מיר זיך אַז ער האָט פאַרטריבן אַלע אָפּשפּרעכערס און וואָרזאָגערס. אַז דוד איז געווען ביי אַכישן דעם פּלישתי, און די פּלישתים האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין שונם און שאול איז געשטאַנען אין גלבוע, האָט שאול געפרעגט ביי גאָט, „אָבער גאָט האָט אים נישט גע־ענטפערט, — נישט דורך חלומות, נישט דורך די אורים, נישט דורך נביאים״. דאָ ערשט דערציילט דאָס שמואל־בוך, אַז ער „האָט געהאַט פאַרטריבן די גייסטערזעער און טויטבאַשווערער״.

אַז שאול קומט קיין עין־דור, צו דער גייסטערזעערין, אַ פאַרשטעלטער, זאָגט זי: „דו ווייסט דאָך וואָס שאול האָט געטאָן, ווי ער האָט פאַרשניטן די גייסטערזעער און די טויטבאַשווערער פון לאַנד.״ אַזאַ וויכטיקע גייסטיקע רעפאָרם האָט דאָס שמואל־בוך נישט דערציילט פריער, נאָר ערשט, אַז שאול לויפט אין שרעק קיין עין־דור, אַרויסצורופן שמואלס גייסט, כאַפּט זיך דער דערציילער אַרויס מיטן אמת. דערפון דאַרפן מיר אָפּלערנען, אַז שאול האָט איינגעפירט נאָך אַנדערע רעפאָרמען, נאָר דאָס שמואל־בוך פאַרשוויגט זיי.

מיר געפינען אויך, אַז פאַר די זינד, — צו לאָזן לעבן די שאָף און רינדער פון די עמלקים און נישט צו טייטן דעם קעניג אגג, — האָט שמואל צוגענומען ביי שאולן די מלוכה. אַז דוד האָט געשלאָגן, ביי צקלג, עמלקן און האָט צו־

געקומען דעם רויב, איז עס אים פאַר קיין זינד נישט געווען פאַררעכנט. פאַר־קערט, דוד האָט נאָך צעשיקט „פון דעם רויב צו די עלצסטע פון יהודה, צו זיינע גוטע פריינט, אַזוי צו זאָגן: נאָט אייך אַ מתנה פון דעם רויב פון גאָטס פיינט.״

עטלעכע מאָל האָט שאול געהאַט דודן אין די הענט, ער האָט אים געקענט טייטן, וואָרים ער איז נאָך אַלץ געווען דער מלך. אָבער ער איז אים גאָר געפאַלן אויפן האַלדז מיט געוויין און געבעטן אַז ער זאָל אים מוחל־זיין פאַר די חשדים וואָס ער האָט געהאַט אויף אים. דער ערלעכער, דער גאַנצער, דער פרומער שאול, האָט זיך געראַנגלט קעגן „גאָטס בייזן גייסט״ אין זיך, קעגן די חשדים אין זיין האַרצן. ריינקייט און פולקייט האָט ער געוואָלט דערגרייכן, אָבער פאַרפלאָנטערט איז ער געווען אין אַ נעץ פון קאָנפליקטן, פון טראַגישע סתירות. ער אַליין האָט פאַרטריבן די אָפּשפּרעכערס און די וואָרזאָגערס, אָבער אַז די שרעק איז אויף אים אָנגעפאַלן, און קיין ענטפער פון גאָט איז נישט געקומען, איז ער געגאַנגען קיין עין־דור צו אַ גייסטערזעערין. דודן האָט ער נאָכגעיאָגט, אָבער אַז ער האָט אים געכאַפּט, האָט ער אים מוחל־געווען. ער האָט געוואוסט אַז די מלוכה וועט נישט איבערגיין צו זיינע קינדער, אָבער אַז די סכנה פון פלישתישן אָנפאַל איז געווען גרויס, האָט ער נישט „געגעסן קיין ברויט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט״.

אין עין־דור מיט שמואלס גייסט

אַ פאַרקליידטער איז שאול געקומען קיין עין־דור און אין דער פינצטער־ניש פון דער נאַכט האָט ער זיך אַריינגעשלייכט אין שטיבל צו דער גייסטער־זעערין. די פלישתים האָבן געלאַגערט אין שונם. אַז שאול האָט, פונעם גלבוע, געזען ווי גרויס ס׳איז זייער מחנה, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש. ער האָט געשריגן צו גאָט, אָבער דאָס קול זיינס איז צו אים צוריקגעקומען ווי פון אַ פוסטן חלל. גאָט האָט אים נישט געהערט. ער איז צו אים נישט געקומען אין חלום, דורך די אורים האָט ער זיך צו אים נישט אָפּגערופן, די נביאים זענען צו אים געווען שטום. אין עין־דור האָט דער פאַרצווייפלטער מלך געזוכט אַן ענטפער אויף זיין אימה.

אינעם שטיבל ביי דער גייסטערזעערין האָט געברענט אַ קנויט אין אַ קריגל אויל; אַז שאול איז אַריינגעקומען איז זיין שאָטן אויסגעוואָקסן אויף דער וואַנט, — אַ געבויגענער, רויכיקער און געדיכטער. שאול האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן און אָפּגעווענדט די אויגן פון דער וואַנט. ער האָט קיינעם נישט געזען, אים האָט זיך געדאַכט אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ חורבה, וואָס נאָר די ווינטן יאָגן זיך אין איר אַרום. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ קול:

„פאַרוואָס ביסטו געקומען צו מיר, שאול, האָסט דאָך פאַרשניטן אַלע

גייסטערזעערס און טויטבאַשווערערס. ווילסט אויף מיר אויך ברענגען דעם טויט ?״

צום אָנהייב האָט זיך שאול אַ וואָרף־געטאָן אויף צוריק פון שרעק, אָבער דאָס קול איז געווען אַ וואַרעמס, פול מיט ווייבלעכן רחמנות. אַז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער געזען אַ פאַרעלטערט פנים פון אַ דורכ־געליטענער פרוי, וואָס די חכמה הויכט־אַרויס פון אירע אויגן. זי איז צו־געקומען נאָנט צו אים, אים אַרויפגעלייגט די הענט אויף די אַקסלען און געזאָגט:

„דעק־אָפּ דאָס פנים דיינס און שווער אַז דו וועסט מיך נישט טייטן.״

דער מלך האָט אָפּגעדעקט דאָס פנים און איר צוגעשוואוירן אַז ער וועט זי נישט טייטן. זי האָט אָנגעצונדן נאָך אַ קנויט אין אַ קריגל אייל, אין שטיבל איז געוואָרן ליכטיקער, דער מלך האָט איצט געקוקט אויף דער פרוי מיט מער צוטרוי. אין דרויסן האָט געוואָרט איינער פון זיינע יונגען, — דער וואָס האָט אים אַהער געבראַכט, — שאול האָט אומרואיק געזאָגט:

„אַז דו ווייסט שוין ווער איך בין, לאָז מיך נישט וואַרטן, גוטע פרוי, לאַנג קען איך נישט בלייבן אַ פאַרשטעלטער.״

די פרוי איז צוגעקומען נאָנט צו אים, מיט אַ הייזעריקלעך קול, וואָס איז געווען מוטערלעך און ווייבלעך, האָט זי אין אים אַריינגערעדט:

„טרויעריקער מלך פון ישראל, דו ווילסט אַז איך זאָל דיר אַרויסרופן שמואלס גייסט, אָבער דו טראָגסט שמואלן אין זיך. איך זע אים אַפילו איצט ווי ער וואַקסט־אַרויס פון דיר. הער זיך איין, טרויעריקער מלך פון ישראל...״

שאול האָט גערעדט מיט אַ געבראָכן קול:

„ניין, גוטע פרוי, איך הער אים נישט. אַלע האָבן זיך פון מיר אָפּגעקערט. איך הער אַפילו נישט גאָט אין זיך. טו דיין כישוף און רוף־אַרויס שמואלס גייסט.״

די פרוי האָט איצט גערעדט נאָך טיפער, ווי דאָס קול וואָלט איר אַרויס־געקומען פון אַ ווייטער הייל:

„נישט קיין כישוף טו איך, שאול, דיך אַליין קער איך אום צו זיך. הער... הער...״

שאולן האָט זיך געדאַכט אַז די פרוי איז מער נישטאָ לעבן אים, געשפּירט האָט ער שמואלס געשטאַלט, — אין דער פולער גרויקייט און קאַלטקייט. ער האָט דערהערט דעם נביאס קול, וואָס איז געווען שטרענג און טרוקן:

„צו־וואָס האָסטו מיך אַרויסגערופן, קישס זון, פאַסטעך פון אייזלען?״

ש א ו ל: דער מלך פון ישראל האָט דיך אַרויסגערופן, נביא, נישט דער אייזל־פאַסטעך.

ש מ ו א ל: ביסט געווען אַן אייזל־פאַסטעך און ווי אַן אייזל־פאַסטעך וועסטו פאַרגיין.

ש א ו ל: נביא און שופט, איך בעט דיך פאַרן פאָלק, נישט פאַר מיר. די

פלישתים לאַגערן אין שונם, זיי זענען גרויס אין צאָל, דאָס פאָלק וועלן זיי צעשלאָגן...

שמואל (מיט צאָרן): וואָס רעדסטו צו מיר איצט? פאַרוואָס האָסטו געזינדיקט? האָסט נישט צוגעהערט צו מיינע רייד, האָסט ביי עמלקן צוגענומען דעם רויב און דעם קעניג, אגגן, האָסטו געלאָזט לעבן. האָסט אַליין פאַרשניטן דיין מלוכה, פאַסטעך פון אייזלען.

שאול: איך האָב רחמנות געהאַט אויף די שטומע באַשעפענישן, פאַר־וואָס קומט זיי דער טויט? איך האָב רחמנות געהאַט אויפן אָרעמען פאָלק מיינעם, וואָס זיינע שאָף און רינדער האָט דער שונא צערויבט. איך האָב רחמנות געהאַט אויף אגגן, אויף זיין קעניגלעכער שיינקייט...

שמואל: רחמנות, אייזל־טרייבערס האָבן רחמנות, מלכים האָבן נישט קיין רחמנות.

שאול: איך בין געקומען צו דיר אָוועקלייגן מיינע טענות, וואָס ביים לעבן האָסטו זיי פון מיר נישט געהערט. איך ווייס, אַז איך קום צום סוף און פאַרן סוף וועל איך מאָנען ביי דיר...

שמואל: מאָנען ביי מיר? דו, וואָס איך האָב דיך צוגענומען פון די אייזלען און געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער ישראל? דו?

שאול (בלייבט שטיין אין זיין פולער הייך, מאַיעסטעטיש און ליכטיק): איך, שמואל, איך וועל מאָנען. אַז דאָס פאָלק איז געקומען צו דיר און געמאָנט אַ מלך, האָסטו זיי אָנגעשראָקן, אַז אַ מלך וועט ביי זיי נעמען שטייערן, די זין וועט ער נעמען פאַר זיינע מלחמות, די טעכטער וועט ער נעמען פאַר קעכסווייבער. האָסטו אַזוי געזאָגט דעם פאָלק, נביא און שופט?

שמואל: איך האָב אַזוי געזאָגט דעם פאָלק, אַ מלך ביי אַלע פעלקער פירט זיך אַזוי...

שאול: און איך האָב זיך נישט אַזוי געפירט. איך האָב געדינט דעם פאָלק, נישט געראַוויבט דאָס פאָלק. און דו האָסט דאָס פאָלק אויפגעשטעלט קעגן מיר. ביסט אַרומגעגאַנגען מיט אַ קריגעלע אייל, אַן אַנדערן צו זאַלבן אויף מיין אָרט. דו האָסט נישט געוואָלט איך זאָל דינען דעם פאָלק. דיינע רייד האָבן געדאַרפט מקוים־ווערן, שמואל, און אַז זיי זענען נישט מקוים־געוואָרן, האָסטו באַלד אַרויסגענומען דאָס קריגעלע אייל. שמואל, פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן?

שמואל (דאָס קול זיינס איז איצט מער אָנגעשטרענגט): סע איז דאָ משפט, שאול, משפט...

שאול: משפט, פאַרוואָס? פאַר זינד? אַז די זינד באַשטימסטו און דעם משפט גיסטו אַרויס.

שמואל (ווערט זיך אָפּ פון אים): נישט איך, שאול, נאָר גאָט.

שאול: דו האָסט אָפּגעקערט גאָט פון מיר, שמואל. דו האָסט אים אויפגעשטעלט קעגן מיר.

שמואל (דאָס קול ציטערט אים פון צאָרן): קישס זון, קען דען איין מענטש אויפשטעלן גאָט קעגן דעם אַנדערן מענטשן? איז דען נישט דער גאָט פון אונדזערע אָבות דער גאָט וואָס אַליין זעט ער און אַליין משפט ער? קישס זון, פאַסטעך פון אייזלען...

שאול (בלייבט שטיין אויסגעשטרעקט, ווי ער זאָל וועלן אַריבערוואַקסן שמואלס קול): דער מלך פון ישראל בין איך, דער געזאַלבטער פון גאָט. דער מלך פון ישראל זאָגט דיר, אַז דו האָסט פאַלש גערעדט גאָטס רייד. דו האָסט מיך פאַרמשפט, נישט גאָט, וואָרים גאָט קען נישט פאַרמשפטן אַ מענטשן פאַר רחמנות. דער גאָט פון אונדזערע אָבות איז פול מיט רחמנות. שמואל, מיט דיין משפט האָסטו געפעלשט גאָט. איך שטיי קעגן דיר און זאָג דיר: דו האָסט געפעלשט גאָט...

שמואל (אין זיין קול איז איצט דאָ פאַרשטיקט געוויין): שאול... שאול... איך האָב דיך צוגענומען פון די אייזלען, אַז איך זאָל דיך אויס־פורעמען אין מיין געשטאַלט. דו ביסט געוועז דער אויסגעבעטענער, דער שאול, און איך בין געוועז דער אויסגעבעטענער, דער שמואל. איין גורל האָט אונדז פאַרבונדן. דו האָסט געדאַרפט ווערן איך, פון מיר אויסגעקנאָטן.

שאול: און געוואָרן בין איך דער מלך פון ישראל. אַ, שמואל? נישט דו, נאָר מלך... און דיינע זין האָסטו נישט געקענט אויספורעמען אין דיין געשטאַלט. האָסט נישט געקענט פורעמען, שמואל. האָסט געקענט משפטן, האָסט געקענט באַפעלן, אָבער נישט פורעמען אַ מענטשן...

שמול: וואַרף אויף מיר, שאול, דיינע פיילן, ווי דו האָסט זיי גע־וואָרפן אויפן האַרף־שפּילער, אויף דודן. גאָטס בייזער גייסט איז געפאַלן אויף דיר. ביסט קליין, שאול, קליין...

שאול: נישט גאָטס בייזער גייסט, נאָר דער טרויער איז געפאַלן אויף מיר. דער טרויער וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט קעגן מיר דעם רויבער דוד. דעם, וואָס האָט זיך באַזעצט אין די בערג, צונויפגעזאַמלט אַרום זיך די נישטן, די יונגען אָן אַ יאָך, און זיי באַפאַלן ווי רויבער די פלישתים און די עמלקים. ווי רויבער, שמואל, נישט ווי קריגער. ער איז אַפילו אַנטלאָפן צום פלישתישן קעניג, צו אָכישן, צום פיינט פון ישראל איז ער אַנטלאָפן. נישט גאָטס בייזער גייסט, שמואל, נאָר דער טרויער וואָס דעם ערשטן מלך פון ישראל, — וואָס דו אַליין האָסט אים אויפגעשטעלט — האָסטו צעריסן, אַ רויבער קעגן אים אויפגעשטעלט...

שמואל (דאָס קול איז ווידער דערצערנט): נישט קיין רויבער, נאָר אַ געזאַלבטער פון גאָט.

שאול: דו מיטן קריגעלע אייל, זאַלבער דו...

שמואל: אַז דו ווייסט דיין גורל, גיי צוריק צו דיינע אייזלען, קישס זון.

שאול: ביין, שמואל, אַ מלך אין ישראל וועט פאַלן. קעגן די פלשיתים וועט ער זיך שלאָגן. דאָס לעצטע מאָל האָט מיך איצט באַגליקט גאָטס גייסט,

איך זע דעם סוף מיינעם און איך בענטש אים. דער ערשטער מלך פון ישראל וועט פאַלן אין שטרייט, מיט זיין בלוט וועט ער רייניקן די הערצער פונעם פאָלק, אַפילו דעם רויבער דודס האַרץ וועט דאָס בלוט זיינס רייניקן.

שאול האָט מער נישט געהערט שמואלס קול און אין זיין פולער הייך איז ער געפאַלן אויף דער ערד. די פרוי האָט אַריינגערופן דעם מלכס יונג, זיי האָבן אים אויפגעהויבן, מיט ליבשאַפט אַנידערגעזעצט אויף אַ הילצערנעם בענקל און זיך געשטעלט לעבן אים, — פאַרשוויגענע, טרויעריקע.

אויפן באַרג גלבוע, די פלישתים האָבן זיך געשטאַרקט איבער די בני ישראל, זיי האָבן דערשלאָגן שאולס דריי זין — יונתן, אבינדב און מלכישוע, — די שיסערס האָבן אויסגעשפּירט דעם מלך און אָנגעצויגן אויף אים זייערע בויגנס. האָט שאול געזאָגט צו זיין וואָפנטרעגער:

„נעם דיין שווערט און דערשטעך מיך, אַז איך זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די אומבאַשניטענע און זיי זאָלן אָפּשפּעטן פון מיר, דעם מלך פון ישראל.“

דער וואָפנטרעגער האָט מורא־געהאַט צו טייטן דעם מלך, האָט שאול אַוועקגעשטעלט זיין שווערט מיט דער שאַרף אַרויף און זיך געוואָרפן אויף איר. די שווערט האָט אים דורכגעשטאָכן דאָס האַרץ, נאָר איידער ער איז אָפּגעגאַנגען אין אייגענעם בלוט, האָט אים באַגליקט אַ זעאונג, — די זעאונג ווי ער איז געגאַנגען זוכן די פאַרפאַלענע אייזלען. מיט ליפּן דורכגעווייקטע אין בלוט האָט ער גערעדט:

„פאָטער קיש, איך האָב די אייזלען נישט געפונען... און דאָס קעניג־רייך, וואָס איך האָב געפונען, האָב איך געטראָגן מיט שרעק און מיט ציטער. זיי מיר מוחל, פאָטער קיש, וואָס איך האָב די אייזלען נישט געפונען. זיי... מיר... מוחל...“

דער ערשטער מלך פון ישראל איז אויסגעגאַנגען. איבערן גלבוע האָט זיך פאַרצויגן אַ וואָלקן.

מאַטיוון פון שיר השירים

ר׳ עקיבא, אַז ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דער אייביקייט פון שיר השירים, האָט ער געזאָגט:

„שיר השירים שטייט העכער אין הייליקייט פון אַלע אַנדערע ווערק אין כתובים. די געשיכטע ווייסט נישט פון נאָך אַזאַ גרויסן טאָג, ווי דער טאָג ווען שיר השירים האָט זיך באַוויזן אויף גאָטס וועלט״.

מיר דאַרפן זיך אויסמאָלן, אַז ר׳ עקיבא, וואָס איז געווען אי אַ גרויסער בעל הלכה, אי אַ גרויסער וויזיאָנער, האָט פאַר זיך געזען די וויזיע פון יידן אין זייער לאַנגן גלות, אַרומגעצוימט מיט גייסטיקע צוימען, איינגעקרעמפּט אין דער אייגענער וועלט פון הלכה, — די וועלט וואָס ער אַליין האָט מיט אַזאַ מייסטערשאַפט אויפגעבויט. די הלכה־וועלט, האָט ר׳ עקיבא געזען אין זיין וויזיע, איז שטרענג, זי היט־אָפּ דעם יידן אַז ער זאָל נישט גע־שטרויכלט ווערן, זי פאַרלויפט אים דעם וועג אַז איידער נאָך ער קומט־צו צו אַ שטרויכל, זאָל זי שוין שטיין פאַר אים ווי אַ פעלזיקע וואַנט. ער האָט אָבער אויך געזען, ווי אויפן דערגנערדיקן גלות־וועג, אין די פענטעס פון דער הלכה, וואַקסט ביים יידן אין די ווייטע דורות אַ בענקשאַפט נאָך יוגנט־לעכקייט, נאָך געזאַנג, נאָך מאַן־און־פרוי ליבשאַפט. נישט די נביאים, — מיט זייערע הויך־עטישע מאַנונגען און די האַרבע שטראָפרייד, מיט זייער פאַרויסזאָג אויף חורבן, — וועלן קענען ברענגען די יונגע יידישע דורות אין גלות דאָס געזאַנג פון ליבשאַפט. נישט די אַלע געוויין־געזאַנגען אויף חורבן ירושלים און אַפילו נישט די מגילה רות, וואָס איז פרום און באַ־שיידן, אַנגעטאָן אין אַ שלייער פון אַלמנהשאַפט, מיט זומער־פאַרנאַכטיקן טרויער אין די אויגן. אַוודאי נישט קהלת, וואָס זיין „פריי זיך, בחור, מיט דיין בחורשאַפט״ האָט דעם ווייטן נאָכקלאַנג פון אָפּגעלעבטער, פאַרוועלקטער יונגשאַפט.

אמת, אין חומש זענען דאָ געזאַנגען, — משהס געזאַנג ביים ים־סוף, דבורהס געזאַנג נאָכן זיג איבער סיסראַן, — אָבער זיי קענען נישט אַרויס־זינגען די בענקשאַפט פון אַ יונגן האַרץ. זייערע טענער זענען מעטאַלענע, דער נאָכקלאַנג זייערער איז שווערד און שפּיז, נישט דער שטורעם פון אַ יונגן מענטשלעכן האַרץ.

אין די לאַנגע דורות גלות, האָט ר׳ עקיבא וויטער געזען, כאַפּט די יידישע יוגנט אויף פרעמדע געזאַנגען, זינגט זיי נאָך און לעבט דורך זיי אויס די אייגענע בענקשאַפטן. ער קען זיי, די פרעמדע געזאַנגען, ער האָט זיי געהערט ביי די רוימער, זיי זענען צו אים דערגאַנגען פון די גריכן, ביי די נאָנטע סעמיטישע שכנים האָט ער זיי געהערט. זיי זענען פאַרשייט, די יוגנטלעכע געזאַנגען, זיי זענען פרעמד, זיי פאַרפירן די יידישע יוגנט אין אַ פרעמדער וועלט, אין אַ געצנדינערישער.

ער האָט אָבער געהערט אַן אַנדער געזאַנג, — סע איז דערהויבענער, איידעלער און ריינער פון די פרעמדע געזאַנגען און שמעקט מיטן ריח פונעם לאַנד. דאָס געזאַנג וועט אין די ווייטע דורות גלות אָנפילן יונגע יידישע הערצער אי מיט אייגענער, יחידישער בענקשאַפט, אי מיט בענקשאַפטן נאָכן לאַנד. ר' עקיבא האָט געהערט דאָס געזאַנג, אפשר האָט מען עס געזונגען ביי זיין חתונה מיט רחלען. ער אַליין איז דאָך אויך געווען אַ פּאַסטעך, איידער ער האָט זיך אין די רייפע יאָרן געקערט צו דער תורה. דער טעם פונעם דאָזיקן געזאַנג שפּירט ער נאָך איצטער בעת ער בלייבט אַמאָל אַליין מיט זיין געטרייער רחלען. ער, וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין פרדס און איז אַרויסגעקומען פון אים אַ גאַנצער און געשטאַרקטער, לעבט נאָך איצט איבער די דערהויבענע ריינקייט פונעם געזאַנג. —

שיר השירים.

אינעם פאָלק איז דאָס געזאַנג אַרומגעגאַנגען. דאָס פאָלק האָט עס געקרוינט מיטן נאָמען „געזאַנג פון געזאַנגען". נישט תהלים, נישט אָז ישיר, נישט דבורהס געזאַנג, — נאָר דאָס געזאַנג פון ליבע, וואָס „שטאַרקע וואַסערן קענען זי נישט פאַרלעשן".

גאָט, האָט ר' עקיבא געזאָגט, פון דיר איז אַרויס דער גזר אויף דיין פאָלק אויפן שטיינערדיקן וועג זיינעם. דיינע אָנזאָגן זענען פול מיט ליבשאַפט, אָבער זיי זענען פאַטערלעכע אָנזאָגן וואָס דיינע זין דאַרפן הערן און פאָלגן. וועסט מיר פאַרגיבן, גאָט, פאַרן געדאַנק אַז אויפן וועג צו הערן און פאָלגן שטייען פאַרן מענטשן אַ סך נסיונות. פון דיר אַליין קומען זיי, דו האָסט דעם מענטשן באַשאַפן מיט נסיונות און שטרויכלונגען אין זיך. בפרט אַז דער מענטש איז יונג און די ליבשאַפט פון מאַן־צו־פרוי און פרוי־צו־מאַן איז דאָס הייליקע, דאָס פאַרצערנדיקע, פייער וואָס דו צינדסט־אָן אין זיינע בלוטן.

אין ר' עקיבאן האָט אויפגעשטראַלט אַ נייער געדאַנק:

גאָט, דריי טעג, איידער דו האָסט פונעם באַרג סיני אַרויסגעדונערט און אַרויסגעבליצט דיינע צען געבאָט, האָסטו באַפוילן דעם פאָלק, דורך דיין קנעכט משה, אַז מאַן זאָל זיך אָפּשיידן פון פרוי. האָסט געוואָלט אַז געבאָט, אָנזאָג, זאָל דאָס פאָלק אָננעמען פריי פון נסיונות. געדאַנק האָסטו געוואָלט אָפּטיילן פון בלוט, אידייע — פון גלוסט. האָסט געוואוסט אַז בלוט און גלוסט, וואָס דו אַליין האָסט דעם מענטשן געגעבן, זענען נסיונות אויפן מענטשנס וועג צו געבאָט און אָנזאָג. האָסט זיי געוואָלט אָפּטיילן, אָבער אָפּגעטיילט האָסטו זיי נאָר אויף דריי טעג. האָסט אַליין נישט געוואָלט אויסברענען, מיט די דונערן און בליצן פונעם סיני, די נסיונות אינעם מענטשן. האָסט געוואָלט אַז מענטש, ווי דו האָסט אים באַשאַפן, זאָל הערן דיינע געבאָטן און פאָלגן דיין אָנזאָג. אָפּגעטיילט האָסטו און נישט אָפּגעטיילט, נאָר מער אומרו האָסטו אַריינגעגעבן אינעם מענטשן, מער געראַנגל

און מער געזאַנג. וואָרים געראַנגל איז געזאַנג, און גלוסטעניש איז געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען.

איך זע, האָט ר׳ עקיבא ווייטער גערעדט, ווי דיין פאָלק וועט טראָגן דעם גזר דיינעם אין די ווייטע דורות־אַריין. מיטגיבן וויל איך דעם פאָלק אויך דיין געזאַנג, וואָס איז אַזוי הויך, אַז דיין נאָמען דאַרף אַפילו נישט זיין דערמאָנט אין דעם. סע איז דאָס ריינסטע געזאַנג, דאָס הייליקסטע געזאַנג, אָן דערמאָנען דיך. וואָרים דו אַליין זינגסט דאָס געזאַנג, דיין לאַנד זינגט דאָס געזאַנג, — דאָס אויסדערוויילטע לאַנד דיינס וועט אין געזאַנג מיטגיין מיט דיין אויסדערווילטן פאָלק אין די ווייטע דורות גלות.

2

איז ר׳ עקיבאס וויזיע מקוים־געוואָרן?

פון די טונקעלע דורות־לאַבירינטן דערגייט צו אונדז דאָס געזאַנג פון יידישער יוגנטלעכקייט. אַפילו אַז די מסורה האָט דעם געזאַנג צוגעגעבן אַן אויסטייטש, וואָס פאַרוואַנדלט די ליבע אין אַ משל, איז עס אַלץ געבליבן געזאַנג. קינדערשע קולעכלעך האָבן עס אויסגעזונגען אין די פאַרפּסחדיקע טעג און דערביי איבערגעלעבט דעם אָנקום פון פרי־יאָר, דער זונס וואַרעמקייט, און פון דו ווערטער האָבן יידישע קינדער אַרויסגעשמעקט דעם אַראָמאַט פון פעלדער און וויינגערטנער.

שיר השירים זאָגן מיר אין די טעג פון פּסח, — די טעג, וואָס מיר דערמאָנען אונדזער באַפרייאונג פון קנעכטשאַפט און דעם פאָלקס־אָנהייב אונדזערן. אין שיר השירים איז נישטאָ די מינדסטע דערמאָנונג פון באַפרייאונג, אָבער „דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען״ איז פול מיט אָטעם פון פרייהייט. נאָר אין דעם קלימאַט פון פאָלקישער פרייהייט האָט געקאָנט געשאַפן ווערן אַ שיר השירים.

שיר השירים, וואָס איז דורכאויס אַ געזאַנג פון ליבע, איז צו דער אייגענער צייט איינס פון די נאַציאָנאַלסטע ווערק אין תנ״ך. דאָ איז ווידעראַמאָל נישט די נאַציאָנאַלע טעמאַטיק, — איר געפינט נישט אין שיר השירים דעם מינדסטן שפּור פון נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, — נאָר יעדער וואָרט און בילד איז פול מיט נאַציאָנאַלן נאָכקלאַנג, מיט באַהאַלטענעם פאָלקישן פּאַטאָס, וואָס נעמט אייך דורך מער ווי אַנדערע ווערק, וואָס רעדן אָפן און קלאָר פון פאָלק און לאַנד.

אַלע בילדלעכע פאַרגלייכן זענען אַריינגעוועבט אינעם לאַנד; די נאַטור אין אַן ארץ ישראלדיקע; די צמצומדיקע אַנווייזן אויפן לעבנס־שטייגער זענען פאָלקישע ווידערקלאַנגען; דער פּאַטאָס פון שלמהס גרויסקייט איז אַ נאַציאָנאַלער.

ווי אין יעדער קונסטווערק, קומט אין שיר השירים צום אויסדרוק

דאָס טיף־נאַציאָנאַלע נישט דירעקט, נאָר דורכן קלימאַט פונעם ווערק און דורך די קינסטלערישע בילדער, וואָס וואָרצלען אין דער נשמה פונעם פאָלק. מיר האָבן אַפילו אין שיר השירים אַ ווייטן אָנוואונק אויפן מדברדיקן יחוס פונעם יידישן פאָלק, ווען שלמה רופט אויס: „ווער איז די, וואָס גייט־אויף פון דער מדבר, אַזוי ווי די זיילן פון רויך, באַרייכערט מיט מירע און ווייערך, מיט אַלערלייווירצשטויב פון קרעמער?" די געליבטע איז אין שיר השירים „שיין ווי ירושלים" און די גראַציעזע שלאַנקייט פון איר האַלדז איז ווי דודס טורעם. שולמיתעס האָר זענען „ווי אַ סטאַדע ציגן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פונעם באַרג גלעד".

יעדער בילד, יעדער ליכט־שטראַל און שאָטן זענען פאַרבונדן מיטן לאַנד, און דערפאַר איז שיר השירים אַ גרויס נאַציאָנאַל ווערק, וואָס ברענגט אונדז אַלעמאַל די פרישקייט פון אַ געזונטן יידישן פאָלקס־לעבן אין ארץ ישראל. אין די טעג, ווען מיר דערמאָנען די יידישע פאָלקס־באַפרייאונג, איז שיר השירים פאַר אונדז דאָס גרויסע געזאַנג פון אונדזער פריי־זיין, מיר לעבן דורכן ווערק אינעם קלימאַט פון אַ פריי יידיש פאָלק, פון דער לאַנד־נאַטור און דעם נאַציאָנאַלן פּאַטאָס אונדזערן.

אַז מיר זאָלן אָננעמען, אַז שיר השירים איז אַ ציקל פאָלקס־געזאַנגען, ווערן מיר דערשטוינט פון דער איידלקייט און ריינקייט אין זיי. אין די גע־זאַנגען רעדט זיך פון אַ צעפלאַמטער תאוה, פון גלעגער, פון לייב, — אָבער דאָס בילדלעכקייט איידלט זיי אויס. אין די געזאַנגען איז דאָ די ליידנ־שאַפט פון ליבע, אָבער אין די פאַרגלייכן איז דאָ די ליידנשאַפטלעכע ליבע צום לאַנד, צו דער נאַטור, צו ירושלים. איר שפּירט ווי ביידע ליידנשאַפט־לעכע ליבעס, — די פון מאַן־צו־פרוי און פון ייד צום לאַנד, — זענען גע־קניפּט און געבונדן צווישן זיך און דערפאַר ווערן די געזאַנגען הויך־נאַ־ציאָנאַל אין זייער סימבאָל.

אַז מיר לייענען ווי דאָס לאַנד איז פול געוועזן מיט געזאַנג, ווי „די שפּראָצונגען האָבן זיך באַוויזן און דאָס קול פון דער טערקל־טויב לאָזט זיך הערן", ווייעט אויף אונדז דאָס פרישע ווינטל פון באַפרייאונג. אַז מיר זינגען די געזאַנגען פון די פרישע וואַסערן פונעם לבנון, די ציגן פונעם גלעד, אָדער די געוואַשענע שאָף, לעבן מיר איבער די גרויסע פרייד פון אַ פריי יידיש פאָלק. דער אַראָמאַט פון די בלומען, וואָס שיר השירים ברענגט, איז דער אַראָמאַט פון באַפרייטקייט. די ווייגערטנער און נוסגערטנער, די רויז צווישן דערנער, דער „עפּלבוים צווישן וואַלדביימער", דער הירש און דער הינד „צווישן די צעשפּאָלטענע בערג", — דאָס דערהויבנסטע בילד פון יידישער פרייקייט ברענגט אונדז שיר השירים, און דערפאַר איז עס געוואָרן דאָס גרויסע נאַציאָנאַלע געזאַנג אונדזערס אין די פסח־טעג, — די טעג, וואָס מיר לעבן־איבער אונדזער פאָלקס־באַפרייאונג.

3

קינסטלעריש איז שיר השירים גרויס דערמיט, וואָס דורך געזאַנג, דורך לירישע איבערלעבונגען, וואַקסט־אַרויס דער נאַראַטיוו. אין דעם געזאַנג זענען דאָ דראַמאַטישע מאָמענטן, וואָס זענען מיט דינע, זיידענע פעדים אַריינגעוועבט אין דעם ליריזם. שולמית דערציילט נישט ווער זי איז, נאָר אַז זי זאָגט „קוקט נישט אויף דעם וואָס איך בין שוואַרצלעך, וואָרים די זון האָט מיך אָפּגעברענט. מיין מוטערס זין האָבן געצערנט אויף מיר, זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ היטערן פון די ווייגגערטנער״, — האָבן מיר פאַר זיך דאָס בילד פון איר לעבן. מיר זעען אַ יונג מיידל, וואָס איז געבליבן אַ יתומה, די מאַמע אירע האָט ווידער חתונה־געהאַט, זי האָט געבוירן זין, וואָס זענען נישט אירע ברידער. די זין האָבן „געצערנט״ אויף איר און זי געשיקט צו היטן זייערע ווייגגערטנער.

אין דער מיניאַטורנער דראַמע האָבן מיר אַן אומגעריכטן אויסלאָז: „מיין אייגענעם ווייגאָרטן האָב איך נישט געהיט״. זאָלן מיר עס אָננעמען פאַר אַן אַלעגאָריע? מיינט שולמית מיט איר „אייגענעם ווייגאָרטן״ זיך אַליין, איר אייגענע שיינקייט? מיר זעען אָבער אַז זי איז פול מיטן באַוואוסטזיין פון איר אייגענער שיינקייט, וואָרים זי זאָגט פריער, אַז „שוואַרץ בין איך, אָבער שיין, טעכטער פון ירושלים״. זי דערוועגט זיך אַפילו צו פאַרגלייכן איר שיינקייט צו די „געצעלטן פון קדר״ און צו די „פאַרהאַנגען שלמהס״. מיר מעגן דערפאַר טראַכטן, אַז שולמיתן איז איבערגעבליבן ירושה פון איר טאַטן אַ ווייגאָרטן, אָבער איר מוטערס בייזע זין האָבן זי „געמאַכט פאַר אַ היטערין״ פון זייערע ווייגערטנער און איר אייגענעם ווייגאָרטן האָט זי נישט געהיט. דאָס בילד פאַסט זיך אַריין אינעם דראַמאַטיזם פון דעם אויסגעזונגענעם נאַראַטיוו.

שולמית וואַקסט־אויס פאַר אונדז, אין איר ליבע, טראַגיש־דראַמאַטיש. שלמה אַליין זאָגט אויף איר „ווי אַ ליליע צווישן דערנער, אַזוי איז מיין געליבטע צווישן די טעכטער״, בעת זי אויף שלמהן זאָגט: „ווי אַן עפּלבוים צווישן די וואַלדביימער, אַזוי איז מיין געליבטער צווישן די זין״. די וואַלדביימער ברענגען נישט קיין פּירות, זיי בליען נישט מיט ווייסע בליטן, ווי דער עפּלבוים, אָבער זיי שטעכן נישט, ווי די דערנער שטעכן די ליליע.

אַז שולמית פרעגט שלמהן: „וואו פּיטערסטו, וואו מאַכסטו הויערן (דיינע שאָף) אינמיטן טאָג?״ — איז ווידער דאָ אַ טראַגיש־דראַמאַטישער נאָכקלאַנג אין איר ווייטערדיקן זאָג: „וואָרום פאַרוואָס זאָל איך זיין ווי אַן אַרומטרייבערין ביי די סטאַדעס פון דיינע חברים?״ מיר לייענען־אַרויס דערפון אַז שולמית האָט אים שוין פריער געהאַט אַרומגעזוכט, געוואָלט געפינען זיין פּיטערפּלאַץ און די אַנדערע פאַסטעכער האָבן געקוקט אויף איר ווי אויף אַן „אַרומטרייבערין״. פון די עטלעכע ווערטער זינגט־אַרויס דער צער פון אַ ריינער ליבע, וואָס ווערט באַליידיקט פון גראָבקייט.

אַ גאַנצע דראַמע וויקלט זיך אויף פֿאַר אונדז ווי דאָס פּאַסטעך־מיידל האָט זיך איינגעהאַנדלט ביי אַ בשמים־פֿאַרקויפֿער אין ירושלים טייערן בוימל און מירע, זיך אויסגעשמירט דאָס יונגע לייב מיט זיי און געוואַרט אויף איר געליבטן. נאָר אַז ער איז געקומען אינדערנאַכט, מיט אַ קאָפּ „פֿול מיט טוי" און לאָקן „מיט טראָפּנס פֿון נאַכט", האָט זי זיך מיידלש געוואָלט אַ שפּיל־טאָן מיט אים און אים געזאָגט: „איך האָב אויסגעטאָן מיין העמדל, ווי קען איך עס אָנטאָן? איך האָב געוואַשן מיינע פֿיס, ווי קען איך זיי איינבריכטן?" אַז זי האָט געעפֿנט די טיר, און אירע „פֿינגער האָבן געטריפֿט מירע אויף די הענטלעך פֿון ריגל", איז דער געליבטער שוין נישט געווען, — „איך האָב געעפֿנט מיין געליבטן, אָבער מיין געליבטער איז פֿאַרשוואונדן".

זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט אינדערנאַכט אים זוכן, די וועכטער פֿון שטאָט האָבן זי געטראָפֿן און געשלאָגן, זיי האָבן זי פֿאַרוואונדיקט, — „אַראָפּגעריסן דעם מאַנטל פֿון מיר האָבן די וועכטער פֿון די מויערן". פֿריער, אַז זי האָט אים געזוכט צווישן די סטאַדעס, האָבן זי די פּאַסטעכער באַטראַכט פֿאַר אַן „אַרומטרייבערן". איצטער האָבן זי שטאָט־וועכטער געשלאָגן.

שלמה, אין זיין ליבע, אי מענלעך־דערפֿאַרן, די בילדער וואָס ער מאָלט פֿון איר זענען מענלעך־אָנגעזעטיקטע. „דיין נאָפּל", זינגט ער, „איז אַ בעכער אַ רונדער... דיין בויך — אַ הויפֿן ווייץ מיט ליליעס באַזוימט". שולמית איז אין איר ליבע ציטערדיק, זי לעבט אַלעמאָל איבער די שרעק, אַז טאָמער וועט מען איר שטערן אין דער ליבע, זי וואָרנט און „באַשווערט די טעכטער פֿון ירושלים", זי איז פֿול מיט אינערלעכער דראַמע און טראַגיזם.

4

אומגעריכט און פֿאַרכאַפּנדיק איז דאָס אויסגעשריי אין שיר השירים, אַז „שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע". פֿריער זאָגט שולמית, אַז „קראַנק פֿון ליבע איז זי" און דערנאָך פּאָרט זי די ליבע צונויף מיטן טויט. דער איבערגאַנג איז קינסטלעריש אויסגעהאַלטן. איר זעט ווי דאָס געזאַנג האָט פֿון קראַנקשאַפֿט געקענט דערגיין צום בילד פֿון טויט, אָבער איר ווערט פּאָרט דערשטוינט דערפֿון. עס איז פֿאַר אייך אומגעריכט, אַ ציטער נעמט אייך דערביי דורך.

ליבשאַפֿט און טויט זענען, דאַכט זיך, אַזעלכע צוויי היפּוכים, אַז איר טראַכט צום אָנהייב, אַז דער פֿאַרגלייך לייגט זיך נישט אויפֿן שכל. איר דערטראַכט זיך אָבער דערנאָך צום געדאַנק, אַז דאָס בילד דריקט אויס אַ טיפֿן אמת פֿון מענטשנס באַוואוסטזיין. ביידע, — ליבשאַפֿט און טויט, — זענען סודותדיקע איבערלעבונגען אינעם מענטש. ביידע זענען כוחות, וואָס דער מענטש קען זיך קעגן זיי נישט ווערן. ביידע דערפֿירן דעם מענטש צו אַ פֿינאַל, כאָטש ער איז אַ היפּוכדיקער. דער עיקר אָבער איז דער ציענ־

דיקער כוח סיי פון דער ליבשאַפט און סיי פונעם טויט, — די שטאַרקייט, וואָס איז פאַרן מענטש אומבאַגרייפלעך און רופט ביי אים אַרויס שרעק.

וועמען דערהייבט שיר השירים מיטן פאַרגלייך? דעם טויט, צי די ליבשאַפט. איר דערטראַכט זיך אָבער דערנאָך, אַז דאָס געזאַנג האָט גאָר געוואָלט די ליבשאַפט דערהייבן צו דער העכסטער מדרגה אינעם פאַר־גלייך מיטן טויט. איר דערשפירט, אַז דאָס געזאַנג שטעלט דעם טויט אַוועק פאַרן העכסטן סוד, וואָס וועט אייביק אַרויסרופן אַ ציטער ביים מענטשן, אַ סוד, וואָס פאַרענדיקט איין פאַזע פונעם מענטש און הייבט אָן אַ נייע פאַזע. שטאַרק איז דער טויט נישט נאָר מיט זיין אומפאַרמיידלעכקייט, נאָר אויך מיט זיין אומפאַרשטענדלעכקייט. די ליבשאַפט, אַז זי איז שטאַרק ווי דער טויט, ווערט אויך אַן אומפאַרמיידלעך־אומפאַרשטענדלעכער כוח. זי ברענגט אויך אַריין אינעם מענטש אַ פאַרענדערונג, וואָס ער פאַרשטייט זי נישט.

קהלת — סקעפּטיקער און גלייבער

1

רויט, צעפּלאַקערט זענען ביימער אין האַרבסט, ווי זיי וואָלטן אַרויס־געשטראַלט פון זיך אַלע זייערע גלוסטן, איידער דער ווינט וועט אַרונטערשמייסן פון זיי די בלעטער און זיי איבערלאָזן נאַקעט. אין דעם צעפּלאַקערטן גלוסט זייערן איז אָבער דאָ לויטערע חכמה, אַ פאַרטראַכטער אומעט רוט אויף זיי, אַ וויסן אַז נישט נאָר דער ווינט לויערט אויף זיי, נאָר אויך די צייט וואָס איז זיי געגעבן צו וואַקסן, צו בליען, צו גרינען און פאַרגרינען. די האַרבסטיקע ווינטן זענען נאָר די דרויסנדיקע כוחות, די צייט טראָגן אין זיך אַליין.

קהלת איז דער ליריזם פונעם האַרבסט אין מענטשן. דער טרויער זיינער איז אָנגעזעטיקט מיט לעבנס־חכמה, פול מיט לעבנס־דערפאַרונג, דערפאַר פאַר־מאָגט ער נישט קיין שאַטנס, ער איז לויטער ווי וויין וואָס האָט זיך יאָרן גע־קעלטערט, אַן אויסגעקלערטער, נאָכדעם ווי די הייוון האָט מען אָפּגעצאַפּט. די פילאָזאָפישע געדאַנקען אין קהלת זענען פול דורכגעטראַכט, אָבער אַרויס־געזאָגט זענען זיי מיט אַזאַ שנעלן אינערלעכן ריטם, אַז איר שפּירט אין זיי דעם פּולס פון אַ מענטשנס האַרץ, ווי דער געדאַנק וואָלט געוואָנען מיטן בלוט פון זיינע אָדערן. קהלת האָט דערפאַר דערגרייכט די הויכע קינסטלערישע מדרגה פון דערהייבן געדאַנק צו געזאַנג און געזאַנג — צו געדאַנק.

קהלת איז אַ ציקל לידער, וואָס געבונדן זענען זיי צווישן זיך דורכן האַרבסט אינעם מענטשן, אָבער יעדער ליד איז געשריבן אין דער באַזונדערער לופט וואָס די שטימונג האָט פאַר זיי געשאַפן. זיי זענען צונויפגעוואַקסן, ווי די גלידער אין מענטשנס גוף זענען צונויפגעוואַקסן, אָבער יעדער גליד האָט זיין אייגענעם אויסדרוק, זיין אייגענע פאָרעם. אין קהלת זענען די לידער באַזונדערע, אָבער אין זיי רינט דאָס בלוט פון איין מענטשן און זיי וואַקסן דערפאַר אויס אין אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט.

דער גרונט־מאָטיוו אין קהלת איז הבל הבלים, — אַלץ איז גאָרנישט, אַלץ איז נישטיקייט. אַז ער באַמאָלט אָבער דעם מענטשנס פרייד, די גלוסט זיינע צו לעבן, צו פאַרגעניגנס, אַפילו צו טרויער, איז אין די ווערטער דאָ אַן אינערלעכער פלאַם, וואָס פאַרלייקנט דאָס נאָכגעזאָגנג, דעם הבל הבלים. אַמאָל דאַכט זיך, אַז קהלת זעט זיך אַרום צום סוף פונעם געזאַנג אַז פול איז עס מיט פלאַקערדיקן ריטם, שטעלט ער צו דעם הבל הבלים, ווי אַ נאָכ־טראַכטעניש און נאָכדאַכטעניש.

פול מיט סקעפּטיציזם איז קהלת, אָבער פון איין זייט דער גלויבן אין גאָט און פון דער אַנדערער זייט די הויכע מאָראַל זיינע, לייטערן דעם סקעפּטי־ציזם ווי אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט, ווען די זון איז פאַרגאַנגען, נאָר דער זוים אויפן מערב ליכטיקט נאָך פונעם אייגענעם קוואַל ליכט אין זיך. קהלת

פירט אייך דערפאַר אַריין אין אַ געדאַנקלעכן אומעט, אָבער נישט אין קיין יאוש. איר פאַרטראַכט זיך איבערן זין פונעם מענטשנס לעבן, קהלת רופט ביי אייך אַרויס אַ דאָרשט צו דערגיין דעם זין, זיך צו דערגרונטעווען צו זיך אַליין. איר פאַלט אָבער נישט אַריין אין דער מרה שחורה, וואָס אַזעלכע געדאַנקען וואָלטן געדאַרפט ברענגען. די איבערלעכע שיין, וואָס לויכט־אַרויס פונעם ווערק, ווירקט אויף אייך נישט ווייניקער ווי די סקעפּטישע געדאַנקען. די סטעזשקע צום סקעפּטישן געדאַנק באַשיינט קהלת מיט זיין געמיט און אַמאָל אויך מיט אַ לייכטן שמייכל, אייער אייגן געמיט ווערט דערפאַר נישט אָנ־געלאָדן, נישט פאַרשאָטנס, נאָר פאַרנאַכטיק־לויטערע שיין גייט־אויף אין אייך, — אַ שיין וואָס איז טונקל און ליכטיק.

שלום עליכם האָט מיט יאָרן צוריק איבערגעזעצט אַ פּאָר קאַפּיטלעך קהלת. הבל הבלים האָט ער געטייטשט „גאָרנישט שבגאָרנישט״, און געדאַכט האָט זיך, אַז ער האָט אַביסל פאַרביליקט דעם תנ״כישן פּאָעטיש־פילאָזאָפישן סקעפּטיקער. סע איז אָבער געווען אַ טעות. שלום עליכם האָט דערשפּירט דעם לייכטן שמייכל אין קהלת און אויף זיין שטייגער, — דעם שלום עליכמישן שטייגער, — האָט ער אַ לאַך־געטאָן.

2

ווער איז געווען קהלת? דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט „דברי קהלת בן דוד מלך בירושלים״. וואָלט דערפון געדאַרפט זיין קלאָר, אַז דער שרייבער פון קהלת איז שלמה, וואָרים דוד האָט נישט געהאַט קיין אַנדער זון, וואָס זאָל געווען זיין אַ מלך אין ירושלים. די מסורה האָט דערפאַר אָנגענומען, אַז קהלת איז שלמה. קומען אָבער תנ״ך־פאָרשער, — און דווקא יידן, — און זאָגן, אַז זיי זענען שטאַרק מסופק, צי קהלת איז דער מלך שלמה, דודס זון. קודם איז דאָס לשון אין קהלת אַ סך אַנדערש ווי דאָס העברעאישע לשון פון שלמהס צייט, ווערטער און באַגריפן זענען דאָ, וואָס אין די תנ״ך־ווערק פון יענער צייט געפינען מיר זיי נישט. די מסורה נעמט־אָן, אַז שיר השירים און משלי האָט אויך געשריבן שלמה. פון שיר השירים איז אָפּ־גערעדט, אַז דאָרטן איז דער סטיל און דאָס לשון לגמרי אַנדערש ווי אין קהלת. שיר השירים איז סובלימירטע פּאָעטישע רעטאָריק, דער סטיל איז קלאַסיש־תנ״כיש, בילדלעך־דראַמאַטיש. אין משלי, ווידער איז דאָס לשון אַ סך עלטער ווי אין קהלת, נענטער צום קלאַסישן לשון פונעם תנ״ך.

ווייטער ווייזן די תנ״ך־פאָרשער אָן אויף דעם, וואָס אין ערשטן קאַפּיטל זאָגט קהלת: אני, קהלת, הייתי מלך על ישראל בירושלים, — פאַרוואָס איז ער געווען מלך? שלמה האָט געקיניגט איבער יהודה ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. צוויי מאָל זאָגט קהלת, — אין קאַפּיטל א און אין קאַפּיטל ב, — אַז ער האָט „געמערט איבער אַלע וואָס זענען געווען פאַר מיר אין ירושלים״. ווער זענען די אַלע פאַר מיר, אַז דער ערשטער מלך אין ירושלים איז געווען

דוד, און שלמה איז געווען דער צווייטער, באַלד נאָך אים? ווילן די תנ״ך־פאָרשער דריגגען, אַז קהלת איז נישט שלמה, נאָר סע איז מעגלעך אַז אַ שרייבער, וואָס האָט געלעבט אַ סך שפּעטער ווי שלמה, האָט גענומען די שלמה־פיגור פאַרן מוסטער און אַרום איר געשאַפן דאָס ווערק קהלת.

קהלת שאַפט פון זיך אַליין אַ געשטאַלט, וואָס מיר זעען אים און לעבן אים איבער מיט אַלע זיינע נואַנסן, און אין דעם ליגט דאָס גרויסקייט פונעם ווערק. קהלת וויל אונדז איבערגעבן די אינערלעכע וועלט זיינע, אָבער ווי אַן אמתער ליריקער, עפנט ער פאַר אונדז אויך אַ טירל צום פּשוטן לעבן זיינעם. די סקעפּטישע געדאַנקען זיינע לאָזט ער נישט איבער הענגען אין דער לופטן, זיי וואַקסן ביי אים אַרויס פון אייגענעם לעבן, פון אייגענער דערפאַרונג. דערפאַר זענען זיי אין גדר פון הויכער געדאַנקלעכער לירישער פּאָעזיע.

קהלת איז אַזאַ קלאָר־געצייכנט געשטאַלט, אַז מיר קענען זיך אַפילו אויסמאָלן ווי ער האָט אויסגעזען, און אַוודאי קענען מיר זיך אויסמאָלן ווי ער האָט געלעבט, נישט נאָר וואָס ער האָט געטראַכט. דאָס געשטאַלט זיינס האָט קהלת געצייכנט נאָר ווי אַ הינטערגרונט פאַר די געדאַנקען, אָבער דער הינטערגרונט איז געוואָרן פאַר זיך אַליין אַ גרויסע קינסטלערישע שאַפונג.

פון זיך דערציילט קהלת:

„איך האָב פאַר זיך געבויט הייזער, געפלאַנצט וויינגערטנער. איך האָב מיר געמאַכט גערטנער און סעדער און איינגעפלאַנצט אין זייביימער פון אַלערליי פּירות. איך האָב מיר געמאַכט וואַסערטייכן, אָנצוטרינקען דעם צע־וואַקסענעם וואַלד וואָס שפּראָצט מיט ביימער. איך האָב איינגעקויפט קנעכט און דינסטן און בני־בית האָב איך געהאַט. אויך רינדער און שאָף האָב איך געהאַט אַ סך, מער פון אַלע וואָס זענען געווען פאַר מיר אין ירושלים. איך האָב אויך אָנגעזאַמלט זילבער און גאָלד און שאַצן פון מלכים און מדינות. איך האָב זיך איינגעשאַפט זינגערס און זינגערינס, און מענטש־תענוגים, ווייבער־אויף־ווייבער.״

זעען מיר ווי קהלת האָט געלעבט אין לוקסוס, מיר זעען אָבער נאָכמער ווי צום לוקסוס האָט אים געטריבן אַן אינערלעכע אומרו. דער אופן ווי ער דערציילט פון זיך ווייזט אונדז, אַז אין יאָגעניש נאָך רייכקייט און תענוגים האָט ער געזוכט צו פאַרטויבן די אומרו אין זיך. וואָס דאָס אויג זיינס האָט געזען האָט ער זיך פאַרשאַפט, — „איך האָב קיין שום פרייד נישט אָפּגעזאָגט דעם האַרץ מיינעם״, — אָבער צו דער אייגענער צייט האָט אים די אומרו אויך געטריבן „צו זוכן און צו פאָרשן מיט חכמה וועגן אַלץ וואָס געשעט אונטער דער זון״. אַן אומרואיקער גייסט, וואָס געפינט נישט קיין באַ־פרידיקונג נישט אין לעבנסלוסטיקייט און נישט אין חכמה.

נאָר ער פאַרמשפּט נישט דאָס לעבן, ער האָט ליב די פרייד וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער יוגנט, אינעם האַרבסט פון זיין לעבן וואַרעמט אים

די דערמאָנונג פון די יוגנטלעכע טעג. ער ווייסט, אַז „הילדות והשחרות הבל״, — יינגלשאַפט און יוגנטלעכקייט זענען נישט מער ווי אַ הויך, וואָס פאַרגייט, — אָבער ער זאָגט: „פריי זיך, בחור, אין דיין יוגנט, און לאָז וואוילגיין דיין האַרץ אין דיינע בחורשע טעג.״ צום דאָזיקן געדאַנק האָט ער זיך דערטראַכט דערפאַר, וואָס ער האָט איינגעזען אַז פונעם מענטשנס טרויער וועט אויך גאָרנישט בלייבן. ער האָט אויך באַגריפן, אַז ווען „אַ מענטש עסט און טרינקט, און האָט וואוילטאָג פאַר דער גאַנצער מי זיינער, איז עס אַ מתנה פון גאָט״. פון איין זייט די חכמה און פון דער צווייטער זייט דער פרומער גלויבן אין גאָט, — זיי האָבן אים געבראַכט צום געדאַנק, אַז „ס׳איז נישטאָ קיין בעסערס פאַר זיי, ווי נאָר זיך פרייען און זיך וואויל־צו־טאָן אין זייער לעבן״.

קהלת, זעען מיר, וויל אומקערן די אמונה אין גאָט צום אורקוואַל, — ווי אין חומש, — וואָס האָט נישט קיין אַנדער שכר פאַר גוטע מעשים אַ חוץ דער פעטקייט פון דער ערד און דעם טוי פונעם הימל. דער געדאַנק, אַז אַלץ וואָס איז אויף דער ערד קומט פון גאָט און דערפאַר דאַרף דער מענטש הנאה־האָבן דערפון, איז דער יסוד פון דער תורה. די ערד, דער טוי, דער רעגן און אַלע נאַטור־כוחות, זענען עטישע אַטריבוטן, אויסשטראַלונגען פון גאָטס איינקייט. דער מענטש, — אַז ער מיט זיך, אַז ער אַרבעט, — דערפילט ער אַן עטיש געבאָט און איז מתקן גאָטס באַשאַף. פאַר דער מי זיינער האָט ער דעם שכר פון די אַנדערע עטישע אַטריבוטן — תבואה, פרוכטן, בגדים און אַפילו די מאַן־פרוי תענוגים.

דעם מענטשנס לעבן, — אין אַלע מדרגות, — איז אַוודאי געגעבן פון גאָט. די יוגנט איז געגעבן פאַר פרייד און הנאה, ווארים דער מענטש אין דער יוגנט האָט אי דעם דראַנג און אי דעם כח פאַר פרייד. אַז דער יונגער מענטש פרייט זיך נישט מיט זיין יוגנט, מאַכט ער אַ פגם אין גאָטס באַשאַף, ער איז אומעטיש, ווארים גאָטס עטיק איז אַנצונעמען זיין געשאַנק און דערמיט מתקן־צו־זיין די בריאת העולם.

דערפון דאַרפן מיר דרינגען, אַז קהלת איז געשריבן געוואָרן אין אַ צייט, ווען ביי יידן האָט זיך אָנגעהויבן איינצואוואָרצלען די ווייטערדיקע אַנט־וויקלונג פונעם רעליגיעזן געדאַנק, — דער געדאַנק פון שכר ועונש אויף יענער וועלט, — און קהלת האָט קעגן דאָזיקן געדאַנק רעוואָלטירט. קהלת איז אַ בעל אמונה, אָבער די אמונה זיינע שעפט ער פונעם חומשדיקן אור־קוואַל, נישט פון די קוואַלן וואָס דאָס נביאישע יידישקייט האָט זיך צו זיי דערגראָבן.

3

אַ טיפע אומרו אין קהלתן איז דער געדאַנק וואָס נאָך אים וועט גאָרנישט בלייבן. נאָך אומרואיקער איז דער געדאַנק פונעם אומוויסן, ווארים „דער מענטש ווייסט נישט זיין צייט״, ער ווייסט נישט וואָס מיט אים וועט זיך

טרעפֿן. אויף אַ פּאָעטיש־בילדלעכן אופֿן זאָגט קהלת אַרויס דעם געדאַנק פֿון אומוויסן: „אַזיוויי פֿיש וואָס ווערן געכאַפּט אין אַ בייזער נעץ, און אַזיוויי פֿייגל וואָס ווערן געכאַפּט אין אַ פּאַסטקע, אַזוי ווערן מענטשנקינדער געפֿאַנגען אין אַ בייזער צייט, ווען זי פֿאַלט אויף זיי פּלוצלינג אָן.״ אים מאַטערט אויך דאָס אומוויסן, צי נאָכן טויט גייט דער מענטש אַרויף און די בהמה אַרונטער. ווער ווייסט, צי איז בכלל דאָ אַ חילוק צווישן מענטש און בהמה נאָכדעם ווי דאָס לעבן, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט איינס פֿון אַנדערן, ענדיקט זיך?

קהלת, וואָס זאָגט אויף זיך אַז ער איז געווען אַ מלך אין ירושלים, איז אויך אומרואיק דערפֿון וואָס ער ווייסט נישט ווער סע וועט זיין מלך נאָך אים. ער האָט דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער איז געווען אַ מלך פֿון גרויסן פֿאַרנעם, אָבער נאָך אים קען קומען אַ קליין מענטשעלע און קיניגן. אים ווערט נאָך טרויעריקער דערפֿון, וואָס ער ווייסט אַז קיינעם וועט נישט אָפּגיין דער גרויסער מלך, דער קליינער מלך וועט אויך זיין אָנגעלייגט ביים פֿאָלק. דאָ דריקט קהלת אויס דעם טרויער פֿונעם גרויסן מענטשן, וואָס טראַכט אַז זיין גרויסקייט איז נישט אָפּגעשאַצט, וואָרים אַז זיין אָרט פֿאַרנעמט אַ קליין מענטשעלע אָרט עס קיינעם נישט.

די אומרו פֿונעם אומוויסן ברענגט קהלתן צו די טרויעריקסטע געדאַנקען. דער מענטש פֿון גרויסער חכמה פֿון אומגעשטילטער דאָרשט צו פֿאָרשן דאָס לעבן, פֿון דערגיין אַלע פֿאַרהוילענע ווינקעלעך אין לעבן, — דער מענטש פֿון וויסן בלייבט שטיין ביים אייביקן רעטעניש פֿון טויט, מיט פֿאַרטונקלטע אויגן פֿון אומוויסן. ער דערטראַכט זיך, אַז „ביי דעם וואָס איז נאָך באַהעפֿט צו אַלע לעבעדיקע איז נאָך דאָ אַ האָפֿענונג״, אָבער וואָס פֿאַר אַ האָפֿענונג איז דאָ ביי דעם וואָס דער צובונד צו די לעבעדיקע ווערט ביי אים איבערגע־ריסן? פֿריער זאָגט ער טאַקע, אַז ער האָט פֿיינט געהאַט דאָס לעבן, אָבער „די לעבעדיקע ווייסן אַז זיי וועלן שטאַרבן, די טויטע ווייסן גאָרנישט״, און דאָס אַליין איז אַ גרויסער אָנהאַלט אין לעבן. דאָס לעבן איז וויסן, דער טויט איז אומוויסן. און קהלת, וואָס איז געווען פֿול מיט דאָרשט נאָך וויסן, קען נישט איבערטראָגן דעם געדאַנק, אַז דער טויט וועט פֿאַרטונקלען אין אים די שיין פֿון וויסן.

קהלת איז געווען אַ טיף־רעליגיעזער מענטש, אָבער דאָס באַוואוסטזיין פֿון טויט האָט ביי אים אַרויסגערופֿן אַנדערע געדאַנקען ווי ביי די בעלי־אמונה בכלל. דער יידיש־רעליגיעזער געדאַנק איז, אַז דערפֿאַר וואָס דער מענטש ווייסט אַז ער וועט שטאַרבן, דאַרף ער פֿירן אַ לעבן פֿון גאָטפֿאַרכטיקייט, פֿון יושר און צדק. קהלת אָבער זעט אין וויסן פֿון טויט די איינציקע טרייסט פֿאַרן לעבן, וואָרים אַז דאָס וויסן הערט־אויף און סע קומט די אייביקע פֿאַרטונקלונג, הערט־אויף דער מענטש און אַפֿילו די דערמאָנונג פֿון אים ווערט פֿאַרגעסן.

פון דעם טויט טראַכט ער: „אי זייער ליבשאַפט, אי זייער שנאה, אי זייער קנאה איז לאַנג אונטערגעגאַנגען, און זיי האָבן מער נישט קיין טייל אין אַלץ וואָס ווערט געטאָן אונטער דער זון.״ דערפאַר וואָס דאָס לעבן איז דער מענטש, דרינגט ער באַלד אַרויס: „גיי, עס מיט שמחה דיין ברויט, און טרינק מיט אַ פריילעכן האַרץ דיין ווין.״

ער דערגייט אָבער נישט צו הפקרות; פאַרקערט, דער געדאַנק פון לעבן, ווי דעם מענטשנס איינציקע גאָב, רופט גאָר ביי אים אַרויס פרומקייט. — „וואָרים גאָט האָט שוין באַוויליקט דיינע מעשים״. אויבנאויף קען זיך דאַכטן, אַז קהלת איז דורכגעדרונגען מיטן העלעניסטישן פאַטום, אָבער ער דערמאָנט אונדז אַלעמאָל אַז גאָט איז דער „באַוויליקער״. דער העלעניסטישער פאַטום, וואָס גיט אַלצדינג איבער אין די הענט פונעם גורל, דערפירט נישט צום מענטשנס באַוואוסטזיין אַז ער דאַרף לעבן עטיש. דער יידישער גלויבן, אָבער, אַז גאָט איז דער „באַוויליקער״, איז מחייב דעם מענטשן צו הויכער עטיק. קהלת, וואָס האַלט דאָס לעבן פאַרן מענטשנס איינציקער דערגרייכונג, איז צו דער אייגענער צייט דורכגעדרונגען מיט דער יידישער אמונה און דעם וויסן אַז גאָט פירט די וועלט. דערפאַר איז ער, דער דאַרשטיקער נאָך וויסן, אויך דאַרשטיק נאָך יושר.

קהלת, וואָס זאָגט פון זיך אַז ער האָט אַלץ געזען אונטער דער זון, האָט אויך געזען „אַלע רויבערייען וואָס ווערן אָפּגעטאָן אונטער דער זון״. ער האָט געזען „די טרערן פון די געדריקטע, און נישטאָ ווער סע זאָל זיי טרייסטן״. ער קומט דערפאַר צום אויספיר, אַז „איך האַלט די טויטע, וואָס זענען שוין געשטאָרבן, פאַר גליקלעכער פון די לעבעדיקע וואָס לעבן נאָך. און בעסער פון זייביידע איז דעם וואָס איז נאָך נישט געווען, וואָס האָט נישט געזען די שלעכטע מעשים וואָס ווערן אָפּגעטאָן אונטער דער זון.״ דער מענטש, וואָס האַלט דאָס לעבן אַזוי טייער, וואָס דאָס באַוואוסטזיין פון טויט רופט ביי אים אַרויס מער דראַנג צום לעבן, — דער קלוגער, וויסנדאַרשטיקער קהלת, — אַז ער זעט די רויבערייען, „די טרערן פון די געדריקטע״, האַלט די גע־שטאָרבענע פאַר גליקלעכער פון די לעבעדיקע. ביי אַלצדינג האַלט ער, אַז „ס׳איז בעסער דעם לעבעדיקן הונט, ווי דעם טויטן לייב״, אָבער ביי אומ־רעכט צו מענטשן איז אים דער טויט מער ניחא ווי דאָס לעבן. די יידישע עטיק אין אים איז שטאַרקער ווי דער דאַרשט צום לעבן, אַפילו פון דער מורא פאַרן אומוויסן וואָס נאָכן טויט וועט מיט אים געשען.

4

קהלת רעדט צום אָנהייב, אַז ער האָט זיך „איינגעשאַפט זינגערס און זינגערינס, און תענוגים פון מענטשנקינדער, ווייבער־אויף־ווייבער״, און פירט אויס אַז אַלץ איז הבל הבלים, „און גאַרנישט קומט דערפון אַרויס אונטער דער זון״. ווייטער זאָגט ער: „און איך געפין אַז ביטערער פון טויט איז

די פרוי, וואָס איר האַרץ איז פּאַסטקעס און נעצן, אירע הענט זענען בינד־שטריק". ער האַלט אַפילו, אַז „דער וואָס איז וואוילגעפעלן ביי גאָט ווערט אַנטרונען פון איר, און דער זינדיקער ווערט פון איר געפאַנגען". ווי מיר ווייסן שוין, האַלט קהלת דעם טויט פאַר גענוג „ביטער", הייסט אַז די פרוי „איז ביטערער פון טויט", דאַרפן מיר דערפון לערנען אַז זיינע דערפאַרונגען מיט פרויען זענען געווען גאַר־טרויעריקע.

דערנאָך זאָגט ער אָבער: „געניס דאָס לעבן מיטן ווייב וואָס דו האָסט ליב, אַלע טעג פון דיין נישטיקן לעבן וואָס מע האָט דיר געשאָנקען אונטער דער זון, וואָרים דאָס איז דיין טייל פון לעבן." ווי זאָלן מיר פאַרשטיין אַזאַ סתירה? מיר דאַרפן זיך דערפאַר צוקוקן צו די ווערטער און זען דעם חילוק צווישן די צוויי שטימונגען. „ביטערער פון טויט" איז די פרוי, וואָס איר האַרץ איז „אַ פּאַסטקע" פאַרן מאַן, וואָס „אירע הענט זענען בינד־שטריק" פאַר אים. דאָס איז די פרוי, וואָס קהלת האָט געהאַט „ווייב־אויף־ווייב". אָבער דאָס ווייב „וואָס דו האָסט ליב" איז דעם מענטשנס טייל אין לעבן און צו איר איז קהלת פול מיט פאַרערונג, זי איז ביי אים טייער. דער סקעפּטיקער, וואָס אַפילו אין געדאַנק פון ליבשאַפט צו דער פרוי שטייען פאַר אים אויך „די טעג פון דיין נישטיקן לעבן", איז אין דער אויפריכטיקער, ריינער ליבשאַפט צו דער פרוי אַ גלייביקער מענטש, די פרוי וואָס „דו האָסט ליב" איז דעם מענטשנס גאָב פאַר דער גאַנצער מי זיינער אונטער דער זון.

קהלת איז נישט דער פולער פאַרלייקענער, וואָרים בעת אין דעם רייכן לעבן זיינעם איז אים „בייגעשטאַנען די חכמה", ווייסט ער אָבער, אַז „זיס איז דער שלאָף פון דעם וואָס אַרבעט, צי ער עסט ווייניק, צי אַ סך, אָבער די זעט פון דעם רייכן לאָזט אים נישט שלאָפן". ער זאָגט אַפילו, אַז וואויל „איז אַ מלך וואָס איז איבערגעגעבן צום פעלד". די אַרבעט, די מי, רופט ביים סקעפּטיקער אַרויס דעם חלום פון רו, פון זיסן שלאָף. עשירות איז ביי אים דער עיקר פון זיין ספּעקטיציזם, וואָרים „אַזויווי ער איז אַרויס פון זיין מוטערלייב, אַזוי גייט ער נאַקעט צוריק". ער זאָגט: „בעסער צו גיין אין הויז פון טרויער, איידער צו גיין אין הויז פון אַ סעודה." אַקעגנשטעלן „הויז פון טרויער" דעם „הויז פון סעודה" איז נישט סתם אַ בילד, נאָר אַ טיפע איבערלעבונג. ער האָט געלעבט אין „הויז פון סעודה", דערפאַר איז ער געקומען צום געדאַנק, אַז „ווען דיין פּנים איז טרויעריק, איז בעסער פאַרן האַרצן".

דערמיט איז קהלת אַ הויך־מאָראַליש ווערק. דער סקעפּטיציזם זיינער איז אַ מאָראַלישער, ער פאַרלייקנט נישט דאָס לעבן, ער מאָנט ביים לעבן יושר און מענטשלעכקייט. מיט זיין גלויבן אין גאָט, מיט זיי יידישער עטיק, איז קהלת דערגאַנגען אַנדערש ווי העלעניסטישע סקעפּטיקער צו הבל הבלים. דער העלעניסטישער סקעפּטיציזם דערפירט צו הפקרות. קהלתס סקעפּטיציזם פירט אונדז אַרויף אויף דער ליכטיקער סטעזשקע פון לעבן ריין און עטיש.

5

קהלת און איוב זענען צוויי ווערק אין תנ״ך, וואָס דער יחידישער מענטש־לעבער טרויער איז די קינסטלערישע אַקס זייערע. געדאַנקען פון דעם מענטשנס אומבאַהאָלפנקייט זענען דאָ אין איוב ווי אין קהלת. איוב, אַז ער הערט פון אַלע אומגליקן וואָס זענען געקומען אויף אים, זאָגט ער: „נאַקעט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון מיין מוטערס לייב, און נאַקעט וועל איך זיך אומקערן אַהין.״ קהלת זאָגט: „אַזויווי ער איז אַרויס פון זיין מוטערלייב, אַזוי גייט ער נאַקעט צוריק.״ איוב זאָגט: „אונטערגיין זאָל דער טאָג וואָס אין אים בין איך געבוירן געוואָרן״, און קהלת זאָגט: „דערפאַר האַלט איך די טויטע פאַר גליקלעכער פון די לעבעדיקע, און בעסער פון זייביידע איז דעם וואָס איז נאָך נישט געווען.״ איוב זאָגט: „ווי די טעג פון אַ געדונגענעם זענען זיינע (דעם מענטשנס) טעג״, און קהלת זאָגט: „די געציילטע טעג פון זיין לעבן וואָס גאָט האָט אים געשאָנקען.״ איוב זאָגט: „דעם אומשולדיקן אַזויווי דעם רשע פאַרלענדט ער״, און קהלת זאָגט: „אי דעם צדיק, אי דעם רשע וועט גאָט משפטן.״

ביי קהלתן און ביי איובן קומט צום אויסדרוק דאָס באַוואוסטזיין פון אומבאַהאָלפנקייט קעגן גאָט. דער מענטש, וואָס גאָט האָט אים געגעבן די בחירה חפשית, איז אָבער נישט פריי אויסצוקלייבן גוטס פאַר זיך, ער איז אין די הענט פונעם געטלעכן כח, וואָס טוט מיט אים ווי אים געפעלט. קהלת זאָגט אַרויס דעם געדאַנק פון דעם מענטשנס אומבאַהאָלפנקייט געמיטלעך, דורכגעלייטערט אין דערפאַרונג און אָנגעזאַמלטער חכמה. איוב זאָגט דעם אייגענעם געדאַנק אַרויס מיטן אימפּעט פון אַ צעווייטיקטן מענטשן, וואָס אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָט ער אַנטפּלעקט אַז קעגן דער געטלעכער קראַפט קען ער זיך נישט ווערן.

„נישטאָ צווישן אונדז קיין אַנטשיידער״, זאָגט איוב, „וואָס זאָל לייגן זיין האַנט אויף אונדז ביידע. זאָל ער אָפּטאָן פון מיר זיין רוט, און זיין אימה זאָל מיך נישט שרעקן, וועל איך רעדן און נישט מורא־האָבן.״ דער געשטראָפטער איוב האָט אַ טענה צו גאָט, בעת קהלת איז די טענה שוין אַריבערגעוואַקסן, ער ווייסט שוין, אַז „אַלצדינג האָט ער געמאַכט שיין, אין זיין צייט, אויך די וועלט האָט ער אַריינגעטאָן אין זייער (מענטשנס) האַרצן, אָבער אַזוי אַז דער מענטש קען נישט אויסגעפינען דעם באַשאַף וואָס גאָט האָט באַשאַפן, פון אָנהייב ביז סוף״. דערנאָך איז ער נאָך מוסיף, אַז „אַלץ וואָס גאָט מאַכט איז אייביק, דערצו איז נישט צוצוגעבן און נישט צו מינערן״. איוב זאָגט־אַרויס דעם געדאַנק מיטן צער פון אַ מאַנער, אָבער קהלת איז טיפער און טראַגישער. קהלת זעט דאָס גראַנגאַל פונעם מענטשן, וואָס גאָט האָט אים אַריינגעטאָן די וועלט אין האַרצן, נאָר דער מענטש קען דעם באַשאַף נישט אויסגעפינען.

איוב האָט זיך דערטראַכט צו זיינע סקעפּטישע געדאַנקען נאָך טראַגישע איפּטרייסלונגען אין זיין לעבן. קהלת האָט זיך צו זיי דערטראַכט פון אַן

אינערלעכער דראַמע, אַן דער מינדסטער טראַגישער צערודערונג אין זיין לעבן. איוב האָט געדאַרפט דורכגיין דעם טראַגיזם פון פאַראַרעמטקייט, אומקום פון זיינע זין און עינוים פון אייגענעם גוף, כדי ער זאָל אָנהייבן צו פאַרשטיין די אייביקע מענטש־דראַמע. קהלת האָט ביזן סוף פון זיינע יאָרן געלעבט אין רייכקייט, אין וואוילטאָג, דער דראַמאַטיזם אין אים איז פון אַן אומרואיקן גייסט. פון קהלתן לערנען מיר, אַז דער מענטשלעכער גייסט איז אין זיך אַליין דראַמאַטיש, דער אומרואיקער, דער זוכנדיקער מענטש איז אָן דרויסנ־דיקע סיבות טראַגיש. דער מענטשלעכער געדאַנק איז אין תוך די העכסטע דראַמע, ער איז אַפילו טראַגיש דערמיט וואָס מיר קענען אים נישט דראַמאַטי־זירן, נאָר איבערלעבן אינטים, מיט זיך אַליין, און אַ סך מאָל מיט אַריינשווייגן אין זיך.

אין תוך איז איוב אַ סך העלעניסטישער ווי קהלת. איוב שטעלט־אַוועק קעגן מענטשן אַ כח, וואָס ברענגט אויף אים אומגליק, און דער מענטש, וואָס האָט קיינמאָל נישט אָפּגעקערט פון די וועגן פון דעם גערעכטן, קען זיך קעגן דעם כח נישט ווערן. אַז מיר בעמען־אַוועק דעם אַריינפיר, ווי גאָט שטעלט זיך איין פאַר איובן, קומט־אויס אַז דער שטן איז דער אייגענער העלעניסטישער פאַטום, נאָר אין אַן אַנדער געשטאַלט. אַפילו דער אויסוואַל, אַז גראָד איוב זאָל זיין דער קרבן פון אויספּרואוו, איז אין תוך אַ פאַטאַליסטישער. אמת, איובס רייד זענען נישט געווענדט צום בלינדן כח, דעם פאַטום, נאָר צום באַוואוסטזיניקן געטלעכן כח. אָבער די דראַמאַטישע פאַרוויקלונג איז געבויט אויפן פאַטום־באַגריף, די טראַגישע געשעענישן באַפאַלן אים מיט אַזאַ האַסט, ווי זיי ווערן געטריבן פון אַ בלינדן, פאָרויס־באַשטימטן, פאַטאַליס־טישן כח.

די קהלת־דראַמע איז נישט קיין פאָרויס־באַשטימטע, אין איר איז נישטאָ קיין סימן פון פאַטאַליזם, וואָרים זי איז דורכאויס די דראַמע פונעם געדאַנק. דער מענטש, וואָס דערטראַכט זיך נישט צו די געדאַנקען, וואָס קהלת האָט זיך צו זיי דערטראַכט, לעבט די דראַמע נישט איבער. דער יסוד פון דער פאַטאַליסטישער דראַמע איז געשעענישן, וואָס צעטרייסלען דעם מענטשן. דער פאַטום איז דורכאויס באַשטימט צו לויערן אויפן מענטשנס חומר. קהלת, וואָס האָט אָן ספק געקענט די גריכישע פאַטום־דראַמע, איז זי אַריבער־געוואַקסן, ער איז דערגאַנגען צו דער העכערער דראַמע, — דער יידיש־געדאַנקלעכער. דער אונטערשיד צווישן דער דראַמע פונעם געדאַנק און דער דראַמע פון געשעענישן, איז ווי דער אונטערשיד צווישן דעם נישט־געשטאַלטיקטן, אַבסטראַקטן אייננאָט און דער גאָט־געשטאַלטיקטקייט ביי די גריכן.

איז בעת מיר געפינען ביי קהלתן געדאַנקען, וואָס אויך איוב זאָגט זיי אַרויס, זענען אָבער די צוויי ווערק אין סאַמע תוך זייערן אַנדערש. אין די דראַמאַטישע איבערלעבונגען איז קהלת טיפער דערפאַר, וואָס זיי זענען

נישט געבונדן צו געשעענישן פון אומגליק. די דראַמע פונעם מענטשלעכן געדאַנק פאַרמאָגט נישט קיין מאָמענט־צערודער, זי איז אייביק אין איר ליריזם, אין איר טראַגישער לויטערקייט. זי איז אויך נישט געפּענטעט, ווי די פּאַטוס־דראַמע, וואָרים דער מענטשלעכער געדאַנק שטייגט־אַריבער דעם גורל.

6

דאָס ספר קהלת פאַרמאָגט אַ פּאָעטישע בילדלעכקייט, וואָס איז נישט געוויינטלעך אין תנ״ך. די תנ״ך־בילדלעכקייט איז אַ סך מאָל סימבאָל, וואָס פון אים דאַרפן מיר אָפּלערנען דעם געדאַנק. די קהלת־בילדלעכקייט איז דירעקט, ער קליידט־אָן דעם געדאַנק אין אַ בילד, וואָס איז פול מיט דער־פאַרונג. מיר דאַרפן פונעם בילד נישט אָפּלערנען דעם געדאַנק, — דאָס בילד אַליין איז דער געדאַנק. מיר נעמען דערפאַר אויף דעם געדאַנק אינאיי־נעם מיטן בילד.

אַז קהלת וויל אונדז איבערגעבן דעם גרונט־געדאַנק זיינעם פון אומ־פאַרענדערלעכקייט אין דער וועלט, זאָגט ער: „דער ווינט גייט צום דרום און פאַרדרייט זיך צו צפון, — רונד־אַרום, רונד־אַרום, גייט ער און צו זיינע געדרייען קערט זיך אום דער ווינט.״ דאָ זעען מיר דאָס בילד פון באַ־שטענדיקייט און מיר הערן דערביי אויך דעם געדאַנק פון אומפאַרענדערלעכ־קייט. דעם אייגענעם געדאַנק דריקט ער אויס נאָך בילדלעכער, ווען ער זאָגט: „אַלע ווערטער ווערן מיד.״ ווערטער ווערן אין זיין בילדלעכקייט לעבנס פאַר זיך אַליין, איר ווערט פאַרכאַפּט פונעם אימאַזש, ווי ווערטער זענען מיד פון צופיל איבערגעזאָגטקייט.

קהלת, וואָס האַלט חכמה און וויסן פאַר דער העכסטער דערגרייכונג פונעם מענטשן, זאָגט וועגן חלום, אַז ער „קומט מיט אַ סך טומל״, אָבער דער סוף איז אַז ער איז מער נישט ווי אַ חלום. און ווי בילדלעך ער רעדט פונעם נאַרס געלעכטער: „אַזוי ווי דאָס קנאַקן פון דערנער אונטערן קאָפּ, אַזוי איז דאָס געלעכטער פונעם נאַר.״ אויסגעקליבן האָט ער די טרוקענע דערנער, ווייל אַ חוץ דער פוסטקייט פונעם רעש האָט ער אויך געוואָלט אָנווינקען אויף דער שטעכיקייט.

אין דער וועלט־ליטעראַטור געפינען מיר אַ סך בילדער, וואָס זענען אויסגעבאָרגט ביי קהלתן. וויפל שרייבער האָבן גערעדט פון דער פאַר־פירערישער פרוי, אַז זי פאַנגט דעם מאַן אין איר פּאַסטקע. קהלת זאָגט עס אויף זיין אייגענעם בילדלעכן שטייגער: „ביטערער פון טויט איז די פרוי, וואָס איר האַרץ איז אַ פּאַסטקע און נעצן אירע זענען בינדשטריק״. די בילד־לעכקייט פון נעצן ווענדט ער אויך אָן אויפן מענטשנס גורל: „אַזוי ווי פיש וואָס ווערן געכאַפּט אין אַ בייזער נעץ, און אַזוי ווי פייגל וואָס ווערן געכאַפּט אין אַ פּאַסטקע, אַזוי ווערן די מענטשנקינדער געפאַנגען אין אַ בייזער צייט,

ווען זי פֿאַלט אויף זיי אָן אומגעריכט.״ מיר האָבן דאָ דעם מענטשנס אומ־באַהאָלפֿנקייט קעגן דער בייזקייט פֿון דער צייט און דעם מאָמענט פֿון אומ־געריכטקייט, וואָס מאַכט נאָך טראַגישער דעם מענטשנס גורל.

קלוגשאַפֿט, ווי מיר האָבן פֿריער געזען, איז ביי קהלתן די העכסטע דערגרייכונג. דאָס בילד פֿונעם קלוגן זעט ער, ווי „מענטשנס חכמה באַלייכט זיין פּנים״. די פֿיינטשאַפֿט צום נאַר דריקט ער אויס אויף אַזאַ בילדלעכן אופֿן: „ווי טויטע פֿליגן פֿאַרשטינקען און צעבלעזלען דעם זאַלבמישערס אייל, אַזוי וועגט אַביסל נאַרישקייט אַריבער חכמה און כּבוד.״ אַפֿאָריזמיש זענען די בילדער וועגן דעם מענטשנס כאַראַקטער, ווי למשל: „פֿון פֿוילקייט פֿאַלט־איין דער באַלקן און פֿון אָפּגעלאָזענע הענט רינט דאָס הויז.״ דידאַקטיש אַפֿאָריזמען זענען אַריבער צו אַ סך פֿעלקער, מיר דאַרפֿן אָבער געדענקען, אַז זייער בילדלעכקייט שטאַמט פֿון קהלת.

מיר געפֿינען די שפּורן פֿון אַ סך קהלתס אַפֿאָריזמען ביי יידן און ביי אַנדערע פֿעלקער, אָבער ביי קהלתן זענען זיי בילדלעכער און פֿרישער. אויף צו זיין געהיט מיט ווערטער זאָגט קהלת: „אַ פֿויגל פֿון הימל וועט אַוועק־טראָגן דאָס קול״, און אין יידיש איז דערפֿון געוואָרן: „ווענט האָבן אויערן.״ דער פֿויגל, וואָס טראָגט דאָס קול, איז אָן אָן ערך פּאָעטישער.

דאָס קאַפּיטל יב, וואו קהלת באַמאָלט דעם טויט, איז פֿאַר זיך אַליין אַ גרויס־קינסטלעריש ליד, וואָס אַ הײנטצייטיקער פּאָעט מעג זיך דערפֿון לערנען בילדלעכקייט, צמצום און קלאָרקייט פֿון אויסדרוק. קהלת דערציילט פֿון דער צייט, ווען „דער מענטש גייט צו זיין אייביקער הײם״, און דאַמאָלסט, — „איידער דער זילבערנער שנור וועט צעריסן ווערן, און דער גילדערנער בעקן וועט צעהאַקט ווערן, און דער קרוג וועט צעבראָכן ווערן ביים קוואַל, און דאָס ראָד וועט אַ צעשמעטערטס פֿאַלן אין ברונעם״. — דאַמאָלסט קומט דער סוף פֿונעם מענטשן, ער „גייט צו זיין אייביקער הײם״. אין דעם בילד פֿון טויט נעמט קהלת אויך אַריין קאָנקרעטע בילדלעכקייט, ווי „און די קוקערינס וועלן זיין טונקל אין די פֿענצטער, און די טירן צו דער גאַס וועלן פֿאַרשלאָסן ווערן; ווען נידעריק וועט זיין דאָס רוישן פֿון דער מיל, און מע וועט זיך אָפּשטעלן ביים פּיפּס פֿון אַ פֿויגל, און פֿאַרשטיקט וועלן זיין אַלע טעכטער פֿון געזאַנג.״

דאָס געזאַנג פֿונעם מענטשנס גאַנג „צו זיין אייביקער הײם״ קומט באַלד נאָכן געזאַנג צום מענטשנס יוגנטלעכקייט, ווען דער פּאָעט זאָגט: „פֿריי זיך, בחור, אין דיין יוגנט, און לאָז וואוילגיין דיין האַרץ אין די בחורישע טעג.״ איןביידע איז דאָ פּאָעטישע דעהויבנקייט, אין ביידע ווערט דער געדאַנק אָנגעקליידט אין הויכער בילדלעכקייט.

אַ וועלט אין אָפּשיין

אַ וועלט אין אָפּשיין איז די יידישע וועלט מחוץ מדינת ישראל. מיר זיינען, אין דער געשיכטע אונדזערער, געגוג אויסגע־פּרואווט אויף צייטן, וואָס אַ וועלט האָט אונדז אָפּגעשיינט. נאָר פריער האָבן מיר געהאַט די פולע אמונה אין אויפשיין און היינט איז דער אויפשיין פאַר אונדז פאַרטונקלט.

אין אָפּשיין פונעם טאָג שפּרייטן זיך שאָטנס, וואָס פון זיי ווערן די ליכט־פאַסן בולטער. אין אָפּשיין פון אַ וועלט זיינען די שאָטנס אַזוי געדיכט, אַז זיי פאַרשטעלן דאָס פרומע ביסל ליכט. בלאָנדזשען מיר צווישן די שאָטנס און זוכן דאָס פרומע ליכט. ווי אַלע אונדזערע בלאָנדזשער זוך איך ליכט אין דער וועלט פון אָפּשיין.

דאָס געזאַנג פון שבת

שבת האָט ביי אונדז קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אַ קוואַל פון שאַפונג, פון קינסטלעריש־עסטעטישער אָנרעגונג. פון די גאָר־אַלטע צייטן ביז אונדזערע טעג איז שבת אַ לעבעדיק געשטאַלט, וואָס אַרום דעם וועבט זיך סיי די קאָלעקטיווע פאָלקס־פאַנטאַזיע, סיי די שאַפערישע פאַנטאַזיע פון דעם יחיד — דעם קינסטלער. אַפילו דער פשוטער יידישער מאַן און די פשוטע יידישע פרוי האָבן געשאַפן זייער אייגענעם שבת, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט זייער אייגענעם געמיט, האָט דערמאָנט זייער באַזונ־דערן קאָליר און געאָטעמט מיט זייער אייגענעם גלויבן.

אַז איך דערמאָן זיך אין דעם היימישן שבת, זע איך פאַר מיינע אויגן אַ קאָלעקטיוון שבת און אַ יחידישן. דער קאָלעקטיווער שבת האָט געלייגט דעם חותם זיינעם אויפן גאַנצן שטעטל, דאָס איז געווען דער הלכהשער שבת, פול מיט פאַרבאָטן און איסורים, וואָס האָבן אַלע יידישע שטעטלעך אויסגעפורעמט אין איין פורעם. דער קאָלעקטיווער שבת האָט פאַרמאָגט דאָס געאייל אויסצוטאָן דאָס שטעטל פון די וואָכעדיקע בגדים און איינצו־האַלטן דעם אָטעם בעת די זון האָט אַרונטערגענידערט און די שבת־פליגלען האָבן זיך צעשפרייט איבער דעכער און שטיבלעך. דער עיקר אָבער איז געווען דער שטרענג־הלכהשער נוסח, וואָס האָט באַהערשט דעם קאָלעק־טיוון שבת.

דער יחידישער שבת, וואָס איז געווען דער שבת אין יעדער שטוב באַ־זונדער, איז געווען דער אגדהשער, וואָרים ער האָט פאַרמאָגט אין זיך די פאַנטאַזיע און דאָס געמיט פון דעם יחיד, וואָס האָט די איסורים אָנגעוואָ־רעמט מיט זיין אייגענעם שטייגער און אייגענער פירונג.

דער שבת ביי אונדז אין שטוב איז געווען אַ וואַרעמער, אַ פולער, מיט געזאַנג און אומעט. דער טאַטע האָט אים געשאַפן מיט זיין זינגעוודיק געמיט, די מאַמע האָט אים אויסגעפורעמט מיט איר בריהשאַפט. ביי טוביה מעל־שענקער, אַ שכן אונדזערער, איז דער שבת געווען אַביסל אַ שטרענגלעכער, מיט פאַרדבקהטע זמירות און איבערגעטריבענער פרומקייט. מיין טאַטע האָט פאַרמאָגט דאָס געמיט הנאה צו האָבן פון שבת, די איסורים זענען ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פרייד. טוביה מעלשענקער ווידער, איז געפאַלן אונטערן יאָך פון די פאַרזאָגן, ער האָט רק מורא געהאַט טאָמער איז ער, חלילה, מחלל שבת און דערפאַר איז דער שבת זיינער געווען אַ קליינער, אַן איינגעשרומפטער, אַ שטרענג־געפענטעטער.

שבת איז קודם־כל יידישער שטאָם, וואָרים נאָך איידער יידן איז פאַר־זאָגט געוואָרן צו האַלטן און צו היטן שבת, איז שוין שבת געווען. ער איז אַריינגעוועבט אין אונדזער קאָסמאָגאָניע, ער איז אַ טייל פון דעם וועלט־באַשאַף. שבת איז געשאַפן געוואָרן אַקוראַט ווי דער מענטש, ווי דער „גרוי־סער־אויספּרייט", ווי די ערד, די וואַסערן. איר קענט שבת נישט אויס־טיילן פון דעם קאָסמאָס, ווייל ער איז אין אים אַריינגעוואַקסן, איז אַן אָר־גאַנישע טייל זיינע. ס׳איז נישט שייך צו זאָגן, אַז שבת קען מען פאַרבייטן, אָדער אים אָפּווישן. פּונקט ווי אַז איר זאָלט אָפּווישן די ערד, ווערט אָפּגע־ווישט דער גאַנצער קאָסמאָס, אַזוי אויך אַז איר זאָלט אָפּווישן שבת, מאַכט איר חרוב דעם קאָסמאָס, אָדער לכל הפחות מאַכט איר חרוב דאָס גאַנצ־קייט זיינס.

אונדזער קאָסמאָגאָניע איז איינגעטיילט אויף זעקס טעג באַשאַף פון מאַטעריעלע ווערטן. ביי שבת שטייט אַז דער באַשעפער „שבת וינפש". די טייטש פון „שבת" איז פיזישע רו און פון „וינפש" איז גייסטיקע אויסלעבונג. אַ ראיה אַז „וינפש" האָט צו טאָן נישט מיט חומר, נאָר מיט רוח, האָבן מיר פון אַ פּסוק אין שמות, וואו עס ווערט געזאָגט: „כי אתם ידעתם את נפש הגר" — איר קענט די נשמה פון דעם גר. אונדזער קאָסמאָגאָניע האָט נישט געקענט בלייבן בלויז ביים חומר, ביים באַשאַף פון מאַטעריעלע ווערטן, אויך דער גייסט האָט געמוזט אַריינגעפּאַסט ווערן אין דער ראַם פון וועלט־באַשאַף. שבת איז די גייסטיקע טייל פון אונדזער קאָסמאָגאָניע, דערפאַר איז ער נישט גלאַט אַ טאָג פון רו, נאָר אַ טייל פון דער גאַנצער וועלט, וואָס אָן אים וואָלט די וועלט ניט געווען פאַרענדיקט, פּונקט ווי זי וואָלט נישט געווען פאַרענדיקט אָן דער לופט וואָס דער מענטש אָטעמט.

נאָכמער, אין אונדזער קאָסמאָגאָניע איז שבת די העכסטע דערגרייכונג פונעם באַשאַף. ביי אַלע טעג פון באַשאַף שטייט „וירא אלהים כי טוב", ביים זיבעטן טאָג שטייט „ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו, כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות". גאָט האָט דעם זיבעטן טאָג געבענטשט און געהייליקט, — פאַרוואָס? וואָרים אין אים האָט ער גערוט פון זיין גאַנצער אַרבעט וואָס ער האָט געשאַפן. פּונקט ווי זעקס טעג האָט גאָט געשאַפן די אַרבעט, אַזוי האָט ער דעם זיבעטן טאָג געשאַפן די רו. אין דער קאָסמאָגאָניע אונדזערער איז רו נישט ווייניקער טוּונג ווי אַרבעט, וואָרים דער באַגריף פון רו איז נישט דער אייגענער ווי אָפּרו. בעת אָפּרו מיינט נישט מער ווי אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון דער פיזישער אַרבעט, פון מיד־קייט אין מענטשן, מיינט רו אַ גייסטיקער צושטאַנד, וואָס גיט דעם מענטשן סיי געמיט און סיי צייט גייסטיק איבערצולעבן זיך אַליין און דעם גאַנצן אַרום: דעם קאָסמאָס, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג.

די רו האָט דער באַשאַפער געבענטשט און געהייליקט, צו דער אייגענער צייט אָבער האָט ער מיט איר אויך געהייליקט און געבענטשט די אַרבעט.

וואָרים דערגיין צו דער מדרגה פון דעם זיבעטן טאָג האָט דער באַשאַפער געקענט נאָר דורך זעקס טעג אַרבעט. ער האָט געמוזט אַ גאַנצע וועלט באַשאַפן, כדי צוצוקומען צו דער רו פון זיבעטן טאָג. די זעקס טעג אַרבעט זענען, הייסט עס, נישט בלויז אַ צוגרייט צום זיבעטן טאָג, זיי זענען דער יסוד זיינער. אַזוי איז אין דער קאָסמאָגאָניע אונדזערער געשאַפן געוואָרן אי די הייליקייט פון אַרבעט און אי די ברכה פון רו. נאָכמער, די באַשאַפונג פון דער וועלט איז געווען אַ מלאכה, נישט פון זיך אַליין איז די וועלט אַרויסגעוואַקסן, נאָר פון אַרבעט. דערפאַר טאַקע, וואָס אונדזער קאָסמאָגאָניע האָט דעם אויפקום פון דער וועלט פאַרבונדן מיט אַרבעט, האָט זי געקענט דערגיין צום באַשאַף פון דער רו.

פון דעם שבת, וואָס איז אַ טייל פון דעם וועלט־באַשאַף, איז אַרויסגעוואַקסן דער געבאָטענער שבת. וועלט־באַשאַפעריש איז שבת אַ גרויס ווערק, געביטעריש איז ער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער. שבת האָט ממש איבערגעקערט דעם מענטשנס באַוואוסטזיין. אַוודאי האָט דער מענטש, ביזן שבת־פאַרזאָג, געערוט, — אַ מענטש, אַז ער ווערט מיד פון אַרבעט, מוז ער זיך אָפּרוען. נאָרמירטע רו, איינגעשטעלטע, געבאָטענע טעג, איז געווען פרעמד דעם פרימיטיוון מענטשן. און ווידער, רו נישט ווי אַ צוגרייט צו אַרבעט, נאָר אַרבעט ווי אַ צוגרייט צו רו, איז אָן ספק געווען פרעמד דעם מענטשן, איידער שבת איז באַשאַפן געוואָרן. נאָכמער, רו וואָס דאַרף דעם מענטשן דערהייבן, אים אויסאיידלען, אויסגייסטיקן, האָט זיך מסתמא נישט געלייגט אויפן שכל ביים דאַמלסטיקן מענטשן.

גאָר ווילד־פרעמד איז מסתמא געווען דער אָנזאָג, אַז אויך דער קנעכט און די בהמה דאַרפן רוען. דער גרויסער סאָציאַלער באַטייט פון שבת ליגט אָבער אין דעם, וואָס די רו איז אָנגעזאָגט געוואָרן פאַרן באַלעבאָס און דעם קנעכט צוגלייך, אין איין און דעם אייגענעם טאָג דאַרפן זיי רוען. צום ערשטן מאָל איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער חילוק צווישן באַלעבאָס און אַרבעטער. דער באַלעבאָס קען נישט רוען איין טאָג אין דער וואָך און דער אַרבעטער אַן אַנדערן. איין טאָג איז באַשטימט פאַר אַלעמען, דער איינער טאָג איז שבת, וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן קלאַסן, זיינע געזעצן פון רו זענען חל אויף אַלעמען גלייך. דער מין מענטש איז דערמיט דערהויבן געוואָרן, דער מענטש, וואָס איז דער באַשאַף פון גאָט, איז סאָציאַל צעטיילט, אָבער אין דעם הייליקסטן טאָג, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, פאַלן אַוועק די סאָציאַלע מחיצות, דער מין מענטש ווערט צוריק גאַנץ, ער קומט צוריק צום סאַמע אָנהייב, ווי ער איז באַשאַפן געוואָרן.

אין דער טראַדיציע אונדזערער איז שבת דאָס פאַרבילד פון דעם לעתיד לבוא, פון דער נאָך־משיח צייט. דער סאָציאַלער מיין איז אַזאַ אַזוי־ווי שבת האָט אָפּגעשאַפט די אונטערשיידן צווישן קלאַסן, אַזוי וועט זיין דער לעתיד לבוא. אַ גרויסע סאָציאַלע איבערקערעניש וואָלט דער שבת געבראַכט, אַז

ער וואָלט נאָר אָנגעזאָגט אַז דער קנעכט אין שטוב דאַרף רוען איין טאָג אַ וואָך. גרעסער איז אָבער דער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק, אַז דער איינער טאָג רו דאַרף זיין גלייך פֿאַר אַלעמען.

צוויי געשעענישן האָבן זיך אַריינגעשניטן אין דעם באַוואוסטזיין פֿון די עברים: 1) דער בונד, וואָס גאָט האָט פֿאַרשניטן מיט אברהמען, און 2) דאָס קנעכטשאַפֿט אין מצרים. אָט די צוויי מאָטיוון האָבן געווירקט אויף דער שאַפֿונג פֿון שבת. דער בונד מיט גאָט ווערט אַ סך מאָל שלעכט פֿאַרשטאַנען און נאָך ערגער אויסגעטייטשט. נישט כדי אויסצוטיילן די עברים פֿון אַנדערע פֿעלקער, אַז זיי זאָל זיין בעסער צו לעבן אויף דער וועלט, איז דער בונד פֿאַרשניטן געוואָרן, נאָר אַרויפֿצולייגן אויף זיי דעם יאָך פֿון אייביק טראָגן דעם צונויפֿבונד מיט גאָט. דער בונד מיט גאָט איז מחייב צו אַנדערע הנהגות אין דער וועלט, ער מאָנט שטענדיק ביי יידן מער מענטשלעכקייט און גייסטיקייט. אַזיווי גאָט האָט באַשאַפֿן דעם שבת און אַזיווי אברהם האָט פֿאַרשניטן מיט גאָט אַ בונד, איז שבת דערפֿאַר געוואָרן דאָס אייגנטום פֿון דעם יידישן פֿאָלק.

דאָס צווייטע געשעעניש, — קנעכטשאַפֿט אין מצרים, — איז דער סאָציאַל־מענטשלעכער מאָטיוו, וואָס האָט געווירקט אויף דער אויספֿורעמונג פֿון שבת. יציאת מצרים איז פֿאַר זיך אַליין געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער וועלט־געשיכטע. קנעכט זענען מסתמא אַנטלאָפֿן פֿון זייערע הערן, נאָך איידער די בני־יעקב זענען אַרויס פֿון מצרים. עס זענען מסתמא אויך געווען צונויפֿשטויסן צווישן קנעכט און הערן. דאָס געראַנגל צווישן הער־שער און באַהערשטע איז מסתמא אַזוי אַלט ווי די וועלט. אָבער אַז אַ גאַנץ פֿאָלק זאָל זיך אויפֿהייבן און זיך באַפֿרייען פֿון קנעכטשאַפֿט, — דאָס איז געווען דער ערשטער גרויס־היסטאָרישער צוג פֿון באַפֿרייאונג. נישט וויכטיק איז, צי די געשיכטע פֿון יציאת מצרים איז היסטאָריש פּינקטלעך אין איר גאַנצער פֿולקייט, וויכטיק איז וואָס, ווי זי ווערט דערציילט אין חומש, האָט זי זיך אַריינגעשניטן אין דעם גאַנג פֿון דער וועלט.

אינעם געדעכעניש פֿון די עברים האָט זיך יציאת מצרים אַריינגעשניטן נאָכמער ווי אין דער וועלט־געשיכטע, דערפֿאַר וואָס די באַפֿרייאונג איז געווען נישט נאָר מענטשלעך־סאָציאַל, נאָר אויך נאַציאָנאַל. דער סאָציאַל־נאַציאָנאַלער מאָטיוו פֿון יציאת מצרים האָט געווירקט אויסצופֿורעמען שבת, וואָרים אַלעמאָל האָבן די עברים געדענקט אַז זיי זענען געווען קנעכט אין מצרים, זיי אַליין האָבן דאָס סאָציאַלע אומרעכט דורכגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס, דערפֿאַר איז דער טאָג פֿון רו נישט פֿאַר זיי אַליין, נאָר אויך פֿאַר זייערע קנעכט. דאָס פֿאָלק, וואָס איז אַרויס פֿון קנעכטשאַפֿט, דאַרף טראָגן די באַפֿרייאונג פֿון דער קנעכטשאַפֿט פֿאַר דער וועלט.

שבת האָט אַן אייגענע נשמה, אָדער אַ צוגאָב־נשמה, אַ נשמה יתירה, די נשמה פֿון לויטער ריינקייט, וואָס איז אויסגעטאָן פֿון גשמיות און איז גאָלע

רוחניות. די נשמה יתירה איז אייגנטלעך די אמתע נשמה, וואָס דער מענטש דאַרף צו איר זוכה־זיין אַז די אויסלייזונג פון דער וועלט וועט קומען. דער־ווייל קומט זי נאָר שבת, ווי אַן אָנזאָג אויף די שפּעטערדיקע טעג.

דער זין פון שבת איז אויך, אַז דער חומר, דאָס מאַטעריאַליסטישע, איז נישט דער עיקר, דער חומר איז נאָר אַ דינער דעם רוח. דער עיקר איז דער גייסט, דער שבת, די זעקס טעג וואָך דינען דעם זיבעטן טאָג, — דעם טאָג פון גייסט. אָן שבת וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט, זי וואָלט נישט געהאַט צוליב וואָס צו זיין, צוליב וואָס צו וואַכעווען.

שבת איז אין דער יידישער מיסטיק אויסגעוואַקסן ווי אַ מלכה, וואָס טראָגט אַ קרוין אויפן קאָפּ און קומט באַשיינען אונדזער לעבן. אָט דער מיס־טיציזם איז אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין יידישן באַוואוסטזיין, אַז ער איז געוואָרן אַווירקלעכקייט. אַז דער טאַטע האָט פרייטיק־צו־נאַכטס געזאָגט שלום עליכם און אַריינגערופן די מלאכים, איז עס נישט געווען גלאַט אַ גע־זאַנג, נאָר אַן איבערלעבונג. איר האָט ממש געזען ווי די מלאכים קומען אַריין, פירן די מלכה שבת און באַזעצן זי אויבנאָן ביים שבתדיקן טיש. דאָס איז איינע פון יענע רעליגיעז־שטייגערישע איבערלעבונגען, וואָס זייער פאַנטאַסטישקייט ווערט אַ ווירקלעכקייט.

אין דער דורותדיקער אַנטוויקלונג, ווי שבת איז דערגאַנגען צו אונדז, איז ער אַ מין אינטים־יידישע דראַמע, איינגעטיילט אין דריי טיילן, וואָס יעדער איינע פון זיי האָט איר אייגענע פּאַרב און אַלע אינאיינעם זענען זיי פאַרבונדן מיט איין פאָדעם. אָנהייבן הייבט זיך שבת אָן מיט אַ פּראָלאָג, וואָס ציט זיך דורך דער גאַנצער וואָך, אַ פּראָלאָג וואָס פירט דעם יידן אַריין אין דער גרויס־אינטימער איבערלעבונג. פרייטיק ווערט דער פּראָלאָג אַביסל נערוועזער, ציטערדיקער ביז עס קומט צום זונפאַרגאַנג און די אינ־טימע דראַמע הייבט אָן צו צעוויקלען אירע פליגלען, ווי אַ שטילער, מיסטישער פויגל.

דער אָנהייב איז אַ פריילעכער, דער ייד נעמט אַריין אין שטוב די מלאכים, וואָס זענען די שותפים זיינע צום טאָג פון רו. דעם שבת אַליין נעמט ער אַריין ווי אַ כלה, — אַ כלה, וואָס אַ גאַנצע וואָך איז ער איר אַנט־קעגנגעגאַנגען מיט פאַרבאָרגן געזאַנג אין זיך און איצטער זינגט ער צו איר: בואי כלה. דער ספּעקטאַקולערער אָנהייב איז דורכאויס אינטים־גייסטיקע איבערלעבונג, ער האָט נישט קיין דרויסנדיקע עפעקטן, די דעקאָראַציע איז אויסגעשטעלט אין יידן אַליין, אין זיין פאַנטאַזיע, אין זיין געמיט. די פיגורן, אַ חוץ אים, זענען אימאַגינערע, דער פּעיזאַזש איז אַן אימאַגינערער, די כלה־שבת איז דורכאויס אויסגעטראַכט, אָבער די איבערלעבונג איז אַזאַ טיפע, אַז דאָס אויסגעטראַכטע ווערט מער ווירקלעכקייט ווי די ווירקלעכקייט אַליין.

די צווייטע טייל פון דער אינטימער דראַמע, — דער שבתדיקער טאָג, איז ווי דער צווייטער אַקט אין יעדער דראַמע: פּאַמעלעכע שטייגונג, וואָס

איז אויסגערעכנט צו דערפירן צום קלימאַקס. די דראַמאַטישע אַנטוויקלונג איז ווידעראַמאָל אַן אינערלעכע, דער ייד לעבט איבער דאָס פֿולקייט פֿון דער רו, ער פֿילט די רו ווי אַ געשטאַלט, זי איז דער צענטראַלער העלד סיי ביים דאַווענען בציבור, סיי ביי דער סעודה, סיי ביים פּרק משניות. די שבת־דיקע רו איז נישט קיין אָפּרו, נאָר אַ יש פֿאַר זיך אַליין, וואָס האָט איר אייגן לעבן, איר אייגענעם אָטעם און אַראָמאַט. לגבי דער ערשטער טייל — דעם קבלת שבת — איז די צווייטע טייל ווייניקער ספּעקטאַקולאַר, זי פֿאַרמאָגט נישט קיין פֿייערלעכקייט, זי איז אָבער טיפֿער, אַריינגעוואַקסענער אין דעם באַוואוסטזיין. דאָס באַגעגעניש מיט דער כלה איז געווען ווי אַ חופּה, מיט קלעזמער און מחותנים, איצטער איז דער שטילער, אינטימער צונויפֿלעב מיט איר, וואָס וואַקסט אַריין אין געמיט און אין באַוואוסטזיין.

די דריטע טייל — דער קלימאַקס — איז אויסערלעך אַנדערש ווי די געוויינטלעכע דראַמע, ווייל נישט קיין אַרויפֿשטייג איז זי, נאָר אַן אַראָפּגיי־דער. דאָס איז אָבער נאָר אויסערלעך, אינערלעך איז דאָ אין שלוש־סעודות דער עלעמענט פֿון טיפֿער, קלימאַקסישער דראַמע: דער מאָמענט פֿון צע־שייד. די כלה־שבת ווערט אַרויסבאַגלייט אַן באַזונדערן ריטואַל, די סעודה אַפֿילו איז אַן אָרעמע — אַמאָל אַ שטיקל פֿיש, וואָס איז געבליבן פֿון דער רייכער סעודה, און אַמאָל נאָר אַ שטיקל הערינג. זעליש אָבער דערגרייכט די איבערלעבונג כמעט צו דער מדרגה פֿון טראַגיזם. די דעקאָראַציע שאַפֿט דאָ די נאַטור אַליין — דער בין־השמשות, וואָס ווערט אַלץ געדיכטער, דער אַוועקגאַנג וואָס הילט זיך איין אין שאָטנס. דער אָרעמער טיש ביים שלוש־סעודות איז פֿאַר זיך אַליין אַ סימבאָל פֿון צעשייד, וואָס דער ייד לעבט אים איבער טיפֿער ווי דער העלד אין אַ וועלטלעכער דראַמע.

אין דער ליטעראַטור איז שבת אַן אייביקער מאָטיוו. מיט ליטעראַטור מיין איך אַלצדינג, וואָס יידן האָבן געשאַפֿן זינט זיי זענען געוואָרן אַ פֿאָלק, — סיי אין העברעאיש, סיי אין אַראַמיש און סיי אין יידיש. אָנגע־הויבן האָט זיך די שבת־שאַפֿונג אין דער ליטעראַטור מיט דער אגדתא, וואָס איז אייגנטלעך דער אויסדרוק פֿון דעם פֿאָלקס פֿאַנטאַזיע. דאָ איז דער שבת אַ פֿאַנטאַסטיש געשטאַלט, וואָס קומט צום יידן אים ברענגען רו און דערהייבונג. דאָ איז שבת אַבסטראַקט־ליריש, ער גייט אַרום אויסגע־צירט, ער אָטעמט מיט גייסט, ער שטראַלט פֿון זיך אַרויס פֿרייד, ער לעבט מיט אַ העכער, אויסגעחלומט לעבן. שבת אין דער אגדתא איז אַ דערגאַנצונג צו גאָטס שאַפֿונג, דאָס פֿאָלק נעמט די טייערסטע מתנה, וואָס איז אים גע־געבן געוואָרן און צירט זי אויס אין די פֿאַרבן און קאָלירן, וואָס זענען אין גרעניצן פֿון זיין וויזיע.

די צווייטע ליטעראַטור־שאַפֿונג פֿון שבת איז די פֿילאָזאָפֿישע. אויך זי איז אַבסטראַקט און פֿאַנטאַסטיש, אָבער זי וויל שוין באַזינגען די גאָב פֿון גאָט, דערהייבן זי צום יידישן געדאַנק. די אַבסטראַקטע שאַפֿונג פֿון שבת האָט

אַרומגענומען הונדערטער יאָרן פון יידישער צעשפּרייטקייט און איז ביי די בעלי־קבלה דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פון מיסטיציזם. די בעלי־קבלה האָבן שבת איבערגעלעבט ממש פיזיש, דאָס געשטאַלט פון שבת איז פאַר זיי געשטאַנען מיט דער גאַנצער פולקייט און, אַז רב שלמה אלקאביץ איז מיט זיינע תלמידים אַרויסגעגאַנגען פרייטיק פאַרנאַכט פון צפת און געזונגען לכה דודי, האָבן זיי מקבל־פנים געווען אַ כלה, וואָס זיי האָבן געזען פאַר זיך און זי אַריינגענומען אין יידישן האַרבעריק מיט אַ מין העכערער, געטלעכער עראָטיק. די עראָטיק פון קבלת־שבת ביי די בעלי־קבלה, וואָס איז איבערגעגאַנגען דערנאָך צו יידן אין דער גאַרער וועלט, אָט די עראָטיק איז אַ דורכאויס אַסקעטישע. ס׳איז אפשר אַ פּאַראַדאָקס, אָבער אַ סך פון אונדז האָבן נאָך איבערגעלעבט דעם עראָטישן אַסקעטיזם פון קבלת־שבת. כאָטש שבת איז אַ כלה, איז אָבער נישטאָ דער מינדסטער ערדישער מאָמענט אין באַגעגענען די כלה און אַריינגעמען זי אין שטוב אַריין, ס׳איז דורכאויס אַ גייסטיקע איבערלעבונג און דאָס געזאַנג צו איר איז די עראָטיק פון גייסט.

אונדזער מאָדערנע שאַפונג פון שבת איז אַן אַנדערע, זי איז נישט אַבסטראַקט, נאָר רעאַליסטיש־לעבנסשטייגעריש. סיי די מאָדערנע העברעאישע און סיי די יידישע ליטעראַטורן זענען פול מיטן געזאַנג צו שבת, אָבער דער עיקר איז דאָ די באַשרייבונג, ווי שבת האָט געלעבט אין שטעטל, ווי דער ייד האָט אויסגעפורעמט דעם שבת אין זיין שטייגערישער ווירקלעכקייט. אַפילו די פּאָעזיע וועגן שבת איז אויך מער אַ שטייגעריש־ לירישע, איידער אַ פילאָזאָפיש־אַבסטראַקטע. בעת ביי שלמה איבן גבירול איז שבת אַן אַבסטראַקט געשטאַלט, וואָס שרייבט אַפילו אַ בריוו, איז ביים מאָדערנעם יידישן פּאָעט שבת מער אַ פּערזענלעך־רעאַליסטישע איבערלעבונג, איידער אַ געדאַנקלעכע. דאָס איז מסתמא דערפאַר, וואָס ערשטנס האָט בכלל די ליטעראַטור זיך געווענדט צו אַנדערע אויסדרוקס־מיטלען, — מער קאָנקרעטע, רעאַליסטישע, — און צווייטנס, וואָס די מאָדערנע באַזינגער פון שבת האָבן שוין נישט געהאַט די אינערלעכע אמונה, דעם רעליגיעזן עקסטאַז פון שבת. אין די מאָדערנע שבת־געזאַנגען איז דאָ אַ רעליגיעזער עקסטאַז, אָבער ער איז אַ געבאָרגטער, דער פּאָעט איז אויפגעפלאַמט פון אַ שבת־אידיליע, וואָס ער האָט געזען, איבערגעלעבט דורך אַנדערע, דורכגעפילט אין זיך וואָס אַנדערע האָבן געטראָגן מיט דער פול־גלייבערישער גאַנצקייט.

ביז אונדזערע יאָרן האָט די שאַפונג פון שבת נישט אויפגעהערט, אָבער מיר זענען די עדות פון אַן אונטערגעגאַנגענער שאַפונג. אַזויווי אין די בייצייטן האָט זיך שבת געהאַלטן דורכאויס אויף לעבנסשטייגער און אַזוי ווי לעבנסשטייגער איז ביי אונדז פאַרגאַנגען, האָט זיך ממילא אָפּגעטאָן פון אונדז דער גייסט פון שאַפונג אַרום שבת. אַ גרויסער פּאָעטיש־פילאָזאָפישער

קוואַל איז אויסגעטריקנט געוואָרן און דאָס יידישע לעבן איז דערפאַר גע־וואָרן אַ סך אָרעמער.

צי וועט זיך איינגאַנצן אָפּשטעלן די שבת־שאַפונג? שווער צו גלייבן, אַז דאָס וואָס איז געווען אין משך פון טויזנטער יאָרן אַזוי פריש און קוואַ־ליק — סיי עטיש, סיי פילאָזאָפיש און סיי קינסטלעריש, — זאָל צוריק נישט אויפלעבן און ווידער ווערן, אויף אַ נייעם שטייגער, דער קוואַל פון יידישער שאַפונג. אַ נייער שטייגערישער שבת האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן אין ארץ ישראל, ער איז נאָך יונג. ער הייבט ערשט אָן צו צעשפּרייטן די יונגע פליגלען זיינע, אָבער דער אָנהייב איז שוין דאָ. אַפילו דער איינפיר אין ארץ־ישראל פּרייטיק פאַרנאַכט צו ברענגען בלומען אין שטוב אַרייַן, איז שוין דער אָנהייב פון אַ נייעם לעבנסשטייגערישן שבת. דאָרטן, וואו עס שאַפט זיך אַ יידיש לעבן, אַפילו נישט געבונדן צו רעליגיע, דאָרטן וועט שבת מוזן ווערן דער גרויסער מאָטיוו אין דעם פאָלקס שאַפן. מיטן אונטערגאַנג פון לעבנסשטייגער ביי אונדז האָט זיך אויף אַ מאָמענט איבערגעריסן דער גילדענער שאַפערישער פאָדעם פון שבת. דער נייער לעבנסשטייגער, וואָס ווערט געבוירן אין ארץ ישראל, הייבט שוין אָן ווידער צו שפּינען דעם פאָדעם.

שבת און זונטיק, — מיט וואָס זענען זיי אַנדערש? פאַרוואָס, פרעגט זיך, האָט שאול פון תרשיש געביטן דעם רו־טאָג פון שבת אויף זונטיק? אוודאי ווייסן מיר, אַז דער שאַפער פון קריסטנטום האָט געוואָלט אָפּרייסן די נייע רעליגיע זיינע פון יידנטום און, אַזוי ווי שבת איז איינער פון די יסודות פון יידנטום, האָט ער פאַרביטן דעם רו־טאָג אויף זונטיק. אַ ייד, וואָס רוט נישט שבת, האָט שאול פון תרשיש געזאָגט, וועט שוין קיין ייד נישט זיין און, נאָכמער, אַז ער וועט אָננעמען אָן אַנדער טאָג, — זונטיק, — פאַרן טאָג פון רו, וועט ער שוין פסיכיש באַקערט ווערן צום קריסטנטום. היטן שבת און זיין אַ קריסט איז פונקט אַזוי אוממעגלעך, ווי היטן זונטיק און זיין אַ ייד. אָט דעם פשוטן אמת האָט שאול פון תרשיש געוואוסט און דערפאַר האָט ער געמאַכט דעם בלוטיקן שניט: אָפּגעשניטן דעם לעבע־דיקסטן אבר אין יידנטום — שבת.

דער אינערלעכער חילוק צווישן שבת און זונטיק איז אָבער אַ סך אַ טיפערער, ער וואָרצלט אין סאַמע תוך פון ביידע רעליגיעס. בעת שבת, מיט זיין גאַנצער צוגעהעפטקייט צו גאָט, איז פאַר זיך אַליין אַ יש, איז זונטיק אָן ישות אָן גאָרנישט. שבת, ווי ס'איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, איז אַ טייל פון דער קאָסמאָגאָניע און דערפאַר איז ער געגעבן געוואָרן דעם מענטשן, ווי אַלע אַנדערע טעג פון דער וואָך. אַלע טעג פון דער וואָך האָט גאָט באַשאַפן, אָבער ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם מענטשן אין זיי צו לעבן. שבת איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן דעם מענטשן — „כי שבת יהיה לכם", ביי אייך זאָל זיין שבת, איר האָט דעם טאָג פאַר זיך, און פונקט ווי די אַנדערע טעג פון דער וואָך פורעמט איר אויס די אַרבעט מיט אייער

אייגענעם געמיט און כאַראַקטער, אַזוי פֿורעמט איר אויך אויס שבת. דער הייליקסטער טאָג איז דערפֿאַר אַ מענטשלעכער טאָג און צו גאָט איז ער געבונדן נאָר מיט דער אידייע, ווי אַלע טעג זענען צו אים געבונדן.

זונטיק איז „ישוס טאָג", ער איז דורכאויס רעליגיעז, פֿאַר זיך אַליין עקזיסטירט ער נישט. איין מאָל נאָר איז דער קריסטלעכער רו־טאָג — זונטיק — געשאַפֿן געוואָרן און דערנאָך איז ער געבליבן פֿאַרגליווערט. דאָס איז נישט דערפֿאַר, וואָס די קריסטלעכע פֿאַנטאַזיע איז בכלל אַ פֿאַרגליווערטע, נאָר ווייל דער תוך פֿון זונטיק איז נישט קיין שאַפֿערישער. פֿון אָנהייב־אָן איז זונטיק געפּענטעט, ער איז קליין, איינגעשרומפּן און פֿאַרמאָגט נישט אין זיך די קאָסמישע אידייע פֿון שבת. אין די תפֿילות באַזינגט דער ייד דעם שבת, כאָטש ער פֿאַרגעסט אויך נישט צו לויבן דעם באַשעפֿער. דער קריסט לויבט זונטיק נאָר ישון, וואָרים דער טאָג איז דאָך זיין — ישוס — טאָג.

ס'איז אָבער דאָ נאָך אַ תוכיקער חילוק: שבת איז דער טאָג פֿון פֿרייד און זונטיק איז דער טאָג פֿון מורא. מיט אַלע איסורים און לאווין, וואָס שבת איז מיט זיי אויסגעפּילט, איז דער סאַמע תוך זיינער — די מענטשלעכע פֿרייד. דער גרונט־געדאַנק איז הנאה צו האָבן פֿון רו, גייסטיק איבערצולעבן דעם באַשאַף, אויסצואוואַרעמען אין זיך די מענטשלעכע געטלעכקייט.

דער ייד האָט פֿאַרשטאַנען דעם באַטייט פֿון שבת, אַפֿילו אַז ער איז נישט געווען קיין גרויסער תלמיד־חכם. דער געדאַנק פֿון שבת איז אים איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער באַזונדערער יידישער לופֿט. ער האָט געוואוסט, אַז נאָר האַלטן שבת און נישט הנאה־האָבן פֿון אים, איז ממש אַן עבירה. דער ייד האָט געוואוסט, אַז שבת דאַרף זיין אַן אַנדערער, נישט נאָר מיט די אויסערלעכע סימנים, — נישט טאָן קיין שום מלאכה — נאָר נאָכמער אינערלעך: מיט דער פֿרייד וואָס ס'איז דאָ שבת אויף דער וועלט. די פֿרייד פֿון שבת האָט איר געפֿילט סיי אין שטוב, סיי אויף דער גאַס, סיי אין מקום קדוש. די שבתדיקע תפֿילות זענען פֿייערלעכע, אָבער נישט קיין הכנעהדיקע צו גאָט. שבת טאָר מען נישט פֿאַסטן. מען טאָר נישט פּייניקן דעם גוף, מען טאָר נישט זאָגן קיין תחנון און בעטן ביי גאָט פֿאַרגעבונג.

זונטיק, וואָס איז נאָר ישוס טאָג, איז אַ טאָג פֿון מורא. די הימנעס זענען פֿול מיט הכנעה, דער עקסטאַז איז נישט אין מענטשן, נאָר אין ישון, די אויסלעבונג איז נישט אין זיך אַליין, נאָר אין דעם „האַר". דער טאָג איז פֿול מיט מורא, מיט רעליגיעזער שרעק, מיט אויפֿלייזן זיך אין אָנגעזיכט פֿון דעם „האַר". דער קריסט איז זונטיק אַ סך פֿרייער, דער טאָג האָט ווייניקער פֿאַרבאָטן פֿאַר אים, אָבער דערפֿאַר האָט ער נישט די פֿרייד פֿון שבת, שוין אָפּגערעדט פֿון דעם פֿילאָזאָפֿיש־עטישן באַטייט, פֿון דער גרויסער וועלט־אידייע.

קולטור־ירידה, צי שאַפערישער קיום?

אין דער סביבה פון מחנכים און חינוך־עסקנים, אויך צווישן די וואָס זענען זיך מתעסק מיט קולטור ביי יידן אין אַמעריקע, באַטראַכט מען דעם גייסטיקן מצב אונדזערן ווי אַ קולטור־ירידה. קעגן דעם דאָזיקן מצב שטעלט מען אַרויס שאַפערישן יידישן קיום. דער מיין דערפון איז, אַז יידן אין אַמעריקע האָבן אַ ברירה אויסצוקלייבן צווישן קולטור־ירידה און שאַפערישן קיום. דער מיין איז אפשר אַ גוטער, אָבער דער געדאַנק איז געבאָרגט פון דער פרעמד, ער קומט נישט נאָך די היסטאָרישע דערפאַרונג אונדזערע.

ראשית, קולטור־ירידה ביי אונדז האָט גאָר אַן אַנדער פּנים ווי ביי די אומות העולם; ביי אונדז איז בכלל נישטאָ קיין קולטור־ירידה, נאָר אומקולטור. אַ יידישער קיבוץ, וואָס דערווייטערט זיך פון דער אייגענער קולטור, — דער יידישער, — איז נישט וואָס ער פאַלט גייסטיק, נאָר ער ווערט גייסטיק צעריבן. אויף זיין קולטור האָרעוועט אַ פאָלק הונדערטער יאָרן. דאָס יידישע פאָלק האָט אויף זיין קולטור געהאָרעוועט טויזנטער יאָרן. כדי אָוועקצוואַרפן די אייגענע קולטור, דאַרף אַ פאָלק איבערלעבן אַ מין פּסיכישן פאַרראַט. דער יחיד און דער כלל, אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין, מוזן פעלשן אין דער דורותדיקער קולטור־האָרעוואַניע פון זייער פאָלק, כדי זי אָוועקצוואַרפן און זיך באַהעפטן מיט דער קולטור פון אַן אַנדער פאָלק.

ביי אַזאַ קאָמפּליצירט־פּסיכישן צושטאַנד קומט נישט קולטור־ירידה, נאָר פולשטענדיקע אומקולטור. קולטור־ירידה ביי אַ פאָלק איז אַ טיפע, טראַגישע איבערלעבונג אין דער ספערע פון אייגענער אויסלעבונג. אַמאָל איז קולטור־ירידה ביי אַ פאָלק דער אָנזאָג פון אַ גייסטיקן רענעסאַנס, אַמאָל איז קולטור־ירידה ביי אַ פאָלק דער אויסדרוק פון גייסטיקער מידקייט, די תקופה פון געפאַלנקייט איז אַ מין אָפּרו. מיין באָבע, עליה השלום, אַז זי האָט שפעט ביינאַכט געשטריקט אַ זאָק, האָט זי פריער פאַרלוירן אַן אייגל, אָדער צוויי, דערנאָך האָט זי שטיל איינגעדרימלט. אַז זי האָט זיך אָבער אויפגעכאַפּט, האָט זי צוריק אַרויפגעצויגן דאָס פאַרלוירענע אייגל און ווידער איז דאָס שטריקעריי געוועזן גאַנץ. אַ פאָלק, אין קולטור־ירידה, פאַר־לירט אַן אייגל, אָדער צוויי, כאַפּט זיי דערנאָך צוריק אַרויף און שטריקט ווייטער די קולטור.

ביי אונדז זענען די סיבות גאָר אַנדערע, וואָרים נישט אין דער ספערע פון אייגענער אויסלעבונג, נאָר פון פרעמדער אויסלעבונג פאַלט אונדזער קולטור. מיר זענען פּסיכיש בוגדים, מיר פאַרלירן אַלע אייגלעך פון אונדזער גייסטיקער שטריקעריי.

שנית, ביי אונדז איז דער היפוך פון שאַפערישן קיום נישט קולטור־

ירידה, נאָר בהדרגהדיקער אונטערגאַנג. אין אונדזער געשיכטלעכן גאַנג איז קיום געווען שאַפערישקייט. אַז ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געוואָלט באַ־וואָרענען דעם יידישן קיום, האָט ער אַוועקגעלייגט אין סאַמע יסוד פון אונדזער פאָלק דעם שאַפערישן גייסט. בבל איז געווען אָנגעלאָדן מיט אייביק־יידישן קיום נאָך דערפאַר, וואָס דער יידישער גייסט איז דאָרטן געווען פול מיט שאַפערישער ענערגיע. אין מערב־אייראָפּע איז דער יידישער קיום געווען פאַרזיכערט כל־זמן סע האָבן דאָרטן נאָך געלעבט די בעלי־התוספות, די רש״יס און די מהר״ם מראָטנבערגס. אין מזרח־אייראָפּע, פונ־וואַנעט מיר ציען די יניקה פון קיום, האָט דער שאַפערישער יידישער גייסט נישט אויפגעהערט, ביז סע איז נישט געקומען די גרויזאַמע פיזישע אויס־ראָטונג אין אונדזערע טראַגישע טעג. אין איטאַליע, ווידער, פראַנקרייך און אפילו דייטשלאַנד, האָט דער יידישער קיום אָנגעוואוירן זיין אַקטיוון כח נאָכדעם, ווי די שכינה פון יידישן גייסט האָט זיך פון דאָרטן אָפּגעטאָן.

דערפאַר דאַכט זיך מיר, אַז אַוועקשטעלן קולטור־ירידה ווי דעם היפוך פון שאַפערישן קיום, איז צו רחמימדיק בנוגע יידן אין אַמעריקע. מיר דאַכט זיך, אַז מיר דאַרפן אָנווענדן דעם פולן היסטאָרישן מידת הדין צו זיך אַליין און צו אונדזער קיבוץ יידן דאָ אין לאַנד און בפירוש נישט געבן קיין ברירה פון אַזאַ מילדן מצב ווי קולטור־ירידה. בפרט נאָך, אַז דער ענין קולטור ביי אונדז קען האָבן אַזויפיל טייטשן און מיינען, אַז מיר זאָלן אפילו נישט דערגיין וואָס אַזוינס איז קולטור־עליה און קולטור־ירידה. אוודאי זענען דאָ אָנגענומענע באַגריפן, קולטור איז איינער פון זיי, אָבער יעדער איינער פון אונדז לייגט אין זיי אַריין נישט נאָר זיין אייגענעם געדאַנק, נאָר אויך זיין געמיט, זיין שטימונג און, דער עיקר, די קאָמפּליצירטע גייסטיקע דערפאַרונגען זיינע.

דער משכיליזם, למשל, האָט געהאַט אַ פּאַרטיקע מאָס פאַר קולטור: מערב־אייראָפּע. מיט דער דאָזיקער מאָס האָט ער געמאָסטן די געדיכט־יידישע לעבנסשטייגערישעווירקלעכקייט אין מזרח־אייראָפּע, ער האָט ממש געקאַטעוועט מיט אייזערנע ריטער דאָס שטעטלשע לעבן, וואָרים נאָכן משכילישן באַגריף פון קולטור איז דאָס שטעטלשע לעבן געווען פאַרגרעבט, אָן דעם מינדסטן שפּור פון קולטור. איז דאָס געווען אמת? אַז מיר קוקן איצטער צוריק אויפן אונטערגאַנגענעם, אומגעבראַכטן, פאַרטיליקטן יידישן שטעטל, זעען מיר אַז סע איז געווען אָנגעלאָדן מיט קולטור־ענערגיע. דער אין־דער־פרעמד געבאָרגטער קולטור־באַגריף האָט, ביים אָנווענדן אים אויפן שטעטלשן לעבנסשטייגער, נישט געפונען קיין אָנשפּאַר. אָבער, אַז מיר נעמען־אָן אַז קולטור ביי אַ פאָלק איז אין סאַמע תוך זיין אייגנאַרט, זיין שליחות אין דער וועלט, ווערן מיר ממש נשתומם פון דער רייכער, טיפער, ממש בלענדנדיקער קולטור, וואָס דאָס שטעטל האָט געשאַפן.

קולטור איז, לפי עניות דעתי, אויך ציל־באַוואוסטקייט: לעבנס־פאָרמען,

מנהגים און געדאַנק־גאַנגען ווערן איינגעשטעלט, וואָס זייער ציל איז אויפ־צוהיטן דעם פאָלקס גייסטיק פאַרמעגן, און נישט נאָר אויפצוהיטן — אויך צו פאַרמערן. אי מיט חכמה, אי מיט שאַפערישער אינטואיציע איז אונדזער פאָלק געווען פול אין אויספורעמען זיין לעבנסשטייגער. יעדער שטריכעלע האָט דערגאַנצט דאָס קינסטלערישע בילד, האָט עפּעס מתקן געווען אין דעם קיומדיקן ציל־באַוואוסטקייט. אפילו די פיזישע ספערע האָט ביי יידן, אונטער דער השפעה פון גייסט, באַקומען אַן אַנדער פנים.

צווישן צוויי בין־השמשותן האָט זיך אָפּגעשפּילט די דראַמע פון שבת. אַ פרייטיקדיקער בין־השמשות, לאָמיר זאָגן אין זומער, איז פיזיש געווען נישט אַנדערש ווי דער שבתדיקער בין־השמשות. גייסטיק אָבער איז צווישן דיביידע געווען אַזאַ חילוק, אַז אפילו אין דער נאַטור־איבערלעבונג זענען זיי געווען אַנדערש. דער פרייטיקדיקער בין־השמשות האָט מיט זיינע שאָטנס אַריינגעבראַכט די שבת מלכותא, דער ייד האָט איבערגעלעבט דעם אָנקום פון די מלאכי השלום, מלאכי השרת. די פיזישע ספערע, די נאַטור, די אַרונטערנידערנדיקע נאַכט, זענען פאַר אים געווען פול מיט אָנקום. דער שבתדיקער בין־השמשות האָט מיט זיינע שאָטנס אַרויסבאַלייט די שבת מלכותא, דער ייד האָט איבערגעלעבט דעם אַוועקגאַנג. די אייגענע אַרונטער־נידערנדיקע נאַכט ווי נעכטן, איז היינט געווען אַנדערש: נעכטן איז געווען דער פריידיקער בייגער פון לכה דודי לקראת כלה, היינט איז שוין דער טרויעריקער ניגון פון שלוש־סעודותדיקע זמירות. גייסטיק זענען די פאַר־נאַכטיקע שאָטנס ביי שלוש־סעודות געווען געדיכטער, שווערער, — ממש דריקנדיק. דער יידישער גייסט האָט געביטן דאָס וועטער, ער האָט די פיזישע ספערע געאַנדערשט, ממש געיידישט.

אין דער איבערלעבונג פון יידישן קינד איז חמשה־עשר־בשבט, אין דעם פראָסטיק־שנייאיקן טאָג, געווען פרילינג. נישט די באָקסערן, טייטלען און מאַנדלען, וואָס ער האָט דעם טאָג געגעסן, האָבן אים געבראַכט דעם פרילינג אינמיטן ווינטער, נאָר דער יידישער לעבנס־נוסח. מיט באַזון, מזרח־אייראָפּעדיקן מיט גייסט האָט דאָס פאָלק געשאַפן אַן אייגענעם יידישן קלימאַט, אפילו אַן אייגענעם יידישן הימל האָט דאָס פאָלק געשפּרייט איבער זיך. סע איז געווען דער קלימאַט פון קיום, די קולטור פון המשך, דער נוסח פון אַנ־אויפהעריקער שאַפערישער ענערגיע.

דאָס יידישע לשון פאַרמאָגט אַ צאָל אידיאָמען, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם גייסטיק־יידישן נוסח. נעמט, למשל, אַזאַ אידיאָם, ווי „יידישער טעם“: אַז ער האָט קיין הנאה נישט געהאַט פון אַ מאכל, האָט דער ייד געזאָגט אַז „סע האָט נישט קיין יידישן טעם“. וואָס איז דער יידישער טעם? אַז איר וועט אים אָנהייבן דעפינירן מיט די אָנגענומענע קולינאַרע טערמינען, וועט איר אָנווערן דעם יידישן טעם, וואָרים נישט אין דער גאַסטראָנאָמישער ספערע האָט ער זיך אויסגעוואָרעמט, נאָר אין דער ספערע פון יידישן

נוסח לעבן. דער זיידע מיינער, ר׳ אברהם ביליס ז״ל, האָט מיר אַמאָל מיט פולער תמימות געזאָגט: „איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, פּרויקע, וואָס פאַר אַ טעם דו האָסט אין עסן, אַז דו וואַשסט זיך נישט און מאַכסט נישט קיין המוציא. איך זאָג דיר, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ טייער מאכל אויף דער וועלט, ווי די המוציא.״ דער ביסן פון דער המוציא איז אין יידישן לעבנס־נוסח געוועזן מער ווי ברויט, ער איז געווען ברויט מיט אַ יידישן טעם. גרייזן יידישע, שפּראַכלעכע גרייזן, זענען ביי אונדז געווען אָנגעלאָדן מיט קולטור. יידן האָבן געפּראַוועט שלום סעודות, דער אויסדרוק איז אַ פאַר־גרייזטער, ריין־שפּראַכלעך דאַרף מען גאָר זאָגן הסעודה השלישית, אָבער פּרוּווט פאַרריכטן אָט־דעם גרייז, וועט איר זען אַז איר וועט אַרויסרייסן אַ שטיק יידישע קולטור, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אונדזער געמיט, מיט אונדזער שטימונג, מיט דורותדיקער גייסטיקער פאָלקס־דערפאַרונג.

וואָס זשע הייסט ביי אונדז קולטור? קולטור־ירידה, אָדער קולטור־דעגענעראַציע, ביי די אומות העולם איז זייער אַ טרויעריקער מצב, אָבער ער גראָבט נישט אונטער זייער קיום, וואָרים זייער קיום איז נישט דורכאויס גייסט. ביי אונדז איז קולטור און קיום איין באַגריף, קולטור איז ביי אונדז די סאַמע לופט פאַר נאַציאָנאַלן קיום אונדזערן. מיר האָבן נישט די ברירה צווישן קולטור־ירידה און גייסטיקער שאַפערישערקייט, נאָר צווישן גייסטיקער שאַפערישקייט און נאַציאָנאַלן אומקום.

איז קודם־כל דאַרפן מיר אָנהייבן צו פאַרשטיין, אַז ביי יידן קולטור איז נישט נאָר לימוד בעלמא, נאָר לימוד מיט אַ תכלית, מיט צילבאַוואוסטקייט. אונדזער יידישע פּעדאַגאָגיק איז גאָר אַן אַנדערע, ווי די אומות־העולמדיקע, וואָרים איר ציל איז אַן אַנדערער. די פּעדאַגאָגיק ביי די אומות העולם איז דער עיקר געווענדט וואָס מער צו אַרונטערצונעמען פון דעם קינדס מענ־טאַליטעט, אונדזער פּעדאַגאָגיק דאַרף זיין — וואָס מער צו אַרויפלייגן אויף דער מענטאַליטעט פון אונדזערע קינדער. דאָס טראַדיציאָנעלע חדר אונדזערס האָט עס פאַרשטאַנען און האָט דערפאַר אויסגעפילט אַ וויכטיקע פונקציע אין דעם קיום־געראַנגל, וואָס מיר האָבן געפירט אין משך פון דורות. אַוודאי, מיר קענען זיך נישט צוריקקערן צום חדר, מיר קענען אָבער אַנטלייען ביי אים דעם תוכיקן געדאַנק זיינעם: אַז יידישקייט איז אַ שווערער עול און אַז נאָר דער, וואָס איז גרייט אויף זיך צו נעמען דעם עול פון יידישקייט, קען האָבן די זכיה צו זיין אַ פולער ייד. איך זאָג בפירוש „זכיה צו זיין אַ פולער ייד״, וואָרים איך האַלט אַז אונדזער פּעדאַגאָגיק דאַרף דאָס יידישע קינד מחנך־זיין אין דער גייסטיקער ספערע פון זכיה, אין דער איבערלעבונג אַז זיין אַ פולער ייד איז אַ הויכע דערגרייכונג.

איך ווייס, אַז מען וועט מיך אָפּפרעגן, מען וועט אפילו תרעומות האָבן אויף מיר וואָס איך וויל צוריקברענגען אין אונדזער יידישן באַוואוסטזיין דעם אתה בחרתנו. אַזוי ווי די טענות זענען מיר גוט באַקאַנט, ווייס איך

אַז די ערשטע טענה צו מיר וועט זיין: דער אתה בחרתנו איז אָפּגעלעבט. ער איז אַ פאַרשימלט נאָכשלעפעניש פון דער גייסטיקער געטאָ אונדזערער. אַז מיר קוקן זיך אָבער צו צו דער ווירקלעכקייט, זעען מיר אַז פון איין זייט איז אונדזער אתה בחרתנו נישט קיין פּאָליטישער באַגריף, נאָר אַ ריין־גייסטיקער. נישט צו באַהערשן אַנדערע זענען מיר אויסגעוויילט, נאָר זיך אַליין צו באַהערשן, גובר צו זיין אין זיך דעם נאַטירלעכן דראַנג פון אַ פאָלק אַ מיעוט זיך צונויפצוגיסן מיטן פאָלק, וואָס איז דער רוב. אַפילו די חכמי התלמוד, וואָס האָבן שטאַרק מקפּיד געווען אויף דער יידישער עטיק, בפרט בין אדם לחברו, האָבן אויך געהאַלטן אַז דער תלמיד חכם דאַרף האָבן אַ שמיני־שבשמינית גדלות. איז אויב מיר שטעלן־איין אונדזער קיום נאָר אויף גייסטיקע ווערטן, איז שוין במילא דער באַגריף פון אויסדערוויילטקייט אויך אַ גייסטיקער, נישט קיין פּאָליטישער. פון דער צווייטער זייט דאַרף אונדז קלאָר ווערן, אַז יעדער אומה ולשון, — אפילו אין דער איצטיקער צייט, — טראָגט זיך אַרום מיט אַ מין אתה בחרתנו. נעמט די אַמעריקאַנער דעמאָ־קראַטיע, — זי איז אונדז אַלעמען טייער, מיר שאַצן הויך איר טיפע מענטש־לעכקייט, מיר זענען אפילו אירע אַפּאָלאָגעטן. פאַרמאָגט אָבער נישט די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע אַ סך מער ווי אַ שמיני־שבשמינית באַוואוסטזיין פון אויסדערוויילטקייט? דער אַמעריקאַנער מענטש האַלט בפירוש, אַז ס'איז אַ זכות צו זיין אַן אַמעריקאַנער און צו לעבן אין דער דעמאָקראַטיע פון אונדזער לאַנד. פון אַנדערע לענדער, וואָס זענען נישט פון סאַמע אָנהייב אויפגעקומען אין דעמאָקראַטיע, איז שוין אָפּגערעדט, אַז זיי טראָגן אין זיך דאָס באַוואוסטזיין פון אויסדערוויילטקייט. מיר יידן ווילן דאָס באַוואוסטזיין אויסוואָרצלען פון זיך, מיר זענען בפירוש פאַלש צו זיך אַליין און פאַלש צום אמת פון דער וועלט. דער עיקר זענען מיר פאַלש צום קיום פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט דעם זכות פון יידישקייט דערהויבן צו קרבן, צו קידוש השם.

הייסט עס, אַז דער תכליתדיקער חינוך ביי אונדז דאַרף זיין להיפּוך צו דער אָנגענומענער פּעדאַגאָגיק, וואָס אויך זי, דאַכט זיך מיר, האָט ביז איצט היפּש געגרייזט דערמיט, וואָס זי האָט געזוכט צו באַפרייען דאָס קינד פון עול. דאָס באַוואוסטזיין פון עול דערהייבט דעם מענטשן, פילט אים אָן מיט אחריות, גיט אים אַליין אַ גרויסע מאָס חשיבות. אַ פורק־עול איז ביי יידן געווען גלייך צו איינעם, וואָס לעבט אוממאָראַליש, ווארים דער ייד האָט פאַרשטאַנען אַז לעבן איז נישט נאָר אחריות צו זיך אַליין, נאָר אויך צום אַנדערן. אַ פשיטא שוין דער חינוך ביי אונדז, וואָס דער תכלית זיינער דאַרף זיין דער קיום פון אונדזער פאָלק. אין דעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער אונדזערן האָבן דעם קינד נישט געהאָלפן קיין שום תירוצים נישט צו גיין אין חדר, אַפילו אַז אַ יינגל האָט געזאָגט אַז דער קאָפּ טוט אים וויי, האָט אויך נישט געהאָלפן, — דער טאַטע האָט אים באַלד געזאָגט, אַז „חש בראשו יעסוק בתורה“.

מיטן עול פון יידישקייט און מיטן באַוואוסטזיין פון זכות קומען שוין ממילא די מצוות וואָס זענען דער יסוד פון יידישן קיום.

צום אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט, זאָגט דער העלעניזם. צום אָנהייב איז געווען די טאַט, זאָגט יידישקייט. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז דאָס וואָרט איז אין יידישקייט אָפּגעפרעגט, נאָר דער באַגריף פון וואָרט איז אַן אַנדערער. דאָס וואָרט דאַרף זיין אַזוי אָנגעלאָדן מיט עטיק, מיט געדאַנק און געמיט, אַז דערפון זאָל ווערן טאַט. אין אונדזער קאָסמאָגאָניע האָט דאָס וואָרט באַשאַפן די וועלט. אמת, ביי הימל און ערד שטייט „בראשית ברא", אָבער אַז סע קומט צו ליכט, שטייט שוין „ויאמר אלהים יהי אור". דאָס וואָרט האָט באַשאַפן ליכט. דאָס וואָרט אַליין איז געווען אָנגעלאָדן מיט מעשי בראשית. אפילו ביים מענטשן שטייט אויך „ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו", דערנאָך ערשט שטייט „ויברא אלהים את האדם". ביים בחיר היצירה, ביים אויסגעווײלטן פון באַשאַף, האָט אונדז דאָס חומש בפירוש געוואָלט ווייזן, ווי דאָס וואָרט איז געווען אָנגעלאָדן מיט מעשים: פריער „ויאמר" און דערנאָך „ויברא". אין טראַדיציאָנעלן יידישקייט איז דאָס וואָרט מקיים די מצווה פון קרבנות, דאָס וואָרט איז אפילו מקיים די מצווה פון לאַנד, וואָרים אַז דער ייד בענטשט טל, אָדער גשם, קומט ער מיטן וואָרט אַריין אינעם לאַנד, וואָס פון דעם איז ער פאַרטריבן געוואָרן.

אין אונדזער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט איז דאָס וואָרט געוואָרן די מצווה ראשונה פאַרן יידישן קיום. דאָס וואָרט איז אייגנטלעך געווען די ערשטע מצווה אין אונדזער גאַנצן גלותדיקן גאַנג, וואָרים נאָר אין ישובים, וואו מיר האָבן געשאַפן אַ באַזונדערע יידישע שפּראַך, זענען מיר געווען באַוואָרנט מיט אונדזער קיום. אַלעקסאַנדריע דמצרים, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ מיליאָן יידן, האָט זיך אַליין יידיש־אויסגעליידיקט און האָט נישט געהאַט קיין השפעה אויף אונדזער געשיכטלעכן גאַנג, נאָר דערפאַר וואָס יידן דאָרטן האָבן נישט געשאַפן קיין לשון פאַר יידישקייט. אין די מערבדיקע לענדער, וואו יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער אייגענער יידיש־שפּראַך, וואו זיי זענען געוואָרן שפּראַך־בעטלער ביי די אומות, האָט זיך דער יידישער קיום כמעט אינגאַנצן איבערגעריסן. פאַרקערט ווידער, אין מזרח־אייראָפּע, וואו יידן האָבן דאָס וואָרט פאַרוואַנדלט אין מעשים, וואו דאָס וואָרט אַליין איז געוואָרן פאָלקס־שאַפונג, וואו מיר זענען געווען שפּראַכלעכע גבירים־אדירים, האָט נאָר דעם שונאס שווערד געקענט פאַרשניידן דעם קיום אונדזערן. ס'איז פאַר מיר דערפאַר קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער ערשטער תנאי פאַר אונדזער קיום דאָ אין לאַנד איז — דאָס וואָרט, וואָס איז אין זיך אַליין טאַט.

דער שמע בכל לשון שאתה שומע איז בכיוון פאַלש אויסגעטייטשט געוואָרן פון די, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן שפּראַכלעכן עול. ניין, סע איז געשיכטלעך פאַלש, אַז יידן האָבן

מבטל געווען שפּראַך, ווארים אַנישט וואָלטן זיי נישט געשאַפן דעם באַגריף פון לשון הקודש, — אַ באַגריף, וואָס קיין אַנדער פאָלק פאַרמאָגט אים נישט. גראָד מיטן שמע בכל לשון שאתה שומע האָבן אונדזערע חכמים געמאַכט אַ געשיכטלעכן טעות. דער זאָג איז געווען געווענדט צום מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין אַלעקסאַנדריע דמצרים, — אַ קיבוץ וואָס האָט זיך שפּראַכלעך פולשטענדיק אַסימילירט און האָט נאָר אָנגעהאַלטן די רעליגיעזע מנהגים. די חכמי הארץ, די מוסמכים פון ארץ ישראל, האָבן מתיר געווען די יידן אין אַלעקסאַנדריע צו זאָגן שמע ישראל אויף גריכיש, אַבי צו זאָגן שמע ישראל. דער געשיכטלעכער טעות איז אָבער געווען, וואָס זיי האָבן נישט געזען, אַז אָן אַן אייגן לשון פאַר יידישקייט העלפט נישט דער שמע אויף גריכיש, צי אויפן אַן אַנדער פרעמד לשון. דורכן פרעמדן לשון נעמט די אַסימילאַציע די אייבערהאַנט. די אגדתא, וואָס האָט שוין מסתמא געזען דעם נאַציאָנאַלן יידישן חורבן אין אַלעקסאַנדריע, האָט דערפאַר דערציילט, אַז אין דעם טאָג, וואָס די תורה איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף גריכיש, — דער תרגום השבעים, — האָט די שכינה געוויינט.

אַ שאַפערישער קיום איז מעגלעך נאָר אַז יידן שאַפן אַן אייגענעם נוסח אין זייער לעבן און, כדי צו שאַפן כדי דעם אייגענעם נוסח, דאַרף דער ייד האָבן אַן אייגן לשון. הא בהא תליא, דער לעבנסשטייגער איז די גייסטיקע לופט פאַרן יידישן קיום, דאָס אייגענע לשון איז די לופט פאַרן לעבנס־שטייגער. נאָר אין דעם צונויפבונד פון לעבנס־נוסח מיט שפּראַך קען קומען יידישע שאַפערישקייט, קען שפּרודלען דער לויטערער, פרישער יידישער קוואַל פון שאַפונג.

דורך די לעצטע טויזנט יאָר אין אונדזער געשיכטע האָבן מיר געשאַפן אַ לשון, וואָס איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין אונדזער לעבנסשטייגער, אַז סע איז אוממעגלעך אָפּצעטיילן איינס פון אַנדערן. דאָס איז די געניאַלסטע פאָלקס־שאַפונג אונדזערע — יידיש. מיר האָבן יידיש נישט אָפּגעריסן פון העברעאיש, מיר האָבן יידיש געבויט אויף העברעאיש, מיר זענען שפּראַכלעך נתעשר געוואָרן אויף העברעאיש. מיר האָבן צו דער אייגענער צייט אויך אויפבאַוואָרט העברעאיש. מיטן פולן אחריות זאָג איך, אַז יידיש האָט אויפ־געהיט העברעאיש, נישט נאָר דערפאַר וואָס יידיש האָט זיך גענערט פון העברעאיש, נאָר דער עיקר דערפאַר, וואָס דורך דעם יידישן לשון איז דער צוקום צו העברעאיש געווען אַ דירעקטער, ווי דער צוקום פון אַ זון צו אַ טאַטן. דער ייד האָט אויף יידיש געלעבט לשון־קודשדיק און אויף לשון־קודש האָט ער געלעבט יידישדיק. ר׳ נחמן בראַצלאַווער האָט זיינע געניאַלע מעשות דערציילט אויף לשון־קודשדיקן יידיש און נתן האָט זיי דערנאָך איבערגעזעצט אויף יידישדיקן לשון־קודש. סע איז נישט געווען קיין סתירה צווישן יידיש און העברעאיש און סע איז היינט אויך נישטאָ, ווארים ביידע שפּראַכן האָבן אין אונדזער לעבנסשטייגער אויסגעפירט דאָס הייליקע שליחות

פון אונדזער קיום. ביידע זענען געווען אָנגעלאָדן מיט גייסטיקער יידישער ענערגיע, וואָס האָט געשאַפן די אייגנאַרטיקע, קיומדיקע קולטור אונדזערע.

איז דערפאַר קלאָר, אַז כדי אָנצוהאַלטן אין אונדזער אַמעריקאַנער יידישער ווירקלעכקייט דעם שאַפערישן קיום, דאַרפן מיר ווידער צוריקקומען צום שורשדיקן באַגריף פון וואָרט ביי אונדז: וואָרט איז טאַט. וואָרט דאַרף ווידער ביי אונדז ווערן די מצווה ראשונה, וואָרים נאָר אין דער לופט פון וואָרט, אייגענעם וואָרט, קען יידישקייט געדייען. דאָס יידישע לשון, וואָס די טיפענישן פונעם פאָלק האָבן עס אויסגעוואָרעמט, אין דעם קוואַל פון לשון־קודש האָט זיך עס געהייליקט, איז דער גרויסער כח פון שאַפערישן קיום. נישט קעגן העברעאיש דאַרפן מיר זיך באַוואָרענען מיט יידיש, — דאָס איז געשיכטלעך פאַלש, — נאָר קעגן דעם פלייצנדיקן אַסימילאַטאָרישן שטראָם, וואָס גייט אויף אונדז. העברעאיש איז המשך, יידיש איז המשך, אָבער יידיש איז דער דירעקטער המשך פון די נאָענטסטע דורות אונדזערע, יידיש שמעקט מיטן אַראָמאַט פונעם היסטאָריש־גרויסן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום.

פרעג איך זיך אַליין: אויב דער עיקרדיקער תנאי פאַר אונדזער קיום איז צוריקקער צום שורש, פאַרוואָס טאַקע נישט צום סאַמע שורשדיקן שורש — צו העברעאיש? פאַרוואָס טאַקע נישט צום תנ"ך, וואָס די גאַנצע וועלט האָט אים אַריינגענומען אין איר קולטור־אוצר? איך וועל נישט זאָגן, אַז דער ענטפער האָט זיך ביי מיר פולשטענדיק אויסגעקריסטאַליזירט, נאָר אַ טיפע איבערלעבונג איז ביי מיר דאָ, אַז דער תנ"ך אַליין, אָן דעם יידישקייט וואָס איז אויף אים אַרויפגעוואַקסן אין גלות, איז נישט קיין באַוואָרעניש קעגן אַסימילאַציע. צופיל אוניווערסאַל איז דער תנ"ך געוואָרן, אַז ער זאָל זיין דער איינציקער נאַציאָנאַלער קענצייכן אונדזערער אין די תפוצות. אפילו אין דער מדינה ישראל איז אויך דער דורכאויסיקער תנ"כישער גאַנג נישט קיין באַוואָרעניש קעגן דער ככל־הגוימדיקייט פונעם לאַנד. מיט טיפער חכמה און געטלעכער אינטואיציע האָט דאָס פאָלק אַרויפגעבויט אויפן תנ"ך־פונדאַמענט אַן אייגנאַרטיקן גייסטיקן בנין, וואָס פאַראַנדערשט פאַר אונדז דעם תנ"ך, טיילט אים אָפּ פון דעם אוניווערסאַלן, דעם גויאישן תנ"ך. מיט דער אייגענער חכמה און אינטואיציע האָט דאָס פאָלק אין די לעצטע טויזנט יאָר אויפגעבויט דעם נוסח אשכנז, וואָס דאָס יידישע לשון איז זיין ווינקלשטיין.

פאַרמאָגן מיר אין אַמעריקע דעם גייסטיקן כח אויפצובויען אַ נייעם נוסח? די סימנים פון נוסח אַמעריקע, וואָס מיר זעען אין אונדזער לעבן, ווייזן אַז יידישקייט ביי אונדז לעבט אין שטענדיקן גערAַנגל צווישן טראַדיציע און וואולגאַרקייט. די חתונות אונדזערע, די בריתן, די בר־מצווהס, אפילו די לוויהס, זענען ממש קאַריקאַטורן אויף יידישן נוסח, אָבער צו גויאישן נוסח זענען זיי פאָרט נישט דערגאַנגען. פון וואַכיקן, שטוביקן

לעבן איז שוין אָפּגערעדט, אַז סע האָט אינגאַנצן אָנגעוואוירן די יידישע צורה. אָן דער גייסטיקער ירושה, וואָס דער נוסח אשכנז האָט אונדז איבער־געלאָזט, בלייבן מיר אויסגעליידיקט. אָן דעם אייגענעם לשון, — בפירוש דעם יידישן לשון, — רייסן מיר איבער דעם כשרן, זיידענעם יידישן פאָדעם, וואָס האָט זיך געצויגן דורך טויזנט יאָר געשיכטע אונדזערער.

צווישן צוויי בין־השמשותן שפילט זיך ביי אונדז אָפּ די דראַמע פון שבת. אין דעם צווייטן בין־השמשות, דעם געדיכט־שאָטנדיקן, גייט פאַר אונדז אויף דער מאַמעס תפילה אויף יידיש: גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב, דער ליבער שבת גייט אַוועק, די ליבע וואָך קומט אָן, — ליב איז דער שבת און ליב איז די וואָך, אַז זיי ביידע זענען אַריינגעוועבט אין דעם המשכדיקן לעבנסשטייגער אונדזערן. וואָרים נאָך אין המשך איז דאָ קיום און נאָר אין קיום איז דאָ שאַפערישקייט.

מיטן טייטל אין דער האַנט

אַלט ווי דער גלות איז ביי יידן דער צונויפבונד פונעם שרייבער מיט דעם יידישן חינוך, — און נישט אין אידיאָמישן זין נוץ איך דאָ דעם אויסדרוק „אַלט ווי דער גלות", נאָר אין קולטור־היסטאָרישן. זינט דעם ערשטן גלות, — גלות בבל, — האָט זיך אָנגעהויבן צו קניפּן און בינדן דאָס שותפות צווישן דעם שרייבער און דעם חינוך.

יידישער קיום איז אַ סך עלטער ווי יידישער גלות, דאָס באַוואוסטזיין פון קיום האומה האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ברית בין הבתרים, ווען אברהם האָט דערקענט דעם איינציקן גאָט און אין דער דאָזיקער דערקענטעניש איז צו אים געקומען די אַנטפּלעקונג פון אַ פאָלק־וויזיע, וואָס זאָל דעם אחד טראָגן, — מיט יסורים, מיט מסירות־נפש, אפילו מיט דער עקידה. אַז דאָס באַוואוסטזיין פון יידישן קיום איז איבערגעגאַנגען פון שבט־טראַדיציע צום ברייטערן פאַרנעם, — צו פאָלק און לאַנד, — איז נישט איין מאָל געקומען צו אַ צונויפשטויס צווישן די צוויי באַגריפן: דעם לויטערן, דעם גייסטיקן באַגריף פון קיום און דעם ערדיש־מלוכהדיקן באַגריף פון קיום.

די נביאים, אַז זיי האָבן געמאָנט ביים פאָלק די העכערע מאָראַל, האָבן זיי נישט מבטל־געווען יידישע מלוכהשאַפט, זיי האָבן נאָר געוואָלט צוריק־קערן דאָס פאָלק צו דער ערשטער גאָט־אַנטפּלעקונג, — צו דער אַנטפּלעקונג, וואָס האָט לאַנד און מלוכה געזען נאָר ווי אַ כלי, וואו דער טייערער ווייַן פון יידישער גייסטיקייט זאָל זיך אויפהיטן. זיי, די נביאים, האָבן מלוכה־שאַפט, — אויב זי ווערט אַ צוועק פאַר זיך אַליין, — געהאַלטן פאַר אַ פאַרשוועכונג פונעם בונד צווישן גאָט און זיין פאָלק.

אַזוי ווי די נביאים האָבן זייערע אידייען, זייערע וויזיעס, געבראַכט צום פאָלק ערב געשיכטלעכע קאַטאַסטראָפעס, האָבן זיך די מאָנונגען זייערע איינגעשניטן טיף אינעם פאָלקס־באַוואוסטזיין. אין גלות־אַריין איז מיטן פאָלק נאָכגעגאַנגען דער נאָכקלאַנג פון די נביאישע רייד. אין גלות האָט זיך דאָס קיום־באַוואוסטזיין אויסגעלייטערט, איז צוריקגעקומען צו דער ערשטער אַנטפּלעקונג.

קיום האומה האָט זיך אפילו אינעם קורצן גלות, — דעם גלות בבל, — אויסגעזויבערט, דאָס פסולת איז אַוועקגעפאַלן, געבליבן איז דאָס ריינע גינגאָלד פון דער געטלעכער אידייע.

עס וועט אָבער זיין אַ געשיכטלעכער טעות מבטל צו זיין דעם מאָטיוו פון לאַנד און מלוכהשאַפט. די גרויס־פּאָעטישע, די טיף־לירישע נאַציאָנאַלע געזאַנגען, וואָס דער גלות האָט אונדז איבערגעלאָזט בירושה, — אָט די געזאַנגען זענען די שטאַרקסטע עדות, אַז לאַנד און מלוכהשאַפט האָבן אינעם באַוואוסטזיין פון די פאַרגלותטע יידן געלעבט, און אפשר נאָך מיט מער

פרישקייט, ווי אין לאַנד יהודה אַליין. נאָר דער נביאישער רוף האָט אין גלות אָפּגעקלונגען אַ סך שטאַרקער. לאַנד און מלוכה זענען צוריקגעקומען צום אידייאישן אָנהייב זייערן: יידיש לאַנד, יידישע מלוכה, זענען דאָס געפעס פאַרן תוכן, און דעם תוכן איז דאָס געפעס ליידיק און קען דערפאַר קיין קיום נישט האָבן.

ס'איז נישט געווען קיין געשיכטלעכער קאַפּריז, אָדער צופאַל, וואָס די גולי בבל האָבן געדאַרפט צוריקקומען אין יהודה און אויסרייניקן דאָס לאַנד פון געצנדינערײַ, פון אַסימילאַציע, צוריקברענגען תורת משה צו יידן, וואָס האָבן געלעבט אין לאַנד פון דער תורה־אָנטפּלעקונג. אין בבל, אויף די טייכן פון בבל, האָבן די גולים געזען דאָס לאַנד זייערס אין אַ לויטערער פּערספּעקטיוו, ביי זיי האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט דער געדאַנק, אַז יידיש לאַנד, אָן יידישן גייסט, אָן דער פּולקייט פונעם בונד צווישן פאָלק מיטן איינציקן גאָט, ווערט־אָן דעם גאַנצן זין און איז דערפאַר היסטאָריש פאַרמשפּט צו אונטערגאַנג.

האָב איך צום אָנהייב געזאָגט, אַז דער צונויפבונד פון דעם שרייבער מיטן חינוך איז אַלט ווי דער גלות, — דער יידישער שרייבער, עזרא הסופר, — אַז ער איז צוריקגעקומען אין יהודה, האָט באַלד געשאַפן אַ שול. אַוודאי, די שול איז געווען אַן אַנדערע, ווי מיר קענען זי היינט. דער באַגריף פון שול איז דענסטמאָל געווען אַן אַנדערער, אָבער אין דער לאַנגער געשיכטע אונדזערער בייטן זיך באַגריפן, — דער תוך אָבער בלייבט דער אייגענער.

עזרא הסופר, דער שרייבער פון נאָך גלות בבל, האָט געלערנט די דערוואַקסענע. ער האָט פאַר זיי געלייענט די תורה, זי פאַרטייטשט פאַר די איינוואוינער פון יהודה, וואָס האָבן די תורה פאַרגעסן און אפילו זי נישט פאַרשטאַנען. סע איז געווען אַן אַנדער מין לימוד, ווי דער היינטיקער ביי אונדז, אָבער דער גייסט איז דער אייגענער: דער שרייבער איז געקומען צוריקצוברענגען צו יידן דעם יידישן גייסט, וואָס אָנגעוואוירן האָבן זיי אים אין זייער פאַרגרעבטקייט, אין זייער צונויפמיש מיט אַנדערע פעלקערשאַפטן.

דאָ איז אינטערעסאַנט אַ קוק צו טאָן, ווי אַנדערש סע איז געווען דער שרייבער עזרא פונעם טייערן באַלעבאַטישן יידן, נחמיה. עזרא האָט יידן געלערנט, פאַרטייטשט פאַר זיי די תורה, אויפגעלעבט פאַר זיי די דינים און מנהגים, וואָס זענען געווען דער יסוד פון יידישקייט. נחמיה, וואָס אין תוך האָט ער געוואָלט דאָס אייגענע, האָט זיך מיט יידן געקריגט, זיי געשאָלטן, געריסן ביי זיי די האָר פון קאָפּ. ער דערציילט עס אַליין און פרום רופט ער אויס: זכרה־לי אלהי לטובה, — דערמאָן דאָס מיר, גאָט מיינער, צום גוטן.

אַוודאי האָט נחמיה, — דער שיינער ייד פון בבל, דער מקורב למלכות

ביי די פּערסישע הערשער, — געטאָן זיין שליחות בשלימות. אָבער דער שרייבער עזרא איז געווען דער מלמד, וואָס האָט די תורה צוריקגעבראַכט צו די בני־יהודה.

נחמיה דערציילט אויך, אין עטלעכע שורות, פונעם גייסטיקן יידישן מצב אין יענער צייט. עס איז כדאי די עטלעכע שורות צו ברענגען, וואָרים זיי קענען אונדז דינען פאַר אַ משל אויף היינט. נחמיה דערציילט: „אויך האָב איך אין יענע טעג געזען יידן, וואָס האָבן גענומען אשדודישע, עמונישע, מואָבישע ווייבער. און זייערע קינדער האָבן גערעדט אשדודיש און האָבן נישט געקענט רעדן יהודיש, נייערט לויט דעם פאָלק, אָדער יענעם.״

שפּראַך איז אויך אין יענער צייט געווען דער סימן מובהק פון אַסימילאַציע. שפּראַך האָט אויך אין יענער צייט געפירט יידן צו אויס־געלייזדיקטקייט פון יידישן גייסט, צו געצנדינעריי, צו גייסטיקער פאַר־ווילדקייט.

מיר האָבן געזען, ווי פון גלות איז געקומען דער שרייבער און געלערנט דאָס פאָלק, פאַרטייטשט פאַר אים די תורה, אַרויפגעפירט צוריק אויפן היסטאָרישן וועג. דאָס איז אָבער געווען נאָר דער סימבאָלישער אָנהייב. אינעם ווייטערדיקן גאַנג פון אונדזער פאָלק איז דער בונד געוואָרן שטאַרקער, ער איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אין די ווייטערדיקע גלותן.

דער סופר, אָדער דער שרייבער, איז אין עזראס צייטן געווען אי אַן איבערשרייבער פון די אַלטע טעקסטן, אי אַ שרייבער פאַר זיך אַליין. דער סופר איז אויך געווען דער לערער פונעם פאָלק און דער פירער זיינער אין די שווערע טעג, בעתן צוריקגאַנג צו דער אַלטער טראַדיציע פון דער תורה און גאָט־אַנטפּלעקונג. דערנאָך איז דער סופר צוריקגעטראָטן, זיין אָרט האָט פאַרנומען דער חכם, דער תנאי, וואָס איז געווען אי אַ לערנער, אי אַ שרייבער. דער תנאי, דער אמוראי, דער סבראי, דער גאון, — אין אַלע עפּאָכעס פון יידישע גייסטיקער באַפעסטיקונג, — איז געווען צונויפ־געבונדן מיט דער שול פאַרן קינד. עס מאַכט נישט אויס, ווי די שול האָט געהייסן, צי חדר, צי ישיבה, צי בית ספר. דער תוך איז געווען דער אייגענער. דער שרייבער, דער שאַפער, דער קינסטלער פון וואָרט און געדאַנק, איז געשטאַנען אינעווייניק אין דער יידישער שול, געשאַפן פאַרן קינד, געטראָגן אחריות פאַרן אויפקומענדיקן יידישן דור. אפילו, אַז די תנאים האָבן אַליין נישט געלערנט מיט קינדער, האָבן זיי אָבער געשאַפן אַזאַ פּיעמעט פאַרן לערער, אַז דערמיט האָבן זיי דאָס לערנען מיט קינדער דערהויבן צו דער העכסטער יידיש־עטישער מדרגה.

אין דער גמרא און אין מדרש געפינען מיר אַ סך מימראָס, וואו דער לערער ווערט אָוועקגעשטעלט ווי דער וויכטיקסטער אויפהאַלטער פון יידן און יידישקייט. דערמאָנט זיך: כבד את אביך ואת אמך איז אַ מצווה מן התורה, קומט אַ תנאי און זאָגט, אַז דער רבי, דער לערער, איז העכער

פונעם טאַטן. ווער ס׳האָט געלערנט אײן שטיקל תורה ביי אַ רבין, דער דאַרף אים אָפּגעבן כבוד מער ווי דעם אייגענעם טאַטן. אָט דער איינשטעל איז געווען אַ נאַציאָנאַל־געזונטער. יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז נאָר דורך אַן אינטענסיוון גייסט וועלן זיי פאַרזיכערן זייער קיום צווישן פעלקער. דער טאַטע איז נאָר דער פיזישער געבערער פונעם זון, דער רבי איז דער גייסטיקער געבערער זיינער. דערפאַר איז דער טיטול רבי ומורי געווען אַ סך אַ העכערער ווי אָבי. זעט איר, אַז אַ טאַטע האָט געהאַט די זכיה צו זיין „אָבי ומורי“, — פאָטער און לערער, — איז ער געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה אין יידישן לעבן.

ביי יידן איז דער לערער געווען גייסטיקער יחוס, בעת ביי די גריכן און די רוימער זענען די לערער געווען קנעכט. דעם נידעריקסטן קנעכט האָט מען אויסגעקליבן און אים איבערגעגעבן צו לערנען די קינדער. בעת ביי יידן זענען תינוקות של בית־רבן געווען אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט, וואָס האָט געקוואַלט פון דרך־ארץ פאַר דער תורה, איז ביי די גריכן און רוימער גאָרנישט געווען אַזאַ באַגריף. ביידע אימפּעריעס האָבן געהאַט געננוג קנעכט, — זאָלן זיי טראָגן אויף זיך דעם שווערן עול פון לערנען מיט קינדער. זיי אַליין, די גריכישע און רוימישע אַריסטאָקראַטן, איז גאָרנישט אָנגעשטאַנען זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ „נידעריקער“ מלאכה, ווי זיין מלמדים ביי קינדער. דערפאַר איז די טראַדיציע ביי אונדז, — דעם שרייבערס צונויפבונד מיטן יידישן חינוך, — אַ טיף־איינגעוואָרצלטע, אַ דורותדיקע.

ס׳איז אפשר נישט קיין סברא גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַז די אגדתות זיינען געשאַפן געוואָרן ספּעציעל פאַר קינדער. זיכער איז, אַז רבי בר־בר חנאס פאַנטאַסטישע גוזמאס האָבן געהאַט אַ טיפן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון יידישע קינדער. זיכער איז אויך, אַז די מעשהלעך, וואָס ווערן געבראַכט אין תלמוד, — אין סאַמע מיטן פון שווערע וויכוחים, — זענען דערגאַנגען צו יידישע קינדער. די שרייבער פון יענער צייט האָבן דאָס יידישע קינד אין זינען געהאַט, זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון די שווערע סוגיות, פון די ווידעראַנאַנדן און די דינים, צו דערציילן אַ מעשהלע, וואָס האָט, אמת, געהאַט אַ מוסר־השכל, אָבער צו דער אייגענער צייט האָט עס פאַרמאָגט אין זיך די פאַבולע און די פאַנטאַסטישקייט, וואָס האָט גענומען דאָס קינדערשע האַרץ.

וויל איך דערמיט זאָגן, אַז די טראַדיציע פונעם יידישן שרייבערס צובונד צו דער יידישער שול ציט זיך ביי אונדז פון די גאָר־פריע דורות און — איז נאָך נישט איבערגעריסן געוואָרן ביז היינט. מיר שטייען נאָך אַלץ, ווי דורות צוריק, אין דעם מצב, וואו נאָר יידישער גייסט איז דאָס פאַרזיכערונגס־מיטל פאַר אונדזער קיום. מיר האַלטן נאָך אַלץ ביים סאַמע אָנהייב, ווי מיט דורות צוריק, ווען רבי ומורי איז געווען העכער ווי אָבי.

דערפון נעמט זיך וואָס שרייבעריי ביי יידן האָט געהאַט דעם נאָכקלאַנג פון „וואָס לאָזט עס מיך צו הערן?" לערנען דאָס פאָלק, אַריינפירן דאָס פאָלק אין די פאַרבאָרגענע חדרים פון דער תורה, איז געווען די עובדה פונעם שרייבער. די דאָזיקע עובדה האָט געלייגט אַ חותם אויף דער ליטעראַטור ביי יידן, זי האָט אַלעמאָל געדאַרפט עפּעס „לאָזן צו הערן" און דינען אַ נאַציאָנאַלן תכלית.

אַז מיר האָבן זיך אָנגעהויבן „אויסצומענטשלען", האָבן מיר אויף דעם מין ליטעראַטור געהאַט אַ וואָרט פון ביטול — „מלמדישע ליטעראַטור". טראַכטן מיר זיך אָבער אַריין, זעען מיר, אַז דער שרייבער, מיטן טייטל אין די הענט, איז געווען דער גרויסער קינסטלער, וואָס מיטן וואָרט האָט ער אויסגעפורעמט אַ פאָלק און אויפגעשטעלט אַ פעסטונג צו באַוואָרענען דעם קיום פונעם פאָלק. אינעם טייטל האָט דער שרייבער אַריינגעלייגט גרויסע קינסטלערישע פאַנטאַזיע, וואָס האָט פאַרמאָגט די גייסטיקע ענערגיע וואָס מיט איר ווילן מיר איצטער אָנלאָדן דאָס קינסטלערישע וואָרט. די ליטעראַטור ביי יידן האָט געקנעלט מיטן פאָלק, זי האָט אָנגעהויבן מיטן קינד, אָבער אפילו דער עלטערער ייד איז אויך געווען אַ חדר־ייִנגל ביי דער ליטעראַטור. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס דער נאַציאָנאַלער תכלית פון דער ליטעראַטור האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט, דער ייד איז געגאַנגען אין חדר ביים שרייבער פונעם וויגעלע ביזן גרוב.

וואָס לערנסטו, ייִנגעלע?

אין אַלטן ייִדישן חינוך איז געווען אַן איינפיר, וואָס ביז איצט האָט מען אים, דאַכט זיך, נאָך נישט אָפּגעשאַצט, אָדער נישט געפּרוּווט צו פאַרשטיין דעם היסטאָרישן באַטייט זיינעם. דער איינפיר פון „פאַרהערן".

געווען צייטן — אין ברען פון דער השכלה — וואָס די „אויפגעקלערטע" האָבן אים גאָר אויסגעלאַכט, חוזק געמאַכט פון אָט דעם טיף־מיינענדיקן איינפיר. די טענה איז געווען, אַז דאָס ייִדישע קינד איז הפקר, יעדער איינער קען צוקומען און נעמען דאָס קינד אויפן צימבל: אַנו, ייִנגעלע, וואָס האָסטו געקלאָגט, ווערט נעבעך דערשראָקן וואָס אַ ווילד־פרעמדער ייִד איז איבער אים אַ פּוסק, פאַרהערט אים, דרייט מיט דער נאָז, אָדער לויבט אים. נאָר דאָס ייִדישע פאָלקסליד האָט פאַרשטאַנען דעם טייערן מיין פון פאַרהערן, געבליבן זענען אונדז פאָלקסלידער, וואָס זענען פול מיט נאַאיוון פּאַטאָס, עפּעס געלערנט אין חדר? דאָס אָרעמע ייִדישע קינד, האָבן די משכּילים מיט האַרציקער ליבשאַפט צום פאַרהערטן תּלמיד.

פּעדאַגאָגיש איז אפשר דאָס פאַרהערן נישט געווען על פּי נוסח פּעסטאַלאָצי, און אַוודאי נישט נאָכן נוסח פון אַ דזשאָן דיואי. לעבנס־שטייגעריש איז עס אָבער געווען קלוג און אַרויסגעוואַקסן איז עס פון דער טיפער ייִדישער זאָרג פאַרן חינוך פונעם יונגן דור.

דאָס חדר האָט געהאַט אַן אייגענע פּעדאַגאָגיק, וואָס האָט זיך מסתּמא גענומען פון די בבלדיקע צייטן און האָט אַן ספק געוואָרצלט אין דעם ייִדישן אָריענטאַליזם. אַל־ייִדיש איז געווען דאָס חדר, וואָרים אַ חדר ביי די ייִדן אין תּימן איז געווען נישט קיין סך אַנדערש, ווי אַ חדר אין אַן אוקראַיִניש שטעטל. די חדר־פּעדאַגאָגיק איז געווען, ווי אַלצדינג אין ייִדישן לעבן, טראַדיציע, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון איין דור צום אַנדערן. זי האָט פאַרמאָגט אַ פעסט־אויסגעאַרבעטע סיסטעם.

דער סאַמע עיקר פון דער חדר־פּעדאַגאָגיק איז געווען — צו האַלטן דאָס ייִדישע קינד אין דער אַטמאָספערע פון לערנען דעם גאַנצן טאָג. דאָס לערנען האָט געדאַרפט אויספילן דעם קינדס לעבן. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט פאַרנאַכט האָט דאָס ייִדישע קינד געדאַרפט אָטעמען מיט דער לופט פון תּורה. אפילו די חדר־שפּילן זענען געווען תּורהדיקע, שוין אָפּגערעדט פון די מעשהלעך, וואָס קינדער האָבן זיך דערציילט און די חדרדיקע לידער, וואָס זיי האָבן געזונגען.

מיר דערמאָנען זיך די בייטאָגן, בעת דער רבי האָט געכאַפּט אַ דרימל און מיר האָבן זיך געשפּילט אין אַ ווינקעלע. די שפּיל איז אַלעמאָל געווען אַ חומשדיקע, אָדער אַ תּנ"כישע. די ווינטערדיקע פאַרנאַכטן, אַז דער רבי האָט געדאַוונט מנחה און מיר האָבן זיך דערציילט מעשהלעך, געדענקען מיר.

משה, חיים סטאָליערס, ליגט מיר אין די ביינער. ער איז געווען דער דער־ציילער, ער האָט ווי אַ מייסטער אויסגעשפּונען די דערציילונג וואָס איז גע־ווען דורכגעדרונגען מיט דער תורהדיקער יידישער מאָראַל — פון אַ יתום אויפן ים הקרח, פון אַן אלמנה וואָס דער אייבערשטער האָט זיך אויף איר מרחם געווען און דער בן־יחיד אירער איז געוואָרן אַ גרויסער רב. די דער־ציילונגען זענען געווען אין גייסט פונעם לערנען, אַ טייל פון דער חדר־פּעדאַגאָגיק זענען זיי געווען.

נאָך אַ וויכטיקן פּרט האָט די חדר־פּדאַגאָגיק פאַרמאָגט: זי איז געווען קאָלעקטיוויסטיש, זי האָט דעם יחיד אַריינגעוועבט אינעם כלל. אַלע האָבן געלערנט אינאיינעם, אַלע האָבן איינצייטיק אויפן קול נאָכגעזאָגט דעם רבין, אָדער איינגעחזרט דעם שיעור. ווער ווייסט, צי אין דעם האָט נישט גע־שטעקט אַ טיפער פּסיכאָלאָגישער מיין: מחנך־צו־זיין דאָס קינד אינעם כלל־געפיל, איינפלאַנצן אין אים די איבערלעבונג פון גאַנצקייט מיטן כלל.

ביי שרייבער פון די פריערדיקע דורות געפינען מיר באַשרייבונגען, ווי קינדער אין חדר האָבן אַלע מיטאַמאָל געשריגן, ווי איינער האָט געוואָלט איבערשרייען דעם אַנדערן — דאָס חדר קומט ביי זיי אויס, איז געווען אַ מין יאַריד, וואו קינדער פאַרקויפן גאָטס סחורה אויפן קול. זיי, די שרייבער פון די פריערדיקע דורות, האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם „חדר־יאַריד" איז געווען אַ גרינטלעכער פּעדאַגאָגישער געדאַנק — דער געדאַנק, אַז אין צונויפגעזאַנג פון קולות קומט אַמאָל דער יחיד מער צום אויסדרוק, ווי אין סאָלאָ־געזאַנג. דער איינציקער הערט זיך אַליין און הערט אַנדערע און דער־פאַר נעמט ער גיכער אַריין אין קאָפּ־אַריין דאָס געזאָגטע, געדענקט ער בעסער.

מיר קענען זיך, לכל הפּחות, מתווכּה־זיין וועגן דער חדר־פּעדאַגאָגיק, נאָר אָפּפטרן זי מיט חוזק קענען מיר נישט. און אַוודאי קענען מיר נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם חדר־איינפיר פון „פאַרהערן". אויפן אָרט פון פאַרהערן האָבן מיר היינט עקזאַמענס, אָבער די עקזאַמנעס פאַרבייטן נישט — סיי אין גייסט און סיי אין ציל — דאָס פאַרהערן.

דאָס פאַרהערן, דאַרפן מיר קודם כל געדענקען, איז געווען אַ פאָלקס־אינסטיטוציע. דעם תלמיד האָט עקזאַמינירט דאָס גאַנצע פאָלק, וואָרים דאָס פאָלק איז געווען דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין, אַז אַ יידיש קינד דאַרף קענען לערנען. תורה איז געווען דאָס אחריות פונעם גאַנצן פאָלק, טאַטע־מאַמע האָבן דאָס אחריות געטראָגן מיט דער איבערלעבונג פון פאָלק.

אין אַ שטעטל, אַז אַ יינגל איז אַרומגעגאַנגען בטל, האָט נישט געלערנט אין חדר, האָבן זיך אַלע יידן געזאָרגט: וואָס פאַר אַ ייד וועט פון אים אויסוואַקסן אַז ער גייט נישט אין חדר? קהל האָט זיך געפילט, ווי די זינד פאַר אַ קינדס נישט־גיין פאַלט אויפן כלל.

דאָס אייגענע באַוואוסטזיין — אַז דאָס יידישע קינד געהערט דעם כלל

און פאַר זיין יידישקייט איז פאַראַנטוואָרטלעך דער כלל — איז אויך געווען דער תוך פונעם איינפיר צו פאַרהערן דעם תלמיד. אַ יינגל, אַז ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָט אים אַ ייד געקענט אָפּשטעלן און פאַרהערן: וואָס לערנסטו, יינגעלע? וואָס פאַר אַ סדרה גייט היינטיגע וואָך? געדענק, יינגעלע, אַ יידיש קינד דאַרף לערנען תורה. דער ייד, דער פאַרהערער, האָט געקענט זיין אינגאַנצן אַ פרעמדער — נישט דאָס קינד האָט אים געקענט, נישט ער האָט געקענט דאָס קינד — ערשט דערנאָך, אַז דעם יינגעלעס ענטפערס זענען אים געפעלן, האָט ער אים געגעבן, מיט ליבשאַפט, אַ קניפּ אין בעקל און געפרעגט: וועמענס יינגעלע ביסטו?

פאַרהערן אַ יידיש קינד איז געווען אַ מצווה. אַפילו יידן, וואָס אַליין זענען זיי קיין גרויסע למדנים נישט געווען, האָבן אויך די מצווה מקיים געווען. זיי, די פּראָסטע יידן, האָבן געוויינטלעך פאַרהערט דרדקי־קינדער — אַ קמץ אַלף, אַ פּתח בית, אַמאָל די סדרה. צו יידן למדנים האָט מען געפירט די קינדער פאַרהערן, יעדער למדן האָט געהאַט זיין אייגענעם דרך ווי צו פאַרהערן אַ תלמיד, אָבער אַלע האָבן געהאַט איין געדאַנק: דאָס יידישע קינד דאַרף לערנען תורה און יעדער ייד דאַרף צולייגן אַ האַנט צום קינדס לערנען.

„וואָס לערנסטו, יינגעלע?" איז געווען דער נוסח פון דער היים, פון דער גאַס, פונעם בית המדרש. אַ קאָלעקטיוו אחריות איז געווען דער חינוך פונעם יידישן קינד. אויפן יידישן קינד האָט דער אינטערעס פונעם גאַנצן קהל געווירקט, אַז ער זאָל זיך באַטראַכטן — פון די סאַמע יינגסטע יאָרן — פאַר איינעם פונעם כלל. דאָס יינגעלע האָט באַלד געוווּסט, אַז לערנען איז ביי יידן נישט קיין פּריוואַטער ענין, נאָר אַ כלל־ענין. אָט דאָס באַוווּסטזיין איז פאַר זיך אַליין געווען אַ מין חינוך, וואָרים דאָס קינד האָט באַלד אָנגעהויבן צו לעבן מיטן יידישן כלל.

נו, מיר האָבן זיך גאָר אַ סך מאָדערניזירט אין חינוך, מיר האָבן שוין נישט קיין „חדר־יאַריד", אונדזערע תלמידים שרייען שוין נישט אַלע אויפן קול, מיר האָבן שוין נישט די קינדער־שפּילן מיט תנ"כישע העלדן, מיר דערציילן זיך שוין נישט קיין קינדער־מעשיות פונעם יתום, דער אלמנה און דעם פרעמדן, אַ היפּשן מהלך זענען מיר אָפּגעגאַנגען פון דעם חדר.

ווי ווייט מיר זענען דערגאַנגען אויפן אַוועקגאַנג פונעם טראַדיציאָנעלן חדר איז נאָך דערווייל פּראָבלעמאַטיש, קלאָר איז אָבער, אַז די טראַדיציע פון „וואָס לערנסטו, יינגעלע?" האָט ביי אונדז אינגאַנצן אויסגעוועפּט. מיט אָט־דער טראַדיציע האָט זיך אויך אָפּגעטאָן פון אונדז דאָס קאָלעקטיווע באַוווּסטזיין, אַז יידישער חינוך איז אַ קנין פון כלל־ישראל און, אַז ר' ישראל איז, ווי אַ טייל פונעם כלל, פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לימוד פונעם יידישן קינד, פאַר דער תורה זיינער.

נאָכמער, מיר האָבן זייער ווייניק פאַרהערער, עס האָבן זיך אויסגעלאָזט

די יידן, וואָס זאָלן קענען צוקומען צו אַ יידיש קינד און אים פאַרהערן אין זיינע לימודים. מיר זענען יוצא מיט עקזאַמענס, וואָס מסתמא דאַרף מען זיי האָבן, אָבער זיי זענען נישט גענוג פאַרן חינוך פון דעם יידישן קינד. סע איז נישטאָ דער פאָלקס־קאָנטראָל, וואָס יידן האָבן איינגעפירט איבערן חינוך. סע איז נישטאָ דאָס באַוואוסטזיין פון אחריות ביי דערוואַקסענע און ממילא שוין ביי קינדער.

ביי אַ גראַדואיר יום־טוב פון אַ יידישער שולע האָב איך געהערט קינדער רעדן פון זייערע דערגרייכונגען, איך האָב געזען טאַטע־מאַמע, ווי זיי האָבן נחת, באָבעס און זיידעס האָב איך געזען, ווי זיי קוועלן־אָן פון די אייניקלעך. אַ געהויבענע שטימונג איז געווען, מיך אַליין האָט דער יום־טוב באַווירקט — פאַרט יידישע קינדער אין אַמעריקע, וואָס רעדן פון געשיכטלעכע העלדן, וואָס דערציילן וואָס די שולע האָט זיי געגעבן, נאָר דערנאָך, אַז איך האָב זיך אַביסל אָנגעהויבן אויסצוניכטערן, האָב איך דערפילט, אַז עפּעס פעלט מיר — העיקר חסר.

וואָס האָט געפעלט? דער פאַרהערער האָט געפעלט, דער קאָלעקטיווער ייד, וואָס זאָל נעמען דאָס קינד אויפן צימבל: וואָס לערנסטו, יינגעלע? ער איז נישטאָ דערפאַר, וואָס צום יידישן חינוך האָבן מיר אָנגעהויבן אָנצוווענדן די סאַמע מינימאַלסטע מאָס. ער איז נישטאָ דערפאַר, וואָס מיר האָבן אָנגעוואוירן דאָס קאָלעקטיווע אחריות פאַרן חינוך; וואָס מיר האָבן אָנגעוואוירן דעם חוש פאַרן סאַמע עלעמענטאַרסטן אין טראַדיציאָנעלן יידישן חינוך: דאָס באַוואוסטזיין, אַז אָן דעם יידישע חינוך, מיט תורה אין האַרצן און אין קאָפּ, העגנט אונדזער קיום אויף אַ האָר.

אחדות הבורא, טרויער, פרייד

א

דער איבערפלוס פון אידייען איז נישט קיין סימן פון גייסטיקער מזל־ברכה, נאָר פון אַזאַ גייסטיקער וואַכיקייט, וואָס דערגייט ביז אָנגערייצטקייט און וואָס רופט אַרויס גייסטיקע צעבראָקלטקייט. די גרויסע אידייע בייט מען אויס אויף אידייאישן מינץ, יעדער איינער האַלט זיך ביי זיינע עטלעכע דריבנע גייסטיקע מטבעות, ווי אַ קמצן ביי זיינע פּייעמס. גייסטיקע קמצנות איז נישט שעפעריש, געראַנגל פון צענדליקער אידייען אין אַ פאָלק איז נישט קיין סימן פון שעפערישער שפע, נאָר פון אָרעמקייט וואָס ברענגט צו פאַנאַנדערפאַל. אָן עפּאָכע, וואָס איז גייסטיק רייך, הייבט פון זיך אַליין אַרויס איין גרויסע אידייע, וואָס באַהערשט דאָס פאָלק, וואָס וועקט־אויף אין אים די פולע מאָס שעפערישקייט און צינדט־אָן אין אים דאָס הייליקע פייער, וואָס לויכט פאַר דער וועלט אין משך פון דורות.

דאָס גרויסקייט פון יידישקייט איז אין דער איין־אידייע — אחדות הבורא. אין דער דאָזיקער אידייע האָט יידישקייט אַריינגענומען סיי סאָציאַלע אידייען, סיי עטישע, סיי פּאָליטישע, סיי קינסטלערישע. די עשרת הדברות הייבן זיך אָן מיט אנוכי, דערנאָך קומען ערשט די עטישע געבאָטן. דער אנוכי איז די עיקרדיקסטע אידייע, אין דעם אחדות הבורא איז קאָנצענטרירט די סאַמע עסענץ פון דער וועלט־אידייע. אויפן אחדות הבורא איז אין יידישקייט אויסגעוואַקסן דער משיחיזם, די נביאישע וויזיעס פון באחרית הימים, די סאָציאַלע מאָנונגען פון אַן עמוס, אַ ישעיה, אַ ירמיה. דער אחדות הבורא האָט פון זיך אָפּגעצווייגט דעם יידישן מיסטיציזם, די קונסט פון וואָרט, אפילו די אגדתא, וואָס איז אונדזער עטיש־קינסטלערישער פאָלקלאָר. די איין־אידייע אין יידישקייט איז דינאַמיש, זי פאַרמאָגט אין זיך אַן אייביקן פאַרשערישן הונגער, זי האָט קיינמאָל נישט אָנגעוואוירן איר פּאַטאָס. דאָס איז דערפאַר, וואָס זי איז געבליבן דאָס שטענדיקע רעטעניש פונעם מענטשן, וואָס זי האָט אינעם מענטשן אַליין אַריינגעגעבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער פאַרמאָגט אין זיך אַ ניצוץ פונעם אחדות הבורא. דער מענטש איז אין יידישקייט געוואָרן אַ שותף צו דער אידייע, ער אַליין, דער מענטש, איז אין סאַמע תוך די אידייע. דער מענטש זוכט אַלעמאָל אין זיך דעם ניצוץ פון גאָט. אַלע אידייען, וואָס וואַקסן אַרויס פונעם מענטשן, וואָרצלען אין דער איין־אידייע — אין אחדות הבורא.

נאָר אין דער אידייע פון אחדות הבורא האָט דער מענטש געקענט דערגיין צו דער איבערלעבונג אַז ער פאַרמאָגט אין זיך אַ ניצוץ פון געט־לעכקייט. נישט דורך דעם בעל, נישט דורך דער עשתרות, נישט דורכן מולך, האָט דער מענטש געקענט אין זיך איבערלעבן דעם מיסטישן כח

פונעם געטלעכן פונק. דער אָפּגאָט האָט ביים מענטשן צוגענומען די בחירה חפשית. יעדער מענטש־עלעמענט איז קאָנקרעטיזירט געוואָרן אין אַ גאָט־פיזיאָנאָמיע. דער מענטש האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין גאַנצקייט, מיט יעדער באַוועגונג זיינער איז ער געווען אָנגעהאָנגען אין אַן אַנדער גאָט.

קריסטנטום האָט די איין־אידייע צעדריטלט, מוסיף־געווען צום אחד די מוטער און דעם זון. דערפון איז אַרויסגעוואַקסן אַ טראַגישע סתירה, וואָס האָט די וועלט אָפּגעהאַלטן ווער ווייסט אויף וויפל הונדערטער, און אפשר טויזנטער, יאָרן פון איר דערלייזונג. די סתירה באַשטייט אין דעם, וואָס פון איין זייט נעמט דאָס קריסטנטום אָן די איין־אידייע, דעם איינציקן גאָט, און פון דער אַנדערער זייט נידערט דאָס קריסטנטום אַרונטער פון דער אַבסטראַקטער גאָט־אידייע, פאַרערדיקט זי. אַפילו אַז מרים האָט געבוירן ישוע פון גאָטס גייסט, איז אויך דער פּראָצעס פון דעם געבורט געווען אַ מענטשלעכער. און ווייטער, גאָט, וואָס די וועלט האָט ער באַשאַפן מיטן וואָרט, האָט געדאַרפט אויסטיילן פון זיך אַ גייסט, כדי צו באַפרוכפּערן אַ פרוי אַז זי זאָל געבערן דעם משיח. אין אונדזער יידישקייט האָט גאָט איין מאָל באַשאַפן דעם מענטשן, דערנאָך האָט ער אים אָפּגעלאָזט, אַז ער זאָל פירן דאָס געראַנגל מיטן געטלעכן פונק אין זיך. אין קריסטנטום האָט גאָט געדאַרפט פון זיך אויסטיילן אַ משיח, ער האָט אָפּגעגעבן אַ טייל פון זיינע פונקציעס סיי דער הייליקער מוטער, סיי דעם זון אירן, — ישוע. בעת אין יידישקייט איז דער מענטש אַ שותף צו דער אידייע, דערפאַר וואָס ער טראָגט אין זיך אַ ניצוץ אלהי, איז אין קריסטנטום איין מענטש — נישט דער מין מענטש בכלל, — גאָטס שליח אויף דער ערד. דער מין מענטש האָט אין קריסטנטום דעם געטלעכן פונק אָנגעוואוירן, גאָט האָט דאָס גאַנצע געטלעכע פייער אַוועקגעגעבן דעם זון זיינעם, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט פון אַ בלוט־און־פלייש מוטער און איז אַליין געווען געבענטשט מיט אַלע מענטשלעכע אַטריבוטן. אידייאיש דרינגט דערפון אַרויס, אַז בעת קריסטנטום איז געקומען דעם מענטשן רייכער צו מאַכן, האָט עס אים גאָר באַרויבט פון דעם גרעסטן עשירות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט: דעם ניצוץ אלהי. די סתירה ווערט טראַגיש דערמיט, וואָס דורכן קריסטנטום איז די צעדריטלטע איין־אידייע געוואָרן אַ שווערער יאָך אויפן מענטשן, וואָס דריקט אים אַרונטער, דערפאַר וואָס דער מענטש איז מיט זיין בענקשאַפט נאָך גאָט געבונדן צו אַ מענטשן, — צו גאָטס אַן ערדישן זון.

פריער האָב איך געזאָגט, אַז די טראַגישע סתירה פון קריסטנטום האָט אָפּגעהאַלטן די וועלט אין איר גאַנג צו דערלייזונג, דאָס איז דערפאַר, מיין איך, וואָס זי האָט ערשטנס צעבראָכן די איין־אידייע פון יידישקייט אויף דריי ברוכשטיק; צווייטנס, וואָס זי האָט שוין איין מאָל געבראַכט משיחן און יעדער רעכטגלייביקער קריסט קען פערזענלעך אויסגעלייזט ווערן דורך זיין פאַרבינדונג מיטן איין־מאָל געקומענעם משיח, — יעזוסן. די

משיח־וויזיע פון דער יידישער טראַדיציע איז נישט קיין פערזענלעכע דער־לייזונג, נאָר אַ קאָלעקטיווע; אַז דער יחיד אַליין וועט דערלייזט ווערן, וועט נאָך נישט קומען די גאולה שלימה פאַר דער וועלט. אין קריסטנטום, וואָס האָט די איין־גאָט אידייע צעבראָכן אויף דרייען, איז מעגלעך די דערלייזונג פונעם יחיד נאָך יעדער מאָל וואָס ער זינדיקט. דאָס איז ווידער אין גייסט פון דער צעטיילטער אידייע, סע איז ווידער אַ צעברעקלונג פון דעם מענטשנס גאַנצ־קייט. אויך דער גלויבן, אַז ישו האָט געליטן פאַר יעדער קריסטלעכן יחיד, נעמט־אַראָפּ פונעם קריסט אַ גרויסע טייל פון זיין מענטש־אחריות. אין יידישקייט איז נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי איינעמס ליידן זאָלן אויסקויפן אַלע יידן; יעדער ייד איז דערוואַקסן צו טראָגן זיינע אייגענע ליידן, וואָרים יעדער ייד, — אייגנטלעך, יעדער מענטש, — טראָגט אין זיך אַ פונק פון דער געטלעכקייט. דער סאַמע געליטנסטער נביא ביי אונדז, — ירמיה, — האָט נישט געטראָגן די עינוים פאַרן פאָלק, נאָר מיטן פאָלק.

דריטנס, — און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, — קריסטנטום, וואָס האָט די גאָט־אַבסטראַקציע פאַרוואָסערט דורך אַ מוטער און אַ זון, האָט אויך דערלויבט צו קאָנקרעטיזירן די אויסשטראַלונגען פון דער געטלעכקייט. אמת, דער סאַמע פאַרגלייבטער קריסט וועט נישט אויסמאָלן גאָט, אָבער אַז גאָטס זון איז אַ קאָנקרעטע פיגור און די הייליקע מוטער איז קאָנקרעט, מוז שוין די געטלעכקייט אַליין אויך ווערן קאָנקרעט. דער קריסט, אַז סע קומט אים אָן שווער צוצוקומען אין זיין פאַרשטעלונג צום אַבסטראַקטן גאָט, קומט ער צו צום בילד פון דער מאַדאָנע, צו דער סטאַטוע פון ישון. נאָכמער, דער פרומער קאַטויליק, אַז ער טרינקט איסטער עטלעכע טראָפּנס ווייַן אין קלויסטער, טרינקט ער ישוס בלוט. ער מוז צו גאָט צוקומען, דורך ישון, ממשותדיק, אויף דער גאָט־איבערלעבונג קען ער זיך נישט פאַרלאָזן.

איך וועל זיך דערוועגן צו זאָגן, אַז דער מענטש בענקט נאָך דער אַבסטראַקציע, ער וויל דערגרייכן צו דער מדרגה אַז ער זאָל זיך קענען פאַרבינדן מיט דער אומבאַגרייפלעכקייט, וואָרים נאָר אין איר איז דאָ די פולע איינזקייט, די געלייטערטע וויזיע פון זיך אַליין, — דעם מענטש. די אַבסטראַקציע, די אומבאַגרייפלעכקייט, טראָגט אין זיך אי דעם מענטשנס הכנעה, אי דעם מענטשנס דערהויבנקייט. די הכנעה ליגט אין דעם באַ־וואוסטזיין, וואָס ער קען צו גאָט נישט צוקומען, וואָרים ער איז דורכאויס אידייע. די דערהויבנקייט קומט אויך דורכן דאָזיקן באַוואוסטזיין, דער מענטש לעבט־איבער אַ התרוממות וואָס ער טראָגט אין זיך די אומבאַגרייפ־לעכקייט. גאָט איז געדאַנק, געפיל, געמיט און נאָך עפּעס, וואָס קיין באַשייד האָבן מיר נישט פאַר דעם. דערפאַר איז אין יידישקייט דאָ אַן אייביקער גאָט־הונגער, בעת אין קריסטנטום איז דער גאָט־הונגער געשטילט, — דורך דער מוטער און דעם זון האָט דאָס קריסטנטום גאָט געשטאַלטיקט.

דורכדעם, וואָס קריסטנטום האָט צעבראָכן די איין־גאָט אידייע, האָט זי

דעם מענטשן אַריינגעוואָרפן אין אַ פּלאָנטער פון סתירות און אים אָנגעפּילט מיט פּינצטערן טרויער. איך זאָג בכיוון „פּינצטערער טרויער", וואָרים סע איז דאָ טרויער אַ ליכטיקער, דערלייזנדיקער. אַז דער ייד האָט פאַר כל־נדרי געזאָגט הנני ממעש, איז ער געווען פול מיט טרויער, אָבער די איבער־לעבונג, אַז פאַרן אחדות הבורא, פאַר דער אומבאַגרייפלעכקייט, איז ער דער עני ממעש, האָט אים אויך אָנגעפּילט מיט פריידיקייט. דאָס נישט־געזעענע, דאָס נישט־באַגריפענע, דער איבער־אַלץ און אין־אַלץ, דער אַרויס־שטראַלנדיקער און אַריינשטראַלנדיקער, דער קיינמאָל־אָנהייב און קיינמאָל־סוף, — דאָס אַלץ איז אַזאַ באַוואוסטזיין אין מענטשן, וואָס דערפירט אים צו אייביקער זוכעניש, אייביקן דאַרשט זיך צו דערגרונטעווען און צו דער אייגענער צייט צום וויסן אַז צום סאַמע סוד וועט ער נישט דערגיין. אַפילו, אַז דער פּשוטער ייד האָט אינטעלעקטועל נישט פאַרשטאַנען אַט די איבער־לעבונג זיינע, האָט ער זי אָבער איבערגעלעבט. אַפילו אַז דער הונגער איז ביי אים נישט געווען קיין אינטעלעקטועלער, האָט ער אָבער געפילט אין זיך די איבער־אימיקייט, די אין־אימיקייט. איך געדענק פּשוטע יידן, וואָס אַז זיי זענען אַריין אין עקסטאַז, האָבן זיי פון זיך אַרויסזונגען: אוי, גאָטעניו, ווער ביסטו? וואָס ביסטו? וואו ביסטו? ווען ביסטו? אויף אַ פּרימיטיוון שטייגער איז אין די ווערטער געווען דער אויסדרוק פון דער היכער אידייע פון אַבסטראַקטקייט, פון אומבאַגרייפלעכקייט. דער אייגענער פּשוטער ייד האָט אויך איבערגעלעבט די פרייד פונעם נישט־וויסן. אויף אַ געניאַלן אופן האָט די פרייד פון נישט־וויסן איבערגעגעבן ר' נחמן בראַצלאַווער אין דער מעשה בהז' בעטלערס. דער בלינדער בעטלער זאָגט, אַז די אויגן זעען נאָך נישט אַלץ, ס'איז דאָ אַ זען, וואָס נישט מיט די אויגן זעט דער מענטש, נאָר מיט זיך אַליין. אַזוי זאָגט דער טויבער וועגן הערן און דער בעטלער אָן פּיס וועגן גיין. מיט די פּיס, זאָגט ער, גייט דער מענטש נאָר אַ באַגרעניצטן שטח, סע איז אָבער דאָ אַ גיין, וואָס איז איבער שטח, איבער צייט, איבער מענטש אַליין. אין תוך מיינט דאָ ר' נחמן די אַבסטראַקציע, די אויסגעלייטערטע איינקייט.

האָב איך פריער געזאָגט, אַז אין יידישקייט איז דאָ פרייד און אין קריסטנטום פּינצטערער טרויער. אין יידישקייט איז דאָ אַ יום־טוב זיך צו פרייען מיט גאָט און זיין תורה, אין קריסטנטום איז נישטאָ קיין יום־טוב זיך צו פרייען מיט ישוע. דער טאָג פון ישוס געבורט איז נישט קיין פריידיקער יום־טוב פּשוט דערפאַר, וואָס די אידייע זיינע איז, אַז געבוירן געוואָרן איז אַ מענטש צו ליידן פאַר מענטשן, אויסצוקויפן מיט זיינע עינוים די זינד פון מענטשן. די תורה איז גאָטס געשאַנק דעם יידן, דאָס געשאַנק פון לעבן, פון וחי בה. דער ייד אַליין דאַרף לעבן מיט דער תורה, אין זיך אַליין דאַרף ער זי טראָגן. אַז איר נעמט אָבער ישוס געבורט, קומט אויס אַז דער מענטש דאַרף אין זיך טראָגן די איבערלעבונג פון

זינד״, וואָס אַן אַנדערער קויפט פאַר אים אויס. נישט ער, דער מענטש אַליין, לעבט די פרייד פון זינד־באַפרייאונג, פון זינד־דערלייזונג, נאָר אַן אַנדערער ליידט פאַר אים און לייזט אים אויס פון די זינד. אינעם באַוואוסטזיין פון אייגענער זינד־באַפרייאונג איז דאָ די העכסטע פרייד. אין דער זינד־באַפרייאונג, אָבער, דורך אַן אַנדערנס ליידן, איז דאָ דערדריקנדיקער טרויער. יידנטום געטרויט דעם מענטשן, קריסטנטום געטרויט אים נישט. דערפאַר איז אין דער אידייע פון דעם ווינאַכט יום־טוב נישטאָ קיין דערהויבענע פרייד, בעת אין דער אידייע פון גאָטס געשאַנק, דער תורה, איז דאָ פרייד, וואָס דערגייט ביז התפשטות הנפש.

ב

דער יידישער טרויער איז אויך אַרויסגעוואַקסן פון דער איינקייט־אידייע, דערפאַר איז ער געוועזן פול מיט יום־טוב. דער ייד האָט דעם טרויער אָנגעטאָן אַ זיידענע קאַפאָטע, אים צעקעמט די זילבער־ווייסע באָרד, אַז ער זאָל וואַרעמען אַזוי אײדל ווי אַ סוף־זומערדיקע זון.

עטלעכע מדרגות טרויער זענען דאָ, ווי עס זענען דאָ עטלעכע מדרגות פרייד. דער פרימיטיווער טרויער איז דער יחידישער, וואָס וואַרפט זיך אַרויף אויפן מענטשן מיט אַ דערדריקנדיקער משא און דערפירט אים צו פינצטערן יאוש. סע איז אָבער אויך דאָ אַ יחידישער טרויער, וואָס פילט־אָן דעם מענטשן מיט געזאַנג, וואָס רייניקט דעם מענטשן און ברענגט אים צו גוטע מעשים. אַט דער מין טרויער איז פון אַ העכערער מדרגה, וואָס נאָר אויסדערוויילטע האָבן די זכיה צו אים צו דערגיין. ווידער איז דאָ אַ קאָלעקטיווער טרויער, וואָס איר לעבט אים איבער ביי אַ לוויה, אָדער אַ קאַטאַסטראָפע. אינעם דאָזיקן טרויער פאַרבינדט זיך דער מענטש מיטן כלל, ער ווערט אַ טייל פון דער גרופּע וואָס טרויערט, אָדער פון דעם גאַנצן פאָלק. געוויינטלעך אָבער איז דער מין טרויער אַ פאַרבייגייענדיקער, ער געדויערט נאָר אַזוי לאַנג ווי „דער מת ליגט פאַר די אויגן״, אָדער ווי די קאָלעקטיווע קאַטאַסטראָפע איז נאָך פריש אין זכרון ביי דער גרופּע, אָדער דעם גאַנצן פאָלק.

אַנדערש איז דער יידישער טרויער, ער איז יחידישדיק און כלליק; ער איז איצטיק און אייביק; ער איז שאָטנדיק און לויטער; ער איז געוויין און געזאַנג. צום טרויער זיינעם גרייט זיך דער ייד, ער מאַכט פאַר אים אַ וואַרע און איז אים מקבל־פנים ווי אַ טייערן אורח. אינעם טרויער לעבט דער ייד איבער פאָלק־אייביקייט, דורכן טרויער פאַרבינדט זיך דער ייד מיט די דורות פאַר אים און די דורות נאָך אים. אינעם טרויער לעבט ער איבער די געשיכטע זיינע און דערמיט אַליין ווערט ער אַ רינגעלע אין אונדזער טויזנט־יאָריקער געשיכטע. דער טרויער האָט אויפגעהאַלטן דאָס

יידישע פאָלק אין גלות, וואָרים אין דער קלאָג און אין דעם געוויין איז געוועז האָפענונג און טרייסט.

אַ ים מיט גייסטיקן כח האָט דער ייִד אַריינגעלייגט אין דעם טרויער זיינעם. ער האָט אים פאַראײדלט, ער האָט אים אָנגעפילט מיט הייליקייט, ער האָט אים שיין געמאַכט. דער נאַציאָנאַלער טרויער איז ביים יידן אַ יחידישע איבערלעבונג און צו דער אייגענער צייט אויך אַ מין איבערלעבונג פון פרייד. דער ייד האָט ליב געהאַט דעם טרויער זיינעם, ווייל ער האָט זיך דורך אים דערלייזט. אַז ער האָט אָפּגעטרויערט אַ לאַנגן, זומערדיקן תשעה־באב, האָט זיך דער ייד געפילט ווי ער האָט זיך באַוואָפנט מיט כח ווידער דורכצוטראָגן אַ יאָר גלות און נישט אַריינפאַלן אין קיין יאוש. דער טרויער איז געוועז דער נאַציאָנאַלער קוואַל פון ענערגיע ביים יידישן פאָלק, דער לויטערער קוואַל וואָס דערפרישט און גיט מוט.

דער כח פונעם יידישן טרויער אויפן חורבן איז דערפאַר געוועז ריין־גייסטיק, ווייל ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער שכינה. בעת דער ייד האָט אין גלות געלעבט אין אייביקן פחד און יעדער טאָג איז פאַר אים געוועז אַ טרעפּ צום טויט, האָט ער דעם חורבן גאָר פאַרבונדן מיטן גלות השכינה. דעם חורבן האָט דער יידישער פאָלקס־זכרון אויפגעהיט נישט ווי דעם אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה, נאָר ווי די צעשטערונג פון בית־המקדש. בעת אַנדערע פעלקער, וואָס פאַרמאָגן בכלל ווייניק לאַנג־דויערנ־דיקן נאַציאָנאַלן טרויער, היטן אַמאָל יאָ אויף אין זייער פאָלקס־זכרון טרויער פון חורבן, איז עס דערמאָנונג נאָר פון פיזישן חורבן. יידן האָבן מער געטרויערט אויפן גייסטיקן חורבן, ווי אויפן פיזישן. זיי האָבן געדענקט מער דעם חורבן בית־המקדש, ווי דעם חורבן פון דעם גאַנצן לאַנד יהודה.

אַז דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, האָט די שכינה אָנגעוואוירן איר וואוין־אָרט און איז מיטן גאַנצן פאָלק אַוועקגעגאַנגען אין גלות. דער ייד האָט געקלאָגט אויף זיין אייגענעם גלות און אויפן גלות פון דער שכינה. ער האָט דעם טרויער זיינעם פאַרגייסטיקט, ער האָט אים משתּף געוועזן מיטן טרויער פון דעם באַשעפער און דערפאַר איז דער יידישער גלות־טרויער געוואָרן אַזאַ גרויסער פאַקטאָר אינעם אויפהאַלט פונעם יידישן פאָלק, ער איז געוואָרן די זייל אין דעם קיום האומה. דער געדאַנק הינטערן יידישן טרויער איז געוועזן, אַז די שכינה וועט נישט אייביק זיין אין גלות און דער יידישער גייסט וועט צוריק געפינען זיין אָנשפּאַר. אויב אַזוי, וועט אויך דאָס גאַנצע פאָלק אויסגעלייזט ווערן. דער אָנשפּאַר אויף דער שכינה איז געוועזן דער אויסלייזנדיקער מאָמענט אין יידישן טרויער. מיט דער שכינה אַ שותּף אין גלות האָט זיך דער ייד געפילט זיכערער, ער האָט זיך געהאַט אויף וועמען אָנצושפּאַרן.

יעדער תשעה באב איז געוועזן אַ מין טאָג פון אויסלייזונג ביי יידן, וואָרים דערמיט אַליין וואָס דער ייד האָט אַזוי יום־טובדיק געטרויערט אויף

זיין נאַציאָנאַלן חורבן, האָט ער זיך דערנענטערט צו דער גאולה. אַז מען לעבט איבער חורבן, קען מען וואַרטן אויף גאולה. אַז מען לעבט אָבער נישט איבער קיין חורבן, איז שוין קיין גאולה נישטאָ. דער ייד, אין זיין גרויסער פאָלקס־חכמה, האָט עס פאַרשטאַנען און דערפאַר האָט ער דעם חורבן אַזוי פאַראייגנט. דורכן טרויער אויפן חורבן, האָט דער ייד גע־וואוסט, וועט ער דערגרייכן צו דער רפייד פון גאולה. דערפאַר איז תשעה באב נישט נאָר דער טאָג פון טרויער אויפן חורבן, נאָר אויך דער טאָג פון דער גאולה. אויב אַ פאָלק האָט דעם כח אַזוי לעבעדיק צו געדענקען דעם חורבן זיינעם, וועט עס מוזן זוכה־זיין צו זיין אויסלייזונג. בפרט נאָך, אַז דער חורבן איז נישט נאָר אַ מענטשלעכער, נאָר אויך אַ געטלעכער; אַז נישט פאַר זיך אַליין האָט דער ייד געמאָנט גאולה, נאָר אויך פאַר דער שכינה.

ג

דעם טרויער און די פרייד האָבן פאַרן יידן נישט אויסגעשפּילט אַנדערע, נאָר ער אַליין, — דער יידישער יחיד, — האָט זיי אויסגעשפּילט. אַוודאי האָט מען געשאַפן אַ צערעמאָניאַל פאַרן טרויער און פאַר דער פרייד, אָבער יעדער ייד איז געווען דער שפּילער אינעם צערעמאָניאַל, נישט אַנדערע האָבן פאַר אים געשטעלט אַ ספּעקטאַקל פון טרויער, אָדער פרייד.

דער אויסשפּיל, — פון פרייד, צי פון טרויער, דורך אַנדערע, — האָט געמאַכט דעם מענטשן פאַר אַ מבין אויף די טיפסטע מענטשלעכע איבער־לעבונגען, אַ מין קריטיקער אויף שפּיל, אָבער די אינטימע פאַרבינדונג מיט זיי האָט ער אָנגעוואוירן. אַז דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף אַנדערע, אַז זיי זאָלן פאַר אים אויסשפּילן די איבערלעבונג, בלייבט ער פרעמד צו איר.

דאָ, דאַכט זיך מיר, איז פון תמיד־אָן דער חילוק צווישן יידישקייט און העלעניזם. דער גריכישער ספּעקטאַקל האָט די געצנדינערישע ריטואַלן אויסגעשפּילט, ער האָט פאַר די גריכן פאַרגעשטעלט דעם טרויער זייערן און די פרייד זייערע. יידישקייט האָט מחייב־געווען יעדן יחיד אַליין איבערצולעבן די אחדות הבורא, קיינער האָט זי פאַר אים נישט געקענט אויסשפּילן. אין בית־המקדש אַפילו, וואו דער כהן־גדול, די כהנים און די לוויים האָבן דורכגעפירט איינגעשטעלטע צערעמאָניאַלן, האָט אויך דער קהל געדאַרפט אַליין מיטלעבן מיט דער עבודה. יעדער יחיד איז געווען אַ טייל פון דער עבודה, פאַר זיך אַליין האָט ער זי איבערגעלעבט.

געווען איז עס אין גאַנג פון דעם יידיש־עטישן געדאַנק, אַז דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן בחירה חפשית, — פרייער אויסקלייב צו טאָן גוטס, אָדער שלעכטס. דער מענטש טראָגט אחריות פאַר זיינע אייגענע מעשים, ער איז נישט אין די הענט פונעם בלינדן פאַטום, ווי די גריכן

האָבן איינגעשטעלט זייער גלויבן. אַוודאי האָט דער ייד געוואוסט, אַז „הנני העני ממעש", אָדער אַז „האדם יסודו מעפר וסופו לעפר". דאָס דאָזיקע וויסן אָבער איז געווען אַ מאָטיוו פאַרן באַוואוסטזיין, אַז דעם מענטשנס אחריות פאַר זיינע טואונגען ווערט דערפון גרעסער.

אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג איז דעם יידנס באַוואוסטזיין פון יחידישער איבערלעבונג דערגאַנגען צו נאָך אַ העכערער מדרגה. דער יחידישער טרויער, די איבערלעבונג פון חשבון מיט זיך אַליין און מיטן באַשעפער, האָט דערגרייכט דעם אַפּאָגעי אין די ימים נוראים. די יחידישע פרייד איז געקומען צום סאַמע העכסטן אויסדרוק אין שמחת תורה. אין עטישן זין איז די פרייד שמחת תורה אַ העכערע, וואָרים דאָ איז נישט פאַרמישט די מורא פאַר זינד און פאַר שטראָף. די שמחת־תורהדיקע פרייד איז דער ריינסטער גייסט, וואָס דער ייד האָט זיך צו איר דערהויבן און האָט זי איבערגעלעבט ביז ממש פיזישע שפּירונגען.

שמחת תורה האָט סימבאָליזירט דעם גרויסן גייסטיקן כח פון יידן צו זיין פריילעך. פרייד איז אַ גייסטיקער כח, אויב זי קוואַלט־אַרויס פון דעם מענטשנס נשמה און איז נישט אַן אַרויפגעוואָקסענע פון דרויסן. פרייד פון שיכרות איז נישט קיין גייסטיקער כח, פרייד אַפילו פון אַ פּערזענלעכער דערגרייכונג האָט ווייניק שייכות מיט גייסטיקייט. די פרייד, וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט מיט דער תורה, איז די ריינסטע און דערפאַר די פריידיקסטע. קיין שמץ ערדישקייט איז אין איר נישט געווען, דערפאַר האָט זי פאַרמאָגט אַזוי פיל געזונט יידיש געמיט.

פונוואַנעט האָט זיך צו יידן גענומען אַזוי פיל כח זיך צו פרייען מיט דער תורה? שוואַכע יידן זיינען געווען, וואָס אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי קוים געצויגן דאָס ביסל חיות זייערס, נאָר אַז ס'איז געקומען שמחת תורה זענען זיי געוואָרן ממש גיבורים. יידן האָבן אָפּגעטאַנצט די גאַנצע נאַכט שמחת תורה, דערנאָך דעם גאַנצן טאָג און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז וואָס מער זיי פרייען זיך און טאַנצן, אַלץ פרישער, אַלץ ענערגישער ווערן זיי. פונ־וואַנעט, פרעגט זיך, האָבן זיי גענומען דעם כח פאַר דער פרייד, וואָס האָט געזונטע מענטשן געקענט אויסשעפּן?

ווייזט אויס אַז דער גייסט איז שטאַרקער פונעם גוף, אַז די רוחניות־דיקע איבערלעבונג פונעם מענטשן קרעפטיקט דעם גוף. געווען יידן, וואָס האָבן ממש מקריב געווען די כוחות זייערע אויפן מזבח פון דער פרייד מיט דער תורה. מיט דער מאָס פון פרייד, ווי ביי די אומות העולם, קען מען יידישע פרייד נישט מעסטן, וואָרים זי איז פון אַן אַנדער מדרגה, זי קוואַלט־אַרויס פון דער ריינסטער, דער גייסטיקסטער איבערלעבונג, וואָס יידן האָבן זיך צו איר דערהויבן אין זייער געטריישאַפט צו דער תורה, אין זייער ליבשאַפט צו איר. די ליבשאַפט צו דער תורה איז געווען אַ סך מאָל מער געמיט, ווי קענטעניש, וואָרים סוף־כל־סוף האָבן דאָך נישט אַלע

יידן געקענט די תורה. אָבער אפילו דער סאַמע פּראָסטער ייד האָט די תורה ליב געהאַט, ער איז געווען צו איר צוגעבונדן מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים. געוואוסט האָט ער, אַז אין דער תורה ליגט זיין יידישקייט, אַז זי איז דאָס טייערסטע געשאַנק, וואָס איז צו אים אָנגעקומען נאָך פונעם באַרג סיני.

אַ יידן אין דערהיים געדענק איך, האָט ער זיך אין איינעם אַ שמחת תורה אַזוי פאַרהוליעט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן צו אונדז אין שטוב מיט אַ געשריי: „כ׳האָב מורא, קינדער, אַז לאַנג וועל איך שוין נישט ציען, כ׳האָב שוין מער קיין כח נישט זיך צו פרייען מיט דער תורה...״

ער האָט טאַקע לאַנג נישט געצויגן. ער איז שטיל אויסגעגאַנגען עטלעכע טעג נאָך יום־טוב. פאַרן טויט האָט ער געזאָגט: „די עטלעכע טעג זיינען געווען געשענקטע, איך האָב זיי אויסגעבעטן ביים רבונו של עולם, אַז איך זאָל זיך נאָך קענען איין מאָל פרייען מיט דער תורה זיינער...״

סתירה און גאַנצקייט

מיר זענען אַלע אויסגעוואַקסן אין סתירות, מיר זענען דערגאַנגען צום געדאַנק אַז לעבן אָן סתירות איז נישט בנמצא, אַז די סתירות זענען אפשר גאָר גאַנצקייט. דאַרפן מיר זיך פרעגן: וואָס איז בכלל גאַנצקייט? איז דאָ די אַבסאָלוטע מאָס פאַר גאַנצקייט? מיר רעדן, למשל, פון שלימות און מיר כאַפּן זיך נישט, אַז דער באַגריף פון שלימות איז ביי אונדז אָן אָפּגעמאַכטער, מיר האָבן זיך צונויפגערעדט אַז אַזאַ און אַזאַ מדרגה פון אַ מענטש איז שלימות. וואָלטן די סתירות געווען נאָר ביי אַ מיעוט, נישט ביי אַלע, וואָלט דער מיעוט אָן ספק אַרויסגעקומען צעבראָכן, פּסיכיש קראַנק. אַזויווי אָבער מיר אַלע זענען דורכגעגאַנגען די סתירות, האָבן מיר זיך אָפּגערעדט אַז זיי זענען נאָרמאַל און מיר לעבן מיט זיי אויף דער וועלט; מיר האָבן הנאה פונעם לעבן און טראַכטן אַמאָל אַפילו אַז אָן זיי, די סתירות, וואָלט דאָס לעבן געווען אַ סך אָרעמער.

הייסט עס, אַז פאַר סתירות דאַרפן מיר שאַפן אַ באַזונדערן קלימאַט, כדי זיי צו פאַרענטפערן. דער יידישער לעבנס־שטייגער האָט אַזאַ קלימאַט געשאַפן, אין דער אייגענער יידישער לופט זענען אַלע סתירות פאַרענטפערט געוואָרן. דאָס יידישע קינד, אַז עס איז געקומען צום באַוואוסטזיין און אָנגעהויבן צו זען ווי אַנדערש זיין לעבן איז, האָט נישט געדאַרפט זוכן קיין ענטפער אויף דער סתירה, דורות פאַר אים האָבן דעם ענטפער איינגעשטעלט אין אַ לעבנס־נוסח. דאָס יידישע קינד איז געווען איינגעצוימט אין אָן אייגענער, ענגער וועלט, ער האָט אָבער געלעבט אין אַ גרויסער געשיכטלעכער וויזאָנערישער וועלט פונעם עתיד. ביי אים איז נישט געווען קיין סתירה צווישן דער דרויסנדיקער וועלט און דער יידישער. זיין אייגענע וועלט איז געווען די גאַנצע, די פולע, געגרונטפעסטיקט אויפן איינגעשטעלטן נוסח.

ר׳ נחמן בראַצלאַווער האָט געזאָגט: „ס׳איז נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך ווי אַ צעבראָכן יידיש האַרץ״. דאָס צעבראָכענע יידישע האַרץ איז געווען שעפעריש, האָט אויפגעהאַלטן דעם יידישן קיום, האָט אַפילו איבערגעלעבט די העכסטע מדרגה פון חדוה און התלהבות. דאַכט זיך, אַז ס׳איז אַ סתירה צווישן צעבראָכנקייט און גאַנצקייט, אָבער אין דער יידישער לופט, אויף דער אייגענער יידישער ערד, איז עס געווען נאָרמאַל, ס׳האָט פאַרמאָגט אַ הויכע גייסטיקע האַרמאָניע, און איז אפשר געווען די גרעסטע שאַפונג אונדזערע אין גלות. די וואָס האַלטן אַז יידן אין גלות האָבן נישט געשאַפן קיין אייביקע ווערטן פאַר דער וועלט, פאַרזעען דעם גלות אַליין, וואָס איז אפשר די גרעסטע שאַפונג אין דער וועלט. פון דער שאַרפסטער סתירה אין דער געשיכטע פון דער וועלט, — אָן לאַנד, אָן טעריטאָריעלן אָנשפּאַר, צעוואָרפן און צעשטויבט, — האָבן יידן געשאַפן אַ פאָלקישע גאַנצקייט. זיי פאַרזעען

דאָס צעבראָכענע יידישע האַרץ, וואָס איז געווען פול און גאַנץ, אַז סע האָט אַ סך מאָל אַזש איבערגעשוימט פון דער האַרמאָנישער פולקייט אין זיך.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס סתירותדיקע געראַנגל אין אונדזער לעבן ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו ברעכן די ווענט פון דער געטאָ. געווען איז עס אַ פיגוראַטיווער אויסדרוק, וואָרים אין דער ווירקלעכקייט האָבן מיר די ווענט אַליין אויפגעשטעלט און געבראָכן האָבן מיר נישט קיין דרויסנדיקע ווענט, נאָר דעם אייגענעם נוסח לעבן, די אייגענע דיסציפּלין, דעם מענטאַל־פּסיכישן איינשטעל אונדזערן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיטן שלילת הגלות, וואָס איז כלל נישט געווען קיין ציוניסטישע אידייע, נאָר וואָרצלט גאָר אין דער עמאַנציפּאַציע, אין דער אַזויגערופענער פּאַרוועלטלעכונג פון אונדזער לעבן. מיר דאַכט זיך, אַז די וועלטלעכע אידייע אונדזערע, פון לעבן צווישן פעלקער און נישט טראָגן אויף זיך די מצוות פון דעם גלות, איז נישט ווייניקער שלילת הגלות ווי די ציוניסטישע אידייע. אַז מיר האָבן, מיט דער וועלטלעכקייט, פּסיכיש אָנגעהויבן צו פאַרלייקענען דעם גלות, איז די סתירה פון דעם לעבן אונדזערן געוואָרן אַלץ מער און מער אומנאָרמאַל. דאָס צעבראָכענע יידישע האַרץ האָבן מיר נאָך געטראָגן, אָבער עס איז אַלץ מער געוואָרן ווייניקער גאַנץ. דער ציוניזם, וואָס האָט אָנגעהויבן דעם שלילת הגלות אַ סך שפּעטער ווי די וועלטלעכקייט, איז געווען קאָנסעקווענט: אַז ער פאַרלייקנט דעם גלות, וויל ער דאָס יידישע פאָלק פונעם גלות אַרויסנעמען, ער וויל דאָס פאָלק באַפרייען פונעם „עבדות בתוך חירות”. די אַנדערע אידייען ווילן אי דעם גלות פאַרלייקענען, אי אויפהאַלטן פאָלקישע גאַנצקייט אין דער צעשפּרייטקייט, — אַ היסטאָרישער צושטאַנד, וואָס דער גלות האָט געשאַפן. אַ טובה האָט גאָט געטאָן דעם יידישן פאָלק, וואָס ער האָט עס צעשפּרייט איבער דער וועלט, זאָגט אַ גמרא. היסטאָריש איז עס געווען אַ טובה, אָבער נאָר כל־זמן מיר האָבן געלעבט מיטן באַוואוסטזיין פון גלות און מיט דער וויזיע פון אויסלייז. אַ טובה איז געווען נאָר כל־זמן מיר האָבן דעם גלות אויפגעבויט ווי אַ פּאָזיטיוון נאַציאָנאַלן בנין. אַז מיר האָבן דעם גלות אָנגעהויבן צו פאַרלייקענען, אַז מיר האָבן אידייאיש אים מבטל געווען און אין לעבן צעבראָכן זיין גייסטיקע גאַנצקייט, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע סתירות, וואָס ביזן היינטיקן טאָג קענען מיר זיי נישט פאַרענטפערן.

צו פאַרענטפערן סתירות, האָב איך פריער געזאָגט, דאַרף געשאַפן ווערן אַ באַזונדערער קלימאַט. אַפילו דער גלות, אין זיין היסטאָרישן גאַנג, וואָלט אויך נישט אויסגעהאַלטן, ווען ער וואָלט נישט געהאַט קיין וויזיע פון גאולה. די פאַלשע משיחים זענען געווען די ספּאַזמעס פון דער בענקשאַפט נאָך גאולה. אמת, וויזיאָנעריש האָבן מיר די משיח־אידייע אויסגעשפּרייט, די גאָרע וועלט אין איר אַריינגענומען, אָבער אין פאָלקס־באַוואוסטזיין איז משיח געווען דער אויסלייזער פון דעם יידישן פאָלק, דער צוריקברענגער

אונדזערער קיין ארץ ישראל. אין תוך איז גלות געווען גאולה און גאולה איז געווען גלות. אַז מיר האָבן געטראָגן אין זיך די וויזיע פון אויסלייז, זענען מיר געווען אין גלות און, אַז מיר זענען געווען אין גלות, האָבן מיר גע־שאַפן דעם קלימאַט פון אויסלייז, וואָס האָט פאַרענטפערט אַלע סתירות.

דעם גלות־בנין, — אין זיין היסטאָרישער גאַנצקייט, מיט זיין אייגענעם קלימאַט, מיט זיין אידייאישן תוכן, — האָבן מיר צעבראָכן. עס איז געווען אַ היסטאָרישער פּראָצעס וואָס מיר האָבן אים נישט געקענט פאַר־מיידן. די סתירות, וואָס זענען אויפגעשטאַנען און רייסן פּאַסן פון אונדזער לעבן, ווילן מיר פאַרענטפערן מיט פאַנאַציייען. קיום, וואָס איז דורכאויס אַ באַגריף פון גלות, ווילן מיר אויפהאַלטן אָן גלות. וויאַזוי קענען מיר עס דערגרייכן?

מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַ וויטן שטח פונעם יידישן שטייגער לעבן אין מזרח־אייראָפּע, — אַ שטח לאַנד און אַ שטח צייט, — אָבער דער גלות איז אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין אונדז, אַז אַפילו אין דריטן דור אונדזערן דאָ אין לאַנד לעבט ער נאָך אַלץ אין טונקעלן באַוואוסטזיין. מיר מוזן אָבער קוקן ניכטער, מיר מוזן זען אַז סיי דער גלות־אַראָמאַט, סיי דער גלות־נאָכקלאַנג און סיי די גלות־פּסיכיק וועפּן זיך אויס אַלץ מער און מער. היינט זעען מיר נאָך ווי אין אַ קינד רופט זיך אָפּ, אומבאַוואוסט פאַר אים אַליין, דער קלאַנג פון אַ וואָרט וואָס זיין עלטערזיידע האָט אַרויסגעזאָגט. אַ כאַ־ראַקטער־שטריך דערקענען מיר. אַ טואונג וואָס טראָגט אין זיך די טונקעלע דערמאָנונג פון יענע טואונגען, וואָס זענען דורכגעגאַנגען די דורותדיקע נסיונות פון גלות. מיר זעען אָבער ווי זיי ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער שטום, אָט־די אָפּקלאַנגען און אָפּרופן פונעם דורות־פריערדיקן ייד־באַוואוסטזיין, אָדער אונטערבאַוואוסטזיין. גלות איז געווען, ווי דער טייערער פּאַרפום, דער קאָנצענטרירטער, וואָס אַ טראָפּן זיינער היט־אויף דעם אַראָמאַט חדשים־לאַנג, אָבער סוף־כל־סוף מוז ער זיך אויסוועפּן.

דער גלות איז געווען שעפעריש כל־זמן מיר האָבן געלעבט מיטן גלות־באַוואוסטזיין און מיט דער וויזיע פון גאולה. אַז מיר זאָלן אָבער, אין אונדזער באַוואוסטזיין, אָפּשאַפן דעם גלות, איז דאָ אַ סכנה אַז דער קוואַל פון שעפע־רישקייט זאָל ביי אונדז אויסטריקענען. דער כח פון גערעכט־זיין לגבי דער וועלט האָט אין אונדז אָנגעצונדן אויסלייז־אידייען נישט פאַר אונדזער פאָלק, נאָר פאַר דער וועלט בכלל. אין דער פּסיכיק פון אָפּגעשאַפטן גלות הערן מיר אויף צו זיין גערעכט און דער אויסלייז־געדאַנק, וואָס מיר האָבן געטראָגן, הערט־אויף צו זיין ממשותדיק, ער ווערט אַבסטראַקט. אין אונדזער טראַדי־ציע דאַרפן יידן אויסגעלייזט־ווערן, כדי זיי זאָלן צוריקקומען קיין ארץ־ישראל און דאָרטן קענען מקיים־זיין גאָטס מצוות. אַז מיר זאָלן דעם דאָזיקן געדאַנק איבערטייטשן אויף אונדזערע היינטיקע באַגריפן, מיינט עס אַז די גאולה דאַרף זיין אַ גייסטיקע, דער יידישער גייסט דאַרף באַפרייט־ווערן

פון די פּענטעס וואָס ער טראָגט אויף זיך אין גלות. די גאולה פון דער וועלט, דער אחרית הימים, וועט אויך קומען נאָר אַז דער מענטש וועט גייסטיק אויסגעלייזט ווערן. צו וואָס די מאַטעריעלע גאולה האָט דערבראַכט די וועלט, לערנען מיר פונעם קאָמוניזם. קומט־אויס, אַז קוים שאַפן מיר אָפּ דעם גלות, דערפאַר וואָס עקאָנאָמיש און פּאָליטיש זענען מיר פריי, שאַפן מיר ממילא אויך אָפּ די אידייע פון גאולה.

וואו איז דיין זון יצחק?

נאָכדעם ווי אברהם אבינו האָט אַראָפּגענומען יצחקן פון דער עקידה, מקריב געווען דעם ווידער און אויסגעהערט דעם מלאכס בענטשונגען, זאָגט דאָס חומש: „וישב אברהם אל נעוריו, ויקומו וילכו יחדו אל באר שבע" — און אברהם האָט זיך אומגעקערט צו זיינע יונגען און זיי זענען אויפגעשטאַנען און געגאַנגען אינאיינעם קיין באר שבע. דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, אַז איך האָב נאָכגעלייענט דעם בעל קורא די פּרשה פון דער עקידה, בין איך געבליבן שטיין ביים דאָזיקן פּסוק. עפּעס איז מיר קשה געוואָרן, כ׳האָב פונעם פּסוק נישט געקענט אַוועקגיין.

וואו איז יצחק? ערשט איז ער געלעגן אויף דער עקידה; ערשט האָט אברהם געהאַלטן דאָס מעסער איבער זיין האַלדז; ערשט האָט אַ מלאך אלקים אים געראַטעוועט. נאָר אַז אברהם גייט צוריק צו זיינע יונגען, איז יצחק מיט אים נישטאָ. ער אַליין, אברהם, האָט זיך אומגעקערט צו זיינע יונגען. ער אַליין איז געגאַנגען מיט זיי קיין באר שבע. יצחקס נאָמען דערמאָנט נישט דאָס חומש. און יצחק איז דאָך געלעגן אויף דער עקידה. איבער יצחקס האַלדז איז דאָך געווען אויסגעשטרעקט אברהמס מעסער. אַרום יצחקן האָט דאָך געברענט דאָס פייער פונעם מזבח.

ווי איך האָב אַזוי געזוכט אַ באַשייד צום אומגעריכטן פינאַל פון דער עקידה, האָט דער ראַבאַי אָנגעהויבן זיין דרשה, און גערעדט האָט ער וועגן יידישן חינוך, און אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אויפן פּסוק, וואָס אויף אים האָב איך געזוכט אַ באַשייד. די חכמי התלמוד איז אויך געווען קשה, וואָס דאָס חומש דערמאָנט נישט יצחקן בעת אברהם קערט זיך צו זיינע יונגען. די בעלי האגדתא האָבן געפונען אַן ענטפער: אברהם האָט גלייך פון דער עקידה אַוועקגעפירט יצחקן אין הרב שמס ישיבה און דערפאַר האָט ער זיך אומגעקערט אַליין. יצחק האָט שוין דאַמאָלס געלערנט אין דער ישיבה פון הרב שם, — נאָך דער עקידה האָט ער געדאַרפט גיין אין חדר־אַריין.

די אגדתא, בין איך זיך מודה, האָט מיך נאָך אַלץ איבערגעלאָזט אין גרויסן ספק. נאָכן חומש קומט אויס, אַז פון שמן ביז יצחקן זענען אַוועק צען דורות. אמת, דאָס חומש זאָגט, אַז שם האָט געלעבט פינף הונדערט יאָר נאָכן מבול, אָבער פאַרט קומט אויס דער חשבון, אַז נאָך יצחקס עקידה איז ער שוין געווען ביי די לעצטע טעג פון זיין לעבן, און עפּעס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז ער זאָל נאָך געווען האַלטן אַ ישיבה, און אַז אברהם זאָל אים געווען איבערגעבן דעם בן־יחיד אַז ער, שם, זאָל אים מדריך זיין אין יידישקייט.

אַזוינוי דאָס איז נישט מער ווי אַן אגדתא, מעגן מיר אָננעמען, אַז ס׳איז געזאָגט בדרך משל. אַזוי האָב איך בשעת מעשה געטראַכט, און אויס־

געקומען איז ביי מיר, אַז דער משל איז אויף די אהלי שם, וואוהין אברהם האָט אַריינגעבראַכט יצחקן. דאָ האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן צו פּיקן אַ גאַר האַרבע קשיא: פאַרוואָס האָט יצחק געדאַרפט פריער ליגן אויף דער עקידה און ערשט דערנאָך זאָל אים אברהם אַריינברענגען אין די געצעלטן פון שם? נאָר איידער איך האָב נאָך דערגרונטעוועט די קשיא ביזן סוף, האָב איך זיך אַרומגעקוקט אין דעם בית הכנסת און געזען די אַלע יצחקלעך, אין די ווייס־בלויע יאַרמלקעלעך, ווי זיי האַלטן מחזורימלעך און קוקן אַריין אויף דער לינקער זייט, — דער ענגלישער. אויף דער רעכטער זייט פונעם מחזור כאַפּן זיי אַ קוק און קערן באַלד אָפּ דעם קאָפּ פון איר. זי איז זיי פרעמד, די אותיות מרובעות אויף דער רעכטער זייט מחזור זענען זיי פרעמד. מיר האָט זיך געדאַכט אַפילו, אַז זיי האָבן מורא פאַר דער רעכטער זייט, ווי בכלל אַ קינד האָט מורא פאַר פרעמדקייט, פאַר אומפאַרשטענדלעכקייט.

דערווייל האָט מען אָנגעהויבן דאַווענען מוסף. דער יונגער חזן האָט מיט אַ סך מתיקות געזאָגט דעם הנני העני ממעש. דער יונגער אַמעריקאַנער טאַטע, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָט מיך אָנגעקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן: וואָס איז עס פאַר אַ מין תפילה? פאַרוואָס זאָגט זי דער חזן מיט אַזאַ צעבראָכן האַרץ? איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אָנגעוויזן אויף דער דערהויבענער רעליגיעזער שיינקייט פון דער תפילה. זע, האָב איך אים געזאָגט, — אין ענגליש, פאַרשטייט זיך, — ווי דער שליח ציבור רעדט זיך אויס דאָס האַרץ, ווי ער האַלט זיך קליין מתפלל צו זיין פאַרן קהל. דער יונגער אַמעריקאַנער איז אַריין אין התפעלות: ס'איז גרויס, ס'איז שיין. הלוואי וואָלטן די פּאָליטישע שליחי ציבור אונדזערע אַזוי געטראַכט פון זיך...

אַ בחורל פון אַ יאָר צען איז צו אים צוגעקומען, זיין זון טאַקע, — און דער יונגער טאַטע האָט אים אַ זאָג געטאָן: שפּעטער וועל איך דיר דערציילן עפּעס... אין דער היים...

וואָס וועט אים דער טאַטע דערציילן? אַוודאי פון דעם חזנס הנני העני ממעש. פאַר אים אַליין, — דעם יונגען אַמעריקאַנער טאַטן, — האָט זיך ערשט אויפגעעפנט אַ קליין שפּאַרונקעלע צו אַ וועלט, וואָס איז פאַר אים פאַרשלאָסן אויף זיבן ריגלען. ער האָט דערזען אַ שיין, ער וויל זי איבער־געבן דעם זון זיינעם. און אפשר וויל ער אים אויך דערציילן פון יצחקן, ווי נאָך דער עקידה האָט אים אברהם אַוועקגעפירט אין דער ישיבה פון „הרב שם"? ניין, דאָס וועט ער אים נישט דערציילן, איך האָב געזען אַז די אגדתא האָט אויף אים קיין צו־שטאַרקן איינדרוק נישט געמאַכט. עפּעס האָט ער נישט באַגריפן די מעשה מיט דער ישיבה אין אברהמס צייטן.

אַזוי ווי מיר זענען אַזוי געזעסן און אַריינגעקוקט אין מחזור, — איך אויף דער רעכטער זייט און ער אויף דער לינקער, — האָב איך אים, אומ־געריכט פאַר זיך אַליין, אַ פרעג־געטאָן:

„וואו איז דיין זון יצחק?"

ווייזט אויס, אַז מיין קול האָט געקלונגען בייזלעך, וואָרים ער האָט זיך אַ טרייסל־געטאָן, ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויגן וואָס האָבן געהאַט אין זיך אי שרעק, אי פאַרוואונדערונג.

אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אָנגעהויבן צו שטאַמלען: „מיין זון הייסט נישט יצחק.... ער הייסט פלאָיד... ער איז אין דרויסן, שפּילט זיך אוודאי מיט די קינדער"...

מער האָב איך צו אים נישט גערעדט, נאָר אין געדאַנק האָב איך אים אַלץ געהאַלטן אין פרעגן: וואו איז דיין זון יצחק? דער זון דיינער איז פלאָיד, אָבער ער איז יצחק. וואו איז ער? האָסט אים איבערגעלאָזט אויף דער עקידה. מיינסט אַז ער שפּילט זיך אין דרויסן, אָבער ער ליגט אויף דער עקידה. נעם אים אַראָפּ פון דער עקידה און פיר אים אין די געצעלטן פון שם.

דערנאָך האָב איך זיך באַטראַכט, אַז דער יונגער אַמעריקאַנער טאַטע איז גאָר אַליין דער קרבן פון דער עקידה. דער דור פאַר אים האָט איבער־געלאָזט זיינע זין, די יצחקס, און איז אַליין אַוועקגעגאַנגען „צו זיינע יונגען", מיט זיי אינאיינעם צו גיין, — נישט קיין באר שבע, ניין, נאָר אין הפקר־לאַנד פון דער אימיגראַנטישער אַמעריקע. פאַרוואָס זאָל איך ביי אים מאָנען יצחקן, אַז מאָנען דאַרף איך אים גאָר ביים פריערדיקן דור? פול מיט רחמים איז מיר געוואָרן דאָס האַרץ צו דעם יונגן טאַטן, וואָס דער זון זיינער הייסט פלאָיד און וואָס ער ווייסט נישט אַז דער טאַטע זיינער האָט אים פון דער עקידה אַוועקגעפירט אין הפקר־לאַנד.

צו תקיעת שופר איז אין בית הכנסת געוואָרן אַ שטיקל גערודער, די קינדער זענען אַריינגעלאָפן, יונגע ווייבלעך האָבן אַריינגעשטעקט די קעפּ. דער מיסטיציזם פון שופר־בלאָזן האָט ביי זיי אַרויסגערופן נייגעריקייט און געוואָרפן אַ מין אימה. פלאָיד איז ווידער געשטאַנען לעבן טאַטן, וואָס האָט אים צוגעהאַלטן ביי דער האַנט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער יונגער טאַטע כאַפּט אַלעמאָל אַ קוק אויף מיר און האָט מורא אַז איך זאָל אים ווידער נישט פרעגן: „וואו איז דיין זון יצחק?" ער האָט דעם זון געוואָלט באַשיצן פון מיר...

צו די ברכת כהנים זענען אַרויפגעקומען צוויי כהנים. איינער איז געווען אַ הויכער, אַן אַמעריקאַנער געבוירענער. ער האָט נישט געקענט אויפהייבן ביידע הענט אין דער הייך; ער האָט געדאַרפט אַריינקוקן אין מחזור. האָט ער מיט איין האַנט געהאַלטן דאָס מחזור. דער אַנדערער איז געווען אַ היימי־שער ייד, ער האָט נאָך געדוכנט אין גאַליציאַנער שטעטל. אַ קליין כהנדל איז ביים דוכנען אויסגעוואַקסן, מיט קעפּ העכער איז ער געוואָרן.

נאָכן דאַווענען האָט מען אים אונטערגעטראָגן אַ יישר כח און ער האָט זיך באַרימט, אַז דער אַנדערער כהן, וואָס איז געשטאַנען מיט אים ביים אָרון־קודש, איז זיין זון. איצט האָב איך שוין געוואוסט ביי וועמען צו

מאַנען יצחקן, — ביי אים, דעם קליינעם כהן, וואָס אַליין וואַקסט ער אויס ביים דוכנען און וואָס זיין הויכער זון ווערט ביים דוכנען אַזוי קליין.

„וואו איז דיין זון יצחק?" האָב איך אים אָפּגעשטעלט ביים אַרויסגאַנג פון שול.

דער ייד האָט מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט: „פונוואַנעט ווייסט איר אַז מיין זון הייסט יצחק? און וואָס אַרט עס אייך וואו ער איז? אַז איך פרעג אים נישט וואו ער איז, דאַרפט איר אַוודאי נישט פרעגן. ער איז שוין, ברוך־השם, אַליין אַ טאַטע פון קינדער. מיין דאגה וואו ער איז?"

„אַזוי? הייסט דער זון אייערער יצחק? פאַרוואָס־זשע האָט איר אים איבערגעלאָזט אויף דער עקידה? פאַרוואָס האָט איר אים נישט געפירט אין די געצעלטן פון שם? פאַרוואָס וואַקסט איר אויס אַזוי הויך ביי ברכת כהנים און ער וואַקסט אַרונטער אַזוי קליין? פאַרוואָס איז זיין קול געווען אַזוי דערשטיקט און אייערס אַזוי שאַלנדיק הויך? וואו איז דיין זון יצחק?"

דער ייד האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן פון מיר הינטערוויילעכס, און אײדער איך האָב זיך אַרומגעקוקט האָט ער זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע; ער איז שוין נישט געווען. ער האָט אָן ספק געהאַלטן, אַז ער האָט זיך געראַטעוועט פון אַ מטורף. דער זכות פון דוכנען איז אים בייגעשטאַנען, אַנישט האָט נאָך געקענט ווער ווייסט וואָס מיט אים געשען... און אפשר איז ער גערעכט געווען? וואָס האָב איך, אַ ווילד־פרעמדער, צו מאָנען ביי אים דעם זון יצחקן? ער אַליין, דער טאַטע, טראַכט נישט איצטער, און האָט פריער נישט געטראַכט וואו זיין זון יצחק איז, קומט עפּעס אַן אַנשיקעניש אַ ייד און שרייט אויף אים: „וואו איז דיין זון יצחק?"

נאָר אַז איר טראַכט זיך פאַרט אַריין, זעט איר, אַז דער יידישער קהל האָט אַלעמאָל, דורך אַלע אונדזערע דורות, געמאָנט ביים יידישן יחיד דעם זון זיינעם, און נישט נאָר דעם זון, אויך די טאָכטער האָט קהל געמאָנט. יידישער חינוך איז געווען דער קנין פונעם יחיד און פונעם כלל. אַז דער יחיד האָט נישט געוואוסט וואו זיין זון יצחק איז, — צי אין די געצעלטן פון שם, צי אין די געצעלטן פון יפת, — האָט קהל אים געפרעגט: „וואו איז דיין זון יצחק?" נישט אַלעמאָל האָט מען זיך דערפרעגט, אָבער אַ קאָלעקטיווע אחריות איז געווען, וואָס האָט דעם יחיד נישט צורו־געלאָזט, אַפילו אַז ער אַליין האָט אַמאָל נישט געוואָלט דערהערן דאָס אייביקע יידישע געשריי: „וואו איז דיין זון יצחק?".

פאָלק און לאַנד

אין צעשפּרייטקייט זײַנען מיר געווען איין פאָלק. אין צונויפ־זאַמל זײַנען מיר געוואָרן אַ ים מיט פעלקער. אין גלות זײַנען מיר געווען פאַרבונדן. אין קיבוץ גליות זײַנען מיר צעשיידט. ראַנגלען מיר זיך נישט נאָר אויסצושמידן איין פאָלק פונעם צונויפזאַמל אין לאַנד ישראל, — אויך צו געפינען דעם צונויפ־בונד צווישן פאָלק ישראל און דעם לאַנד ישראל ראַנגלען מיר זיך.

די ווייטערדיקע עסייען, אפילו אַז צום טייל איז אין זיי דאָ פאָלעמיק מיט אַנדערע, איז אָבער דער תוך זייערער — וויכוח מיט זיך אַליין.

ציוניזם אין זיין גאַנצקייט

אין זיין אידייע און געשיכטלעכער אַנטוויקלונג האָט זיך דער ציוניזם אויסגעשטראַלט אויף צוויי זייטן, ווי אַמאָל די זון אויף אַ פאַרוואָלקנטן הימל גיסט איר שיין צו מזרח און צו מערב. דער פאַרגלייך צו דער זון איז דאָ נישט סתם אַ פּאָעטישער, דער פאַרוואָלקנטער הימל אַפילו איז דאָ נישט לשום נוי, נאָר כדי בילדלעך אויסצודריקן צוויי עמאַנאַציעס פון איין אידייע. דער אויסשטראַל צו דער צוקונפט — יידישע מלוכהשאַפט אין ארץ־ישראל און קיבוץ גלויות — איז נישט געווען קיין סתירה צום אויס־שטראַל צו דער נאָענטער יידישער ווירקלעכקייט, צום יידישן קיום איבער דער וועלט.ביידע געדאַנקען פון ציוניזם האָבן עמאַנירט פון איין אידייע, ביידע האָבן געשיינט אויפן פאַרוואָלקנטן יידישן הימל, ביידע זענען געווען געקניפּט און געבונדן צווישן זיך, איר האָט זיי נישט געקענט אָפּטיילן איינס פון אַנדערן.

אונדזער דור, דער דור פון איצטיקער מיטליאָריקייט, געדענקט דעם ציוניזם אין די ערשטע יאָרן פון זיין אויפקום. דער ציוניזם, ווי מיר האָבן אים געקענט, האָט פון איין זייט געאַרבעט פאַר דער פּאָליטישער פאַר־ווירקלעכונג זיינער און פון דער צווייטער זייט — פאַר זיין אידייאי־שער גאַנצקייט. פּאָליטישע פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם האָט אַ קלאָרן באַטייט און ס'איז נישט נייטיק מסביר צו זיין וואָס איך מיין דערמיט. וואָס אָבער איז דער באַטייט פון אידייאישער גאַנצקייט אין ציוניזם? דער ציוניזם האָט מיט זיין נאַציאָנאַליזירנדיקער אַרבעט אין גלות פאַרטייטשט אָט־די זייט פון זיין אידייע. דער קאַמף, וואָס דער ציוניזם האָט געפירט פאַר יידישע רעכט אין רוסלאַנד, פּוילן און עסטרייך; די קולטור־ און בילדונגס־אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן; די פאָלקס־ענערגיע, וואָס ער האָט אויפגע־וועקט ביי יידן אין פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך, אין די „ערים נדחות", — דאָס איז געווען דער ציוניסטישער פאַרטייטש פון אידייאישער גאַנצקייט.

ס'איז געווען אַזוי פּשוט, אַזוי קלאָר, — אַז אַן פאָלק איז קיין ציוניזם נישטאָ און אָן ציוניזם איז קיין פאָלק נישטאָ. כדי צו פאַרווירקלעכן דעם פּאָליטישן ציוניזם, מוז מען פאַרזיכערן דעם יידישן קיום, וואָרים האָ בהאָ תליא. וואָס פאַר אַ זין האָט לאַנד פאַר אַן אונטערגעגאַנגענעם יידישן פאָלק? וואָס פאַר אַ ווערט האָט מלוכה פאַר אַ צעריבענעם יידישן פאָלק?

אַוודאי האָט דער ציוניסט געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן זיין אידעאַל אויף זיך אַליין: עולה זיין קיין ארץ־ישראל און מיט די אייגענע הענט

צוטראָגן די ציגל צום אויפבוי פון לאַנד. אַז ער האָט אָבער די אייגענע עליה נישט געקענט דערגרייכן, האָט ער פאַרווירקלעכט די צווייטע זייט פונעם ציוניזם, — די, וואָס איך רוף „אידייאיש גאַנצקייט". דער ציוניסט האָט אַליין געלעבט נאַציאָנאַל־יידיש; ער האָט גערופן אַנדערע צו אַ נאַציאָנאַל לעבן; ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר יידישע רעכט און געזאָרגט פאַר דער עקאָנאָמישער אויפריכטונג פון יידן.

אַז דער ציוניזם האָט געבויט די מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור און דעם חינוך, איז דאָך אָפּגערעדט. ס'איז אָבער אויך היסטאָריש אמת, אַז די קאָריפייען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך אויסגעוואָרעמט אין ציוניזם. דאָס ערשטע וואָכנבלאַט אויף יידיש איז געווען דער ציוניסטישער „יוד", — שלום עליכם, פּרץ, מענדעלע, נאָמבערג, ספּעקטאָר האָבן זיך דאָרטן געדרוקט. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט אויך שלום אַש געשטעלט זיינע ערשטע קינסטלערישע טריט אין „יוד". דער עיקר איז, וואָס דאָס וואָכנבלאַט „יוד" האָט צו יידיש געהאַט אַ באַציאונג ווי צו אַ קולטור־שפּראַך — אַפילו אַז דער ציוניזם האָט אידייאיש געהאַלטן העברעאיש פאַר דער שפּראַך פון יידישן פאָלק אין דעם שפּעטערדיקן יידישן לאַנד.

דער ציוניזם האָט געקעמפט פאַר דעמאָקראַטישע קהלות; ער האָט אָנגעפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע בילדונגס־אַרבעט צווישן יידן אין די שטעט און שטעטלעך; ער האָט יידן געמוטיקט און געשטאַרקט אין די שווערסטע יאָרן פון רעכטלאָזיקייט; ער האָט צו יידן גערעדט אויף זייער שפּראַך, געלייטערט און געפיינערט דאָס יידישע לשון. אוסישקינס „עברית או רוסית" איז אין דער ווירקלעכקייט געווען נישט מער ווי אַ מין קאָקעטעריי, וואָרים אין זיין „געגנוואָרט־אַרבעט" האָט זיך דער ציוניזם נישט געקענט פאַרגינען צו רעדן צו יידן אָדער נאָר אויף העברעאיש אָדער נאָר אויף רוסיש. די ציוניסטישע שרייבער, אַחוץ אחד־העמען, האָבן אַלע געשריבן יידיש, וואָרים דאָס יידישע לעבן, די יידישע ווירקלעכקייט, איז געווען אַ גרונט־טייל פון דער ציוניסטישער אידייע. דער אַרבעטער־ציוניזם איז געגאַנגען נאָך ווייטער, ער האָט בפירוש צונויפגעבונדן די יידישע ווירקלעכקייט מיטן יידישן חלום אין איין גאַנצקייט.

די ליטעראַטור אויף יידיש איז צום סוף פון לעצטן און אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט כמעט דורכאויס געווען ציוניסטיש. שלום עליכם, פּרץ, פרוג, ספּעקטאָר, פּינסקי, נאָמבערג און די מערסטע שרייבער פון יענער צייט, זענען אידייאיש געווען איינגעשטעלט אויפן ציוניזם. דער צעטייל איז געקומען שפּעטער, בעת דער „בונד" האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן און „דאָאיקייט" איז געוואָרן אַן אָפּגעטיילטע אידייע. ס'איז אָבער וויכטיק אָנצואווייזן, אַז אַפילו די שרייבער, וואָס אידעאָלאָגיש זענען זיי געווען ציוניסטן, האָבן אין זייערע קינסטלערישע ווערק דורכאויס אָפּגעשפּיגלט די יידישע ווירקלעכקייט: דער ציוניזם זייערער האָט געפונען אויסדרוק אין אַ פּובליציסטיש

אַרטיקל, אָדער אַ פּראָפּאַגאַנדע־בראָשור, ווי, למשל, שלום־עליכמס בראָשור וועגן דעם שקל. ביאַליק אַפילו, אין זיין „עיר ההריגה״, וואָס דערנאָך האָט ער זי אַליין איבערגעשריבן אויף יידיש און ס׳איז געוואָרן אַן אָריגינעלע שאַפונג אויף יידיש, — אַפילו ער האָט נישט גערופן יידן צו אַנטלויפן פון רוסלאַנד, נאָר זיך צו פאַרטיידיקן. יידישער כבוד, יידישע פאַרטיידיקונג, יידישע ווירקלעכקייט, — דאָס אַלץ איז געווען ציוניזם, אַקוראַט ווי פאָרן קיין ארץ־ישראל, ווי בויען דאָרטן קאָלאָניעס, ווי נעמען אויף זיך די שמירה פון יידישן האָב־און־גוטס. ביים אַרבעטער־ציוניסט איז פירן שטרייקן צווישן יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד געווען נישט ווייניקער ציוניזם, ווי צו בויען די ערשטע קאָמונאַלע ווירטשאַפטן אין ארץ־ישראל.

דער ציוניזם, אין זיין אידייע, איז געווען אַ הייענטצייטיקע פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס האָט געדאַרפט דערפירן צו יידישער מלוכהשאַפט און צו ליקווידאַציע פון דעם גלות. אין תוך אָבער האָט ער איבערגענומען דעם טראַדיציאָנעלן משיחיזם, וואָס אינאיינעם מיטן „אחכה לו בכל יום ויום״ האָט ער געגעבן יידן גייסטיקן כח צו לעבן אין גלות און אַפילו צו בויען דאָס לעבן אויף יסודות וואָס זענען כלל נישט אויסגערעכנט אויף יאָרן, נאָר אויף דורות.

האָט זיך דער ציוניזם, אין זיין פאַנטאַסטישער פאַרגלייבטקייט און קנאַידיקסטן שלילת הגלות, אויסגעמאָלט אַז דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנ־טום זאָל ליקווידירט ווערן אין אַזאַ קורצן צייט־אָפּשניט? דאָס פּוילישע יידנטום האָט זיך געראַנגלט צווישןביידע וועלט־מלחמות, פאַר זיין קיום קעגן פינצטערע, רעאַקציאָנערע כוחות, קעגן עקאָנאָמיש־פּאָליטישע רדיפות, קעגן אייגענער פאַרלוירנקייט. אַ ראַדיקאַלער ציוניסט, ווי יצחק גרינבוים, איז דעמאָלט אַרויסגעקומען מיט דער הנחה אַז אַ מיליאָן יידן דאַרפן באַלד פאַרלאָזן פּוילן. דער ציוניזם, וואָס אידייאיש האָט ער נישט אָפּגעלייקנט די דאָזיקע הנחה, האָט אָבער געהאַלטן אַז זי איז היסטעריש און האָט נישט קיין היסטאָרישן יסוד. אין פּוילן אַליין האָבן ציוניסטן אָפּגעוואָרפן גרינבוימס געשריי, ווי אַ געפערלעך געווער אין די הענט פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן. נישט דערפאַר האָט דער ציוניזם אָפּגעוואָרפן גרינבוימס, אָדער זשאַבאָטינ־סקיס ראַדיקאַליזם, ווייל אידייאיש האָט ער געהאַלטן אַז יידן טאָרן נישט איבעררייסן זייער טויזנטיאָריקע געשיכטע אין פּוילן. דער ציוניזם האָט געזען די היסטאָרישע מעגלעכקייט פון אַ פּוילן אָן יידן — אַזעלכע ביישפּילן זענען שוין געווען אין אונדזער געשיכטע, — ער האָט אָבער נישט געגלויבט זיין אידעאָלאָגיע אויף שטורמישע קאַטאַסטראָפעס אין יידישן לעבן.

נישט אויף די חורבות פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום האָט דער ציוניזם געוואָלט אויפשטעלן די מלוכה, נאָר אויף דער אידייאישער גאַנצ־קייט פון היסטאָרישער וויזיע און יידישער ווירקלעכקייט. אַוודאי איז דער פּאָליטישער ציוניזם אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז אין מזרח־אייראָפּע

פאַרלירן ייִדן זייער עקאָנאָמישן אָנהאַלט, אָבער די דאָזיקע הנחה איז נישט געווען די עיקרדיקע, זי איז נאָר געווען אַן אָנשפּאַר פאַר דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. דער ציוניזם האָט געזאָגט, אַז אַפילו ייִדן זאָלן עקאָנאָמיש זײַן געזיכערט אומעטום, איז נאָך אַלץ נישט פאַרענטפערט דער ייִדישער פאָלקס־קיום. היסטאָרישער המשך איז געווען דער סאַמע עיקר אין דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. אוגאַנדע און אַנדערע טעריטאָריעס האָט דער ציוניזם אָפּגעוואָרפן דערפאַר, וואָס פון איין זייט האָט ער זיך נישט געקענט אויסמאָלן קיין ייִדישע מלוכהשאַפט אין אַן אַנדער לאַנד ווי ארץ־ישראל, און פון דער צווייטער זייט וואָלט ער אָפּגעשאַפט דעם היסטאָרישן צונויפבונד, וואָס האָט אין זיך דעם כּישופדיקן כּח אויפצואוועקן אין פאָלק בויערישע, שאַפערישע ענערגיע. דער ציוניזם האָט אָפּגעוואָרפן נאָרדויס „נאַכט־אַזיל“, כאָטש אין אים זענען געווען מעגלעכקייטן פון עקאָנאָמישער זיכערקייט פאַר הונדערטער טויזנטער, און אפשר מיליאָנען, ייִדן.

דערפאַר, וואָס היסטאָרישער המשך איז געווען דער סאַמע עיקר פון דער ציוניסטישער אידייע, האָט דער ציוניזם אויך געהאַלטן פאַרן סאַמע עיקר די גאַנצקייט און אייניקייט פון דעם ייִדישן פאָלק. דער היסטאָרישער המשך האָט זיך אָנגעהויבן פון אים אַליין — פון דעם ציוניסט. די ציוניסטישע אידייע האָט ער אַליין — דער ציוניסט — געדאַרפט פאַרווירקלעכן. דער אופן פון פאַרווירקלעכונג איז געווען אַ צווייענדיקער: פאַרן בויען דאָס לאַנד, אָדער בויען דאָס ייִדישע לעבן אומעטום אויף נאַציאָנאַלע יסודות. דער ציוניזם פונעם ציוניסט אין גלות איז געווען פונקט אַזוי קלאָר, ווי דער ציוניזם פונעם חלוץ אין אַן ארץ־ישראלדיקער קבוצה.

וואָס איז ציוניזם הײַנטיקע צײַטן? מיר דאַכט זיך, אַז זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל האָבן נאָך ציוניסטן זיך אַליין נישט געפרעגט — קלאָר, אָפן און אויפריכטיק — צו וואָס זייער ציוניזם וועט זיי אַליין, אָדער זייערע קינדער און קינדס־קינדער דערפירן. אַז די ציוניסטישע אידייע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, אין אײנאײנעם מיט דער אויפגעברויזטער, צעפּראַסטעטער פרייד, אויך געקומען די אומרו. אין דער טיף האָט זי געגראָבן, אַן ענטפער האָט זי געמאָנט: דו, ציוניסט, וואָס דו לעבסט אין לענדער פון זעט, פּאָליטישער זיכערקייט און געזעלשאַפטלעכער טאָלעראַנץ, — זאָג, וואָס האָסטו פאַר זיך פאַרווירקלעכט? די שאלה איז גאָרנישט אַזאַ פּשוטע, ווארים אין איר איז פאַרוויקלט דער גאַנצער קאָמפּלעקס ייִדיש לעבן.

די ציוניסטישע אומרו האָט זיך גענומען דערפון, וואָס יעדער באַוואוסטזיניקער ציוניסט האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דער היסטאָרישער רעוואָלוציע אין ייִדישן פאָלקס־גאַנג. ער האָט באַגריפן אַז די רעוואָלוציע איז נוגע אים פּערזענלעך, ער האָט געוואָלט געפינען אַן אָרט פאַר זיך אין דעם נײַעם ייִדיש־געשיכטלעכן ווענד. ווי אין יעדער רעוואָלוציע, וואו דער יחיד לעבט־איבער די אומרו פון דער אַנדערשקייט וואָס קומט,

אַזוי אויך אין דער יידישער רעוואָלוציע. בפרט נאָך דער ייד, וואָס האָט יאָרנלאַנג געוואַרעמט אין זיך די אידייע פון שיבת־ציון און יידישער מלוכה־שאַפט אין ארץ־ישראל, — אין אים האָט אומרו אַוודאי געבורעט.

דאָס ערשטע יאָר אין לעבן פון דער יידישער מדינה איז געווען שטורמיש. פּאָליטיש און מיליטעריש האָט זיך ישראל געדאַרפט ווערן קעגן שונאים; נצחונות אויף די פּאָליטישע און מיליטערישע קריגספעלדער האָבן געהויבן די יידישע טעמפּעראַטור, שוין אָפּגערעדט פון דער ציוניסטישער. פּסיכיש האָט דער ציוניסט אויסגעלעבט זיין אומרו אין די שלאַכטן אַרום ירושלים, אין די ניסימדיקע זיגן ביי חיפה, יפו, נגבה. אין דעם פּאָליטשן געראַנגל האָט דער ציוניסט אויסגעלעבט זיין היסטאָרישע אַמביציע צו דער־גרייכן וועלט־אָנערקענונג פאַר דער מדינה, וואָס ער האָט געהאַט די זכיה צו דערלעבן.

די אומרו האָט זיך אָבער אויסגעלעבט און אויסגעוועפּט. פון יחידישער מאָנונג ביים ציוניסט איז אַרויסגעוואַקסן אַ שפּאָגל־ניי פּראָבלעם: אָרגאַניזאַ־ציע־ציוניזם. אַמפּערייען האָבן זיך אָנגעהויבן איבער די פונקציעס פון דעם אָרגאַניזירטן וועלט־ציוניזם אין שייכות מיט דער יידישער מדינה. נישט דער סאַמע תוך פון דעם ציוניזם, דער קערן פון דער אידייע, האָט איצטער אויפגעפלאַקערט די ציוניסטישע געמיטער, נאָר דער טפל — די אָרגאַני־זאַציע. וואָרים ווען איז אָרגאַניזאַציע אַ יש? אַז די אידייע אירע איז אַ יש ביי יעדער יחיד באַזונדער. אַז די אידייע אָבער ווערט נאָר אַ כלליקע און דער יחיד לעבט נישט איבער אין זיך דעם חוב פּערזענלעך זי צו פאַרווירק־לעכן, — דעמאָלט ווערט די אָרגאַניזאַציע אַ פּוסטע כלי, אַ מין אסתרא בלגינא קיש־קיש קריא.

אין דער הגדה זאָגן מיר: בכל דור ודור חיב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים. דער געדאַנק דערפון איז, אַז יעדער ייד דאַרף זיך האַלטן פאַר איינעם פון די יוצאי־מצרים און נעמען אויף זיך אַלע פליכטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער באַפרייאונג. אין דער טראַדיציע אונדזערער זענען אַלע יידן, פון אַלע דורות, געשטאַנען ביים באַרג סיני; וואָס דאָס מיינט ווידער אַז דער חוב צו פאַרווירקלעכן די אידייע פאַלט אויף יעדער יחיד, נישט נאָר אויפן כלל. דער געדאַנק פון פּערזענלעכן אחריות ווערט שאַרף אויסגעדריקט אין דער באַציאונג פון דעם רשע פון די ארבעה בנים, וואָס פרעגט: מה העבודה הזאת לכם? וואָס פאַר אַ מין עבודה איז עס פאַר אייך? די הגדה קלערט־אויף אין דריי ווערטער די זינד פון רשע: לכם ולא לו, פאַר אייך און נישט פאַר אים. ווייטער גיט די הגדה זייער פּשוט צו פאַרשטיין דעם זין פון יחיד און כלל: ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל, כפר בעיקר. דער כלל באַשטייט פון יחידים, וואָס יעדער איינער האַלט זיך אַליין פאַר איינעם, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אָבער אַז איינער נעמט זיך אַרויס פונעם דאָזיקן כלל — לייקנט ער שוין דערמיט אין דעם

עיקר. נישט צו נעמען אויף זיך אַליין דעם חוב פון דער אידייע, צו באַ־טראַכטן די פאַרווירקלעכונג פון דער אידייע פאַר אַ „לכם ולא לו״ — מיינט לייקענען אינעם סאַמע עיקר פון דער אידייע, אָדער גאָר פעלשן אין איר.

לאָמיר זיך אַריינטראַכטן: וואָס טוט איצט דער ציוניזם, אָדער דער גרויסער רוב ציוניסטן איבער דער וועלט? אַחוץ די כלערליי פאָנדן, איז דער סאַמע תוך פונעם ציוניזם איצטער אין דער בחינה פון „מה העבודה הזאת לכם״. ווי בויט איר דאָס יידישע לאַנד? בויט איר סאָציאַליזם, צי קאַ־פּיטאַליזם? גיט איר פּרווילעגעס צו פּריוואַטע אינוועסטירער, צי איר לאָזט זיי דעם קאָפּ נישט אויפהייבן? בינדט איר רעליגיע צונויף מיט דער מלוכה, צי איר טיילט־אָפּ רעליגיע פון דער מלוכה, ווי אַלע דעמאָקראַטישע לענ־דער? איבער דעם וואָס טוט איר? פירן זיך די ציוניסטישע מחלוקתן, רייסן זיך די פּאַרטייען אין גלות, שאַפן זיך קריזיסן אין ציוניזם. קיינעם פאַלט גאָרנישט איין אַ פרעג צו־טאָן די פשוטע שאלה:

„וואָס הייסט איר? וואָס מיינט דער מה העבודה הזאת לכם? מיט וואָס איז אַ ציוניסט היינטיקע צייטן אַ ציוניסט? קיין חילוק נישט, צי איז ער אַ בורזשואַזער ציוניסט, צי אַ רעליגיעזער ציוניסט, צי אַן אַרבעטער־ציוניסט. דער עיקר איז דאָ דער אידייאישער איינשטעל, אָדער דאָס באַוואוסטזיין, אַז ציוניזם איז נישט פאַר יענעם, נאָר פאַר זיך אַליין. לעבט ביים ציוניסט, אין דער תקופה פון אָנהייב מדינת ישראל, דאָס דאָזיקע באַוואוסטזיין?״

אַוודאי וועט מען פרעגן: מה יום מיומים? מיט וואָס האָט זיך איצט געענדערט דער ציוניסטישער אידעאַל? פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם זענען וויניק ציוניסטן געפאָרן זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל, איצטער פאָרן וויניק. עס איז אין תוך דער אייגענער ציוניזם וואָס פריער, די פאַרווירקלעכונג האָט די אידייע, אין איר גרונט, נישט געענדערט.

אָבער די פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניזם האָט יאָ גרונטאָוונע גע־ענדערט די אידייע, זי אַרויפגעפירט אויף אַ נייעם היסטאָרישן שליאַך. דער ציוניסט, פאַרן יאָר תש״ח, האָט געקענט טראָגן אין זיך די אידייע, בלייבן אין גלות און דאָך נישט איבערלעבן קיין סתירה אין זיך. אויב אַ ציוניסט אין אַמעריקע האָט זיין אידייע אויסגעלעבט דער עיקר אין פּאָ־ליטישער און פינאַנציעלער הילף פאַרן ציוניזם, האָט ער געהאַט אַ לעגי־טימע פאַרענטפערונג פאַר זיך: דער אַריינקום קיין ארץ־ישראל איז אַ באַ־גרעניצטער, יידן זענען דאָ, וואָס זענען בילעכער פון מיר, מיין הילף פונ־וויטנס איז וויכטיקער ווי מיין פּערזענלעכער אָנטייל אין דעם בוי פון לאַנד. ראַטעווען יידן פון ביטערן גלות איז פונקט אַזוי וויכטיק ווי צו ראַטעווען מיין אייגענע ציוניסטישע אויפריכטיקייט. די פאַרענטפערונג, זאָג איך, איז געווען אַ לעגיטימע און האָט אַפילו געהאַט אין זיך אַ היסטאָרישן יסוד: די עקאָנאָמיש־ און פּאָליטיש־געזיכערטע יידנטומס האָבן דורכגעפירט דאָס

היסטאָרישע שליחות צו העלפן די קיבוצים יידן, וואָס זייער גורל האָט זיי געטריבן צו אויסוואַנדערן.

יידישע מלוכהשאַפט איז געווען אַ לעתיד־לבואדיקע וויזיע. דער אויפֿריכטיקסטער, דער אידעאַליסטישסטער ציוניסט האָט געקענט נישט איבערלעבן קיין שום סתירה אין זיך, וואָס ער אַליין פאַרט נישט קיין ארץ־ישראל און נעמט נישט אויף זיך דעם פריווילעגירטן עול פון לייגן די ציגל פאַרן גרויסן וויזיאָנערישן פאָלקס־בנין. פסיכיש איז אין ציוניסט געווען אַ מאָראַלישע גאַנצקייט, ער האָט געהאַט אַ וועלט מיט ציוניסטישער אַרבעט אין גלות, ער האָט אָפּגעריכט גלות לשמה; ער האָט אַפילו געקענט טראַכטן פון זיך, אַז ער איז אַ מאַרטירער. ער האָט מסתמא מיט טרויער נאָכגעזונגען יהודה הלויס „לבי במזרח ואנוכי במערב" — דאָס הארץ מיינט איז אין מזרח און איך בין אין מערב. אמת, דעם ים האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן און נישט געזאָגט האָט ער „טראָג מיך, מערב־ווינט געטרייער", אָבער דער ווינט פון זיין וויזיע האָט אים יאָ געטראָגן. ער האָט פסיכיש איבערגעלעבט דעם אויפשטעל פון יידישער מלוכהשאַפט, וואָרים אַ נישט־פאַרווירקלעכטע אידייע איז לייכטער איבערצולעבן אין דער פסיכיק, ווי אַ פאַרווירקלעכטע, וואָס דו אַליין נעמסט נישט קיין אָנטייל אין דער פאַרווירקלעכונג אירער.

אַנדערש איז איצטער, די ציוניסטישע אידייע איז פאַרווירקלעכט, אויב אַפילו מדינת ישראל מאָנט נישט ביי יעדער ציוניסט צו קומען און ווערן אַ בויענדיקער בירגער פון לאַנד, דאַרף דער ציוניזם מאָנען ביים ציוניסטישן יחיד, אַז ער זאָל אויף זיך אַליין פאַרווירקלעכן די אידייע. מיט דער וויזיע קען זיך שוין איצטער דער ציוניסט נישט שפּייזן, וואָרים די ווירקלעכקייט האָט ביי דער וויזיע אָפּגעהאַקט די פליגלען. אינעם ציוניזם, ווי אַן אידייע פון דער צוקונפט, האָט זיך דער ציוניסט געקענט פילן ווי אַ גאָר־נאָענטער מחותן אויף דער נאַציאָנאַל־אויסלייזערישער חתונה. אינעם ציוניזם, וואָס שיינט אַריין אין די אויגן מיט דער שיין פון ווירקלעכקייט, מוז זיך דער ציוניסט, — דער, וואָס לעבט נאָך אַלץ מיט דער ציוניסטישער אידייע און בלייבט וואו ער איז, — פילן ווי אויף אַ פרעמדער חתונה: עפּעס איז ער יאָ אַן אייגענער, אַ מחותן, און עפּעס איז ער נישט קיין אייגענער. דאָס מחותנשאַפט איז ווי אויסגערונען. די חתונה איז גרויס און ער, וואָס מיינט אַז ער האָט זי צוגעגרייט, איז פרעמד אויף איר. ער געפינט נישט דאָס פּאַסיקע אָרט פאַר זיך, ער פילט זיך עולם־התוהודיק.

איך בין זיך מודה, אַז איך אַליין האָב געהאַט די דאָזיקע איבערלעבונג, בעת איך בין מיט צוויי יאָר צוריק געווען אין ישראל. סיי פּאָליטיש האָב איך געזען דעם טראַגיזם פון ציוניזם און סיי פשוט מענטשלעך. פּאָליטיש האָב איך עס געזען אויף די זיצונגען פונעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, עפּעס אַ מין געראַנגל צווישן דער מלוכה און דעם וועלט־ציוניזם. נישט קיין באַוואוסטזיניק געראַנגל איז עס געווען. סע איז נישט וואָס די מלוכהשאַפט

האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דעם ציוניזם פון חוץ־לאַרץ, נאָר אומבאַ־וואוסטזיניק איז געקומען צום אויסדרוק די ווירקלעכקייט, וואָס שטעלט אַוועק אַ מחיצה צווישן בירגער פון דער יידישער מלוכה און דעם נישט־בירגער. איר האָט אַפילו נישט געקענט אָנווייזן אַקוראַט וואו דאָס געראַנגל איז, אָבער איר האָט עס געשפּירט ממש אין דער לופטן, אין יעדער קער און ווענד.

שאַרפער איז געווען די איבערלעבונג יחידיש. איך בין זיך מודה, אַז בעת איך בין אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, איבער די שטעט, קאָלאָניעס און קיבוצים, האָט מיך נישט אין מאָל געפּייניקט די איבערלעבונג: וואָס טו איך דאָ? וואָס בין איך, דער ייד פון אַמעריקע, פאַר אַ מחותן אויף דער ליכטיק־טראַגישער חתונה? איך בין אַ צוקוקער, איך בין אַן אַריינגעפלוי־גענער, באַלד וועל איך זיין אַן אַרויסגעפלויגענער. איך נעם־אויף, איך פּרוּאוו זיך אַריינלעבן, איך וויל אַפילו זאָגן אַ דעה, אָבער נישט איך בין דאָס יידישע לאַנד, נישט איך בין די יידישע מלוכה, נאָר זיי. נאָך שווערער איז געווען די איבערלעבונג, בעת איך האָב געזען אַז ביי זיי (דער צעטייל אויף „זיי" און „איך" האָט באַזונדער געפּייניקט) איז מלוכהשאַפט אַ זייער פּשוטער ענין, בעת ביי מיר איז יידישע מלוכהשאַפט נאָך אַלץ געווען אַ מין טעאָרעטישער ענין, וואָס די ווירקלעכקייט זיינע קען איך נישט אַריינגעמען אין זיך.

זאָג איך נישט, אַז אַלע ציוניסטן, וואָס קומען צוגאַסט קיין ישראל, לעבן איבער אַזוי שאַרף די זייטקייט, ווי איך. עס איז אָבער קיין ספק נישט, אַז מיט מדינת ישראל האָט זיך געשאַפן אַן אַנדערשקייט, וואָס מאָנט ביים ציוניסט אַ סך מער ווי פריער, בעת די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם האָט אויסגעקוקט אַזוי ווייט. אין דעם ערנסטן ציוניסט, וואָס קוקט אויף זיך מיט קריטישע אויגן און וואָס קוקט אַריין אין זיך, מוז זיין אַ פּסיכישע אומ־רואיקייט, בעת ער פאַרטראַכט זיך איבער זיין אייגענעם גאַנג. ער מוז זיך אַליין שטעלן די עטישע פאָדערונג פון פאַרווירקלעכן די אידייע, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געטראָגן אין זיך.

אויב אײדער מדינת ישראל האָט אין דעם ציוניסט ציוניזם געקענט זיין אַ מאָראַליש־פּסיכישע גאַנצקייט, ברעכט זיך איצטער די גאַנצקייט. די אַלע פאַרענטפערונגען, וואָס ער גיט זיך, פאַר נישט פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם אויף זיך אַליין, קענען אים נישט באַרעכטיקן, וואָרים דער פּשוטער פאַקט, וואָס איז אַזוי בולט און קלאָר, — דער פאַקט פון אַ יידישער מדינה — וועגט אַריבער אַלע פאַרענטפערונגען. אין זיך אַליין מוז דער ציוניסט אי־בערלעבן אַ מין פאַלשקייט, אָדער אַ פעלשונג אין דער אידייע זיינער, אויב ער לעבט עס נישט איבער, איז נאָך טרויעריקער, וואָרים דאָס וואַרפט אַ חשד אויף די אַלע יאָרן פון זיין ציוניסטישן אידעאַליזם.

פון אַט־דער אומרו נעמט זיך דער שאַרפער פאַרטיי־קאַמף, די איבער־

געטריבענע געטריישאַפט צו דער אָרגאַניזאַציע. פסיכיש זוכט דער ציוניסט אַן אויסגאַנג פאַר זיך, ער גיט זיך אַליין אפשר נישט אָפּ קיין דין־וחשבון, ווי דורך פאַרטומלען זיך מיט אָרגאַניזאַציע־געטריישאַפט וויל ער פאַרשרייען די אייגענע אומרו. אָבער, אַז דער ציוניסט וואָלט זיך פאַרטראַכט ערנסטער און טיפער, וואָלט ער זיך געמוזט פרעגן די פשוטע שאלה: צי בין איך נישט אין דער בחינה פון דעם פרעגער „מה העבודה הזאת לכם"? ווי בויט איר? ווי שאַפט איר? נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל: פאַרוואָס עפּעס איר און נישט איך? נאָר דער ציוניסט האָט, ווייזט אויס, מורא זיך אָפּצושטעלן און זיך פרעגן אַזאַ שאלה, ער האָט מורא אַז די באַהאַלטענע אומרו זאָל נישט אַרויס פון באַהעלטעניש און ביי אים צורויבן דעם שלאָף מיט הויכע, צו־דרינגלעכע מאָנונגען.

פריער האָב איך געניצט דעם אויסדרוק „דער ציוניזם איז פאַרווירקלעכט געוואָרן", איך האָב זיך געוואָלט באַוואָרענען מיט רעזערוואַציעס, נאָר מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס וואָלט געווען אַ סטיליסטישער, און אַפילו אַ געדאַנקלע־כער, פּגם. איצט איז די צייט אַ קוק־צו־טאָן וואו מיר האַלטן מיטן ציוניזם אין ישראל, כדי דערנאָך זיך צוריקצוקערן צום ציוניזם אין די תפוצות, דער עיקר אין די אַמעריקעס. דאָס קאַפּיטל ציוניזם אין ישראל איז אפשר נישט ווייניקער וויכטיק, ווי ציוניזם אין די תפוצות, אַפילו ווי אַ סך מלוכהדיקע פּראָבלעמען.

קודם, קען ביי יידן געמאָלט זיין מלוכהשאַפט ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער? לאָמיר זען. ביי פעלקער מיינט מלוכהשאַפט: אַן אָפּגעגרעניצ־טער איינס, אַ קיבוץ מענטשן, וואָס וואוינט אויף אַ שטח לאַנד און דאָס שייכות מיט אַנדערע פעלקער איז ביי אים פון נאָענטער, אָדער ווייטער שכנהשאַפט. אין אַט אַזאַ מלוכהשאַפט זענען די באַציאונגען צווישן איין פאָלק און אַנדערן, איין לאַנד און אַנדערן פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל. לענדער, וואָס זענען פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און קולטורעל נאָענט צווישן זיך, פּרוּוון שאַפן אַ מין שותפות וואָס זאָל זיי האַלטן פאַרבונדן. דאָס איז אָבער נוגע די העכערע סטראַטעס פון דער געזעלשאַפט, די מלוכה־פירער — די פעלקער אַליין איז עס כמעט נישט נוגע, אָדער נישט נוגע אויף אַזויפיל, אַז זיי זאָלן אָנזען די נאָענטשאַפט.

בירגערשאַפט איז דער איינציקער סימן מובהק פון דעם מענטשן, וואָס לעבט אין לאַנד, און מיט בירגערשאַפט קומט שוין אויך קולטור און לעבנסשטייגער. דורך בירגערשאַפט, דורך קולטור־איינקייט, דורך עקאָ־נאָמישער צונויפגעבונדנקייט מיטן לאַנד שמידט זיך אויס דאָס פאָלק. ביי די גרעניצן פון לאַנד ענדיקט זיך דאָס פאָלק. אַ ניי לאַנד הייבט זיך אָן און אַן אַנדער פאָלק, וואָס איז ווידער באַגרעניצט אויפן אייגענעם טעריטאָריעלן שטח. יידישע מלוכהשאַפט קען אויך געבויט ווערן אויף טערי־טאָריאַלן שטח, אָבער וואָס איז שייך פאָלק, זענען די לאַנד־גרעניצן נישט

קיין אָפּשטעל. מיט בירגערשאַפט אין לאַנד ענדיקט זיך נאָך נישט, פאַר ייִדן, דער פאָלקס־צובונד, ס׳איז נאָך דאָ אַ העכערער צונויפבונד פון פאָלק, וואָס איז איבער לאַנד־גרעניצן, אָדער וואָס נעמט־אַריין אין די לאַנד־גרעניצן מיליאָנען ייִדן, וואָס זענען אין געוויינטלעכן וועלט־באַגריף נישט קיין בירגער פון לאַנד. בירגער פון ייִדישן לאַנד זענען נאָך אויך בירגער פון דעם ייִדישן פאָלק. דאָס הייסט, אַז בעת מ׳האָט אַזויפיל גערעדט, נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל, פון טאָפּלטער לאָיאַליטעט, האָט מען אויסגעלאָזט דאָס וויכטיקסטע — די טאָפּלטע בירגערשאַפט פון די ייִדן אין ישראל.

מיר זענען אַלע בירגער פון אברהם אָבינוס צוגעזאָגטן לאַנד — אויף דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן מיר דאָך געבויט דעם ציוניזם. מיר זענען אַלע אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. מיר זענען אַלע געשטאַנען ביים באַרג סיני. איז אָקוראַט ווי ייִדן אין חוץ לארץ זענען אין העכערן זין, אין אידייאישן, בירגער פון ישראל, אַזוי זענען די ייִדישע בירגער פון ישראל בירגער פונעם ייִדישן פאָלק. פּאָליטיש איז ישראל אַ מדינה — מיט גרעניצן און בירגערשאַפט; גייסטיק אָבער — אויך אידייאיש און מענטאַליש — איז ישראל אויסגעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט. עתידה ארץ־ישראל שתתפשט, איז אפשר געמיינט געוואָרן אויף דער איצטיקער צייט אונדז־ערער, וואָס ארץ־ישראל דאַרף אין זיך כולל־זיין אַלע ייִדן.

וואָס דרינגט דערפון אַרויס קאָנקרעט? אַז סיי פאַר די ייִדן אין די תפוצות און סיי פאַר די ייִדן אין ישראל איז דער ציוניזם נאָך נישט אין גאַנצן פאַרווירקלעכט. אין ישראל איז דאָ אַ טענדענץ מבטל צו זיין דעם ציוניזם. אַז איר רעדט מיט דער יוגנט און ווילט אָנרירן די אידייע פון ייִדישן פאָלק, ענטפערט זי אייך בדרך כלל: אל תדבר ציוניות. ציוניזם איז אָנגענומען פאַר בטלנות, ייִדן אין ישראל זענען פּטור פון דער מצוה ציוניות.

פריער האָב איך אָנגעוויזן, ווי אַ ייִד, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן זיינס געווען אַ געטרייער ציוניסט, לעבט־איבער אַ מין פרעמדקייט אין דער ייִדישער מדינה. די טרויעריקע איבערלעבונג האָב איך צוגעשריבן דורכ־אויס צום ציוניסטס באַוואוסטזיין, אַז ער אַליין האָט נישט קיין דירעקטן, קאָנקרעטן חלק אין לאַנד. ס׳איז אָבער דאָ אַן אַנדער סיבה פאַר דער פרעמדקייט — די איבערלעבונג אַז דאָס לאַנד גייט אויפן וועג פון אָפּ־גרעניצן ייִדיש פאָלק נאָר אין דעם טעריטאָריעל־פּאָליטישן שטח. איר ווערט אומרואיק, אַז איר דערשפּירט ווי עס שאַפט זיך אַ פאָלק פון ישראלים, וואָס טיילט זיך אָפּ, סיי פּסיכיש און סיי אידייאיש, פון ייִדן איבער דער וועלט. ישראל נעמט אַריין עולים, איר זעט זיי אָנקומען אין די טויזנטער, איר ווייסט אַז די מלוכה און די אָרגאַניזאַציעס וואַרטן אויף די עולים ווי אויף גאָר־אָנגעלייגטע קרובים. צו דער אייגענער צייט זעט איר אָבער, אַז ביי דער איינגעוואָרצלטער באַפעלקערונג זענען די עולים אימיגראַנטן, מיט דער באַציאונג פון פרעמדקייט צו זיי ווי צו אימיגראַנטן, מיט נישט אַנ־

קערן זיך מיט זיי. ס'איז אַ שווערער, אַ ביטערער אמת — אָבער אַ טרויער נעמט אייך אַרום, בעת איר זעט ווי ס'איז דאָ אַ שאַרפער אָפּטייל צווישן די תושבים אין לאַנד און די עולים. אַוודאי, די מלוכה לייגט אַרויף אויף די יוגנטלעכע דאָס שליחות צו קומען אין די לאַגערן, אָדער מעברות, זיין מיט די עולים, זיי לערנען און איבערדערציען. דאָס זענען אָבער פליכטן, נישט קיין אינערלעכע נאָענטקייט. מיטן פולן אחריות זאָג איך, אַז די עולים אין ישראל טראָגן אויף זיך דעם אימיגראַנטן חותם, מיט אָפּגעזונדערטקייט און דערווייטערטקייט פון דער באַפעלקערונג.

פונוואַנען נעמט זיך עס? דערפון, וואָס די לאַנד־און מלוכה־פּסיכיק איז דאָמינירנדיק ביי דער באַפעלקערונג, דער עיקר ביי דער יינגערער. דער באַגריף פון פאָלק־איינקייט מיט די יידן איבער דער וועלט איז, אויב ער איז בכלל דאָ, אַ מין אַבסטראַקטער. ער איז נישט קיין איבערלעבונג, ער פאַרנעמט נישט די פּסיכיק פון דעם גרעסטן רוב תושבים אין ישראל. מיר קענען פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, מיר ווייסן אַז פאַר לאַנד און מלוכה האָט די באַפעלקערונג געפירט מלחמה, געצאָלט מיט טויזנטער יונגע לעבנס, מיט הונגער און מוראדיקע יסורים. מיר ווייסן אויך, אַז דער־ווייל איז דאָס לאַנד נאָך אַלץ נישט פריי פון לויערנדיקע סכנות, די פינצ־טערע כמאַרע פון דער „צווייטער רונדע" הענגט איבער אים. ווייטער ווייסן מיר, אַז עקאָנאָמיש לעבט די באַפעלקערונג אונטער אַ סיסטעם פון שטרענגן צימצום, פון „איינגעקרעמפּטן פּאַסעק" און אין פיבערדיקער אָנגעשטרענגט־קייט צו בויען, צו באַפעסטיקן פּאָזיציעס.

נאָר גראָד דאָס וויסן און פאַרשטיין רופן אַרויס אומרואיקע געדאַנקען. איך טראַכט: אויב מלוכהשאַפט פירט צו פּסיכישער אָפּגעזונדערטקייט מצד די יידן, וואָס לעבן אין דער מלוכה לגבי די יידן מחוץ דער מלוכה, — וואָס־זשע איז דער צענויפבינד־כח בייצוקומען אָט־די אָפּגעזונדערטקייט? אַ גרוי־סער גייסטיקער כח דאַרף אויפקומען, אַן אידייאישער רענעסאַנס, וואָס זאָל זיך קענען שטעלן קעגן די נאַטירלעכע טענדענצן, וואָס מלוכהשאַפט רופט אַרויס. וואו ליגט דער דאָזיקער כח? מיר דאַכט זיך אַז פאַרטיפטער ציוניזם, דער אורשפּרינגלעכער ציוניזם, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם ניצוץ פון אונדזער טראַדיציאָנעלן משיחיזם, קען ווערן דער דאָזיקער כח. דער ציוניזם אין ישראל — אין זיין ברייטן פאַרנעם — דאַרף ווידער ווערן דער אַקטיווער כח צו שמידן ביי דער באַפעלקערונג דאָס באַוואוסטזיין, די אידייע און די איבערלעבונג פון יידישער פאָלק־איינקייט, פון אחדות האומה.

אין אונדזער טראַדיציע זוכן מיר נאָך אַלץ די צען פאַרלוירענע שבטים. קרוב צו 27 הונדערט יאָר איז שוין זינט מלכות ישראל איז אונטערגעגאַנגען און די געפאַנגענע פון דער ישראל־מלוכה זענען פאַרפאַלן געוואָרן. אין פאָלק אָבער לעבט דאָס באַוואוסטזיין, אַז די עשרת השבטים וועלן זיך אָפּ־זוכן, זיי זענען דאָ, זיי האָבן אַ מלוכה אויף יענער זייט סמבטיון, מ'דאַרף

נאָר קענען צו זיי צוקומען. חדר־יינגלעך אין אונדזער דור זענען נאָך גע־גאַנגען זוכן די עשרת השבטים. מיט הילצערנע ביקסלעך און שטעקנס האָבן זיי זיך געלאָזט אויף דער געפערלעכער עקספּעדיציע. וואָרים ווי אַ זאַך מאַכט זיך, מ׳וועט זיך דאַרפן שלאָגן אַרויסצונעמען די עשרת השבטים פון זייער געפאַנגענשאַפט. דאָס יידישע פאָלק האָט נישט מפקיר געווען קיין איין יידן, היסטאָריש האָבן מיר נישט געוואָלט מוחל זיין דער וועלט פאַר־לוירענע יידן. דער נאַאיווער פאָלקס־גלויבן, אַז די צען שבטים וועלן זיך נאָך אָפּזוכן, באַווייזט ווי טייער אונדז זענען געווען יידן. אין דעם גייסט פון דער דאָזיקער טראַדיציע דאַרף דער ציוניזם אין דער יידישער מדינה צוריק אַריינהאַמערן דאָס באַוואוסטזיין פון אחדות האומה, פון הייליקן ציטער איבערן גורל פון יידן איבער דער וועלט, פון פּסיכישער און אידיי־אישער ברודערשאַפט.

אין ישראל זענען געווען וואַלן צו דער כנסת, זעכצן פּאַרטייען האָבן וואַכנלאַנג אָנגעפירט אַ שטורמישע קאַמפּאַניע, — גרעסערע פּאַרטייען, קלענערע פּאַרטייען, — אָבער קיין איינע פון זיי האָט נישט פּראָפּאַגאַנדירט פאַר זיך, כאָטש טיילווייז, אויף אַ פּראָגראַם פון צונויפבונד מיט יידן איבער דער וועלט. די פּאַרטיי־פּראָגראַמען האָבן זיך קאָנצענטרירט דורכאויס אויף די פּראָבלעמען פון לאַנד. באַציאונג מיט יידן איבער דער וועלט איז, ווייזט אויס, נישט אַקטועל, דאָס פּראָבלעם שטייט נישט אויפן סדר היום פון דעם ישראל־בירגערטום.

אָנגענומען איז, — סיי אין ישראל און סיי אין חוץ לארץ, — אַז איינס פון די שווערסטע פּראָבלעמען אין דער יידישער מדינה איז אויסצוקנעטן פון די אַלע צונויפגעבערעקלטע יידן, וואָס קומען פון כלערליי קולטורן, קלימאַטן און לעבנסשטייגערס, איין פאָלק. מיר פאַרטראַכטן זיך נישט וואָס דאָס מיינט, און אַז מיר פאַרטראַכטן זיך יאָ — האָבן מיר פאַר זיך דעם מוסטער פון פעלקער בכלל, און מיר פרעגן נישט, צי קענען מיר נעמען בנוגע דעם יידישן פאָלק אַ ביישפּיל פון אַנדערע פעלקער. אַז ישראל דאַרף ערשט אויסקנעטן אַ פאָלק, הייסט עס דאָך, אַז ביז איצט איז קיין יידיש פאָלק נישט געווען. דאָס הייסט, ווידער, אַז מיר לייקענען־אָפּ דעם גאַנצן היסטאָ־רישן גאַנג אונדזערן אין דער וועלט. מיר פאַרוואַרפן אונדזער גרעאַנגל פאַר קיום, וואָס מיר האָבן געפירט אין משך פון קרוב צו צוויי טויזנט יאָר. מיר ווישן־אָפּ דאָס היסטאָרישע געדעכעניש אונדזערס, וואָס מיר האָבן מיטגע־טראָגן מיט זיך אויף די דערנער־וועגן פון גלות.

אַזאַ איינשטעל איז קודם אַ סתירה צום ציוניזם, וואָס איז אַרויסגעגאַנ־גען פון דער הנחה, אַז יידן זענען אַ פאָלק, וואָס האָט אַ לאַנד, נאָר דאָס לאַנד איז אָקופּירט און דאָס פאָלק איז פאַרטריבן. יידן, האָט דער ציוניזם געזאָגט, זענען דאָס איינגאַרטיקע פאָלק אין דער געשיכטע פון דער וועלט,

דערמיט וואָס כמעט נאָך צוויי מילעניומס האָט עס אַלץ נישט אָנערקענט די רעכט פונעם אָקופּאַנט און זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיינע אייגענע רעכט אויפן לאַנד. אַ חוץ, וואָס מיר זענען צוריקגעקומען אין לאַנד מיט בוי און פּיאָנערטום, האָבן מיר נאָך אַרויסגעשטעלט דער וועלט אונדזערע היסטאָרישע תביעות. איז ווי האָבן מיר געמאָנט? ווי אַ פאָלק וואָס דאַרף ערשט ווערן אַ פאָלק, צי ווי אַ פאָלק וואָס איז שוין אַ פאָלק? קלאָר, מיר האָבן נישט געקענט קומען מיט היסטאָרישע תביעות, כדי ערשט צו ווערן אַ פאָלק. מיר האָבן געמוזט זיין אַ פאָלק, — סיי פאַרן דרויסן, פאַר דער פּאָליטישער וועלט, און סיי פאַרן אינעווייניק, פאַר זיך אַליין. וואָלטן מיר פאַרן אינעווייניק נישט געווען קיין פאָלק, וואָלטן מיר נישט געהאַט דעם גייסטיקן כח אַפילו צו טראָגן דאָס באַוואוסטזיין פון צוריקקער אין לאַנד, שוין אָפּגערעדט פון אַרויסברענגען פון זיך אַזויפיל בויערישע ענערגיע און אַזאַ פּאָליטישע עקשנות לגבי דער וועלט. דער פּאָליטישער ציוניזם איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל. ער איז נישט געווען גלאַט אַ קאַפּריז פון אַ צאָל מענטשן, וואָס צו זיי האָט זיך פלוצלינג אַנטפּלעקט די אידייע. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט געוואָרצלט אין פאָלק, ער האָט געלעבט אין אונדזער טראַדיציע, ער איז געווען אַן אַקטיווער פאַקטאָר אין אונדזער געשיכטלעכן גאַנג.

מוזן מיר אָננעמען, אַז בעת מע רעדט פון אויסקנעטן אַ פאָלק, מיינט מען עפּעס אַנדערש ווי אַ יידיש פאָלק: אין זינען האָט מען אַ ישראל־פאָלק. דערפון דרינגט אַרויס דער לאָגישער אויספיר, אַז אַ „ישראל־פאָלק" איז לחלוטין אַנדערש פון אַ יידיש פאָלק, — אַנדערש אין דער מענטאַליטעט, אַנדערש אין די היסטאָרישע פאַרבינדונגען, אַנדערש אין אויסבליק אויף דער צוקונפט. דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז ביז איצטער געווען, קומט אויס, איז בטל ומבוטל; אין דער יידישער מדינה שטייט־אויף אַ ניי פאָלק, מיט נייע כאַראַקטער־שטריכן, מיט אַ נייעם צונויפבונד צווישן זיך, וואָס איז געבויט דורכאויס אויף מלוכהשאַפט און בירגערשאַפט.

פריער האָב איך דערמאָנט אַז דאָס ישראל־פאָלק דאַרף זיין „אַנדערש אין די היסטאָרישע פאַרבינדונגען". ס'איז נייטיק אויפצוקלערן וואָס איך מיין דערמיט. אין ישראל איז דאָ אַ געדאַנק, וואָס איז נישט דווקא דאָס אייגנטום נאָר פון די „כנענים", אַז די היסטאָרישע פאַרבינדונגען פון די ישראלים דאַרפן גיין ווייט אין די תנ"כישע צייטן, די צוויי טויזנט יאָר גלות־געשיכטע קען מען לייכט אַריבערהיפּערן, נישט דערמאָנען זיי אַפילו, ווי יידן, למשל, האָבן זיך געפירט נישט צו דערמאָנען אַ משומד אין דער משפחה. די „כנענים" ווילן אָנקניפּן די היסטאָרישע פאַרבינדונגען מיט די געצנדינערישע כנענים — האַלט מען זיי פאַר משוגעים; אָבער דער געדאַנק, אַז דאָס פאָלק פון ישראל דאַרף זיך אָנקערן מיט די יידן פון דוד המלכס צייטן, נישט מיט די יידן פון דעם בעל שב־טובס צייטן אַפילו — אָט דער געדאַנק איז ווייט פאַרשפּרייט צווישן דער יוגנט.

דערפון נעמט זיך, וואָס אַ דריט־קלאַסיקער גויאישער שרייבער ווערט מער געלייענט, ווי אַ יידישער. די טענה איז: די יוגנט וויל נישט לייענען קיין מעשיות פון יידן אין די שטעטלעך און דערפער. אין פלוג איז עס, דאַכט זיך, פּאַראַדאָקסאַל: וואָרים ממה־נפשך, אויב די היסטאָרישע פּאַר־בינדונגען זענען מיטן תנ״כישן יידנטום, פאַרוואָס־זשע אַזאַ דאָרשט נאָך דער היינטצייטיקער נישט־יידישער ליטעראַטור? דער שכל וואָלט דאָך גע־דאַרפט זיין, אַז דער גייסטיקער דאָרשט זאָל זיין נאָר צו ליטעראַטור מיט תנ״כישע טעמעס. אַז איר טראַכט זיך אָבער אַריין, זעט איר אין דעם לאָגיק און אויסגעהאַלטנקייט. די היסטאָרישע פאַרבינדונגען מיטן תנ״כישן יידנטום איז די אידייע פון אַ יידישן פאָלק מיט פעלקער גלייך: מיט מלוכהשאַפט, מיט אויף־לאַנד קאָנצענטרירט נאַציאָנאַל לעבן, מיט אַלע נאַציע־אַטריבוטן פון פעלקער. דערפאַר איז דער יוגנט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן דאָ־זיקן געדאַנק, נענטער אַ ווער־סע־זאָל־נישט־זיין גויאישער שרייבער, וואָס דערציילט מעשות פון אַ מלוכהדיקן לעבן, איידער אַ יידישער שרייבער, וואָס דערציילט פונעם פאַרגלותטן יידישן שטעטל. אַז איר רעדט מיט סאַברעס, שפּירט איר, ווי זיי שטייט עפּעס נישט אָן, וואָס זיי שטאַמען־אָפּ פון גלותדיקע, פאַרחושכטע, געררודפטע יידן.

היינט, אַז פון איין זייט דאַרף זיך שאַפן אַ ישראל־פאָלק און פון דער צווייטער זייט איז דאָ אַ גאַר־שטאַרקע נייגונג אָנצוקניפּן היסטאָרישע פאַר־בינדונגען נאָר מיטן תנ״כישן יידנטום, — ווי־זשע וועט זיך אויספורעמען דער צענויפבונד מיט יידן איבער דער וועלט? נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט איז דאָ: די צאָל מזרח־יידן האַלט זיך אין איין מערן אין ישראל. די תימנער יידן, די איראַקער, די צפון־אַפריקאַנער — זיי אַלע האָבן שוין קיינעם נישט איבערגעלאָזט אין די לענדער, פונוואַנעט זיי האָבן זיך אַרויס־געראַטעוועט. פאַר זיי, הייסט עס, איז שוין נישטאָ קיין פאַרבינדונג מיט יידן פון אַנדערע לענדער; אויף אַ פּשוטן, נאַטירלעכן אופן לעבט אין זייער פּסיכיק מער נישט דער צובונד צו יידן מחוץ ישראל. דאָס מיינט, אַז אַ גאַר־באַדייטנדיקע טייל פון דער ישראל־באַפעלקערונג איז פשוטו כמשמעו אָפּגעריסן פון יידן אין אַנדערע לענדער. דער אָריענטאַלישער ייד, בפרט דער צוריקגעשטאַנענער ייד פון תימן, איראַק, פּערסיע און צפון־אַפריקע, האָט בכלל געהאַט אַ ווייטע פּסיכישע שייכות מיט מערבדיקע יידן. ביי זיך האָט ער קיינעם נישט איבערגעלאָזט, זיין גלות איז ליקווידירט — קומט אויס אַז יידן איבער דער וועלט איז ביי אים נישט מער ווי אַ פּוסטער קלאַנג, אַ סך מאָל אַפילו נישט קיין אַבסטראַקטער באַגריף.

מוזן מיר דעריבער קומען צו דער מסקנא, אַז פאַר מדינת ישראל איז ערשט איצטער דער ציוניסטישער געדאַנק אַקטועל. די יידן אין ישראל דאַרפן ערשט איצט ווערן ציוניסטן, דער ציוניזם דאַרף דאָרטן ערשט איצט אָנהייבן אַ ברייטע אידייאישע פּראָפּאַגאַנדע, כדי צו פאַרטיפן דעם

געדאַנק, אַז ציוניזם איז נישט ישראל־פאָלק, נאָר יידיש פאָלק — און יידיש פאָלק איז צונויפגעבונדן צווישן זיך מיט טויזנטער גייסטיקע פעדים.

איצטער קען איך צוריקקומען צום ציוניזם מחוץ מדינת ישראל. צום אָנהייב האָב איך אָנגעוויזן, אַז מיטן אויפקום פון דער יידישער מדינה האָט דער ציוניזם אָנגעוואוירן זיין פריערדיקן תוך, אויב די ציוניסטישע אידייע איז באַגרעניצט נאָר אויף מלוכהשאַפט. דער ייד אין חוץ לארץ, וואָס וויל נאָך איצטער גילטן ווי אַ ציוניסט, מוז זיך פאַרטראַכטן וואָס ציוניזם באַטייט היינטיקע צייטן, נאָכדעם ווי מלוכהשאַפט איז שוין פאַרווירקלעכט. ס׳איז דאָ אַ געפאַר, אַז דער פסיכישער איבערברוך אין דעם ציוניסט זאָל אים נישט אין גאַנצן אויסליידיקן, אָדער אויסאַרבעטן אין אים אַ מין אַטראָפירטן נאַציאָנאַליזם. אַז אַליין קיין ישראל פאָרט ער נישט, דאָס הייסט ער זעט נישט פאַר זיך די מעגלעכקייט צו קומען אין לאַנד נישט ווי אַן אורח, נאָר ווי אַ בירגער; אַז די קינדער זיינע גרייט ער נישט צו מיטן געדאַנק, אַז זיי וועלן סוף־כל־סוף דאַרפן פאַרווירקלעכן אויף זיך אַליין דעם ציוניזם — וואָס־זשע בלייבט ביי אים פונעם ציוניזם, וואָס מיט זיינע אידייען האָט ער זיך געשפייזט אין משך פון צענדליקער יאָרן?

די יידישע אידייען־וועלט האָט אַלעמאָל געשטעלט דעם טראָפּ אויף אַליין־פאַרווירקלעכונג. יידישע אידייען, אָדער יידישקייט, זענען אַלעמאָל געווען אַ לעבנסוועג פאַרן יחיד. יידן האָבן נישט פאַרשפּרייט קיין יידישקייט, נאָר זיי האָבן אַליין געלעבט יידישקייט. אַפילו די משיחישע אידייע, וואָס איז אַ וויזיע אויף לעתיד לבוא, האָבן יידן אויך געפּרואווט צו פאַרווירקלעכן אויף זיך אַליין. דאָס וואַרטן אויפן משיחן, די שטענדיקע גרייטקייט צו נעמען דעם שטעקן אין די הענט און גיין קיין ארץ־ישראל, באַלד ווי ס׳וועט אַ שאַל־טאָן דער שופר של משיח, איז אין תוך געווען אַליין־פאַרווירקלעכונג. חסידות, וואָס איז געווען די לעצטע גרויסע יידישקייט־אידייע, איז דורכאויס געווען אַליין־פאַרווירקלעכונג: זי האָט געמאָנט ביים חסיד אַז ער זאָל דאָס לעבן זיינס פירן אין עקזאַלטירטער דערהויבנקייט, אין פרייד מיט עבודת הבורא. דאָס רבנישע יידישקייט, מיט דער באַזונדערער שיטה פון מוסרשאַפט, איז אַוודאי געווען אַליין־פאַרווירקלעכונג. ס׳איז נישט שייך געווען נאָכצוגיין דעם ווילנער גאונס שיטה פאַר יענעם, נישט פאַר זיך אַליין, נישט אַליין צו זיין אַריינגעטאָן אין תורה ועבודה.

די ציוניסטישע אידייע האָט דערפאַר אין איר גרונט אַריינגענומען די טראַדיציע פון יידישקייט — די אַליין־פאַרווירקלעכונג. ס׳איז מיין טיפסטע איבערצייגונג, אַז דער ציוניזם איז מחייב דעם ציוניסט צו דער אולטימאַטיווער אַליין־פאַרווירקלעכונג — צו בירגערשאַפט אין דער יידישער מדינה. אָבער צו דער אייגענער צייט, וואָס איך נעם־אָן אַז אַ ציוניסט איז דער, וואָס באַזעצט זיך אין ישראל, זע איך אָבער דעם ציוניזם אין זיין ברייטערן אַספּעקט, אין דער „אידייאישער גאַנצקייט". אין דער אייגענער מאָס, ווי

דער ציוניזם — אין דער אידייע פון אחדות האומה, — איז איצטער אַק־טועל אין ישראל, איז ער אויך אַקטועל אין חוץ־לארץ, די איינציקע פאַר־ענטפערונג פאַרן ציוניסט, וואָס באַזעצט זיך נישט אין ישראל, איז דער ציוניסטישער לעבנסוועג פאַר זיך אַליין און פאַרן גאַנצן כלל. דעם פאָנד־ציוניזם קען דער ציוניסט נישט איבערלאָזן בירושה זיינע קינדער און בכלל פאַר די שפּעטערדיקע דורות. דער פאָנד־ציוניזם איז ערשטנס אַ ציטווייליקער און צווייטנס, פאַרמאָגט ער נישט דעם גייסטיקן כח איבער־צוגיין בירושה.

דער אַנדערער ציוניזם, דער טיפערער, איז יידיש פאָלקס־באַוואוסט־זיין, יידיש לעבן אויף דיסציפּלינירטע נאַציאָנאַלע יסודות, אַ באַזונדער יידיש לשון, וואָס טראָגט אין זיך די אידייע פון באַזונדערן יידיש־גייסטיקן אויסדרוק. וואָס גאַנצער דער ציוניסט אין חוץ־לארץ וועט זיין אין זיין אייגענעם לעבן, אַלץ נענטער וועט ער שטיין צו דער יידישער מדינה. נישט דער אָרגאַניזאַציע־ציוניזם, וואָס האָט זיך אַזוי צעשטורעמט ביי אונדז, וועט ברענגען די יידישע גאולה פאַר ציוניסטן אין חוץ־לארץ, נאָר די געלייטער־טע ציוניסטישע אידייע, וואָס דער ציוניסטישער יחיד וועט פאַרווירקלעכן אויף זיך אַליין, אין זיך אַליין.

דער שבתי־צביאיזם האָט איבערגעלאָזט אַזאַ טיפן טראַגישן שניט אין יידישן פאָלקס־לעבן נישט דערפאַר, וואָס יידן זענען פאַרפירט געוואָרן פון אַ פאַלשער האָפענונג, נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן די אַליין־פאַרווירקלעכונג פון אַן אידייע און האָבן זי נישט דערפירט ביזן סוף. באַ־היט זאָלן מיר זיין, אַז דער ציוניזם זאָל נישט איבערלאָזן טראַגישע שפּורן אין אונדזער פאָלקס־לעבן. באַהיט זאָלן מיר זיין צו בלייבן אויסגעליידיקטע, גייסטיק־צעבראָכענע, יאושדיקע און פאַרביטערטע.

1951

צעשייד און צונויפקום

אין דעם לאַנגן, שמאָלן זאַל פון דער יידישער אַגענטור אין ירושלים, האָט זיך אין משך פון עטלעכע טעג אָפּגעשפּילט דאָס געראַנגל צווישן ישראל און חוץ לארץ. נישט, חלילה, וואָס ישראל האָט נישט געגעבן די פולע אָנערקענונג דעם יידישן חוץ לארץ, אָדער דער יידישער חוץ לארץ האָט נישט מיט פריידיקן ציטער גערעדט פון מדינת ישראל. ס׳איז גיכער געווען די שפּירונג, אַז אינערלעך איז געקומען אַ צעשיידונג, אַז ביזן אויפקום פון דער מלוכה איז געווען איין יידיש פאָלק איבער דער גאָרער וועלט און איצטער האָט די גאַנצקייט ערגעץ־וואו אָנגעהויבן צו דרינדזשען, ווי אַן ערדענער טאָפּ, וואָס אַז דו גיסט אין אים אַ קלאַפּ מיטן פינגער, הערסטו אַ צעבראָכענעם קלונג, אָבער דו ווייסט נישט וואו דער בראָך איז.

דער ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז דאָ איז זיך צונויפגעקומען דער יידישער וועלט־פּאַרלאַמענט, אָבער אַז איר האָט זיך צוגעהערט נישט נאָר צו ווערטער, נאָר אויך צו איבערלעבונגען הינטער ווערטער, איז דער דאָזיקער איינדרוק געוואָרן אַלץ בלייכער און בלייכער. איר האָט געשפּירט ווי אין דער געדיכטער לופט טראָגט זיך דער קלונג פון צעבראָכנקייט. פריער מיט עטלעכע טעג בין איך געווען אין דער כנסת, דאָרטן האָב איך געזען ווי פּאַרטייען ראַנגלען זיך צווישן זיך, אָבער ס׳איז געווען אַ געראַנגל פון גאַנצקייט, בעת דאָ זענען די חלוקי־דעות געווען ווייניקער, אָבער דאָס געראַנגל איז געווען פון ריס. נישט איינער מיטן אַנדערן איז געווען צע־טיילט, נאָר מיט זיך אַליין איז כמעט יעדער איינער נישט געווען גאַנץ. כמעט יעדער איינער האָט זיך דערשראָקן, אַז ער האָט דערהערט די נישט־גאַנצקייט אין זיך, ער האָט זיך געפּרואווט פאָרמולירן געדאַנקען, אָבער אים אַליין זענען זיי געווען אומקלאָר.

איינער האָט געפּרואווט ברענגען אַ נייע פאָרמולירונג: נישט ציוניזם איז דער נייער גאַנג פונעם יידישן פאָלק, נאָר ישראליזם. וואָס איז אָבער ישראליזם? ער אַליין האָט נישט געקענט ענטפערן אויף דעם, ער האָט מורא געהאַט צו דערפירן דעם געדאַנק ביזן סוף, וואָס וואָלט געמיינט אַז קיין יידיש פאָלק איז מער נישטאָ, נאָר ווער ס׳איז אַ ייד, דער איז אַ ישראלי. אַן אַנדערער האָט געוואָלט אַן אַנדער פאָרמולירונג: נישט מדינת ישראל, נאָר מדינת יהודים, ס׳איז אַ טעות אַז דער ציוניזם האָט שוין דער־פילט זיין שליחות. דער אויספיר זיינער איז געווען, אַז מלוכה און ציוניזם זענען געבונדן צווישן זיך. וויאַזוי אָבער זיי זענען געבונדן, האָט ער נישט געזאָגט, ער האָט מסתמא אַליין דערשפּירט אַז קיין גלייכקייט איז אינעם בונד נישטאָ, וואָרים די מלוכה איז קאָנקרעט, בעת ציוניזם איז נאָר אַן אידייע. אַ דריטער האָט גערעדט קלאָר: דער גלות ווערט אויסגעליידיקט,

ווייניג פירער בלייבן אין אים איבער, די בעסטע מענטשן פאָרן קיין ירושלים, מיר מוזן אָנהייבן צו טראַכטן איבערן גורל פון די תפוצות ישראל. אָבער מדינת ישראל רופט די „בעסטע מענטשן" צו זיך, דער ציוניזם איז די מלוכה־אַגענטור, וואָס מאָביליזירט אין די תפוצות די „בעסטע מענטשן" פאַר דער אידישער מדינה.

די שווערסטע איבערלעבונג איז געווען, וואָס איר האָט געפילט אַז די ציוניסטישע ווערטעראָנען דאַווענען אין פּאַליש, אַז מיט זיי שטייט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איבער דער וועלט אין פּאַליש פון דער גרויסער שול — דער יידישער מלוכה. דער גרונט־געדאַנק פון ציוניזם איז געווען די איינ־קייט פון דעם יידישן פאָלק איבער דער וועלט. איצטער, אַז דער ציוניזם האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט דער ווירקלעכקייט פון דער יידישער מלוכה, וואָס ער אַליין האָט געבראַכט צום לעבן, האָט ער דערפילט אַז די איינקייט האָט זיך ערגעץ־וואו אָנגעהויבן צו רייסן.

דעם ענטפער אויפן פּראָבלעם פון ישראל און חוץ־לארץ האָב איך גע־זוכט אין דער יידישער מדינה און איך בין זיך מודה, אַז פון דעם ענטפער האָב איך קיין גרויס נחת נישט געהאַט. צו יידן איבער דער וועלט איז דאָ אַ באַציאונג, אָבער נישט קיין צובונד, ס'איז אַפילו דאָ אַ זאָרג פאַר זייער גורל, אָבער נישט קיין באַוואוסטזיין פון אַ נאָענטער שייכות. די זאָרג איז נאָר וויפל יידן ס'וועלן קענען קומען קיין ישראל, — נישט נאָר יידן, וואָס מע דאַרף איצטער ראַטעווען, נאָר אויך יידן פון אַמעריקע און אַנדערע לענדער. פונוואַנעט מע דאַרף זיי נישט ראַטעווען.

ביי די פרומע יידן איז דאָס פּראָבלעם אַ סך לייכטער, וואָרים אַז אַ ייד היט־אָפּ מצוות און לעבט על־פּי רוח התורה, איז דאָך נישטאָ דער מינדסטער ספק אַז ער איז אַ זון פון דעם יידישן פאָלק און, אַזוי ווי ארץ־ישראל געהערט דעם גאַנצן יידישן פאָלק, איז שוין במילא יעדער ייד פאַרבונדן מיט דער יידישער מדינה. ביי די פרומע יידן איז נישטאָ קיין צעטייל אויף ייד אין חוץ־לארץ און ייד אין מדינת ישראל. אָבער אַפילו ביי זיי קומען־אויף פּראָבלעמען, וואָס די ווירקלעכקייט רופט אַרויס און וואָס שטעלן זיך פּאָפּערעק צו דער אידייע.

למשל, דער ייד אין ישראל האָט באַשטימטע פליכטן צום לאַנד, ער טראָגט אויף זיך דעם יאָך פון שווערע שטייערן, פון בירגערשאַפט, פון קאָנקרעטע מעשים. וויאַזוי נעמט אויף זיך דער ייד אין חוץ־לארץ, אפילו דער פרימסטער ייד, כאָטש אַ טייל פון די דאָזיקע פליכטן? אמת, מיט עבודת הבורא און לימוד התורה איז דער פרומער ייד שוין פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, אָבער דאָס איז דאָך ארץ־ישראל פון גייסט און נישט פון מלוכה, וואָס האָט אירע באַשטימטע פאָדערונגען צום בירגער און דער בירגער האָט זיינע באַשטימטע פאָדערונגען צו איר. אין דער טעאָריע איז די איינקייט פון אַלע יידן איבער דער וועלט אויסגעהאַלטן, אָבער אין דער

טאָג־נאָך־טאָגיקערווירקלעכקייט ווערט פון זיך אַליין אויפגעשטעלט אַ מחיצה.

ביי די וועלטלעכע יידן, די סעקולערע, איז דאָס פּראָבלעם אַ סך שאַרפער. די יידן פון דעם פריערדיקן דור, וואָס זענען געקומען קיין ארץ־ישראל פון מזרח־אייראָפּע, האָבן דאָס באַוואוסטזיין פון יידישער איינקייט איבער דער וועלט, אָבער וועלטלעך־יידישע מצוות האָבן נישט קיין פאָרמען, זיי זענען גיכער אָנגעלענט אויף אידייע, אויף אַ יידישער מענטאַליטעט, וואָס צו קיין קלאָרן אויסדרוק קומען זיי נישט. ס׳איז דערפאַר שווער צו דעפינירן וואָס צונויפבונד מיט יידן איבער דער וועלט מיינט ביים וועלטלעכן יידן אין ישראל. אין דער מדינה ווייסט ער קלאָר וואָס זיינע פליכטן זענען, ער טראָגט זיי יעדער שעה פון טאָג, די פליכטן אָבער צו יידן איבער דער וועלט זענען נאָך אין דער בחינה פון אידייע, וואָס האָבן נישט קיין ממשותדיקן אָנהאַלט.

ביי די יידן, וואָס זענען געקומען קיין ישראל מיט יידישער טראַדיציע און ציוניסטישער אידייע, לעבט דאָס באַוואוסטזיין פון איין יידיש פאָלק איבער דער וועלט, אָבער ווי קומט די דאָזיקע אידייע צום אויסדרוק? אַ מדינה איז פאַר זיך אַליין אַ לעבעדיק נפש, מיט אייגענער ווירקלעכקייט, מיט אייגענע קרבנות, מיט יעדן־טאָגיקע זאָרגן און גרעאַנגל. די ווירקלעכקייט פון דער יידישער מדינה מוז צונעמען די פולסטע אויפמערקזאַמקייט ביים בירגער פון לאַנד, בפרט נאָך אַזאַ לאַנד ווי ישראל, וואָס איז ערשט אויפּגעקומען און איז נישט נאָר פּאָליטיש באַדראָט, נאָר אויך עקאָנאָמיש, וואָס ראַנגלט זיך בייצוקומען די אינערלעכע און דרויסנדיקע שטרויכלונגען אויף איר יונגן וועג.

אַ וועלט מיט אַרבעט האָט די יידישע מדינה. אַ וועלט מיט פליכטן לייגט זי אַרויף אויף אירע בירגער. נאָכמער, יעדער ייד אין ישראל האָט די איבערלעבונג אַז אויף אים ליגט דאָס אחריות סיי פאַרן עקאָנאָמישן און סיי פאַרן זיכערקייט־מצב פון לאַנד. דאָס איז נישט קיין ענגער פּאַטריאָטיזם, אויך נישט קיין שמאָלער נאַציאָנאַליזם, נאָר אַ באַוואוסטזיין, אַז אויב נישט יעדער איינער וועט צוטראָגן זיין ענערגיע צום אויפבוי און דער זיכערקייט פון לאַנד, איז דאָ די סכנה אַז די מדינה זאָל, חלילה, נישט אָפּגעשוואַכט ווערן. דאָס באַוואוסטזיין איז אויך, אַז די מדינה איז נישט נאָר פאַר די יידן, וואָס לעבן איצטער אין איר, נאָר פאַר אַלע יידן איבער דער וועלט, וואָס וועלן סוף כל־סוף מוזן קומען קיין ישראל.

קומט דאָך אויס פּאַראַדאָקסאַל, וואָס פון איין זייט שטייט ביי מיר אין ספק דאָס באַוואוסטזיין אין ישראל פון איין יידיש פאָלק איבער דער וועלט און פון דער צווייטער זייט זאָג איך, אַז יעדער ייד אין ישראל טראָגט דאָס אחריות פאַר דער מדינה אויך דערפאַר, ווייל ער האַלט אַז זי איז פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. אין דעם איז אָבער קיין סתירה נישטאָ. דער ייד אין

ישראל, אפילו דער, וואָס אידייאיש לעבט ער מיט דער איינקייט פונעם יידישן פאָלק, ווערט אָבער אַזוי פיל אַריינגעצויגן אין די אינטערעסן פון דער מדינה, אַז ער קען זיין אידייע נישט אויסלעבן אין דער ווירקלעכקייט. צו דער אייגענער צייט אָבער איז פאַר אים די מדינה דער קיבוץ גליות פאַר אַלע יידן איבער דער וועלט.

דערפון דרינגט אַרויס, אַז פון זיך אַליין שאַפט זיך דאָס איינרעדעניש אַז יידן אין אַנדערע לענדער וועלן מוזן ביי זיך אָפּמאַכן אָדער צו קומען אין ישראל און בלייבן יידן, אָדער פאַרשלונגען צו ווערן אין חוץ־לארץ. בנוגע יידן איבער דער וועלט איז דער צוגאַנג אַ יאושדיקער: אין קיין שום לאַנד, — אין דעם בעסטן, דעמאָקראַטישסטן לאַנד, — איז נישטאָ פאַר יידן קיין תקומה, יידיש לעבן מחוץ פון ישראל איז נישט מער ווי אַן אילוזיע.

איך בין געווען אין דעם אַרבעטערשטעטל קרית עבודה, וואָס די הסתדרות האָט אויפגעבויט לעבן חולון. איך בין אַריינגעגאַנגען אין דעם וואונדערשיינעם גאָרטן פון דעם דאָרטיקן בית ספר. עטלעכע מיידעלעך האָבן זיך געשפּילט אונטער אַ בוים. צום אָנהייב האָב איך זיך געמאַכט אַז איך קען נישט רעדן קיין העברעאיש, איך האָב גערעדט צו זיי יידיש. דריי פון זיי האָבן מיך פאַרשטאַנען, זיי האָבן נישט געזאָגט, ווי אַמאָל „דבר עברית", נאָר געפּרואווט מיר ענטפערן אויפן ביסל יידיש וואָס זיי האָבן געקענט. די אַנדערע האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען און געבעטן איבערצו־זעצן פאַר זיי מיינע רייד. צום סוף האָב איך זיי אויסגעזאָגט, אַז איך רעד העברעאיש און זיי האָבן זיך גאָר מחיה־געווען, געוואָרן מיט מיר האַרציק און היימיש. אַז איך האָב זיך מיט זיי געזעגנט, האָבן זיי מיר אַלע אין איין קול נאָכגעשריגן: תמסור דרישת שלום ליהודי אמריקה, תגיד להם שכולם יבואו הנה, כולם — גיב איבער אַ גרוס די יידן פון אַמעריקע, זאָג זיי אַז זיי זאָלן אַלע קומען אַהער, אַלע. קיין איינס פון די מיידעלעך איז נישט געווען עלטער פון צען יאָר און דער „גרוס" זייערער איז זיכער נישט געווען קיין צוגערייטער.

איז דאָס אַ נוסח אַזאַ? ניין, דאָס איז אַן איינגעבירגערט באַוואוסטזיין, סיי ביי דערוואַקסענע און סיי ביי דער יוגנט אין ישראל, אַז נאָר דורך באַזעצן זיך אין ישראל קען דער ייד האָבן אי אַ תיקון, אי אַ קיום. יידן איבער דער וועלט זענען דאָ נאָר אויף צו קומען קיין ישראל, אָבער נישט אויף צו זיין פאַר זיך אַליין יידן אין די לענדער וואו זיי לעבן.

די יוגנט, וואָס איז געבוירן אין לאַנד און וואָס אַלע רופן מיטן חנעוודיקן נאָמען „סאַברע", אָט די יוגנט איז צו חוץ לארץ כמעט אינגאַנצן נישט צוגעבונדן. אוודאי ווייסט די יוגנט פון יידן אין אַמעריקע, זי ווייסט אויך פון יידן אין אַנדערע לענדער און נאָכמער ווייסט זי פון דעם יידישן אומקום אין אייראָפּע. וואָס האָט זי אָבער געלערנט דערפון? מיר דאַכט זיך, אַז נישט קיין פּסיכישע פאַרבינדונג מיט יידן איבער דער וועלט, נאָר דעם

איינציקן אויספיר: זאָג די יידן פון אַמעריקע אַז זיי זאָלן קומען אַהער, אַלע זאָלן קומען.

איך בין געזעסן פרייטיק־צו־נאַכטס אין שטוב ביי אַ יידן אַן עסקן. דאָרט איז געווען אַ דאָקטער, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען פון רומעניע. ער האָט אויף אַ שלעכטן, דייטשמערישן יידיש מיר געשטעלט זייער אַ פשוטע פאָדערונג: גיט אויף די יידישע ליטעראַטור, זייט זיך מקריב פאַר דער גאַנצקייט פון פאָלק, זאָל אויפהערן דאָס פּראָבלעם פון יידיש און העברעאיש.

איך וואָלט נישט געדאַרפט ענטפערן דעם רומענישן דאָקטאר אויף אַזאַ שטותדיקער פאָדערונג, אָבער דערביי זענען געווען עטלעכע יונגעלייט, סאַברעס, און איך האָב מורא געהאַט, אַז ביי זיי זאָל נישט בלייבן דער איינדרוק אַז ער איז גערעכט. איך האָב געגעבן צו פאַרשטיין אַז די יידישע ליטעראַטור באַרייכערט דעם גייסטיקן יידישן אוצר און קיינעם וועט גאָר נישט צוקומען דערפון אַז דאָס שאַפן אויף יידיש זאָל אויפהערן. פאַרקערט, דער יידישער גייסט וועט אַ סך אָרעמער ווערן דערפון. מיר איז געווען וויכטיק צו וויסן וויאַזוי די סאַברעס וועלן רעאַגירן אויף מיינע רייד. צו מיין איבעראַשונג האָבן זיי מסכים־געווען מיט מיר, אָבער זיי האָבן אויס־געפירט אַז דער שרייבער, וואָס מוז שרייבן יידיש, זאָל אויך קובען קיין ישראל, דאָ וועט מען אים איבערזעצן און דאָ וועט זיין שאַפונג בלייבן אין דעם גייסטיקן אוצר פון לאַנד. אַז ס'איז מעגלעך אַ יידישע ליטעראַטור, וואָס זאָל לעבן פאַר זיך אַליין, פאַר אַ יידישן לייענער, דאָס האָבן זיי נישט געקענט באַגרייפן, זיי האָבן עס נישט געוואָלט פאַרשטיין.

איך בין געזעסן אין הויז פון אַ העברעאישן שרייבער, דער זון זיינער איז אויך אַ שרייבער, ער האָט זיך אָנגעהויבן אָנצוזען אין דער ליטעראַטור. פרעג איך דעם יונגן שרייבער: וואָס ווייסט ער עפּעס פון יידישקייט? ער ווייסט נישט, כאָטש דער פאָטער זיינער וויקלט זיך אין יידישקייט און דאָס שרייבן זיינס איז דורכגעדרונגען מיט רוח היהדות. דער יונגער העברע־אישער שרייבער, וואָס קומט איצט אויף אין ישראל, איז דערווייטערט פון דעם יידישן גייסט, וואָס האָט זיך געשאַפן אין משך פון צוויי טויזנט יאָר אין די גלות־לענדער. אים איז פרעמד די יידישקייט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער שטרענגער השגחה פון רבניזם, די יידישקייט וואָס האָט זיך געהאַלטן דורכאויס אויף גייסט און וואָס אידייע איז פאַר איר געווען אי ערד, אי הימל. אָט די יידישקייט איז נאָכמער פרעמד דער יוגנט בכלל, זי לעבט דורכאויס אין ווירקלעכקייט, איז דערצויגן געוואָרן אויף מעשים, זי האָט נאָר דעם צובונד צו ארץ־ישראל של מטה, נישט צו ארץ־ישראל של מעלה.

דערפאַר איז ביי דער דאָזיקער יוגנט דער באַגריף פון איין יידיש פאָלק איבער דער וועלט אַ מין פרעמדער, אַ דרויסנדיקער. זי האָט דערפון גע־

הערט, אָבער דער באַגריף איז נישט אַריינגעדרונגען טיף, ער האָט נישט פאַרנומען די פסיכיק. דער יונגער העברעאישער שרייבער, מיט די ים־בלויע אויגן, אין די קורצע הייזלעך, אַ באָרוויסער, איז אַ קיבוצניק. יידיש פאָלק איז ביי אים נאָר דאָס פאָלק, וואָס איז דאָ אין לאַנד, אָדער וואָס וועט קומען אין לאַנד, קיין אַנדער יידיש פאָלק איז אים נישט אייגן. ס'איז אים אויך נישט אייגן די יידישקייט, וואָס האָט געשפייזט אַזויפיל דורות אין די גלות־לענדער און אויפגעהאַלטן דעם יידישן קיום. ביי אים, דעם יונגן העברעאישן שרייבער, איז בכלל נישטאָ קיין באַגריף פון קיום, נאָר פון לאַנד.

ביאַליק האָט אַמאָל, אין אַן אַנפאַל פון שיכרות מיטן לאַנד, אַ וואָרף־געטאָן אַ געדאַנק, אַז „אַ פאָלק האָט נישט מער הימל איבערן קאָפּ וויפל ס'האָט ערד אונטער די פיס". ער האָט דעם דאָזיקן געדאַנק דערנאָך אַ סך מאָל אַליין אָפּגעלייקנט, ער האָט אים צוריקגעוואָרפן אין זיין עסעי איבער אגדה און הלכה, ער האָט אים אָפּגעוועגדט אין זיינע לידער, ער האָט אים פאַרוואָרפן מיטן פייערדיקן גייסט זיינעם. אין ישראל אָבער, דער עיקר צווישן דער יוגנט, איז דער דאָזיקער געדאַנק ביאַליקס אַריינגעדרונגען אין דער פסיכיק און געוואָרן אַ מין קאַטעכיזם.

אין ירושלים האָב איך זיך צערעדט מיט אַ סאָלדאַט, וואָס איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון דעם משולש, — דער דרייעק, וואָס איז געווען ביי די אַראַבער און יידן האָבן אים צוריקגענומען. דער סאָלדאַט האָט דערציילט ווי די אַראַבער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דעם דרייעק, ווי די אידישע סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעצויגן, ס'איז צוגעגאַנגען אַן דעם מינדסטן אינצידענט.

איצט האָבן מיר שוין נאָך אַ שטיק ערד אונטער זיך און נאָך אַ שטיק הימל איבער זיך, האָט דער סאָלדאַט אַ זאָג־געטאָן. כ'האָב דערקענט ביאַליקס פּאַראַדאָקס אין דעם סאָלדאַטס זאָג. ער איז געווען אַ יונגער בחור, דער טאַטע זיינען איז מיינער אַ חבר פון די קינדער־יאָרן און איך ווייס, אַז ער, דער טאַטע, האָט דעם הימל־אויסשפּרייט זיינעם נישט אָפּגעגרעניצט מיטן קליינעם שטח ערד אונטער זיך. זאָג איך אים: האַלטסטו טאַקע אַז יידן האָבן נישט מער הימל ווי ערד? ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ פרומער ייד, וואָס וואָלט געהערט פון מיין מויל אַ געדאַנק פון כפירה. ניין, האָט ער זיך אָנגערופן, איך האַלט נישט אַז ס'איז דאָ מער הימל ווי ערד.

מיר זענען דעמאָלסט געגאַנגען איבער די גאַסן פון ירושלים און צוגעקומען צום ברעג, וויטער טאָר מען נישט גיין, וואָרים באַלד הייבט זיך אָן די טייל ירושלים וואָס דער אַראַבישער לעגיאָן האַלט. גיב איך אים אַ וויז: זע, אָט דאָרטן איז דער הר הזיתים, די ערד זיינע איז נישט אונטער אונדזערע פיס, איז אָבער דער הימל זיינער נישט איבער אונדזער קאָפּ? הער נאָר, בחורל, האָב איך אים וויטער געזאָגט, צום אָנהייב איז אונדזער גאַנג געווען גאַנץ ארץ־ישראל. דערנאָך, אַז ענגלאַנד האָט אָוועקגעגעבן דעם עבר הירדן

אבדאלאַן, איז דער הימל אונדזערער קלענער געוואָרן, הייסט עס, פּונקט אַזויפיל וויפל ערד דער עבר הירדן פאַרנעמט. אַז ס׳איז געקומען צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער יידישער מדינה, איז ווידער אָפּגעשניטן געוואָרן אַ שטיק ערד פון אונדז און מיר האָבן ווידער, הייסט עס, אָנגעוואוירן אַ שטיק הימל. זעסטו נישט ווי אַבסורדיש דאָס איז, נעם דעם הר הזיתים, איז גראָד דאָרטן אונדזער הימל, כאָטש די ערד איז נישט אונדזערע. אונדזער פאָלק האָט אַלעמאָל געהאַט מער הימל ווי ערד, די נביאים האָבן אונדזער הימל אויסגעשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט.

דער יונגער סאָלדאַט האָט אַ שמייכל־געטאָן: דאָס אַלץ וואָס איר רעדט איז נאַציאָנאַלע פּאָעזיע, מיר זענען נאַציאָנאַלע פּראַזאאיקער. אַז מיר וואָלטן זיך, מיט צענדליקער יאָרן צוריק, נישט אָנגעכאַפּט אין דעם קליינעם שטיקל ערד, וואָלטן מיר היינט אַפילו דאָס איצטיקע שטיקל הימל נישט פאַרמאָגט איבער אונדזערע קעפּ, מיר וואָלטן גאָרניט פאַרמאָגט.

דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט: איר ווייסט, אַמאָל טרעפט זיך אַז איך נעם יאָ אַרום דעם הימל אַ סך ווייטער ווי ער איז איבער מיר, נאָר דאָס האָט שוין צו טאָן מיט אַנדערע ענינים, אַ מיידל דאַרף דאַמאָלסט זיצן לעבן מיר. זעט איר, אַז ס׳קומט צו ראָמאַנטיק איז עפּעס אַנדערש.

די מענטאַליטעט פון ערד אונטער די פיס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער יונגער דור אין ישראל זאָל זיין דערווייטערט פון דעם גייסטיקן יידישן הימל, וואָס האָט דורות־לאַנג געגעבן יידן אויך ערד אונטער די פיס. אַז איר רעדט מיט סאַברעס פון יידן איבער דער וועלט, פון אײן הימל, וואָס שפּרייט זיך איבער יידן וואו זיי זאָלן נישט זיין, הייבן זיי אייך נישט אָן צו פאַרשטיין. דעם סאַברע איז פרעמד דער געדאַנק פון הימל אָן ערד, ער לעבט דורכאויס מיט לאַנד, מיט ערד, מיט יידישן גערעַנגל פאַר באַפרייאונג. דער־פאַר רופט ביי אים אַרויס אַ געלעכטער, אַז איר רעדט צו אים פון יידן, וואָס ראַנגלען זיך פאַר קיום אין גלות. וואָס מאַכט איר זיך נאַריש מיט קיום? קיין שום פאָלק אין דער וועלט האָט נישט אַזאַ באַגריף.

קיום איז ביי זיי גלות־פּסיכאָלאָגיע, זיי האָבן ממש אַ פּאַטאָלאָגישע מורא פאַר עפּעס וואָס דערמאַנט גלות. אַז יידן זענען געווען דערדריקט און דערשטיקט, זאָגן זיי אייך, זיי האָבן נישט געהאַט קיין ערד אונטער די פיס, האָבן זיי אויסגעטראַכט קיום. צוליב קיום האָבן זיך יידן געלאָזט שעכטן, צוליב קיום האָבן זיי זיך דערנידעריקט, זענען זיי געוואָרן בעטלער ביי דער וועלט. מיר האָבן זיך באַפרייט פון קיום, מיר לעבן מיטן לאַנד, מיט דער ערד.

דעם יונגן דור איז דערפאַר אויך פרעמד דער באַגריף יידישקייט, ווי דורות יידן האָבן אים פאַרשטאַנען און איבערגעלעבט. וואָס הייסט יידישקייט? וועלן זיי אייך פרעגן. ווידער אַ מין צעשוואומענע בענקשאַפט, וואָס האָט נישט דעם מינדסטן אָנהאַלט אין דער ערד.

דערפון נעמט זיך, וואָס דער עלטערער העבראיִשער שרייבער הייבט

אָן וואָס ווייטער צו ווערן אַלץ פרעמדער אין לאַנד. דער עלטערער העברע־אישער שרייבער, אַפילו אַז ער לעבט שוין אין לאַנד עטלעכע צענדליק יאָר, איז פּאָרט דער פּראָדוקט פון חוץ לארץ, ער טראָגט זיך נאָך אַרום מיט רעשטלעך פון גלות. ער האָט נאָך בענקשאַפטן נאָך יידן, וואו יידן זאָלן נישט זיין. דער יונגער שרייבער, וואָס איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אין לאַנד, האָט נישט אַזעלכע בענקשאַפטן.

אין אַ שמועס מיט אַ יונגן קריטיקער האָב איך אים אויסגערעדט פאַר־וואָס ער נעמט נישט אויף קיין יידישקייט־פּראָבלעמען אין זיינע עסייען. דעם טאַטן זיינעם קען איך גוט, ער איז אַ רבס אַ זון, מיר זענען געוואַקסן אינאיינעם, ער אַליין איז אַפילו אַ פּאָר יאָר געווען רב. דער זון אָבער שרייבט דורכאויס וועגן איטאַליענישע, ענגלישע, פראַנצויזישע שרייבער. ער האָט אַפילו וועגן העברעאישע שרייבער נישט געשריבן. פרעג איך אים פאַרוואָס? ענטפערט ער מיר, אַז „מיר זענען אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, איך בין נישט קיין קנעכט צו אונדזער ליטעראַטור”.

איך בין געזעסן ביי אַ זיצונג פון אַ קולטור־קאָמיסיע, וואו מ'האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פאַר סעמינאַר־קורסן. אַז ס'איז געקומען צו לי־טעראַטור, האָבן די קאָמיסיע־מיטגלידער אָנגערופן אַ צאָל עלטערע הע־בראַאישע שרייבער און אַלע האָבן מסכים געווען אַז דער יונגער עולם לייענט זיי נישט. און דאָס זענען נישט געווען קיין שרייבער פון אַ דור, אָדער צוויי צוריק, נאָר שרייבער וואָס לעבן אין לאַנד, וואָס האָבן אַפילו געפּרואווט צו שרייבן פון דעם לעבן אין לאַנד. פאַרוואָס לייענט מען זיי נישט? נישט נאָר די טעמעס זייערע, נישט נאָר די מאָטיוון, נישט נאָר די שטימונגען, נאָר עפּעס טיפער: זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געקענט גיבן דעם פולן אויסדרוק פון דער יוגנטלעכער ווירקלעכקייט אין דער יידישער מדינה. זיי פאַרמאָגן נאָך אַלץ דעם גלותדיקן יידישן הימל איבער זיך, זיי פאַרמאָגן נאָך יידיש־קייט אין זיך.

נאָך אַ סיבה: ישראל איז דורכגעגאַנגען אַ הגנה־פּעריאָד, אַן עליה ב', אַ מלחמה. די יוגנט האָט אָנגעפילט אַלע פראָנטן, איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיטן שונא, האָט געראַטעוועט יידן פון אייראָפּע. דער יינגערער שריי־בער איז אַליין דורכגעגאַנגען דעם „קאַסטראַי”, ער האָט דאָס אַלץ אַליין דורכגעלעבט און אים געלינגט צו גיבן אויסדרוק אָט די איבערלעבונגען.

דאָס אייגענע איז מיטן קיבוץ. דער יונגער העברעאישער שרייבער, וואָס איז געבוירן געוואָרן און געוואַקסן אין קיבוץ, גיט אַן אַנדערן אויסדרוק צום קיבוץ־ לעבן, ווי דער עלטערער העברעאישער שרייבער, וואָס איז געקומען אין קיבוץ נאָר אַ קוק צו־טאָן און זיך אָננעמען מיט קיבוצישער אַטמאָספערע. ביים יונגן שרייבער איז דאָ דער אינטימער צונויפלעב מיטן קיבוץ, בעת ביים עלטערן איז דאָ נישט מער ווי דרויסנדיקער צוקוק.

דער עיקר אָבער איז, וואָס ביים עלטערן שרייבער שלעפּן זיך נאָך די

פרענדזלעך פון גלות־פּסיכאָלאָגיע, וואָס דעם יונגן דור זענען זיי נישט נאָר פרעמד, נאָר אויך דערווידער. פרעגט מען: וואָס איז? פירט זיך דען נישט דער דרך העולם, אַז אַ נייער דור שרייבער מאַכט אַ רעוואָלוציע קעגן עלטערן דור? אוודאי פירט זיך אַזוי, אָבער ס׳איז אַ גרויסער חילוק. ביי פעלקער, וואָס לעבן הונדערטער יאָרן אין זייערע לענדער, אַז דער נייער דור שרייבער רעוואָלטירט, רייסט ער זיך נישט אָפּ פון דער ערד און דעם הימל, פון דעם לעבנסשטייגער און די זיטן, וואָס האָבן געשפּייזט דעם עלטערן שרייבער־דור. די יוגנט שטורעמט עטלעכע יאָר מיט רעוואָלוציע, ברענגט אַריין נייע ,פּאָר־מען, אָבער דערנאָך קערט מען זיך אום צוריק צום אַלטן. ביי אונדז, אַז מע רייסט זיך אָפּ, איז דער ריס אַ פולשטענדיקער, וואָרים דאָס נייע שאַפט זיך אין גאָר אַן אַנדער סביבה, אונטער אַנדערע הימלען, אין אַ לעבנסשטייגער, וואָס איז דער פולשטענדיקער היפּוך פון דעם פריערדיקן. ביי אונדז שאַפט זיך די נייע ליטעראַטור אין אַ מלוכה, בעת די אַלטע האָט געוואָרצלט אין גלות. ביי אונדז רייסט מען זיך אָפּ, ביי די אומות העולם רעוואָלטירט מען.

דער עלטערער דור, וואָס אידייאיש לעבט ער יאָ מיט יידן איבער דער וועלט, ווערט אַזוי מיטגעריסן מיט דער מלוכה, אַז ער האָט פּשוט נישט קיין צייט, און אויך נישט דאָס געמיט, אַ טראַכט צו־טאָן פון יידן איבער דער וועלט. דער יינגערער דור איז דערצויגן געוואָרן אויף שלילת הגלות, טאַקע דער אייגענער עלטערער העבראַאישער שרייבער, וואָס איצטער קלאָגט ער זיך אויף דער פרעמדקייט אין דער יידישער מדינה, האָט אים דערצויגן אויף דער פאַרלייקענונג פון גלות. אַוודאי האָט דער עלטערער שרייבער נישט געמיינט, און נישט געוואָלט, אַז די פאַרלייקענונג זאָל דערגיין ביז אָפּרייס. געמיינט האָט ער צו וועקן ענערגיע פאַרן בוי פון לאַנד, נישט אָפּצורייסן פון דער דורותדיקער יידישער קולטור, וואָס האָט זיך געשאַפן אין גלות. דער אַרויסקום אָבער איז, אַז דער יונגער דור האָט זיך אָפּגעריסן אויך פון אים, דעם עלטערן שרייבער, וואָס האָט געוועקט צו דער אויפלעבונג פון לאַנד און פאָלק.

צונויפבונד מיט יידן איבער דער וועלט, זאָגט מיר אַ יונגער בחור, וואָס מיינט איר דערמיט? איך הער אַז ביי אייך אין אַמעריקע איז די גאַנצע יידישע דערציאונג קאָנצענטרירט אויף רעליגיע, יידישקייט איז ביי אייך גיין אין שול, אָדער גיבן צדקה. וואָס פאַר אַ שייכות האָבן מיר דערמיט? די עטלעכע טויזנט יוגנטלעכע, וואָס זענען אויף הכשרה און גרייטן זיך צו קו־מען צו אונדז, מיט זיי זענען מיר פאַרבונדן. מיט די אַנדערע אָבער האָבן מיר נישט דעם מינדסטן צונויפבונד. מיר לעבן אַנדערש, מיר טראַכטן אַנדערש, מיר פירן זיך אַנדערש.

דאָס זאָגט נישט איינער, דאָס איז די יוגנט, דאָס איז דער גרויסער רוב פון לאַנד. בעת יידן אין אַמעריקע ראַנגלען זיך צו דערציען אַ יונגן יידישן דור אין יידישקייט, איז אין דער יידישער מדינה דער באַגריף יידיש־

קייט כמעט אינגאַנצן אַ פרעמדער. ביי זיי איז יידישקייט אַ פּראָדוקט פונעם גלות, ביי זיי איז יידישקייט ראָמאַנטיזם, נאָסטאַלגיע. ווי־זשע, פרעגט זיך, וועט דערגרייכט ווערן אַן אינערלעכער צונויפבונד צווישן ישראל און חוץ־לארץ?

ביי זיי איז דער ענטפער אַ פּשוטער: קומט אַהער, קומט אַלע אַהער.

פרעגט זיך: צי קענען יידן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער אָפּ־קומען מיט אַזאַ לייכטער לייזונג? פינף מיליאָן יידן אין אַמעריקע וועלן זיך נישט אַריבערפּעקלען קיין ישראל, לכל הפּחות נישט אין אונדזערע יאָרן. די הונדערטער טויזנטער יידן פון אַרגענטינע וועלן זיך נישט אין עטלעכע יאָר אַרויסרייסן פון זייערע היימען און זיך באַזעצן אין דער יידישער מדינה. פאַר זיי, די יידן מחוץ פון ישראל, קלינגט דער לייכטער ענטפער אַמאָל שוין צו לייכט. אין אים איז דאָ גרינגשעצונג צו יידן, וואָס וואוינען נישט אין ישראל.

דאָס איז אָבער נישט דער גאַנצער עיקר, נאָר דער פּסיכישער איינשטעל צום גלות. דאָס גערעאַנגל פאַר קיום איז ביי מיר דאָס הייליקסטע און דאָס שענסטע וואָס יידן האָבן געשאַפן אין גלות. איך האַלט דאָס קיום־גערעאַנגל בפירוש פאַר אַ גרויסער יידישער שאַפונג, אַן אייגנאַרטיקער, אַ דורכאויס־יידישער. קיין איין פאָלק אין דער וועלט האָט נישט אַזאַ שאַפונג, קיין איין פאָלק אין דער וועלט האָט נישט פאַרמאָגט אַזאַ קאָלעקטיוון ווילן פאַר קיום און אַזאַ קרבנותדיקייט ביים יחיד פאַרן קיום פון כלל.

דער יונגער ייד אין ישראל וויל דאָס נישט פאַרשטיין, ער קען דאָס נישט פאַרשטיין, ער מאַכט אַוועק מיט דער האַנט דעם קיום ווי אַ נאָכשלע־פּעניש פון גלות. בעט איך זיך ביי עטלעכע יוגנטלעכע: לאָזט מיך מיט מיין ליבשאַפט צום גלות. איר מעגט מיר גלייבן, אַז דאָס מינערט נישט אויף אַ האָר די ליבשאַפט מיינע צום לאַנד, צו דער יידישער ערד, צום יידישן הימל. פאַרקערט, איך האַלט אַז די ליבשאַפט צום גלות, — צו די אוצרות וואָס זענען אין אים געשאַפן געוואָרן, — איז נאָך מוסיף צו דער לאַנד־ליב־שאַפט, וואָס אַ ייד ווי איך פאַרמאָגט.

די עטלעכע יונגע יידן האָבן אַלע איין ענטפער: די געשיכטע האָט אייך פאַרמשפּט. נו, איך האָב בכלל קיין חשק נישט צו לעבן געשיכטלעך־אויסגערעכנט. אַ לעבעדיקער מענטש האָט נישט קיין טבע צו לעבן געשיכטע, ער לעבט לעבן. וואָס די געשיכטע וועט ווייטער מיט מיר טאָן, איז עס איר עסק, איך אָבער לעב מיט מיינע אייגענע סענטימענטן, מיט מיינע אייגענע שטימונגען, מיט די געדאַנקען, — אַפילו קרומע, — וואָס זענען מיינע, ווי מיין בלוט.

קינדערלעך, האָב איך זיי געזאָגט, איר זענט טייערע בחורים, איר האָט געשאַפן ניסים פאַר אונדזערע אויגן, איר האָט אפשר אַ דריי־געטאָן די געשיכטע אונדזערע, אָבער רייסט נישט אָפּ איין טייל פאָלק פון אַנדערן.

מיר האָבן אַלעמאָל געלעבט מיטן געדאַנק, אַז אַ ייד איז אַ טייל פון זיין פאָלק, וואו ער זאָל נישט זיין און וואו ער זאָל נישט לעבן. מיר האָבן געלעבט אויף כלערליי ערדן, אָבער אונטער איין יידישן הימל. לאָזט אונדז דעם דאָזיקן הימל. אָן דעם יידישן וועלט־הימל וועלן מיר ווערן זייער קליין, ישראל אַליין וועט פאַרשמעלערט ווערן, יידישקייט וועט איינשרומפּן, לאַנד וועט ווערן נישט מער ווי לאַנד.

ס׳איז זיך שווער אויסצומאָלן וואָס פאַר אַ מין פאָלק אין ישראל וועט זיך אַנטוויקלען. דערווייל דאָמינירט דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד, וואָס איז געקומען אין לאַנד אי דער ערשטער, אי מיט אַ רייכער קולטור. אָבער פון איין זייט שאַפט זיך פון דער יוגנט אַ נייער טיפּ ייד און פון דער צווייטער זייט הייבט־אָן אַריבערצואוואַקסן די צאָל אָריענטאַלישע עולים איבער דער צאָל מזרח־אייראָפּעאישע. איר הייבט שוין איצט אָן צו זען מער און מער אָריענטאַלישע יידישע פּנימער סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף. ס׳איז דערפאַר אומפאַרמיידלעך אַז דער מזרח־ייד, דער עיקר פון די אַראַבישע לענדער, זאָל מיט דער צייט האָבן אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף דער פאָלק־אַנטוויקלונג פון ישראל. ער מוז פאַרנעמען זיין אָרט, ער מוז אויך אַרויפלייגן זיין חותם אויפן יידן, וואָס שטאַמט פון מזרח־אייראָפּע. איצט איז נאָך דער אָריענטאַלישער ייד צוריקגעשטאַנען לגבי דעם מזרח־אייראָ־פּעאישן, ער איז נאָך אויך ווייניקער אין צאָל, אָבער ער מערט זיך סיי מיט דער גרעסערער צאָל עולים און סיי מיט די גרעסערע משפּחות, וואָס זענען אָנגענומען ביי יידן אין מזרח. אַוודאי וועט דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויפן אָריענטאַלישן, אָבער אין דעם אויסמיש־פּראָצעס וועט אָן ספק דער אָריענטאַליזם אויפמאַנען אַ גאַר־גרויסן חלק פאַר זיך, פאַר זיינע מנהגים, פאַר זיין געמיט.

דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן אַז אַפילו אויב ישראל האָט איצטער אַ קליינע אַראַבישע באַפעלקערונג, איז דאָס לאַנד נאָך אַלץ אַ קליין אינדזל אין דעם גרויסן אַראַבישן ים. דער אָריענטאַליזם נעמט זיך בכלל אָן אַ סך גיכער, ווי דער אייראָפּעאיזם, ווייל דער אָריענטאַליזם פאַרמאָגט אין זיך דעקאָראַטיווע פאַרביקייט, ער איז פּרימיטיוו־אויסדרוקספולער, ער איז גע־מיטלעך. אין דעם אייראָפּעאישן יידן, אַפילו אָן דער ווירקונג פון די אַראַ־בער און די מזרח־יידן, רופט זיך אָפּ דער אָריענטאַליזם, אַז ער קומט אין באַריר מיטן לאַנד. ער דערמאָנט זיך אין אונטערבאַוואוסטזיין זיינעם די אַלע מידות פון זיין מזרחדיקן לאַנד, די גאַנגען פון דעם אָריענט, וואָס זענען דער כאַראַקטער־שטריך פון זיינע אָבות, קערן זיך אום צו אים.

סימנים פון אָריענטאַליזם זעט איר אומעטום. דער סאַברע איז אי אייראָ־פּעאיש, אי אָריענטאַליש. ער רעדט פוילבלעך־צעצויגן, ווי דער אַראַבער, אַז ער דאַרף אויף עפּעס זאָגן „ניין״, גיט ער, ווי דער אַראַבער, אַ קנאַק מיט דער צונג, ער זינגט אַראַביש, טאַנצט אַראַביש.

אין מירון, ביי דער ל״ג־בעומר הילולא אויף ר׳ שמעון בר יוחאיס קבר, האָט זיך אויסגעמישט די אָריענטאַלישע יידישע יוגנט מיט דער אשכנזישער. אַ יונגער ייד פון באַגדאַד האָט געטאַנצט אַ דבֿקע, קוים וואָס ער האָט באַ־וועגט די גלידער, אויפן פּנים איז געווען דער אויסדרוק פון שמייכל און תאווה. אַקעגן אים האָט געטאַנצט אונדזערס אַ ייִנגל און אַ מיטליאָריקער אשכנזישער ייד, — מסתמא פון פּוילן, אָדער ליטע. אַן עלטערער תימנער האָט צוגעפּויקט מאַנאָטאָן אויף אַ פּייקל, ספרדישע פרויען האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט. איר האָט געזען אַז דער מזרח האָט דאָ געהאַט די איבערהאַנט, דער אייראָפּעאישער ייד איז געוואָרן אַן אָריענטאַל. אַפילו די חסידישע טענץ פאַרן אַלטן ספר־תורה, וואָס מ׳האָט געבראַכט פון צפת, זענען געווען מער אָריענטאַלישע, ווי די טראַדיציאָנעלע טענץ, וואָס מיר האָבן געקענט פון די חסידישע שטעטלעך. נישט קיין טענץ פון התפשטות הנפש, נאָר גע־צוימטע, תאווהדיקע טענץ.

די גאַנצע הילולא, מיט די איבער דרייסיק טויזנט יידן פון אַלע ווינק־לען לאַנד, איז געווען פול מיט אָריענטאַליזם. די הדלקה אַליין שמעקט מיט אָריענטאַליזם, רופט אַרויס מזרחדיקע אַסאָציאַציעס. דער פּאַקל־מאַרש, וואָס האָט זיך געצויגן ווייט פון די בערג, איז געווען גראַנדיעז־אָריענטאַליש. דער טיף־בלויער הימל, די שאָטנדיקע בערג, די אָטעמענדיקע שטילקייט, — די נאַטור איז אַ מזרחדיקע און דער יידישער מענטש, אַפילו אַן אַ צונויפמיש מיט יידן פון אַראַבישע לענדער און אָן דער אַראַבישער שכנהשאַפט, ווערט אין סאַמע תוך זיינעם אַנדערש.

איר זעט אַז אַ נייער טיפּ ייד שאַפט זיך אין ישראל. איר קענט נישט וויסן וואָס פון אים וועט זיך אויסקאָכן, אָבער איר ווייסט, אַז ער וועט זיין אַנדערש. פון איין זייט דער נאָכגאַנג נאָך אייראָפּע און פון דער אַנדערער זייט די נאַטירלעכע ווירקונג פון דעם מזרח. אָט דער פּראָצעס, אינאיינעם מיט דער פאַרשאַרפטער פּסיכיק אויף לאַנד און מדינה, ענדערן פולשטענדיק דעם באַגריף, אָדער די אילוזיע, וואָס מיר האָבן געהאַט וועגן דעם צונויפ־בונד צווישן דער יידישער מדינה און די יידן איבער דער וועלט. איך בין זיך מודה, אַז ס׳איז מיך באַפאַלן אַ פּחד פון דעם געדאַנק, אַז נישט נאָר שפּראַך, נאָר אויך מנהגים, געמיט און פּסיכיק טיילן אונדז אָפּ.

די איצטיקע פירער, — סיי די מלוכהדיקע און סיי די געזעלשאַפט־לעכע, — זענען אין דעם רובֿ זייערן צונויפגעבונדן מיט יידן איבער דער וועלט. דאָס פּנים פון דעם לאַנד שאַפן אָבער נישט זיי, נאָר דער יונגער דור, פאַקטאָרן זענען דאָ, וואָס זענען שטאַרקער ווי אידייע, וואָס זענען להיפּוך דער אידייע. דער טראַגישסטער פאַקטאָר איז דער אונטערגאַנג פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, די יידישע מדינה האָט אָנגעוווירן דעם גרויסן, שאַפנדיקן מענטשן־רעזערוואואַר, דעם יידן פון פּוילן, פון ליטע, בעסאַראַביע. די פירער טראָגן אָבער אויף זיך אַ גרויסע שולד דערמיט, וואָס זייער

איינשטעל איז געווען אויפצוברענגען אַ דור, וואָס זאָל אינגאַנצן זיין אויסגע־טאָן פון גלות, — סיי מיט דער שפּראַך, סיי מיט דער פּסיכיק.

צוליב דעם וואָס די יוגנט אין ישראל האָט אַזוי העראָיש געקעמפט קעגן שונא, האָט זיך געשאַפן ממש אַ פאַרגעטערונג פאַרן סאַברע. איר הערט אומעטום: אוי איז דאָס אַ סאַברעלע, אַלע ביינדעלעך דאַרף מען אים אויס־קושן. איר הערט אויך: ווי געפעלן אייך אונדזערע שקצימלעך? זאָגן זאָגט מען עס מיט געלעכטער, מיט הנאה, אָבער צו דער אייגענער צייט האָט איר די שפּירונג, אַז דער זאָג שמעקט מיט דער פערטל־אינטעליגענץ פון דעם קליינשטעטלדיקן גימנאַזיסט, וואָס האָט זיך באַרימט אַז ער קוקט נישט אויס ווי אַ ייד. אומעטום דערציילט מען אייך, ווי דער שטעכיקער, חוצפהדי־קער סאַברע האָט מקריב געווען דאָס לעבן זיינס, ווי ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין שום סכנות, ווי ער האָט די מלחמה געפירט סטיכיש־קלוג.

אויפן סאַברע וועט זיך די יידישע מדינה ווייטער אָנשפּאַרן, וואָרים קיינער לייגט זיך נישט קיין פייגעלעך אין בוזעם, אַז די אַראַבישע לענדער האָבן שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק וואָס אונטער זייער נאָז איז אויפ־געקומען אַ יידישע מדינה. דער סאַברע איז דער עיקר אָנשפּאַר פון דער יידישער מדינה דערפאַר וואָס ער איז געוואַקסן אין לאַנד, דערפאַר וואָס ער קען דעם אַראַבער און דערפאַר אויך וואָס ער איז היימיש אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. דער סאַברע איז דער דאָס שיינדל פון דער יידישער מדינה, פון אים רעדט מען מיט אַזאַ ליבשאַפט, וואָס איר הערט עס נישט אין קיין שום אַנדער לאַנד. ס׳איז אַ פאַטעטישע, אַפילו טראַגישע ליבשאַפט, צו דער יוגנט.

איך האָב געטראָפן סאַברעס, וואָס זענען געווען אין אייראָפּע צו ראַ־טעווען יידן, וואָס האָבן זיך ממש מקריב געווען פאַר יידן אין די דייטשע לאַגערן, זיי האָבן זיך אַפילו אויסגעלערנט יידיש, אָבער דאָס אַלץ האָט זייער פּסיכיק נישט געביטן. מיר איז עס געווען אומפאַרשטענדלעך, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער צונויפטרעף מיט אַזויפיל אומגליקלעכע יידן און די נאָענט־שאַפט צו דעם גורל זייערן האָט געדאַרפט אַרויסרופן ביי די דאָזיקע סאַברעס אַ צונויפבונד מיט יידן איבער דער וועלט. האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז אינס מיטן אַנדערן האָט נישט קיין שייכות: זיי האָבן געראַטעוועט יידן, כדי זיי צו ברענגען קיין ארץ־ישראל, זיי האָבן געפירט מעפּילים, ווייל דאָס איז געווען קאַמף קעגן ענגלאַנד, אָבער יידן, וואָס בלייבן אין זייערע וואוינלענדער זענען זיי פרעמד, זיי האָבן נישט מיט יענע יידן קיין שום פאַרבינדונג. ס׳איז נישטאָ און ס׳קען נישט זיין קיין פאַרבינדונג מיט יידן אין גלות.

ביסלעכוויז קריסטאַליזירט זיך אויס אַ פּסיכאָלאָגיע פון ישראלים, וואָס יידן איבער דער וועלט זענען פאַר זיי דאָס הינטערלאַנד. אָט דער צו־גאַנג איז שוין צווישן די מער אידעאַליסטישע יוגנטלעכע, דער רוב וויל אַפילו קיין הינטערלאַנד אויך נישט. ביי דער טייל וואָס אָנערקענען דאָס יידישע הינטערלאַנד קומט אויס, אַז יידן מחוץ ישראל דאַרפן צושטעלן

מענטשן פאַרן לאַנד, דאַרפן זיין דער רעזערוואואַר פאַר מדינת ישראל, אָבער נישט מער, קיין אייגן נאַציאָנאַל לעבן וועלן זיי נישט האָבן און קענען נישט האָבן. די אַנדערע, וואָס זענען אידעאָלאָגיש נענטער צו די „כנענים", איז אַפילו אָט דער דינער צונויפבונד אויך נישטאָ. די „כנענים" זענען ווייניק אין צאָל, אָבער זייער אידעאָלאָגיע איז פאַרשפּרייט אַ סך מער ווי זייער באַוועגונג. די „כנענים" האַלטן, אַז זיי האָבן נישט קיין שייכות מיט די איצטיקע יידן, זייער שורש איז אין אַלטן יידנטום, אין דעם תנ"כישן, אפשר נאָך פריער, אין די יידן וואָס זיינען נאָר־וואָס אַריינגעקומען אין דעם לאַנד כנען.

די אידעאָלאָגיע זייערע האָט זיך נישט אָנגענומען, די יוגנט לעבט נישט כנעניש, איז נישט כנעניש אין געמיט, אָבער אין דער אידעאָגאָליע זענען די סאַבּרעס אָפּגעפרעמדט פון יידן איבער דער וועלט. אַ יונגן העברעאישן שרייבער האָב איך געפרעגט פאַרוואָס ער שרייבט נישט עפּעס פון אַלטן יידישקייט, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער שרייבט איצטער אַ היסטאָרישן ראָמאַן. פון וואָסער צייט? האָב איך ווייטער געוואָלט וויסן. פון דער שופטים־צייט, זאָגט ער. פאַרוואָס נישט פון דער נענטערער צייט? ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן: וואָס, דאָס איז ביי אייך יידישע געשיכטע? ביי מיר נישט.

דער יונגער ייד פילט יאָ אַ צונויפבונד, אָבער מיט דער אוראַלטער יידישער געשיכטע, נישט מיט דער יידישער געשיכטע פון נאָכן חורבן, די צוויי טויזנט יאָר זענען פאַר אים כמעט אַ ליידיק בלאַט, אַז ס'איז יאָ עפּעס פאַרשריבן, וויל ער עס נישט לייענען.

אין אַ מסיבה פון שרייבער האָב איך אַרויסגעזאָגט די אַלע ספקותן, וואָס זענען מיר געלעגן אויפן האַרצן. זיי זענען געווען אַביסל אומרואיק, זיי האָבן מיך געפרעגט: איז דאָס דער גרוס, וואָס איר וועט אָפּגעבן אין אַמעריקע? זיי, די רייפע העברעאישע שרייבער, וואָס זעען דעם אמת, ווילן פאָרט נישט, אַז דער גרוס צו יידן מחוץ ישראל, זאָל זיין אַ ספקותדיקער, זיי גלייבן, אַז מיט דער צייט וועט זיך אַלץ ענדערן, אַז די יידישע מדינה וועט זיך שטעלן אויף די פיס און פאַרקערעווען דעם יונגן דור אויף אַן אַנדער וועג, אויף אַ מער יידישן.

ניין, האָב איך זיי געזאָגט, דער גרוס מיינער וועט נישט זיין אַזאַ טרויעריקער, וואָרים איך אַליין גלייב אַז פון ארץ־ישראל מוז אַרויסקומען ליבשאַפט צום גאַנצן פאָלק. איך קען זיך נישט אויסמאָלן אַז די יידישע טייל פאָלק, וואָס לעבט אין לאַנד, זאָל נישט זיין צונויפגעבונדן מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה מיט יידן אין אַנדערע לענדער. די איינקייט פון דעם יידישן פאָלק איז נישט נאָר אַן אידייע, זי איז אַ געבאָט, וואָס יידן האָבן נאָך גענומען אויף זיך ביים באַרג סיני און פון דעם געבאָט קען די יידישע מדינה נישט אָפּטרעטן, אַפילו אַז זי פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל, אָדער קערט זיך אָפּ פון דעם.

און ווידער, וואָס איז שייך יידן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, דאַכט זיך מיר, אַז מיר וועלן זיך דאַרפן אויף אייך אַרויפוואַרפן, אַרויפצווינגען אויף אייך צובונד צו אונדז. פון מדינת ישראל וועט קומען צו אונדז דער פרישער ווינט פון אַן אויפגעלעבט יידיש פאָלק און פון אַ באַנייטער יידישער קולטור. מיר וועלן זיך ווייטער קלאַמערן אין קיום און, ביז דער טאָג וועט קומען פון פולשטענדיקן קיבוץ גלויות, וועלן מיר זיך ראַנגלען אַז קיין איין ייד זאָל אונדז נישט פאַרלוירן ווערן. דאָס דאָזיקע געראַנגל וועט לער־נען די יידן אין דער יידישער מדינה, אַז מיט ישראלים קומט מען נאָך נישט אָפּ דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, אַז יידן איבער דער וועלט זענען אַ טייל פון דער דאָזיקער גאַנצקייט, וואָרים זיי האָבן אויך פאַרשניטן דעם אייביקן בונד מיטן רבונו של עולם און ראַנגלען זיך דעם בונד נישט איבערצורייסן.

.1949

דער מעקסיקאַנער קויש

בעת דוד בן־גוריון איז סוף ווינטער תשי״א געווען אין אַמעריקע, האָט ער זיך געדאַרפט צונויפטרעפן מיט אַ דעלעגאַציע פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. אַזיווי אָבער בן־גוריון איז דאָ געווען פאַרנומען מיט צענדליקער אַנדערע דעלעגאַציעס און דער אָפּגערעדטער צונויפטרעף איז ביי אים, ווייזט אויס, נישט געווען פון די סאַמע וויכטיקסטע, האָט אים דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום. אין זיין ענטפער, וואָס דוד בן־גוריון האָט אַרויסגעשיקט פון ירושלים כ״א בסיון, תשי״א, שרייבט ער:

„תורה שבכתב איז אַלעמאָל שווערער און ענגער ווי תורה שבעל־פה, און דאָס וואָס מיר וואָלטן זיך געקענט דורכרעדן, איז כמעט אוממעגלעך צו טאָן שריפטלעך. איך וועל זיך דעריבער מסתפק זיין מיט עטלעכע באַמער־קונגען צו אייער מעמאָראַנדום״.

אַזיווי בן־גוריון האָט אין זיין „תורה שבכתב״ אָנגערירט עטלעכע גרונט־פונקטן, וואָס זענען שכיח נישט אויף אים אַליין, נאָר אויף דעם רוב אין דער יידישער מדינה, וויל איך דאָ פּרוּוון אָפּווענדן דעם געדאַנקענגאַנג זיינעם.

אין מעקסיקע־סיטי, וואו איך בין געווען אין שליחות פונעם אַלוועלט־לעכן יידישער קולטור־קאָנגרעס, האָט איינער פון די גאָר וואוילע יידן גע־האַלטן אַ גאָר וואוילע דרשה, פול מיט וואוילקענעוודיקייט און וואוילקלינ־געוודיקייט. ער האָט קודם גערעדט מיט גרויס התלהבות פאַר יידיש און דער יידישער ליטעראַטור, נאָר פאַרענדיקט האָט ער: נאָר ביז די טויערן פון ארץ־ישראל. ביי די טויערן פון ארץ־ישראל וואַרפט ער אַוועק דאָס יידישע לשון, די יידישע ליטעראַטור, דעם גאַנצן קאָמפּלעקס יידיש־קולטור.

בעת דער נעמלעכער וואוילער ייד האָט גערעדט, האָב איך זיך אויס־געמאָלט ווי ער טראָגט מיט זיך אַ שיין־געפלאָכטענעם מעקסיקאַנער קויש, אָנגעפּאַקט מיט יידיש־אוצרות, ביז ער דערשלעפּט זיך צו די טויערן פון ארץ־ישראל. אַז ער דערזעט די ווילוזאַרישע טויערן, גיט ער אַ כאַפּ דעם קויש און פליוך, — אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. דאָס וואַסער צעבולבעט זיך אויף עטלעכע מינוט, קרייזלעך דרייען זיך מיט ציטערדיקן שוים, דער קויש זינקט אַרונטער, די קרייזעלעך פאַרשווינדן, דאָס וואַסער בלייבט ווידער רואיק־צערינצלט, נאָר אין דער טיפעניש, אויפן אָפּגרונט פון ים, רוט דער קויש יידיש־אוצרות, וואָס דער ייד האָט מיט זיך מיטגעטראָגן אַזש פון מעקסיקע, — פון נאָך ווייטער אין מרחק און נאָך גרויער אין צייט: פון

פוילן און פון הונדערטער יאָרן יידיש לעבן, שאַפן, גייסטיקער ענערגיע, פאָלקס־עקשנות.

איינס פון דיביידע, האָב איך געטראַכט, אָדער דער קויש דעם יידנס איז אַ ליידיקער, אָדער דער ייד אַליין הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין, אַז ביי די טויערן פון אַ לאַנד, אַפילו אַן אייגן לאַנד, וואַרפט מען נישט אַריין אין ים דעם גייסטיקן אוצר, וואָס מען האָט דורכגעטראָגן דורך אַזויפיל לענדער, אַזויפיל דורות, אַזויפיל עינוים. דער גייסטיקער אוצר, וואָס האָט זיך ביי דיר אָנגעזאַמלט אין משך פון דורות, איז נישט קיין מעקסיקאַנער קויש, ער איז נישט קיין דרויסנדיק געפעק, וואָס דו טראָגסט מיט זיך, נאָר אַן אַריינגעוואַקסענע ירושה, וואָס דו טראָגסט אין זיך. ס'איז נישט אַזוי פשוט, ווי צוצוקומען צו די טויערן פון ארץ־ישראל און זיך איבערטאָן, כדי אַריינצוקומען אין לאַנד אין אַנדערע מלבושים.

סוף חודש ניסן, תש"ט, בין איך אָנגעקומען קיין ישראל און באַלד, טאָקע דעם ערשטן טאָג, בין איך געגאַנגען אין דער כנסת, וואָס איז נאָך דאַמאָלסט געווען אין תל־אביב, אויפן ברעג ים, ממש ביי די טויערן פון ארץ־ישראל. אין די קולואַרן פון דעם יידישן פאַרלאַמענט האָב איך באַגעגנט אַ סך פריינט און באַקאַנטע, אַ סך היימישקייט און וואַרעמקייט. אַז דער ראש הממשלה, דוד בן־גוריון, איז אַרויסגעקומען, האָב איך דערפילט ווי אַ ציטער איז מיר דורכגעגאַנגען איבערן גאַנצן געביין מיינעם. איך בין געבליבן שטיין פונוויטנס, נישט געוואוסט צי איך זאָל צוגיין צו אים, צי נישט. ער, בן־גוריון, איז צוגעגאַנגען צו מיר, מיט דער איילעוודיקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, מיטן דינעם שמייכל, —

„אָ, שלום. איר ווילט נאָך אַלץ יידיש?"

איך בין זיך מודה, אַז בשעת מעשה האָב איך נישט געטראַכט פון יידיש, אַלע אין די קולואַרן פון דער כנסת האָבן מיט מיר גערעדט יידיש, — דעפּוטאַטן, שרייבער, מיניסטאָרן. פון בן־גוריונס זאָג ביי דער ערשטער באַגעגעניש בין איך געבליבן צעטומלט, כ'האָב אַ מורמל־געטאָן: דאַכט זיך, אַז איך וויל נאָך יידיש, — נאָר דערנאָך, אַז בן־גוריון האָט אָפּגעכאַפּט אַ גלאָז טיי און איז צוריק אַריין אין כנסת, האָט זיך אין מיר אויסגעהאַמערט אַן אַנדער ענטפער:

„וואָס־זשע, סע געוועגדט זיך נאָר אין דעם, צי איך וויל יידיש? וואָס בין איך עפּעס פאַר אַ וועלער? דער געשיכטלעכער גאַנג פון אונדזער פאָלק האָט געוואָלט יידיש. דער שאַפערישער פאָלקס־גייסט אונדזערער האָט געוואָלט יידיש. דער טרויער און די פרייד פון אונדזער לעבן, — זיי האָבן געוואָלט יידיש. נביח, אַז איך זאָל נישט וועגן קיין יידיש, וועט דען יידיש אַליין וועלן אויפהערן צו זיין יידיש? נאָך אייך, טייערער ראש הממשלה, קומט אויס, אַז ביי מיר, און אַזעלכע ווי איך, איז יידיש אַ קאַפּריז, מיר זענען צעבאַלעוועטע

גבירישע קינדער, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז רק זיי ווילן דאָס מאַר־צעפּאַנעדיקע מאכל יידיש. סע איז נישט וואָס איך וויל יידיש, נאָר וואָס יידיש וויל מיך, אָדער וואָס מיר ווילן זיך איינס דאָס אַנדערע".

די דרשה מיינע האָב איך פאַר בן־גוריונען נישט געהאַלטן, ער איז שוין אין די קולוארן נישט געווען, ער איז שוין געזעסן אינעווייניק אין דער כנסת, אַריינגעטאָן אין די פּראָבלעמען פון דער יונגער יידישער מדינה. אַז איך האָב איבערגעלייענט בן־גוריונס ענטפער אויפן מעמאָראַנדום פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, האָט זיך מיר אין געדאַנק צונויפ־געבונדן די דרשה פונעם וואוילן יידן אין מעקסיקע מיטן ראש הממשלהס זאָג צו מיר אין די כנסת־קולואַרן. אויבנאויף האָבן זיי, דאַכט זיך, אַ ווייטע שייכות,אָבער אין סאַמע תוך פאַרמאָגן זיי אַ גאַר־נאָנטע קרובהשאַפט. די נאָנטשאַפט דריקט זיך אויס אין דעם לייכטן געמיט בנוגע דעם יידיש־לשון, אין דעם געמיט פון מפקיר זיין.

בעת בן־גוריון איז „מיטן גאַנצן האַרצן מסכים" מיטן קולטור־קאָנגרעס, אַז „יידישע דערציאונג אומעטום דאַרף האָבן פאַר איר יסוד די יידישע גע־שיכטע און די יידישע שאַפונג פון אַלע צייטן און אַלע דורות", האַלט ער אָבער אַז ס'איז נישטאָ „קיין גרונט דאַפיר (פאַר דעם) אַז יעדער ייד זאָל קענען יידיש". כאָטש דער מעמאָראַנדום פון קולטור־קאָנגרעס האָט נישט גערעדט דערפון, אַז יעדער ייד דאַרף קענען יידיש, איז אָבער כדאי זיך אָראָפּצונעמען אַ מוסר השכל פון אונדזער טראַדיציע, וואָס האָט קולטור־אוצרות אָפּגעשאַצט אַ סך מער, ווי מיר, די היינטוועלטיקע. די אַראַמיש־עפּאָכע האָט אין אונדזער געשיכטע געדויערט נישט לענגער ווי די יידיש־עפּאָכע, אָבער דאָס טראַדיציאָנעלע יידישקייט האָט פאַרשטאַנען אַז אינעם דאָזיקן לשון זענען געשאַפן געוואָרן אַזעלכע גרויסע יידיש־גייסטיקע ווערטן, אַז דערמיט איז דאָס לשון פאַרהייליקט געוואָרן. דעם תלמוד האָט דער ייד געדאַרפט לערנען אויף אַראַמיש. מעביר־זיין די סדרה האָט ער געדאַרפט שנים מקרא ואחד תרגום, אָן אַ צאָל תפלות אויף אַראַמיש האָט ער אַריינגע־נומען סיי אין סידור און סיי אין מחזור. יעדער ייד, וואָס איז נישט געווען אַ צו גרויסער עם־הארץ, האָט זיך געפילט היימיש אין אַראַמיש נישט ווייניקער ווי אין העברעאיש. אַז דער נביא דניאל האָט פון זיינע זעאונגען דערציילט אין אַראַמיש, זענען זיי אַריין אין תנ"ך ווי זיי שטייען און גייען, וואָרים יידן האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר שאַפנדיקן גייסט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן אַנדער שפּראַך, נישט אין דער היסטאָריש־יידישער.

אַראַמיש איז אויך געווען די שפּראַך נאָר פון אַ טייל יידן, אָבער נישט מיט די כמות האָט זיך יידישקייט גערעכנט, ווי אַז „יידישע שאַפונגען אין יידיש זענען אַן אָרגאַנישער טייל פון יידישן גייסטיקן אוצר, ווי יוסף בן מתתיהוס געשיכטע־ביכער, פילאָנס פילאָזאָפיש־עקזעגעטישע ווערק, סעדיהס

און רמב"מס מיטעלאַלטערלעכע פילאָזאָפיע אין אַראַביש". דער פועל יוצא אָבער, וואָס בן־גוריון דרינגט דערפון, וואַרפט־אום די אָנערקענונג פאַר יידיש, וואָס מיט איר הייבט ער אָן. אויסקומען קומט אויס, אַז די „יידישע שאַפונגען אין יידיש" זענען טאַקע „אַן אָרגאַנישער טייל פון יידישן גייסטיקן אוצר", אָבער קיין תקומה אין יידיש טאָרן זיי נישט האָבן, בפרט אין דער יידישער מדינה.

פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס „אַ גרויסע צאָל יידן אין אונדזער צייט, און אין פאַרשידענע לענדער, האָבן קיינמאָל נישט גערעדט קיין יידיש". און בן־גוריון וויל זיי נישט „אויסמעקן פונעם בוך, וואָס הייסט יידן". איז קודם, ווער וויל עפּעס אויסמעקן יידן? זאָלן זיי זיין געזונט און שטאַרק, די נישט־יידיש־רעדנדיקע עולים, זאָלן זיי זיך פּרוכפּערן און מערן אין מדינת ישראל, אַריינוואַקסן אין לאַנד סיי בירגערלעך, סיי גייסטיק. אָבער צווישן אַט די אַלע צענדליקער טויזנטער יידן, פון כלערליי לשונות, איז נישטאָ קיין איינער, וואָס איז געקומען אין לאַנד־אַריין מיט אַ דראַנג צו שאַפן אויף זיין אייגענער, באַזונדערער שפּראַך. יידיש־יידן שאַפן אויף יידיש אין ישראל, און נישט נאָר עלטערע, עטאַבלירטע שרייבער, נאָר יונגע, וואָס פּיקן זיך ערשט אַרויס, וואָס הייבן ערשט אָן צו שטעלן די ערשטע שרייבע־רישע טריט. אויב מיר זאָרגן זיך פאַר אונדזער גייסטיקן אוצר, — און בן־גוריון איז נישט פון די לעצטע צו טראָגן די דאָזיקע זאָרג, — דאַרפן מיר אַ טראַכט־טאָן, צי באַגייען מיר נישט אַ נאַציאָנאַלע זינד, אַז מיר שניידן אונטער זיינע יונגע פליגל מיט מלוכהדיקע גזירות און געזעלשאַפטלעכער איזאָלאַציע.

בן־גוריון פרעגט: „צווינגען זיי (די אַלע נישט־יידיש יידן) צו לערנען יידיש?" ווער טראַכט אַפילו פון צווינגען די אַראַבישע יידן, די טערקישע יידן, אָדער בוכאַרער יידן, אַז זיי זאָלן זיך לערנען יידיש? דער יידיש־קולטור איז בכלל פרעמד דער באַגריף צווינגען. די גרויסקייט פון יידיש איז אין נישט צווינגען, נישט דורך צוואַנג האָט זיך די יידיש־קולטור געשאַפן, נאָר דורכן פרייען יידישן גייסט. אין זיין גאַנצן טראַגיש־ליכטיקן גאַנג האָט יידיש נישט פאַרמאָגט דעם כח צו צווינגען, אַ פרייער, געשיכטלעך־גייסטי־קער כח האָט געשאַפן יידיש, די „יידישע שאַפונגען אין יידיש (וואָס) זענען אַן אָרגאַנישער טייל פון גייסטיקן יידישן אוצר", זענען געשאַפן געוואָרן אַ סך מאָל אונטער אַ פאַרקערטן צוואַנג, — פון קעגנערשאַפט, פון ביטול, פון פאַרבאָט אַפילו, פון אָפענער שנאה צום פאָלקס־לשון.

געבענטשט איז יידיש וואָס האָט נישט קיין כח צו צווינגען, געבענטשט דערמיט, וואָס דער איינציקער כח זיינער איז דער מאָראַליש־שעפערישער. יידיש וויל נישט צווינגען, יידיש ווערט באַצוואונגען און טאַקע דערפון רעדט זיך עס דער עיקר: אין דער יידישער מדינה זאָל מען יידיש נישט

באַצווינגען. אין דער יידישער מדינה זאָל דער ייד, וואָס קומט אַהין מיט זיין אייגענעם גייסטיקן אוצר, נישט בלייבן שטום, נישט פאַרווילדעוועט ווערן נאָר דערפאַר, וואָס סיי מלוכהדיק און סיי געזעלשאַפטלעך באַצווינגט מען דאָס לשון זיינס.

דער ענין איז אָבער אַ סך טיפער און טראַגישער, ווי נאָר שטומקייט פאַר יידיש־יידן. בן־גוריון, ווי איך האָב שוין פריער ציטירט, פאַרגלייכט דעם יידיש־גייסטיקן אוצר צו די ווערק פון יוסף בן מתתיהו, פילון האַלכסנדרוני, סעדיה גאון, רמב״ם. די ערשטע צוויי האָבן געשריבן אין גריכיש, די לעצטע צוויי — אין אַראַביש, אַז מען האָט זיי איבערגעזעצט אויף העברעאיש, זענען זיי אַריין אין יידישן גייסטיקן אוצר. דערפון דרינגט ער, אַז די גייסטיקע ווערטן אין יידיש וועלן אויך מגולגל ווערן אין העברעאיש און וועלן דאָרטן האָבן אַ תיקון, ווי די יידישע ווערק אין גריכיש, אָדער אַראַביש.

גריכיש און אַראַביש האָבן יידן גערעדט, אָבער קיין יידישע שפּראַכן זענען זיי נישט געווען. דער יידישער געדאַנק האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין יענע שפּראַכן, אָבער נישט דאָס יידישע האַרץ. נישט דעם יוסיפּוס געשיכטע־ביכער און נישט פילונס פילאָזאָפישע ווערק האָבן געווירקט אויף דער געשטאַלטונג פונעם יידישן לעבן אין די גלות־לענדער. סעדיה גאון און דער רמב״ם האָבן געלייגט זייער חותם אויפן יידישן געדאַנק מיט זייערע העברעאישע ווערק, נישט מיט די אַראַבישע. די אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף אונדזער לעבן אין גלות האָט געהאַט דער תלמוד, וואָס איז געשריבן אויף אַראַמיש, — אַ בפירוש יידישע שפּראַך. בן־גוריון האָט אַראַמיש נישט דערמאָנט, מסתמא האָט ער עס געטאָן בשוגג, אָבער דער פאַרגלייך צווישן אַראַמיש און יידיש ליגט ממש אויף דער האַנט, וואָרים סיי אַראַמיש און סיי יידיש זענען נישט סתם שפּראַכן ביי יידן, נאָר גאַנצע יידישע וועלטן, געשיכטלעכער גאַנג אונדזערער.

וואָס איז שייך יידיש, איז אין טיפערן היסטאָרישן זין נישט די שפּראַך אַליין דער עיקר, נאָר די טויזנט יאָר יידשע געשיכטע אונדזערע, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין יידיש. אמת, „יידיש איז אַ שפּראַך פון אַ טייל יידן און אַ טייל פון אונדזער געשיכטע״, אָבער די טייל יידן און די טייל פון אונדזער געשיכטע זענען די נאָענטסטע צו אונדז, מיר זענען אַרויסגעוואַקסן פון זיי, מיר האָבן די גאַנצע געשיכטע אונדזערע אויפגענומען מיט דער פסיכיק און דער איבערלעבונג, וואָס די יידיש־עפּאָכע האָט אונדז איבערגעגעבן. ס׳איז דערפאַר מעכאַניש דער צוגאַנג צו יידיש ווי נאָר צו אַ שפּראַך. יידיש איז כולל אַלצדינג וואָס די וויכטיקסטע טייל, די שאַפנדיקסטע פון אונדזער פאָלק, האָט אַרויסגעבראַכט דורך די לעצטע יאָרהונדערטער. ס׳איז נישט ליטעראַטור, נישט מוזיק, נישט וויסנשאַפט, נישט אַפילו אידייען, נאָר אַלץ אינאיינעם — מיט נאָך עפּעס. דער נאָך עפּעס, וואָס איז

ער? איר קענט עס רופן קולטור, איר קענט עס רופן ציוויליזאַציע, — ס'איז פולסירנדיק לעבן, יידישע גייסטיקע ענערגיע, חלום פון אויסלייז, באַוואוסטזיין און אינסטינקט, אידייע און פאַנטאַזיע, הלכה און אגדתא, דיסציפלין און פרייקייט.

אין דער שאַפונג פון יידיש אַליין האָט דאָס פאָלק אַריינגעלייגט אַזויפיל גייסטיקע ענערגיע, אַז דאָס לשון איז געוואָרן אַ טואונג, ווערטער זענען געוואָרן מעשים. נאָך פאַר דעם ווייטן אָנהייב פון דער ליטעראַטור אויף יידיש, איז דאָס לשון שוין געווען דער אויסדרוק פון דעם יידישן גייסט. די תורה שבעל פה, וואָס בן־גוריון שטעלט זי אַזויפיל העכער פון תורה שבכתב, האָט אין יידיש געשאַפן דעם יידישן מענטשן. די עברי־טייטש האָט הונדערטער יאָרן געפורעמט דעם יידישן כאַראַקטער. דער נוסח פון לערנען, דאָס גריבלען זיך אין שווערע סוגיות, די איבערדערציילטע אגדתות אין יידיש, — זיי האָבן נישט נאָר רייך־געמאַכט יידיש, זיי האָבן אפשר נאָך מער, — דורך יידיש, — אָנגעפילט דעם יידישן מענטשן מיטן באַוואוסטזיין פון אונדזער פאָלקס־אייביקייט, און אויך מיטן גייסטיקן כח צו טראָגן יידישקייט.

ס'איז דערפאַר נישט אַזוי פשוט אָפּצוגרעניצן יידיש צו „אַ טייל פון אונדזער פאָלק און אַ טייל פון אונדזער געשיכטע", וואָרים די יידיש־טייל פון אונדזער פאָלק, און דער יידיש־טייטש פון אונדזער געשיכטע, האָבן אָנגעצייכנט דעם געשיכטלעכן גאַנג אונדזערן. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט זיך טאָקע אויסגעקריסטאַליזירט אויפן מערב, אָבער דער מזרח־ייד, דער בן־גוריון־ייד, וואָס „מיינע זיידעס און באָבעס האָבן גערעדט יידיש", האָט די סבֿעמע פון פּאָליטישן ציוניזם אָנגעפילט מיט לעבן, מיט אַלייןפאַרווירקלעכונג.

העברעאיש, זאָגט בן־גוריון, האָבן ער און זיינע עלטערן באַטראַכט פאַר דער שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק, „און מיין זיידע האָט מיך געלערנט העברעאיש, ווען איך בין אַלט געווען דריי יאָר". ווייס איך נישט, צי בן־גוריונס פלאָנסקער זיידע האָט מיט אים טאַקע געלערנט העברעאיש, צי עברי. אין אונדזער לעבנסשטייגער איז נישט געווען קיין אָפּטייל צווישן לשון קודש און יידיש, מיין זיידע האָט מיך אויך געלערנט אָט דעם העברעאיש, וואָס איז געווען חומש „מיט אויסרעדעניש", אָט דער זינגעוודיקער אויסטייטש אין יידיש, האָט אַריינגעגאָסן אין חומש דעם טעם פון געשמאַקן ווייך. די חומש־ווערטער האָב איך געקענט, אָבער דאָס חומש אַליין האָב איך איבערגעלעבט אויף יידיש. גמרא, אַז איך האָב שוין „געמאַכט אַ לייענען", האָב איך אויסגעיידישט, אַפילו ישעיהן און ירמיהן האָב איך אַריינגענומען אין זיך מיט יידיש־אַריינזונג.

די בכורה האָבן מיר אָפּגעגעבן צו העברעאיש, אָבער כדי העברעאיש זאָל האָבן די בכורה, האָבן מיר געדאַרפט האָבן יידיש. צווישן העברעאיש און

יידיש איז נישט געווען קיין סתירה, זיי האָבן זיך דערליכטיקט איינס דאָס אַנדערע. יידיש איז געווען דער אויסטייטשער פון העברעאיש, אָבער דער אויסטייטש איז אַליין געווען דער תוך, וואָרים אויסגעטייטשט האָט אַ פאָלק, געדאַנק און געמיט האָבן אויסגעטייטשט. דורכן אויסטייטש האָט העברעאיש געקראָגן דעם יידישן פאָלקישן תיקון.

קומען מיר אַרונטער צו דער איצטיקער ווירקלעכקייט אין מדינת ישראל, איז נישט שייך צו קריגן קעגן דער בכורה פון העברעאיש, נאָר קעגן מפקיר־זיין יידיש. דער אָפּרייס פון יידיש איז נישט נאָר אָפּרייס פון שפּראַך, נאָר פון דעם גרויסן, גייסטיק־שאַפערישן קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע.

הלכה און אגדה פון ציוניזם

אויפן וועג קיין בר שבע ליגט דאָס שטעטל מגדל גד. הונדערטער יאָרן איז עס געווען באַוואוינט פון אַראַבער, קיין יידישער פוס האָט דאָרטן נישט געטראָטן. איצטער איז מגדל גד אַ יידיש שטעטל, מיט געדרייטע געסלעך, מיט קרעמלעך, מיט עטלעכע רעסטאָראַנען, מיט כלערליי לשונות, מיט פאַר־שידענערליי טראַכטן, — אַ בונטיקער צונויפמיש פון יידישן צונויפזאַמל.

אין אַ ווינקל פון דער פאַרקייליכיטער הויפטגאַס זיצט אַן אַלטער תימנער, אַנגעטאָן אין אַ כאַלאַט, וואָס די בלוי־רויטע פּאַסן זענען אויף אים אָפּגעבליאַקעוועט. די געדיכטע, אייזן־גרויע באָרד האָט אינמיטן אַ שרונט, מיט צוויי שאַרפע שפּיצן ביים סאַמע סוף. דער קאָפּ איז אים אַרומגעוויקלט מיט אַ צעפּאַסמעטן טורבאַן. איבער די אויגן הענגען שווערע ברעמען וואָס וואַרפן שאָטנס אויפן צעקאַרבטן פּנים. ער זיצט אַ פאַרגליווערטער. די אויגן, אַז ער הייבט־אויף, גיבן אויף אייך אַ שיין מיט אַ קלוגן קוק.

איך בייג זיך אַראָפּ צו אים. מיר דאַכט זיך אַז ער ווייסט נישט אַז עמיצער שטייט איבער אים אָנגעבויגן.

שלום סבא, — זאָג איך אים, — כמה זמן בארץ?

קיין אבר רירט זיך נישט ביי אים, נאָר די אויגן הייבט ער אויף, די ברעמען פאַררוקן זיך אים ווי צוויי וועלדלעך, דער שאָטן טוט זיך אים אָפּ פון פּנים און פאַלדעוועט זיך אַריין אין די קנייטשן פונעם שטערן. ער קוקט אויף מיר, נאָר מיר דאַכט זיך אַז ער זעט מיך נישט. ער איז נישט בלינד, — ביי אַ בלינדן מיט אָפענע אויגן זעט איר ווי ער טאַפּט־אָן דאָס קול.

שלום, בני, — דאָס קול זיינס איז ייִנגער פון אים אויף אַ סך יאָרן, — אני בארץ מאות שנים. כן, מאות שנים. מה יש, בני? ומפני חטאינו גלינו מארצינו, אבל הלב כל הזמן בארץ. כן, בני, הלב כל הזמן בארץ.

איך זיץ שוין לעבן אים אויף דער ערד. איך וויל אונטערבייגן די פיס אונטער זיך, ווי ער. זיי בייגן זיך נישט.

אבל עכשיו, סבא, — זאָג איך אים, — לא בלב, גם בגוף. מתי באת?

ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, — נישטאָ, הייסט עס, וואָס צו רעדן. דערווייל פאַרט־אָן אַ ייד אויף אַן אייזעלע. דער תימנער זקן גיט ווידער אַ שאָקל מיטן קאָפּ:

חמורים פּה רזים. אין להם כח...

פאַרשטיי איך נישט וואָס אים אַרט אַזוי, וואָס די אייזעלעך אין ישראל זענען מאָגער. איך האָב זיי געזען, די אייזעלעך, מיט די אויסגעסטאַרטשעטע רוקנס, מיט די פאַרשאַרפטעביינער, מיט די איינגעשפּאַרטע פיס. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די אייזעלעך צו אונדזער שמועס?

משיח, — גיט ער מיר באַלד צו פאַרשטיין, — עני רוכב על החמור, אבל פה החמור רז, אין לו כח. כן, בני, לא טוב כשהחמורים דלים ורזים...

פאַרשטיי איך שוין: מאָגער איז דאָס אייזעלע אין ישראל, אַפילו דעם אָרעמאַנסקען משיח אונדזערן וועט עס קיין כח נישט האָבן צו טראָגן...

דערנאָך טרייסט ער מיך:

אין דבר, משיח גם הוא עני גדול, גם הוא רז מאד...

דער תימנער זקן האָט צוריק אַראָפּגענידערט דעם קאָפּ. די ברעמען זענען אים אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן. אויפן פּנים האָבן זיך אים אויס־געשפּרייט צווי שאָטנס.

ב

שטיבלעך אין דער נאַכט, אַפילו אַז זיי זענען פינצטער, טראָגן אין זיך אַ באַהאַלטן ליכט. זיי פאַרזייען אַרום זיך אַן אייגענע שטילקייט, וואָס איז פול מיט רייד. פענצטער זענען קיינמאָל נישט פינצטער. אויסגעלאָשן ליכט איז אויך ליכט, — ליכט, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אין דער נאַכט־אַריין צו זוכן אַ תיקון.

שטיבלעך אין דער נאַכט, — האָט זיך איינער פון אונדז אָנגערופן, — מאַכן מיך אַלעמאָל וואַך. זיי רופן אין מיר אַרויס די וואַכיקסטע געדאַנקען. אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איז רעד זיך מיט זיי דורך. איך פאַרטרוי זיי אי־בערלעבונגען, וואָס בייטאָג האָב איך זיי מורא זיך אַליין צו פאַרטרויען. די שלאָפיקע וואַך אי זאָ טיפערע, ווי די וואַכיקע.

אַז איר וועט מיך פרעגן, — האָט אַן אַנדערער אַ זאָג־געטאָן, — וועל איך אייך זאָגן, אַז די וואַכיקייט פון שטיבלעך אין דער נאַכט איז אומבאַ־שטימט, זי האָט נישט קיין פאָרם. זי איז פול, נאָר שעפּן פון איר קאָנסטו נישט. ליכט איז קאָנצענטרירט, פינצטערקייט נעמט־אַרום אַלצדינג. אין ליכט איז דאָ אַ גרעניץ, אין פינצטערקייט איז קיין גרעניץ נישטאָ. און דער מענטש דאַרף אַפילו פאַרן ווייטסטן געדאַנק זיינעם אַן אָפּשטעל.

ביי מיר, — האָט זיך דער ערשטער אָפּגעוועהרט, — איז אומבאַשטימט־

איינער, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן פאַרטיפט אין זיך, האָט זיך אומגעריכט אָנגערופן:

קייט קאָנצענטרירטער ווי באַשטימטקייט. דורכן טאָג ווער איך מיד פון פאָרם. אין דער פינצטער מוז דער מענטש אַליין שאַפן די פאָרם. קיינער טראָגט זי אים נישט אונטער אַ פאַרטיקע, אַ צוגעשניטענע. דערפאַר איז דער מענטש וואַכער אין דער טונקלקייט, ווי אין דער ליכטיקייט.

אין מיר רופט די נאַכט אַרויס אַ יידישע וואַכיקייט. איך האָב געהערט וואָס איר האָט גערעדט, אָבער איך האָב נישט דערכאַפּט דעם פולן אמת פון דער וואַכיקייט אין מיר, ביז איך האָב נישט דערשפּירט די יידישע וואַכיקייט.

וואָס איז יידישע וואַכיקייט? — האָבן די אַנדערע צוויי געוואָלט וויסן, — מיר זיצן אין דער נאַכטיקייט פון וועלט, פון מענטש. וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט ייד? איז מענטש־וואַכיקייט וויניקער אמת ווי ייד־וואַכיקייט?

דער מענטש, — דער דריטער, — אַז ער האָט איצט גערעדט, האָט זיך געשפּירט ווי אויפן פּנים כוואַליעט זיך אים אַ לייכטער שמייכל, כאָטש געזען האָט מען אים נישט, דעם שמייכל.

גערעכט. נאָר אַזויווי יעדער מענטש וויל אין דער וועלט געפינען זיך אַליין, אַזוי וויל מיין יידישע וואַכיקייט, וואָס איז פולער ווי וועלט בכלל, געפינען זיך אַליין. די יידישע נאַכט איז אונדזער קלאָרקייט און אונדזער מיסטיציזם, אונדזער נגלה און אונדזער נסתר. די נאַכט האָבן מיר איינגעטיילט אין דריי אשמורות. דעם טאָג האָבן מיר איבערגעלאָזט ווי ער איז. אין דער נאַכט האָבן מיר אַריינגערעדט אונדזער גלויבן און אונדזער ספק.

איינגערעדט, — האָט דער ערשטער אומגעדולדיק געזאָגט, — מיסטיציזם רעדן מיר זיך איין. נישטאָ קיין יידישע נאַכט, מיין פריינט. איינגערעדט... איינגערעדט...

וואָס הייסט ביי אייך איינגערעדט? — האָבן דעם דריטנס רייד ווי פאַר זיך אַליין געשמייכלט, — איר ווייסט שוין קלאָר וואָס ווירקלעכקייט איז? איר געדענקט דאָך אַוודאי, ווי די וועלט הייבט זיך ביי אונדז אָן מיט דער נאַכט. ויהי ערב, ויהי בוקר, יום אחד. מיר זענען אינטים באַהעפט מיט דער נאַכט זינט אונדזער ערשטן היסטאָרישן באַוואוסטזיין. מיר האָבן אפשר אַריינגערעדט אין זיך די נאַכט. אָבער אַנדערע פעלקער האָבן אין זיך אַריינגערעדט דעם טאָג.

גוט. מסכים, — האָבן די צוויי נישט אָפּגעלאָזט, — אָבער וואָס איז יידישע וואַכיקייט?

דער באַגריף ביי אונדז, — האָט דער דריטער רואיק געענטפערט, — איז אַז אַלצדינג, וואָס דער מענטש טוט בייטאָג, קומט אים צוריק ביינאַכט. אין דער נאַכט זענען דעם מענטשנס מעשים אויסגעטאָן פון זייערע שלייערס. די שאָלעכץ פאַלט פון זיי אַרונטער, נאָר דער יאָדער בלייבט. יידישע וואַכיקייט איז פסיכיש־מאָראַליש, פול און מאָנענדיק.

אָ, — האָט דער ערשטער אויסגערופן, — נעמט איר גאָר די מאָדערנע פסיכאָלאָגיע און פאַריידישט זי. אַבי איר נעמט די מאָדערנע פסיכאָלאָגיע, אַרט מיך נישט...

כאָפּט נישט, סע מעג אייך נאָך אַ קאַפּיטשקע אָרן, — האָט דער דריטער געזאָגט, — איך האָב בפירוש געשטעלט דעם טראָפ אויף פסיכיש־מאָראַליש. איך בין אייך מוחל די מאָדערנע פסיכאָלאָגיע, מיר גיט די יידישע מאָראַל. אונדזער נאַכטיקייט איז נישט פאַר פסיכאָלאָגיע, פאַר יידישער עטיק, יידישן געדאַנק, איז זי. דער חילוק צווישן דער פסיכאָלאָגיע און דער יידישער עטיק באַשטייט אין דעם, וואָס די פסיכאָלאָגיע וויל דעם מענטש אויפקלערן,

בעת מיר, אונדזער עטיק, וויל דעם מענטשן אַריינקלערן. מיר האָבן איין מאָל אָוועקגעשטעלט דעם פּסיכאָלאָגישן אמת און מער האָבן מיר מיט אים נישט צו־טאָן. ווייטער גייען מיר טיפער. מיר לאָזן דעם מענטשן נישט איבער ביי דער פּסיכאָלאָגיע. מיר פאַרגליווערן זי נישט. מיר אַקטיוויזירן זי פאַר גרויסע עטישע צילן. דאָס, מיינע פריינט, איז יידישע וואַכיקייט.

איר וועט נאָך אַריינטייטשן אין דער יידישער וואַכיקייט אייערער משיחן, — האָט דער צווייטער געזאָגט און זיך געגעבן אַ שטעל־אויף.

ווי דאָס האַרץ האָט אייך געזאָגט, — האָט זיך דער דריטער אַ רייך־געטאָן מיט אים, — אַפילו אין אייך איז דאָ יידישע וואַכיקייט, אַנישט וואָלט אייך נישט געקומען אויפן געדאַנק משיח...

גוט, רעדט מיר אין יידישע וואַכיקייט, — האָט דער צווייטער געזאָגט מיט פאַרדראָס און זיך צוריק אַנידערגעזעצט, — אָבער לאָמיר הערן ווי איר שלעפּט־אַריין משיחן.

איך שלעפּ אים נישט אַריין, מיין אומגעדולדיקער פריינט, — האָט דער דריטער געזאָגט, — ער קומט אַליין אַריין, ווי יעדער אינערלעכער כח אין דעם יחיד, אָדער אין דעם כלל. פאַרקערט, מיר האָבן אים געוואָלט אַרויס־שטויסן, — איר און דער דור אייערער, — אָבער ער איז דאָ אין אונדז. ער איז אין אייך אַליין אַ סך וואכער, ווי איר מאָלט זיך אויס, פריינט מיינער.

אַ שטילשווייגעניש איז אַנגעשטאַנען, וואָס מענטשן טראַכטן אין איר איבער אַ וועלט מיט געדאַנקען.

אונדזער משיחיזם, האָט דער דריטער גערעדט, איז אַ וויזיע, אַ גע־דאַנק. מיר האָבן דעם ריינסטן געדאַנק פון מענטש־אויסלייז פאַרוואַנדלט אין אַ זעאונג. אין דער משיחישער געדאַנק־וויזיע איז אויך דאָ די יידישע וואַכיקייט, וואָס איז שאַרף־זעעוודיק אין דער נאַכט. דער טאָג איז די ביי־דעריקערע מדרגה ווירקלעכקייט, די נאַכט איז די העכערע מדרגה. דערפאַר זענען די משיח־חלומער אונדזערע געקומען נענטער צו זייער וויזיע אין דער נאַכט. זיי האָבן זיך אין דער נאַכט אויפגעהויבן צו דער העכערער מדרגה ווירקלעכקייט. אַ לייטער צום הימל האָט יעקב אָבינו אויפגעשטעלט ביינאַכט; געראַנגלט מיטן מלאך האָט ער זיך ביינאַכט; פון מצרים זענען די בני ישראל אַרויסגעגאַנגען ביינאַכט. ביים באַרג סיני זענען מיר גע־שטאַנען ביי טאָג, אָבער די קולות וברקים, און גאָטס קול דורך זיי, זענען געווען דער מיסטישער אָפּקלאַנג פון דער נאַכט.

אַזוי ווי פאַר אַלצדינג ווילט איר געפינען אַ יידישע פאָרמולירונג, — האָט זיך דער ערשטער אָנגערופן מיט באַהאַלטענעם ביטול, — וויאַזוי וועט איר פאָרמולירן דעם געדאַנק אייערן וועגן טאָג־און־נאַכט? געדענקט, סע דאַרף זיין אין יידישן נוסח.

לדידי, — האָט דער דריטער געזאָגט, — איז די נאַכט די אגדתא פון דער טאָג־הלכה. שבת איז הלכה, אָבער קבלת שבת איז אגדתא, שלוש

סעודות און מלוה־מלכה זענען אויך אגדתא. צו דער הלכה פון שבת האָבן מיר געמוזט שאַפן די אגדתא, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער נאַכט. אגדתא איז די דינאַמיק פון דער הלכה, ווארים הלכה איז דער איינמאָליקער אָוועק־שטעל פון אַ דין, בעת אגדתא וואַקסט־אַרויף אויפן דין, ווי גרינע צווייגן אויף אַ פעסטן שטאַם. דער שטאַם שטייט אַלעמאָל, אָבער די צווייגן זענען דינאַמיש, זיי באַנייען זיך אַלעמאָל, זיי בליען־אויף, און אַפילו אַז זיי בלייבן אין שפעט־האַרבסט נאַקעט, טראָגן זיי אין זיך דעם אָנזאָג פון ווידער־בלי.

ג

דער פאָליטישער ציוניזם האָט אָנגעהויבן מיט הלכה, אָבער באַלד האָט ער פון זיך אַרויסגעוואַקסן אַ צווייג־געפלעכט פון אגדתא. הערצל איז געווען דער גרעסטער בעל־אגדתא פונעם פאָליטישן ציוניזם. זיין „יידנשטאַט" ווי „אַלטניילאַנד" זענען די אגדתא פון דער ציוניסטישער מלכה. ער אַליין, — מיט זיין אָריענטאַלישן אויסזען, מיט זיינע ווייכע אויגן וואָס האָבן אַלעמאָל געקוקט ווייטער ווי זיי האָבן געזען, מיטן מלכותדיקן שטעל זיינעם, — איז געווען די לעבעדיקע אגדתא פונעם פאָליטישן ציוניזם. אַפילו דאָס חיצוניות זיינס איז געווען אין סטיל פון אונדזער געשיכטלעכער אגדתא. שאול איז געווען „משכמו ומעלה גבוה מכל העם". דוד, בעת שמואל האָט אים אויס־געקליבן פון ישיס זיבן זין, אים צו זאַלבן פאַר אַ מלך, איז געווען „אדמוני, עם יפה עינים וטוב רואי". שלמה איז געווען אַזוי שיין, אַז מיט זיין קוק האָט ער באַלד געפאַנגען דאָס האַרץ פון דער מלכא שבא. ביי די נביאים ווערט קיינמאָל נישט דערמאָנט ווי זיי האָבן אויסגעזען, אָבער די פאָליטישע פירער ביי אונדז האָט די אגדתא באַקרוינט מיט שיינקייט. דאָס הערצל־גע־שטאַלט איז געווען די אגדתא פונעם פאָליטישן ציוניזם נישט על־פי מקרה. די געשיכטע האָט דאָס געשטאַלט אַרויסגעבראַכט, פון די אגדתא־בלעטער איז הערצל אַרויסגעוואַקסן. ער האָט אויפן פאָליטישן ציוניזם באַלד געלייגט דעם חותם פון אונדזערע ערשטע מלכים, ווי מיר קענען זיי פון תנ"ך, און נאָכמער פון די אגדות.

דער חלוציזם איז געווען דער ווייטערדיקער גאַנג פון אגדתא אין פאָלי־טישן ציוניזם. יעדער שטיין, וואָס אַ חלוץ האָט מיט שווייס און בלוט אַרויס־געריסן פונעם פאַרוואָרלאָזטן ארץ־ישראלדיקן באָדן, איז געווען אַן אגדתא־ווינקלשטיין פאַרן בנין הארץ. יעדער טראָפּן וואַסער, וואָס מיר האָבן אַרויס־געשעפּט פונעם פאַרטריקנטן, האַרטן באָדן, האָט אָנגעטרונקען אגדתא פונעם פאָליטישן ציוניזם. די הלכה איז געווען אַ פאָליטיש־ציוניסטישע, אָבער די אגדתא איז געווען אַ יידיש־פאָלקישע. זי האָט ווייט אַריבערגעשפּאַנט די גרעניצן פון דער פאָליטישער אידייע, זי האָט פאַרמאָגט אין זיך פונקען פון דער אייביק־יידישער משיחישער וויזיע. און די באַפרייאונגס־מלחמה האָט

די אגדתא פונעם ציוניזם אויסגעשמידט אין פייער, זי געהייליקט אין בלוט, אַנגעטאָן אויפן ציוניזם די קרוין פון היסטאָריש־יידישן העראָאיזם.

דער תימנער זקן אין מגדל גד און דער נאָכטיקער־טראַכטיקער ייד אין דעם אַמעריקאַנעם זומער־דאָרף, טראָגן ביידע אין זיך די פונקען פון אונד־זער אגדתא. דער אופן פון באַנעם, און דער עיקר פון אויסדרוק, איז ביי זיי אַן אַנדערער, דער תמצית אָבער איז דער אייגענער. זיי ביידע זענען דורכ־געדרונגען מיט דער אַלטער יידישער חכמה אַז הלכה אָן אגדתא איז, ווי דער טאָג אָן דער נאַכט. זיי ווייסן אָבער אויך, אַז אגדתא אָן הלכה איז אַ פּאַראַזיטיש געוויקס וואָס אַז דו גיסט אַ בלאָז אויף דעם, ווערט עס צע־טראָגן אויפן ווינט און אונטער דעם בלייבט אַ קרענקלעך־פּליכעוואַטע שטיק ערד.

מיר דאַרפן אַ טראַכט־טאָן, צי האַלטן מיר נישט דערביי אַז מדינת ישראל זאָל בלייבן אָן דער אגדתא פונעם ציוניזם און די יידן איבער דער וועלט, — באַזונדערס אין אַמעריקע, — אָן דער הלכה זיינער. די ביידע דער־שיינונגען דאַרפן מיר זען אין זייער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, זיך דער־גראָבן צו זייערע טענדענצן און פּרוואוון אַרויסשטעלן קעגן זיי אַ גייסטיק־אידייאישן ווידערשטאַנד, ווי מיר האָבן נישט איין מאָל געטאָן אין אונדזער געשיכטע.

מדינה איז האַרטעווירקלעכקייט. מלוכה איז די הלכה פון אַ פאָלק. היסטאָריש אָבער האָבן מיר לאַנד און מלוכה פאַרבונדן מיט העכערע צילן. פאַר דער דערקענטעניש פון לאַנד, — דאָס צוגעזאָגטע כנען, — איז צו אברהמען געקומען די גאָט־דערקענטעניש. אין דעם צוזאָג פון לאַנד איז באַלד געווען די העכסטע אידייע. לאַנד און אידייע זענען ביי אונדז אַזוי אַריינגעוואַקסן איינס אין אַנדערן, אַז ווי נאָר מיר האָבן געזינדיקט קעגן דער אידייע, האָבן מיר אָנגעוווירן דאָס לאַנד. בעת די יידישע מלוכה איז גע־שטאַנען אין סכנה, האָבן די נביאים נישט גערופן צו העראָאישן ווידערשטאַנד קעגן שונא, נאָר צו אידייאישער אויסלייזונג. קעגן אומרעכט, מאָראַלישער געפאַלנקייט, אָפּקער פון גאָט, זענען געווען געווענדט די נביאישע שטראָפ־רייד, נישט קעגן אָפּגעשוואַכטן לאַנד־פאַטריאָטיזם ביי יידן. נישט נאָר אין דער אַנטיקער וועלט, נאָר אויך אין דער היינטצייטיקער, קענען מיר נישט געפינען אַזאַ דערשיינונג, ווי אַז בעת אַ סכנה פאַר אַ לאַנד, זאָלן אויפ־שטיין שטראָפערס און מאַנערס און רופן דאָס פאָלק נישט צו פאַרטיידיקונג און שוץ, נאָר גאָר צו גייסטיק־אידייאישע ווערטן, צו עטישע מעשים.

און בעת ישעיהו און מיכה האָבן נביאות־געזאָגט אויפן חורבן פונעם לאַנד, האָבן זיי אויך געזען די וויזיע פון אחרית הימים, וואָס איז אַ זעאונג פון וועלט־און מענטש־גאולה. אין זייער געטלעכער זעאונג האָבן זיי זיך אַריבערגעהויבן איבער לאַנד, איבער פאָלק אַפילו, און מיט זייער גייסט האָבן זיי אָנגעשפּאַרט אין די וויטסטע שטחים פון דער צייט.

דאַרפֿן מיר דערפֿאַר טראַכטן, אַז אַפֿילו מיר זאָלן, חלילה וחס, מסכים־זיין ביי זיך מוותר־צו־זיין אויף אונדזער היסטאָרישן גאַנג און זיך האַלטן נאָר ביי דער הלכה פֿון לאַנד און מלוכה, ככל הגוים, וועלן מיר דערמיט אַליין אונטערגראָבן אונדזער מלוכהשאַפֿט.

ד

מדינת ישראל ראַנגלט זיך צווישן צוויי היפּוכים, — מדינהשער ווירק־לעכקייט און משיחישער וויזיע. דער ציוניזם, כאָטש ער איז געווען אַ פּאָ־ליטישע באַוועגונג, האָט ער זיך אָבער גענערט פֿון די משיחישע בענקשאַפֿטן אין די טיפֿענישן פֿון אונדזער פֿאָלק. אין משך פֿון הונדערטער יאָרן האָבן יידן איינגעשטעלט זייערע לעבנס נישט איבערצולאָזן ארץ־ישראל אָן עט־לעכע יידישע איינוואוינער. די שומרי החומות זענען היסטאָריש געווען די היטער און באַוואָרער פֿונעם לאַנד. זיי האָבן, מיטן כּח פֿון דער משיחישער וויזיע זייערער, אָנגעצונדן אין דער טונקלקייט פֿון דורות דאָס ליכט פֿונעם לאַנד, וואָס האָט געוואָרפֿן אַן אָפּשיין אויף דער צעשפּרייטקייט פֿון אונדזער פֿאָלק. די מקובלים אין צפֿת, די חסידים אין ירושלים און טבריה, זענען די היסטאָרישע היטער פֿונעם לאַנד. נאָכמער זענען זיי געווען די היטער פֿון דער אידייע, וואָס איז איינגעפֿלאַנצט געוואָרן אין אונדזער פֿאָלק ביים סאַמע אָנהייב זיינעם, — די אידייע פֿון לאַנד פֿאַר אַ העכערן ציל, פֿונעם מיסטישן צונויפֿבונד אונדזערן מיטן לאַנד, וואָס האָט ביז היינט נישט אויפֿגעהערט צו זיין אַ געטלעכע אַנטפּלעקונג פֿאַר אונדז.

אַז דער פּאָליטישער ציוניזם איז געקומען, האָט ער אָנגעהויבן צו אָפּע־רירן מיט אַנדערע באַגריפֿן. ער האָט אין צענטער פֿון זיין אידעאָלאָגיע אַוועקגעשטעלט די היסטאָרישע יידישע תביעות אויפֿן לאַנד, אָבער אָן דער משיחישער וויזיע וואָלטן די היסטאָרישע תביעות קיין ממשות נישט געהאַט, און נישט נאָר כלפּי חוץ, נאָר דער עיקר כלפּי פּנים וואָלטן די היסטאָר־שע תביעות נישט געווירקט. אין דער וועלט־געשיכטע האָבן פֿעלקער געוואַנ־דערט פֿון איין לאַנד אין אַנדערן, די היסטאָרישע תביעות פֿון אַ פֿאָלק אויף אַ לאַנד, פֿון טויזנטער יאָרן צוריק, האָבן נישט געהאַט קיין האַפֿט אין דעם לעצטן אָנטשייד צו ווענען דאָס לאַנד זאָל געהערן. נאָכמער, די פֿעלקער האָבן אָפּגעמעקט פֿון זייער היסטאָרישן זיכּרון דעם צונויפֿבונד מיט אַ לאַנד, וואו זיי זענען אַמאָל געווען און האָבן אַפֿילו איבערגעלאָזט אַ בולטן חותם דאָרטן.

אונדזער היסטאָרישער זיכּרון איז געווען מער ווי אַ פּאָליטישער, ער איז געווען דינאַמיש דערפֿאַר וואָס אויף דער הלכה פֿון לאַנד האָט ער אַרויפֿ־געוואָקסן די אייביק־באַנייערישע אגדתא. דער כּח פֿונעם פּאָליטישן ציוניזם, אָנצוצינדן די פֿאַנטאַזיע פֿון אונדזער פֿאָלק, איז געלעגן אין דער משיחישער וויזיע, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט פֿאַרטונקלט אין דער טיפֿעניש פֿון דעם

פאָלק אונדזערן. אַז מיר ווילן וויסן דעם פאַרהוילענעם אמת פון אַן אידייע, דאַרפן מיר אַ סך מאָל אָנקומען צו אירע קעגנער, ווי זיי נעמען־אויף די אידייע. דער „בונד" האָט אפשר אומבאַוואוסטזיניק, אין זיין קאַמף קעגן ציוניזם, אַרויסגעזאָגט דעם אמת אין דעם וואולגאַרן לידל: „משיח און יידנטום זענען געשטאָרבן". דער קעגנער האָט אמתער כאַראַקטעריזירט דעם פּאָליטישן ציוניזם, ווי ער אַליין, — דער ציוניזם. ער האָט אין אים געזען די משיחישע אידייע.

אַז מיר קומען צו דער מדינהשער ווירקלעכקייט אונדזערער, זעען מיר די בולטע טענדענץ זיך צו האַלטן ביי דער לאַנד־הלכה, אָן דער אגדהשער דינאַמיק אירער. אויף דער מדינהשער ווירקלעכקייט האָבן מיר אַרויסגע־קוקט דורות־אויף־דורות, ווי אויף אַ גייסטיקן, אידייאיש דערלייזערישן כח אין אונדזער געשיכטע. מדינת ישראל האָט עס נאָך נישט געקענט ווערן, זי איז נאָך פול מיט געשיכטלעך־רעוואָלוציאָנערן ברויז, די הייזון האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעזעצט, אַז בלייבן זאָל דער לויטערער ווייַן. ראַנגלען דאַרפן מיר זיך אָבער קעגן די טענדענצן, קעגן די נייגונגען, וואָס זענען מסוגל צו ווערן דער נוסח און דער לעבנסשטייגער פונעם לאַנד.

קיבוץ גלויות איז די אידייע פון דער מדינה. דאָס איז אין גייסט פון אונדזער טראַדיציע, אין גייסט פון אונדזער נאַציאָנאַלער וויזיע. אָבער דער געדאַנק פון קיבוץ גלויות ווערט אין דער מדינה אַ סך מאָל געפעלשט. כדי צונויפצוזאַמלען די גלותן, דאַרפן זיי, קודם, האָבן אַ ווערט, יידיש־גייסטיק דאַרפן זיי זיין דערוואַקסן דערצו. נישט דער שטויב פון די גלותן, נאָר דער געזונטער באָדן זייערער, דאַרף צונויפגעזאַמלט ווערן. אין דעם געדאַנק פון קיבוץ גלויות איז פאַרזייט דער קערן פון אָנערקענונג פאַרן גלות, וואָרים יידן, וואָס טראָגן נישט אין זיך דעם איבערלעב און דאָס באַוואוסט־זיין פון גלות, זענען אויך נישט מסוגל צונויפגעזאַמלט צו ווערן. גלות און קיבוץ גלויות זענען איין גייסטיקער באַגריף, וואָס קען בשום אופן נישט צעטיילט ווערן. דער גלות דאַרף גייסטיק זיין שעפעריש, כדי ער זאָל זיך קענען אויסלייזן. דער קיבוץ גלויות, ווידער, דאַרף דעם גלות אַריינגעמען אין זיך, ווי אַ גייסטיק־שעפערישן כח, כדי ער זאָל קענען אויסלייזן. שלילת הגלות איז אַ באַגריף, וואָס דער פּאָליטישער ציוניזם האָט מיט אים אָנ־געהויבן צו אָפּערירן, אָבער אין דער אמתן איז ער גאָר געבוירן־געוואָרן אין דער עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט געוואָלט אָפּשאַפן דעם גלות דורך גלייכע בירגערלעכע רעכט פאַר יידן. דער פּאָליטישער ציוניזם, וואָס איז געקומען אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק, האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דערמיט וואָס ער האָט איבערגענומען ביי די אידעאָלאָגן פון דער עמאַנציפּאַציע דעם אַנטי־גלותדיקן באַגריף, צעוואָרפט ער דעם בנין, וואָס אויף אים האַלט זיך די גאולה.

צום גליק אָבער האָט די געשיכטע אַרויפגעצוואונגען אויף דער הלכה

פונעם פּאָליטישן ציוניזם דעם וואונדערלעכן כח פון דער אגדתא. ער האָט שולל־געווען דעם גלות, אָבער צו דער אייגענער צייט האָט ער געמוזט אַרויסרופן די גייסטיק־שעפערישע כחות אין דעם גלות־פאָלק און דערמיט אַליין דערהייבן און פאַרטיפן דעם גלות. סע איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער אויפשוואונג, פריער פון חיבת ציון און דערנאָך פון פּאָליטישן ציוניזם, האָט אויך אַרויסגערופן דעם אויפשוואונג פון דער ליטעראַטור אין גלות, — דער העברעאישער און יידישער. ביידע האָבן זיי אַרויסגעקוואַלט פון איין קוואַל, ביידע האָבן זיי געשעפּט פון איין ברונעם.

די נטיה פאַלש אויסצוטייטשן דעם גייסטיק־היסטאָרישן באַגריף פון קיבוץ גלויות איז עלול אויסצוהוילן מדינת ישראל פון דער העכסטער, ריינסטער און הייליקסטער יידישער אידייע, — די אידייע פון לאַנד פאַר אַ העכערן צוועק. די עמאַנציפּאַציע האָט פּראָקלאַמירט בירגערלעכע רעכט פאַרן יידישן יחיד, אָבער נישט פאַר יידישן כלל. דער געפעלשטער געדאַנק פון קיבוץ גלויות מיינט אין תוך דאָס אייגענע, כאָטש אויבנאויף קוקט עס אויס אַנדערש. אין דער עמאַנצאַפּאַציע האָט דער יידישער יחיד געדאַרפט אַריינשפּאַנען אָן אָפּגעבונדענער, אַ פרייער, אָן דער ירושה פון דורות. אין דעם פאַרפעלשטן קיבוץ גלויות דאַרף אויך דער ייד אַריינקומען אָן דער גלותדיקער ירושה און, אויב ער קען נאָך אַריינקומען מיט פאַראַכט צו די גייסטיקע ווערטן פון גלות, איז מה טוב ומה נעים.

די אידייע פון גלות איז אין אונדזער פאָלק פאַרפלאַנצט געוואָרן אין סאַמע אָנהייב פון זיין געשיכטע. באַלד, ווי גאָט האָט אברהמען צוגעזאָגט דאָס לאַנד כנען, האָט ער אים אויך אַנטפּלעקט דעם מיסטישן גאַנג פון דעם פאָלק, וואָס וועט פון אים אַרויסקומען, — דער גאַנג צום אייגענעם לאַנד דורך גלות. שפּעטער זעען מיר, ווי גלות איז געוואָרן אַ יסוד פון דער יידישער עטיק: קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַז אַ „גר ביסטו געווען אין לאַנד וואָס איז נישט דיינס". מיר זעען אויך ווי גאָט האַלט אין איין וואָרענען דאָס פאָלק: אַז דו וועסט זיך אָפּקערן פון מיר, אַז דו וועסט נאָכגיין פרעמדע געטער און טאָן וואָס איז שלעכט אין מיינע אויגן, וועט די ערד פונעם לאַנד דיך נישט טראָגן אויף זיך.

גלות איז אַ דורכאויס־יידישע אידייע, ביי קיין שום אומה ולשון איז זי נישט בנמצא. פעלקער זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע לענדער, אָבער דערפאַר וואָס לאַנד איז ביי זיי נישט געווען פאַרבונדן מיט אידייע, איז דער גלות זייערער אויך נישט געווען קיין אידייע. ביי אונדז איז גלות גאָטס שטראָף, אָבער צו דער אייגענער צייט אויך די ליכטיקע וויזיע פון אויסליי. דער היסטאָרישער זין פון גלות איז דער צוריקקום אין לאַנד פאַרן העכערן צוועק, נישט פאַר לאַנד אַליין. מיטן דאָזיקן זין און כח האָט דער גלות קיינ־מאָל נישט אויפגעהערט צו שאַפן גייסטיקע ווערטן, וואָס מיט זיי זאָל דאָס פאָלק צוריקקומען אין לאַנד־אַריין. שלילת הגלות איז פאַלש דערפאַר,

וואָס דאָס איז שלילה פון אונדזער געשיכטע. בנין הגלות איז, היסטאָריש, נישט קיין קלענערער אויפטו, ווי בנין הארץ. דער בנין הגלות האָט זיך געהאַלטן אויף הלכה, אָבער אָן דעם דינאַמישן כח פון דער אגדתא וואָלט ער נישט געהאַט דעם כח זיך אַלעמאָל אויפצופרישן, צו גרינען און בליען, צו שפרודלען מיט נאַציאָנאַלער ענערגיע.

די נטיה אין מדינת ישראל, צו פאַרלייקענען די שעפערישקייט פונעם גלות, איז אַ סתירה צו דער אידייע פון קיבוץ גלויות, וואָרים אָן גייסטיקער שעפערישקייט וועלן זיך די גלותן נישט לאָזן צונויפזאַמלען. וואָס מער מדינת ישראל וועט זיך אידיאיש און גייסטיק אָפּרייסן פונעם גלות, אַלץ מער וועט זי דערווייטערן דעם קיבוץ גלויות, און נאָך ווייטער וועט זי זיין פון דעם היסטאָרישן לאַנד־שליחות אונדזערן, — צו דערהייבן לאַנד צו דער העכסטער מדרגה געטלעכקייט און עטיק.

ה

אין די תפוצות ישראל איז דער ציוניזם נאָך מער פאַרווירט ווי אין מדינת ישראל. ווי אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישע באַוועגונג געפינט דער ציוניזם נישט קיין אָנהאַלט פאַר זיך, וואָרים פּאָליטיש האָט ער דערגרייכט דעם ציל זיינעם. דער פּאָליטישער רוף פונעם ציוניזם האָט אין די תפוצות מער נישט דעם פריערדיקן פּאַטאָס זיינעם און נאָך ווייניקער פאַרמאָגט ער די אינערלעכע קלאָרקייט פון ציל. דער ציוניזם זאָרגט פאַרן עקאָנאָמישן אויפבוי פון מדינת ישראל, פאַר דער פעסטקייט און זיכערקייט פון לאַנד. דער ציוניזם פילט דאָ אָבער נישט אויס קיין באַזונדערע פונקציע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר אים אַליין. מיר טאָרן אַוודאי נישט פאַרזען דעם אמת, אַז די זאָרג פאַרן עקאָנאָמישן וואוילזיין פון ישראל איז ביי ציוניסטן גרעסער ווי סתם יידן. אָבער גרעסערע זאָרג פאַר ישראל קען נישט ווערן קיין אידייע, נאָר אַן אָפּשפּליטער פון אַן אידייע. אַז דער ציוניזם אין די תפוצות זאָל זיך שפּייזן נאָר מיט דער גרעסערער מאָס זאָרג פאַר ישראל, וועט ער כאַפּן נאָר די שיריים פון דעם גאולה־טיש, ביי דער פולער סעודה וועט ער נישט זיצן. מיר טאָרן אויך נישט פאַרזען די פּאָליטישע וואַכיקייט פונעם ציוניזם בנוגע ישראל, — צו וואַכן און היטן אַז פּאָליטיש זאָל די יידישע מדינה נישט באַעוולט ווערן. נאָר דאָ איז ווידער אָפּגעפרעגט, צי מער פּאָליטישע וואַכיקייט און סענסיטיווקייט, ווי ביי יידן בכלל, איז בכח אויסצופילן אידיאיש דעם ציוניזם אין די תפוצות.

דער ציוניזם אין די תפוצות, בפרט אין אַמעריקע, האָט נישט קיין הלכה, וואָס זאָל אים מחייב־זיין צו מצוות אין זיין יחידישן לעבן. די מצווה פון פּאָליטישער און עקאָנאָמישער זאָרג פאַר ישראל איז אַ מצווה התלויה בזמן, — די צייט פאָדערט ביים ציוניזם די מצווה מקיים־צו־זיין. מיר דאַרפן זיך אָבער אויסמאָלן אַ צייט, ווען ישראל וועט נישט פּאָליטיש און נישט

עקאָנאָמיש דאַרפן אָנקומען צו די תפוצות, — וואָס וועט דאָמלסט בלייבן דעם ציוניזם? וואָס פאַר אַ מצווה וועט ער דאָמלסט מקיים־זיין?

דער ציוניזם אין אונדזערע טעג פּרוּווט אויסשמידן אַ נייע אידייע — צונויפבונד מיט ישראל. וואָס מיינט אָבער צונויפבונד? פון וואָס וועבט דער ציוניזם אויס די פעדים, וואָס זאָלן זיין שטאַרק גענוג, אַז זיי זאָלן צונויפ־בינדן יידן פון די תפוצות מיט ישראל? אין אונדזער דורותדיקן פאָלקסלעבן, אין אונדזער טראַדיציע איז דער צונויפבונד מיט ארץ־ישראל נישט געווען קיין פּראָגראַמאַטישער. דער ייד האָט נישט געטראַכט, אַז על־פּי דעם און דעם פּראָגראַם דאַרף ער זיין צונויפגעבונדן מיט ארץ־ישראל. ער האָט גע־בויט זיין לעבן אין גלות אויף דער ארץ־ישראלדיקער ערד. ער האָט גע־טראָגן ארץ־ישראל אין האַרצן, אויף די ליפּן, אין באַוואוסטזיין. דעם גלות האָט ער אָנגעשפּאַרט אויף ארץ־ישראל און ארץ־ישראל האָט ער אָנגעשפּאַרט אויפן גלות. ארץ־ישראל איז געווען די מענטאַליטעט זיינע, דאָס גאַנצע לעבן זיינס אין גלות האָט ער באַטראַכט מיט ארץ־ישראלדיקע אויגן, מיט דער וויזיע פון גאולה.

אין דער ערשטער תקופה פון חסידות האָט אַ רבי אַמאָל געהערט אַ פאַסטעך זינגען אַ ליד. אין די פּשוטע ווערטער און אין דער מעלאָדיע האָט ער דערפילט אַ ניצוץ פון קדושה. ער האָט דאָס ליד באַלד איבערגעזונגען אויף זיין אייגענעם שטייגער:

גלות, גלות, ווי גרויס דו ביסט,
משיח, משיח, ווי ווייט דו ביסט.

דער באַרג פונעם אוקראַינער פאַסטעך־ליד איז ביים רבין געוואָרן דער גלות, דער טאָג איז ביי אים געוואָרן משיח. פון אייגענע ברונעמער און פון פרעמדע האָט דער ייד אַרויסגעשעפּט אי דעם גלות, אי די גאולה. ער האָט די וועלט אַריינגעלעבט אין זיין געמיט, נישט זיין געמיט אַריינגעלעבט אין דער וועלט. דעם גלות־בנין האָט דער ייד אויפגעבויט אונטערוועגנס, וואָרים ער איז אַלעמאָל געווען אונטערוועגנס קיין ארץ־ישראל. דערפאַר איז נישט שייך־געווען צו רעדן פון אַ צונויפבונד מיט ארץ־ישראל, דער ייד איז גע־זעסן אויף דער פור קיין ארץ־ישראל, נאָר אַזוי ווי דער גלות האָט די נסיעה פאַרצויגן, האָט ער דערווייל אָפּגעריכט ארץ־ישראל, ער האָט אַפילו מקריב־געווען קרבנות דורכן וואָרט, געבענטשט די ארץ־ישראלדיקע נאַטור דורכן וואָרט, עולה־לרגל געווען קיין ירושלים דורכן וואָרט.

איז קודם נייטיק צו פאַרשטיין, אַז די אידייע פון צונויפבונד מיט ישראל איז אַ פּשרה לגבי דעם איינשטעל פון דער טראַדיציע בנוגע ארץ־ישראל. אין דער טראַדיציע איז דער ייד נישט געווען צונויפגעבונדן מיט ארץ־ישראל, ער האָט געלעבט אין ארץ־ישראל. דער נאָענטסטער צונויפבונד איז אַלץ פונדערווייטנס, וואָס מוז ביסלעכווייז ווערן לויזער און שוואַכער. אין

ווייטן צוניפבונד קען דאָס אינטימע פייערל לאַנג נישט ברענען, מיט דער צייט הייבט עס אָן צו צאַנקען און זיך לעשן. אַזוי איז מענטש מיט זיין אייגענער משפחה, אַזוי איז ער מיט דער ברייטערער משפחה זיינער, — מיטן פאָלק און מיטן לאַנד.

נאָר נניח, אַז די אידייע פון צוניפבונד מיט ישראל גאַרמאַגט יאָ אין זיך אַ פּאָזיטיוון כח, פרעגט זיך אָבער: אויף וואָס וועט דער ציוניזם בויען דעם צוניפבונד? אין צוניפבונד־פּאָדעם קען זיין — די גייסטיקע שעפע־רישקייט פון ישראל. איז אַפילו, אַז מיר זאָלן מוותר־זיין אויף אַ פּאָר צענ־דליק יאָר וואָס מדינת ישראל דאַרף זיך נאָך ראַנגלען פאַר אייגענער גייס־טיקער שעפערישקייט, בלייבט נאָך אַלץ דער עגבערדיקער ספק, צי די תפוצות וועלן זיין בכח צו נעמען די תורה, וואָס וועט אַרויסקומען פון ציון. בכלל זענען גייסטיקע ווערטן נישט קיין עובר־לסוחרדיקע סחורה, דאָס פאָלק וואַרפט זיך נישט אויף זיי מיט דאַרשט און בייגער, מענטשן יאָגן זיך נישט נאָך גייסטיקע מציאות. דער גרויסער כח פונעם גלותדיקן לעבן אונדזערן איז געווען דער גייסטיקער קלימאַט, וואָס די טראַדיציע האָט גע־שאַפן. נישט אַלע יידן זענען געווען למדנים, אַפילו נישט קיין יודעי־ספר, אָבער דער יידישער קלימאַט אין גלות האָט אַזוי שטאַרק אויסגעפילט דעם יידן, אַז ער האָט דעם יידישן גייסט געאָטעמט ווי לופט.

די יידישע לופט אין די תפוצות, בפרט אין אַמעריקע, ווערט אַלץ שיטערער און שיטערער. זינט מיר האָבן אָנגעהויבן צו אָטעמען מיט די צווי נאָזלעכער באַזונדער, — מיט איינעם די יידישע און מיטן צווייטן די וועלטלעכע לופט, — אַלץ מער אָטעמען מיר אַריין די וועלטלעכע לופט. דאָס יידישע נאָזלעכל אונדזערס ווערט אַלץ מער און מער פאַרשטאָפּט. וואָס מער מיר ווערן־אָן די סענסיטיווקייט צו דער יידישער לופט, וואָס מער מיר גייען־אַרויס פונעם יידישן קלימאַט, אַלץ ווייניקער זענען מיר בכח אויפצונעמען גייסטיקע יידישע ווערטן בכלל, און בפרט אַזעלכע וואָס וועלן קומען פון ישראל. אַוודאי קענען מיר זיך אויסמאָלן, אַז צו אונדז זאָל דער־גיין ליטעראַטור פון מדינת ישראל. איז אָבער ראשית, וועט זי דאָס רוב קומען צו אונדז איבערגעזעצט, וואָרים העברעאיש־לייענער מערן זיך נישט ביי אונדז. שנית, איז ליטעראַטור נישט דער כח, וואָס זאָל קענען אויפבויען די גייסטיקע בריק צווישן אונדז און ישראל. די גייסטיקע בריק צווישן גלות און ארץ־ישראל איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף פעסטע, גרונטאָוונע מצוות, די „פּאַפירענע בריק" איז געווען אויסגעשמידט פון דורותדיקן הלכה־שטאָל.

גלות איז פאַר אונדז געווען ארץ־ישראל, אַז מיר שאַפן־אָפּ דעם גלות, אַז מיר רייסן פון זיך אַרויס דאָס באַוואוסטזיין פון גלות, ווערט פאַר אונדז ארץ־ישראל אַ פּוסטער קלאַנג. דער ציוניזם אין די תפיצות ראַנגלט זיך מיטן גלות, ער האָט דעם גלות פּאַקטיש שוין אָפּגעשאַפט. ער האָט אין זיך נישט אויסגעלייטערט די אידייע פון גלות, וואָס דאַרף איצטער, אין ליכט

פון מדינת ישראל, נאָכמער געשטאַרקט ווערן ווי פריער. מיר זיצן אויף די חורבות פונעם גלות, מיט בלינדער זיכערקייט אין אונדזער קיום צע־וואָרפן מיר די שטיינער פונעם טויזנט־יאָריקן בנין. יידן אין אַמעריקע, הערן מיר פון גוטע ציוניסטן, זענען נישט אין גלות, און מסתמא זאָגן עס אויך ציוניסטן אין אַנדערע מערבדיקע לענדער. פון סתם יידן איז אָפּגע־רעדט אַז זיי ווילן נישט טראַכטן פון זיך אין גלות־טערמינען. אַן דער מענ־טאַליטעט פון גלות, אַן דער אידייע און דער הלכה פון גלות, ווערן אויסגע־טריקנט די קוואַלן פון יידישער שעפערישקייט, און אַן יידישער שעפעריש־קייט אין גלות האָט זיך דער צונויפבונד מיט מדינת ישראל נישט אויף וואָס צו האַלטן. אַפילו שפּינוועבס מוז אויך האָבן אַ באַלקן, אָדער ווענט־ווינקלען, כדי זיך צו האַלטן, אַנישט ווערט עס צעבלאָזן פונעם מינדסטן הויך.

דאָס היסטאָרישע שליחות פונעם ציוניזם, נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל, איז צוריק צו גיין אין גלות־אַריין, זיך דורכצודרינגען מיטן גלות־באַוואוסטזיין און צוריק אָנהייבן צו בויען דעם גלות־בנין, — מיט דער הלכה זיינער און דער אגדתא. דערפון וועט שוין ממילא אַרויסוואַקסן דער צונויפ־בונד מיט מדינת ישראל, און אפשר „נאָך העכער", — דער טיפער, אינטי־מער איבערלעב צו ארץ־ישראל, וואָס דורות יידן אין גלות האָבן געטראָגן.

אויף די טייכן פון האָדסאָן און לאַ־פּלאַטאַ, טעמזא און סענא, זיצן מיר ווי פרייע בירגער, אָבער דערוואַקסן דאַרפן מיר צו דער העכסטער מדרגה פרייהייט, — פריי־זיין צו שאַפן אייגענעם יידישן קלימאַט, אַן אייגענעם גייסטיקן הימל־אויסשפּרייט איבער זיך, מיר דאַרפן זיין פריי צו זיין אין גלות.

ו

אין מיין דמיון האָב איך צונויפגעפּירט דעם תימנער זקן פון מגדל גד מיטן נאָכטיקן יידן פונעם זומערדערפל אין אַמעריקע. זיי האָבן זיך תיכף דערקענט. ווילאַנג איז דען ווי זיי האָבן זיך צעשיידט? נישט מער ווי אַ ביינצן הונדערט יאָר. פּנים־אל־פּנים, האָבן זיי דערשמעקט די יידישע לופט וואָס ביידע אָטעמען. זיי האָבן דערהערט דאָס יידישע קול איינער ביים אַנדערן. דאָס אייגענע ווידערקול פון דורות האָבן זיי פאַרנומען ביי זיך.

דער תימנער זקן האָט אָנגעקוקט דעם נאָכטיקן יידן מיט אַ שאַרפן קוק, וואָס איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין פאַרוואונדערונג. אָ, האָט ער גע־זאָגט, די הויט דיינע איז ווייס, און מיינע איז דורכגעברענט פון דער מזרח־דיקער זון. מיר באַגעגענען זיך אויפן וועג. איך בין שוין אין מגדל גד און דו — אין אַ זומערדערפל. אָבער ביידע זענען מיר נאָך נישט געקומען.

דער נאָכטיקער ייד האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט: שלום. גוט, וואָס מען זעט זיך. נאָך בעסער איז וואָס מע דערקענט זיך. יידן, אַז זיי דער־קענען זיך, צינדן זיי אָן דעם ניצוץ פון גאולה. סע איז אָבער שלעכט וואָס נישט אַלע יידן דערקענען זיך היינטיקע צייטן.

יידן, וואָס זענען אויפן וועג, דערקענען זיך, האָט דער תימנער זקן אַ שמייכל־געטאָן, און יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַנידערגעזעצט, וועלן זיך מיט דער צייט נאָך אויפהייבן. גאָטס כח וועט זיי אויהייבן. ער וועט זיי געפינען און אויפהייבן.

וואויל איז צום גלייביקן, האָט דער נאַכטיקער ייד אַ זאָג־געטאָן, אַז איך טרינק די אגדתא פון דער נאַכט, טרינק איך זיך אויך אָן מיט אמונה. דער טאָג אָבער, אַז ער קומט, אַנטפּלעקט ער פאַר מיר... איך ווייס אַליין נישט ווי דאָס אָנצורופן... איך האָב מורא...

מע דאַרף נישט. מע דאַרף נישט, האָט דער תימנער זקן אים אַרויפגע־לייגט די האַנט אויפן אַקסל, אַז דו זאָגסט־אַרויס אַ וואָרט, ווערט דערפון אַ טואונג. יידן מוזן זיך דערקענען, גאָטס כח איז שטאַרקער פון זיי. אַפילו אַז זיי ווייסן נישט, איז ער אין זיי דאָ.

אָבער, האָט זיך דער נאַכטיקער ייד געוועדט קעגן אים, דער ספק עגבערט...

ספק קומט אויך פון אמונה, האָט אים דער תימנער זקן איבערגעשלאָגן, דער ספק לייטערט אויס די ריינסטע אמונה. פאַרוואָס האָט גאָט גערדאַרפט וויזן אברהמען דאָס לאַנד כנען? דערפאַר וואָס אברהם האָט אויך געהאַט אַ ספק. די אמונה זיינע איז דורכן ספק געוואָרן שטאַרקער.

איז אפשר דער גלות דער גרויסער ספק אונדזערער? האָט דער נאַכטי־קער ייד געפרעגט, און די גאולה שלימה וועט זיין דער פולער אויסלייז פונעם ספק? איך פרעג, אפשר טאָר איך נישט...

נישט פרעגן איז אַ זינד, האָט דער תימנער זקן געזאָגט, נאָר ענטפערן. אין פרעגן איז דאָ ענוות, אין ענטפערן איז דאָ גאווה. אָ, מיר האָבן נאָך אַ סך צו גיין. קום.

נאָך אַ סך צו גיין און צו ספקן, איז אים דער נאַכטיקער ייד נאָכגעגאַנגען. און צו גלייבן...

אין אײגענעם גאָרטן

אין גאָרטן פון אײגענעם לעבן גײט דער מענטש אַלעמאָל אַרײַן מיט דער מורא נישט צו שטרויכלען מיט גוזמא. זיך אַלײן האָט דער מענטש אַ טבע צו מעלאָדראַמאַטיזירן. אַזױװי איך האַלט אַז סע איז אױך דאָ געדאַנקלעכער מעלאָדראַמאַטיזם, דאַרף מען זיך אַוודאי אויסהיטן פון איט אין עסײען.

האָב איך דעם אײגענעם גאָרטן געפרואווט אויסשטײנערן, אויסרײסן די בלענדיקע געוויקסן זײנע, אַז בלײבן זאָלן נאָר די וואָרצלען. נאָר נאָך אַלעמען בין איך מסתמא פאָרט נכשל געוואָרן. וואָרט בכלל איז דאָס וואָרט פול מיט שטרויכלונגען, בפרט דאָס וואָרט וואָס רעדט פון דעם אײגענעם איך. דאָס לירישע ליד איז דערפאַר דער שווערסטער פאָעטישער נסיון, — אויב דער פאָעט פאַרשטײט ווי געהיט ער דאַרף זײן זיך אַלײן נישט צו וואוגאַניזירן מיט גוזמאדיקן צער, אָדער מיט איך־גדלות.

די מעשה פון אַ שטוב

סע איז אפשר נאָך צו פרי פאַר מיר צונויפצונעמען די פעדעם פון מיין לעבן און פּרואוון אויסוועבן פון זיי אַ גאַנץ געוועב. זיי זענען נאָך פול מיט קנופּן, דער קנויל איז נאָך נישט אויסגעפּלאָנטערט, דאָס געמיט אין מיר איז נאָך נישט גענוג אויסגעלייטערט. נאָך איך וועל פּרואוון אָנצייכענען אַ פּאָר שטריכן פון דער סביבה, וואָס אין איר בין איך געוואַקסן, די שטוב אונדזערע — ר׳ לאָזער שוחטס שטוב אין בעלץ — אפשר וועט זיך פּאַרט אַרויספּלאָנטערן אַ שטיקל בילד פון מיין גאַנג אין דער פּאָעזיע.

איך וועל פּרואוון מאָלן דאָס בילד פון מיין וויטן עבר, וואָס האָט פּאַרזייט אין מיר דעם קערן פון ליד. כ׳האָב עס געטאָן איבער דריי צענדליק יאָר אין מיינע לידער, נאָר נאָך אַלץ נישט גענוג זיך צו דערגרונטעוועןצום סאַמע תוך פון זיך.

אַנומלטן האָט זיך אין שכנות מיט מיר באַזעצט אַ משפּחה, — אַ מאַמע מיט דריי זין, — וואָס האָט פּאַרקויפט גרינצייג. איינמאָל שטעלט־אָפּ די יידענע מיין פרוי און זאָגט איר:

— הערט נאָר, איך בעט אייך, איז אייער מאַן נישט קיין בעלצער?

— יאָ, ער איז אַ בעלצער, — ענטפערט מיין פרוי.

— ר׳ לאָזער שוחטס זון אַוודאי?

— ר׳ לאָזער שוחטס זון.

— אַי, ווי קומט אייער מאַן צו זיין טאַטן? ר׳ לאָזער שוחט איז דאָך געווען אַ זיידענער ייד, אַ פּאַרשוין. די גאַנצע שטאָט האָט זיך מיט אים געבענטשט. אַלע ווייבער האָבן מקנא־געווען חיה די שוחטקע.

ערשט פון דער יידענע האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אין שעכטהויז האָבן זיך אַלע יונגע ווייבלעך און מיידלעך געריסן, אַז נאָר „רעב לאָזער" זאָל קוילן זייערע הינער. און מאָלט אייך, אַז לאָזער שוחט אַליין האָט עס נישט געוואוסט, וואָרים געווען איז ער אַן עניו, אַ ייד וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס געגעבן אַנדערע און קיינמאָל ביי קיינעם נישט גענומען.

אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער איז מיין טאַטע געווען, ווען איך האָב אים דערקענט. ער איז געגאַנגען גלייך, גאַרנישט מיט קיין יידישן גאַנג, און די מאַמע האָט אַלעמאָל געהאַט טענות צו אים:

— וואָס גייסטו, לאָזער, נאָר מיט אַ פּאַרריסענעם קאָפּ? טאָמער מאַכט

זיך, אַז סע ליגט אַן אוצר אויף דר׳ערד, וועסטו אים אַפילו נישט זען . . .

די מעשה מיטן אוצר איז נישט געווען אַזאַ פּשוטע: געווען ביי אונדז אַ ייד אַ גביר, האָט מען געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט געפונען אַן אוצר. אָבער אַז אַ מענטש האַלט דעם קאָפּ אַלעמאָל פאַרריסן צום הימל, וועט ער דאָך דעם אוצר נישט דערזען, אַפילו אַז ער זאָל זיך וואַלגערן ממש אונטער זיינע פיס.

דעם טאַטנס אויגן זענען געווען קלאָרע, שוואַרצע, נאָר אַמאָל האָבן זיי זיך פאַרצויגן מיט אַ דין הייטל פון אומעט. ביי אונדז אין בעסאַראַביע וואַקסן קיילעכיקע, שוואַרצע פלוימען, — גאָלדאַנעס רופט מען זיי, — זענען זיי אין די שפּעט־זומערדיקע אינדערפריען פאַרצויגן מיט אַזאַ גרוי אומעטיק הייטל. אין די גאַר־יונגע יאָרן מיינע זענען דעם טאַטנס אויגן געווען ביי מיר ווי גאָלדאַנעס, נאָר שפּעטער איז דער אומעט אין זיי געוואָרן טיפער און האָט אַראָפּגעשיינט אויף דער ברייטער, שוואַרצער באָרד, וואָס פּונקט אינמיטן האָט זי געהאַט אַ דין, ווייס פּאַסמעלע.

פון זיינע פריע קינדער־יאָרן בלייבט ביי אַ מענטשן איינע, אָדער צוויי איבערלעבונגען, וואָס נישט ער געדענקט זיי, נאָר ער פילט זיי מיט זיינע חושים. ביי מיר זענען אויך געבליבן צוויי אַזעלכע איבערלעבונגען. די ערשטע — דעם טאַטנס וואַרעמע, האָריקע ברוסט, וואָס צו איר האָב איך זיך געטוליעט, ווען איך בין געשלאָפן מיט אים. נאָך איצטער שפּיר איך אין זיך דאָס וואַרעמקייט זיינס, דאָס גאַנצע לעבן פּרואוו איך דאָס וואָרט מיינס אָנוואַרעמען מיטן טאַטנס ברוסטיקער האָריקייט. די צווייטע — מיין ברודער משהס אויסגעבויגן געשטאַלט.

משה איז געווען עלטער פון מיר מיט דריי יאָר. ווען איך האָב אים דערקענט, איז ער אַרומגעגאַנגען אַן איבערגעבויגענער, די הענט האָט ער אָנגעשפּאַרט אויף די פיס און דעם קאָפּ האָט ער אַלץ געוואָלט אויפהויבן, נאָר נישט געקענט. כ׳וועל נישט קאָווירן, אַז צו צוויי יאָר האָב איך שוין געוואוסט קלאָר, וואָס מיט משהן האָט געטראָפן, ס׳איז געווען מער שפּירונג ווי וויסן, — נאָר ביז היינט לעבט אין מיר דער טרויער, אַז משהס אומגליק איז ענג פאַרבונדן מיט מיין קומען אויף דער וועלט. אַלע אין שטוב ביי אונדז זענען געווען טונקל־הויטיקע, נאָר משה איז, ווי איך, געווען בלאָנד, מיט בלויע אויגן. דער גורל האָט אָפּגעשפּילט אַ בייזע שפּיל, אַז גראָד איך און משה זאָלן זיך אַזוי סאַמעווען. ווען איך בין געקומען אויף דער וועלט, איז משה שוין אַרומגעגאַנגען, ער האָט גערעדט, אַ געזונט, פריילעך קינד געווען. צו מיין ברית זענען געקומען אַ צוויי הונדערט יידן, — אַזוי האָט מען מיר דערציילט, — אויף משהן האָט אַכטונג־געגעבן אַ ייד אַן אַרומפאָרער, ער האָט געהייסן פרויקע, ווי איך, און איז איינגעשטאַנען ביי אונדז, — ביי לאָזער שוחט זענען אַלעמאָל איינגעשטאַנען פאַקנ־טרעגערס, גוט־יידישע גבאים, אייניקלעך, משולחים פון ישיבות. אַז דער

עולם האָט זיך צעטאַנצט, האָט דער ייִד פרויקע איבערגעלאָט משהן אויף אַ טיש און האָט אויך געכאַפּט אַ ריקודל. משה איז דערוויל אַרונטערגעפאַלן, איידער מע האָט זיך אַרומגעקוקט, איז מען אויף אים געטראָטן. פון שרעק איז ער געוואָרן שטום און די טענץ אויף זיין קינדישן גוף האָבן אים צעבראָכן די ביינער. יאָרן האָט ער איינגאַנצן נישט געקענט אויסגלייכן זיין גוף. דערנאָך, אַז ער איז שוין געגאַנגען גלייך, איז ער שוין אויך נישט געווען קיין לייט. געבעדט האָט ער, אַז נאָר מיר אין שטוב, און גאָר־נאָענטע מענטשן, האָבן פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט.

דעם סדר־טיש האָט משה צוגעגרייט, אויסגעשטעלט די כוסות, אויס־געפוצט די קערה, אָנגעלייגט די הגדות, נאָר אַז ס'איז געקומען צום סדר, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקל און שטילערהייט געוויינט. קיין קידוש האָט ער נישט געקענט מאַכן, זאָגן די הגדה אַוודאי נישט, האָט ער זיך געפילט אַן איבעריקער אויפן יום־טוב, וואָס ער האָט צוגעגרייט. די סוכה האָט משה געמאַכט, אויסגעפלאַנעוועט די דירת עראי מיט קינסט־לערישער פאַנטאַזיע, נאָר ווידעראַמאָל איז די יום־טובדיקע סעודה געווען פול מיט טרויער, — די כמאַרע פון משהס צער איז געהאַנגען אונטערן סכך און האָט זיך אפילו דורכגעריסן דורך די שפּאַרונעס מיט די דינע פאַסיקלעך לבנה־שיין.

די צוויי איבערלעבונגען, — דעם טאַטנס וואָרעמקייט און משהס טרויער, — זענען פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן געבליבן שפּירונגען אין מיר.

מיר איז באַשערט געווען איבערצולעבן מענטשלעכע וואָרעמקייט אויך פון אַ בעלפער. אין חדר האָב איך אָנגעהויבן צו גיין צו דריי יאָר. ווי איך בין געגאַנגען אין חדר געדענק איך נישט, אָבער ווי שמעון־הערש האָט מיך געטראָגן אין חדר אַריין ליגט מיר נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין די ביינער. שמעון־הערש איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט גרויסע, נערוועזע, שוואַרצע אויגן. ער האָט געלאָכט טיף־ברוסטיק און געבעדט האָט ער, ווי ער וואָלט געזונגען מיט אַ באַס. אַז שמעון־הערש האָט מיך געטראָגן אין חדר אַריין, האָט ער מיך נישט גענומען, ווי אַנדערע קינדער, אויף די אַקסלען, נאָר געהאַלטן מיך ביי דער ברוסט און געקושט. פון אונדזער שטוב צו יידל דעם דרדקי־מלמד איז געווען אַ שפּאַנוועגס, אָבער שמעון־הערש האָט מיך אומיסטן געטראָגן אַרום און אַרום, כדי ער זאָל מיך קענען אָנקושן.

ס'זענען דאָ שטיבער, וואָס די טירן זייערע זענען תמיד פאַרמאַכט און די פענצטער, אפילו אַז זיי זענען זומער אָפן, דאַכט זיך אויך, אַז זיי בעטן זיך ביי אייך: קוקט נישט אַריין, מיר זענען פאַרמאַכט. ווידער זענען דאָ שטיבער, וואָס תמיד זענען זיי אָפן. אונדזער שטוב איז געווען אַן אָפענע, דער פראָסט האָט פאַרקאָוועט די שויבן, האָט די שטוב אונדזערע אַרויס־

אַפילו ווינדער, ווען מע האָט אַריינגעשטעלט די טאָפּלטע פענצטער און געקוקט מיט אָפּנקייט אויף דער פּעטערבורגער גאַס. אין איינער אַזאַ ווינטער־נאַכט זענען פון דער קאָלאָניע מאַרקולעשט געקומען צו פאָרן די פישמאַנס, — אלימלך סופר, זיין זון יהודה־לייב פישמאַן, דער איצטיקער פירער פונעם מזרחי אין ארץ־ישראל, דער יינגערער זון גבריאל און די טאָכטער האָדל, די עדה פישמאַן, וואָס שטייט איצטער בראש פון די אַרבעטער־פּרויען אין ארץ־ישראל. טירן געוויינלעך פאַרריגלט מען, אָדער מע פאַרשליסט זיי, אונדזער טיר האָט זיך פאַרקייטלט אויף אַ קליין קייטעלע. אַזויווי אָבער דער עלטערער ברודער האָט געהאַט אַ טבע צו פאַרזיצן זיך אין אַ הויז שפּעט ביי אַ וויכוח, אָדער גלאַט אַ שמועס, איז אפילו דאָס קייטעלע אויך נישט געווען פאַרקייטלט. אַז די פישמאַנס האָבן געפונען אָן אָפענע טיר, זענען זיי אַריינגעגאַנגען. אַלע, זעען זיי, שלאָפן; דורכגעפרוירן זענען זיי געווען, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט אויף דער לאַנגער באַנק ביים וואַרעמען אויוון. איידער וואָס־ווען, זענען זיי איינגעשלאָפן און זיך צעשאָקלט. שפּעטער, אַז דער ברודער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געזען עטלעכע שאָטנס וואָס טרייסלען זיך ווי לולבים. ער האָט, דאַכט זיך, אַ געשריי־געטאָן און אין שטוב איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. די פישמאַנס האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָבן זיך באַלד ראַזדרעכעט און אין שטוב איז געוואָרן לעבעדיק: מע האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר, דערלאַנגט צום טיש ברויט מיט קנאָבל, — דאָס בעסטע מאכל איז עס ביי זיי געווען, — און אַ נייער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אינמיטן נאַכט ביי לאָזער שוחט אין שטוב.

זינט איך געדענק, איז אין שטוב ביי אונדז געווען פול מיט אורחים. איין פּאַקנטרעגער איז געקומען אַ צוויי וואָכן פאַר שבועות און איז אָפּ־געשטאַנען ביז תמוז. ער האָט מיר געגעבן אַ מתנה דעם „קדושת־לוי" און די „שבחי־בעש"ט". אַן אַנדערער איז געקומען אויף סוכות, שבת ביים טיש האָט ער געזונגען „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה". איין אורח איז געווען וואָס אַז ער האָט פריייטיק־צו־נאַכטס געמאַכט אַן המוציא אויף אַ גאַנצער חלה, האָט ער זי צוגעהאַלטן מיט דער האַנט, אַז קיינער זאָל נישט טועם־געווען פון זיין המוציא. מרדכי טאַלייסניק האָט אָנגעהויבן צו פאַרפאָרן צו אונדז, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן. דערנאָך האָט ער זיך מיישב־געווען: וואָס איז דער שכל צו קומען צו לאָזער שוחט נאָר אויף עטלעכע וואָכן אַ יאָר? אַמיין וועט ער זיך באַזעצן אין בעלץ און תמיד זיין ביי לאָזער שוחט אין שטוב. מרדכי טאַלייסניק איז געווען אַ פּראָסטער ייד, נאָר אַ פּאָעטישער. ביי לאָזער שוחט אין שטוב האָט ער זיך אויס־געלערנט משניות, ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ס'איז דאָ אַ שרייבער נחום סאָקאָלאָוו און אַז יידן „גייען" קיין ארץ־ישראל. זיין בענקשאַפט נאָך סאָקאָלאָוון האָט ער געשטילט דערמיט, וואָס אַז ער איז אַמאָל געפאָרן קיין וואַרשע, האָט ער געדאַוונט מנחה אין דער „הצפירה"־דרוקעריי און דער

„אורח־לשבת״ האָט אים געגעבן שלום־עליכם. מיט ארץ־ישראל איז שוין געווען אַביסל קאָמפּליצירטער, נאָר דער אייבערשטער האָט געהאָלפן און מרדכי טאַלייסניק איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. אַז ער איז איבערגעקומען דאָס שלאָפקייט, האָבן אים דער טאַטע און גרשון אַרקעס געבראַכט אַ פלעשל כרמל־ווין. געדענק איך ווי היינט, ווי מרדכי האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, אָנגעטאָן די יאַרמעלקע, געמאַכט אַ ברכה און אויסגעטרונקען אַ קעלישקל אַליקאַנט. איך דאַנק דיר, גאָטעניו, האָט ער פרום געזאָגט, וואָס דו האָסט געבראַכט אויף מיר אַ מחלה און כ׳האָב זוכה־געווען דערפאַר צו טרינקען ארץ־ישראל־ווין.

צו לאָזער שוחט איז מען געקומען פון דער גאַנצער שטאָט נאָך עצות, אַלעמאָל איז ער געווען אַ בורר אין אַ סכסוך, אַלעמאָל האָט זיך אַ ייד אויסגערעדט פאַר אים דאָס האַרץ. די מאַמע ווידער איז געווען אַ גאַנצע דאָקטערקע: ווייבער זענען געקומע צו איר מיט ברעכעניש און קלעמעניש און זי האָט זיי געגעבן — אַפּסירין. ביי דער מאַמען איז אויסגעקומען, אַז אַספּירין איז גוט צו אַלדי קרענק אין דער וועלט און זי איז, דאַכט זיך, געווען גערעכט: ווי מיט דער האַנט, האָבן די ווייבער געזאָגט, האָט די מאַמע ביי זיי צוגענומען דאָס ברעכעניש.

פון טאַטנס צד, און דער מאַמעס, איז אונדזער שטוב געווען אַ חב״דישע. דער טאַטע האָט זיך געלערנט שחיטות אין דער ליטע, ביים קאָפּוסטער רבין, און דער מאַמעס טאַטע, אברהם ביליס, האָט דערציילט, אַז ער האָט נאָך געהאַט די זכיה צו זען דעם צמח צדק, — ר׳ מענדעלע ליובאַוויטשער. נאָר די חב״דער רביים זענען געווען ווייט, דאָס האַרץ האָט געלעכצט נאָך חסידות, האָט זיך די שטוב געמישט מיט די סאַדעגורער און באָיאַנער חסידים. דער טאַטע האָט אָבער אָפּגעהיט י״ט כסליו, ווען דער רב איז אַרויס פון תפיסה, און דער „תניא״ איז ביי אים אַלעמאָל געלעגן אויפן טיש. אַז דער זיידע אברהם איז געקומען צוגאַסט פון מאָלעוו, האָבן זיי ביידע געלערנט דעם „תניא״ און כ׳האָב געזען, אַז זיי זענען ווי אויס־געלייזט געוואָרן פון גלות. דאָס אַנדערע חסידות איז ביי זיי געווען אַ טפל, דער עיקר איז געווען דאָס חב״ד. פאַר אונדז קינדער האָט דער טאַטע אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די אַלע גוט־יידישע מופתים, וואָס אַנדערע חסידים האָבן דערציילט אין שטוב. אונדז האָט ער דערציילט פון ר׳ שניאור־זלמנען, דעם גילדענעם רענדל, וואָס דער קייסער האָט אים דערמיט אויס־געפּרואווט, פון דער אָרעמקייט ביים קאָפּוסטער רבין, וואָס האָט קיין קוויטלעך נישט גענומען און זיין הנהגה איז געווען פון אַ פּשוטן יידן.

און דער טאַטע האָט זיך געפירט מיט חב״דישער פּשטות: אַקוראַט ווי אין שטוב זענען געווען אַנגעלייגט די גרעסטע לומדים, אַזוי זענען אויך געווען ביי אונדז אין שטוב שטענדיקע אַריינגייער — באַלמעלאָכעס. גבירישע יידן האָבן זיך געמישט מיט ביטערע אָרעמעלייט, דער סטעלמעך איז געזעסן

ביי איין טיש מיטן פֿאַרמעגלעכן פּאַסעסאָר. דער פּשוטער ייד האָט זיך ביי לאָזער שוחט אין שטוב געפילט דערהויבן. און אויב איך פּרוּוו אין מיינע לידער געבן אַ תּיקון דעם פּראָסטן יידן, האָב איך עס איבערגענומען בירושה פונעם טאַטן.

מיר אַליין זענען געווען נישקשהדיקע אָרעמעלייט. עסן און טרינקען איז געווען לרוב, מעטנשן האָט מען אויפגענומען מיטן שענצטן און בעסטן, נאָר אַז עס איז געקומען נאָך פּורים און מע האָט געדאַרפט קויפן אַ שטיקל זאַנגע אויף העמדער און גאַטיעס, אָדער אויפנייען די יינגלעך בעזשענע גאַר־ניטערס, איז געווען ממש קריעת ים־סוף. ביי איינעם האָט דער טאַטע פאַרזעצט די פעדערן, — דאָס הייסט די פעדערן וואָס שוחטים האָבן אָפּ־געפּליקט פון די הינער און גענדז, — ביי אַן אַנדערן האָט ער פאַרזעצט אַ טייל פונעם וואַכנגעלט, וואָס האָט באַטראָפן צוועלף רובל אַ וואָך. פון די חובות איז מען קיינמאָל נישט אַרויסגעקראָכן. אַנדערע שוחטים, וואָס האָבן פאַרדינט וויפל דער טאַטע, האָבן געהאַט געלט, נאָר דער טאַטע איז געווען אַ בעל־חוב. גראָ און אַלט פאַר דער צייט איז דער טאַטע געווען פון די חובות, ביז איינמאָל האָט ער זיך מיישב געווען, אַז ער וועט פאַרקויפן די שטוב און זיך אַרומצאָלן. די שטוב האָט ער פאַרקויפט, נאָר אַז מיר זענען געשטאַנען אין דער געדונגענער שטוב, האָט זיך דער טאַטע צעוויינט, די מאַמע האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און מיר, קינדער, האָבן אַזוי גע־רעוועט, אַז מענטשן זענען זיך צונויפגעלאָפן. מיר זענען געבליבן אינעם עלטערזיידנס שטוב, און דער טאַטע איז נאָך אַלץ געווען אַ בעל־חוב. דער יינגערער ברודער מיינער, וואָס האָט נאָכן טאַטנס פּטירה איבערגענומען די חזקה, האָט ערשט אָפּגעצאָלט די חובות.

די שטוב אונדזערער איז געווען צונויפגעוואַקסן מיטן יידישן לעבן אַרום, נאָר אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז זי איז געווען אַ סך מער: דער אַריינקום און אַרויסגאַנג פאַר אַ שטאָט יידן. מיטן גוי האָט דער טאַטע נישט גע־האַנדלט, אָבער גרויסע סוחרים האָבן זיך מיט אים געֿעצהט. קיין ערד האָבן מיר נישט געגומען אין אַרענדע, אָבער טאָמער, חלילה, האָט אין סיוון נישט גערעגנט און יידן האָבן מורא געהאַט פאַר אַ טריקעניש, איז איבער אונדזער שטוב געהאַנגען אַ כמאַרע, ווי אונדזערע אייגענע פעלדער וואָלטן געשרפהט. היינט די בריק־יידן, וואָס זומער און ווינטער זענען זיי אַרויסגעגאַנגען כאור־הבוקר צו דער בריק איבערצונעמען דעם גוי, וואָס האָט געבראַכט אַ זעקל ווייץ, אַ פורל פּאַפּשויעס, אַ לעמעלע, אַ שאָף, אַ פעלעכל — די יידן זענען גאָר געווען היימיש ביי אונדז.

אַן אָנגעפרוירענער ייד אַזאַ האָט זיך ווינטער אינדערפרי אַריינגעכאַפּט צו לאָזער שוחט צו דערוואַרעמען די ביינער מיט אַ גלעזל טיי און פאַר איינוועגס הערן אַ קלוג וואָרט, אַ שטיקל תורה. אַז דער טאַטע איז נישט געווען אין דער היים, זענען די קינדער אים געלאָפן אַנטקעגן און מכבד־

געווען מיט טיי. סע איז געווען אַ נוסח אַזאַ, אַן איינגעשטעלטער גאַנג אין לעבן. די ליבשאַפט צו מענטשן איז אין אונדזער שוחטישער משפחה איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און אַרום איר האָבן זיך אפילו געוועבט לעגענדעס. אַן עלטערזיידן מיינעם, הערשעלע, האָבן בעת דער פלעווונער מלחמה דערהרגעט קאָזאַקן, דערפֿאַר וואָס ער איז ווינטער פֿאַרטאָג אַרויס־געגאַנגען איבער בעלצער גאַסן און געוועקט יידן צו עבודת־הבורא. דער פעטער אהרן־בער, — אים האָב איך נאָך פֿאַרכאַפּט, — איז אַליין געשטאָרבן פון הונגער, אָבער אין די ווינטערדיקע פֿאַרטאָגן האָט ער אונטערגעוואָרפן בינטלעך „סטו" (טשערעט) אויף פריזבעס פון אָרעמעלייט, אַז זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו הייצן די הרובעס. גערופן האָט מען אים אהרן־בער גאָט, גע־שטאָרבן איז ער שמחת־תורה, און כאָטש איך בין דעמאָלסט אַלט געווען נישט מער ווי פיר יאָר, געדענק איך ווי די גאַנצע שטאָט איז געקומען צו זיין לוויה און אינמיטן שמחת־תורה האָט אַ שטאָט ייד געוויינט. די באָבע, אסתר־לאה, וואָס איז יאָרן געווען אַן אלמנה, האָט טעג און נעכט געטראָגן אויפן קאָפּ די אָרעמעלייט און אַליין האָט זי געלעבט אין אַ קליין חדרל. פון די דריי רובל אַ וואָך, וואָס זי האָט באַקומען פונעם טאַטן, האָט זי אַ העלפט אַוועקגעגעבן אויף צדקה.

מיט אַ מענטשן האָט מען זיך ביי אונדז מחיה־געווען, אַ מענטשן האָט מען ממש געטראָגן אויף די הענט און, אויב אין מיינע לידער איז דאָ אַ טראָפּן גוטסקייט צום מענטשן, האָב איך נאָך אַלץ נישט דערגרייכט אין זיי די מדרגה פון מיינע אָבות.

ווי די מערסטע היינטצייטיקע יידישע שרייבער, האָב איך אַריינ־געשפּאַנט אין לעבן אינמיטן פון דער גרויסער שרפה, ווען די אַלטע יידישע בנינים האָבן זיך אָנגעהויבן צו ברעכן אין די פלאַמען פון דער השכלה, פון דער וועלטלעכקייט. ביי אונדז האָט די השכלה היפש פאַרשפעטיקט, אפילו איך געדענק נאָך די ערשטע משכילים ביי אונדז. די ערשטע נעסט אירע איז געווען טאָקע ביי אונדז אין שטוב. מיין ברודער שלום, יעקב פּיכמאַן, דוד קרימסקי, אלעזר היק, בן־ציון דוכאָווני, און נאָך אַ פּאָר זענען געווען די פּיאָנערן פון „ליכט" אינעם אַלט־יידישן לעבנסשטייגער. נאָר צו־שאַרף איז דער ריס נישט געווען. די משכילים אונדזערע האָבן נישט געהאַט אין זיך דאָס בייזקייט אויסצורייסן האָרע־קאָרע דאָס יידישע לעבן. סע איז גיכער געווען אַ פאַלקסטימלעכער, געזונטער איבערבראָך. דער משכיל אונדזערער איז נישט אַרויס לתרבות־רעה, ער איז נישט געווען קיין להכעיסניק. און די פרום־יידישע וועלט, פון איר זייט, האָט אויך נישט אָנגעגורט די לענדן צו פאַרלענדן די היינטוועלטיקע.

אַוודאי, אַן שטרייט איז אפילו ביי אונדז די היינטוועלטיקייט נישט אָפּגעקומען. איך געדענק נאָך גוט, אַז ווען מיין ברודער שלום איז אַהיימ־געקומען מיט אַ שליאַפּע, האָט זיך אין שטוב ביי אונדז געטאָן חושך. איך

גערענק אָבער אויך, אַז דער טאַטע האָט געזאָגט: מעיך אַרט עס נישט, נאָר וואָס וועט זאָגן חיים־איציק סטאָליער?

חיים־איציק סטאָליער איז געווען אונדזערער אַ שכן. זיין שטוב איז געווען דער היפּוך פון אונדזערער: אַ פאַרמאַכטע, אַ פאַרביסענע, ווי חיים־איציק אַליין איז געווען. אַמאָל איז חיים־איציק געווען אַ שוסטער, אָבער אַ ייד אַ למדן איז ער געווען, און אַז דער אייבערשטער האָט אים מזכה־געווען מיט געלט, האָט ער אויף זיין אויסגעדאַרט פּנים אַרויפגעצויגן אַ בייזע שטרענגקייט און איז געוואָרן אַ משגיח אויף פרומקייט, דער עיקר אין לאַזער שוחטס שטוב. חיים־איציק האָט אַנגעשפּאַרט אין די גאַר־הויכע פענצטער. אפילו ביי ר׳ שמואל ליפּסאַן האָט ער צוגעשטעלט דעם טאַטן אַ בענקעלע. כאָטש ער איז נישט געווען קיין נכנס ביי אונדז, האָבן אָבער זיינע קליינע, שאַרפע אויגן אַריינגעקוקט דורך אַלע שפּראַרונקעלעך און געזען אַ סך מער ווי מע דאַרף. לאַזער שוחט האָט שטילערהייט געלייענט די „הצפירה״, חיה די שוחטקע האָט אין בעט געהאַלטן אין איין האַנט דעם „פריינט״ און אין דער אַנדערער אַ ליכט און אַזוי איז זי אָפּגעלעגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער, אַז דער בכור זייערער, שלום, זאָל אַנטאָן אַ שליאַפּע, האָבן זיי געוואוסט, אַז חיים־איציק וועט נישט שווייגן. ער האָט טאַקע נישט געשוויגן, רק געוואָלט, אַז מע זאָל דעם טאַטן מעביר־זיין פון שחיטות, אָבער דעם טאַטנס יחוס, דאָס גוטסקייט זיינס און די ליבשאַפט, וואָס די שטאָט האָט געהאַט פאַר אים, זענען אים בייגעשטאַנען.

קיין אפּיקורס בין איך קיינמאָל נישט געווען, וואָרים מיין צובונד איז שוין דער עיקר געווען צו אַ לעבנסשטייגער, נישט צו איבערגעטריבענער פרומקייט. דער לעבנסשטייגער איז געווען פול מיט געזאַנג. יידן ביי אונדז האָבן זיך געקענט נאַריש מאַכן ווי קינדער, זינגען און טאַנצן. פּורים ביינאַכט, געדענק איך, זענען יידן אַרויסגעגאַנגען פון אונדזער שטוב, דער שניי איז געווען כשר־וויים, די לבנה האָט ממש געבלענדט די אויגן, און יידן האָבן זיך ערשט צעהוליעט: זיי האָבן געמאַכט מענטשן אין שניי, זיך געטובלט אין זיין ריינקייט און געזונגען מיט אַ טרויעריקער פאַרבענקט־קייט. איינמאָל שמחת־תורה האָט נחום כאַלופּאָווסקי געכאַפּט אַן איבעריק גלעזל און, ווי ער איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע, איז ער אַנשלאָפן גע־וואָרן. מע האָט אים איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך, שלמה בערלין האָט אים באַווייגט אויף וואָלעכיש, — פאַרוואָס ביסטו נישט געשטאָרבן ווען דו ביסט אַ קינד געווען, פאַרוואָס ביסטו נישט אויסגערונען אין דער מאַמעס בויך, — דערנאָך האָט מען אים אויסגעצויגן אויף אַ לייטער און געטראָגן איבער דער גאַס. אַז די „לוויה״ איז צוגעקומען צום „קאָלץ״, לעבן מענדל דעם שענקער, און דאָרטן איז געווען אַ טיפע בלאָטע, האָבן יידן פאַר־קאַטשעט די הויזן און מיט געזאַנג האָט מען „געשפּאָלטן דעם ירדן״.

אַז ס׳איז געקומען אַ יומא־דפגרא, האָט מען ביי אונדז אין שטוב גע־

טאַנצט און, אַז איך בין אַלט געווען זיבן־אַכט יאָר, האָט מען מיך שוין אַריינגענומען אין ריקוד. דאָס וואָלעכל אי ביי אונדז געווען אַ יידישער ניגון, דער ייד האָט געבענקט נאָך געזאַנג און סע זענען געווען יידן, וואָס זענען אומיסטן געפאָרן אין דער קאָדרע, — די בערגיקע וויין־געגנט אין בעסאַראַביע, — איבערצונעמען אַ ניי וואָלעכל און ברענגען אויף סוכות קיין בעלץ.

גמרא האָב איך געלערנט מיט אַן אייגעענם ניגון, אין די שווערע סוגיות האָב איך אַריינגעלייגט דאָס גאַנצע בענקשאַפט מיינס נאָך געזאַנג, נאָך וואָרט, נאָך אויסדרוק. איינמאָל האָבן מיר געלערנט: „אמר ר׳ יוחנן, הוי עובדא בהאי בר־נש — ס׳איז געווען אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטש, — שהוי הלך בחשכת הלילה — וואָס איז געגאַנגען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, — והדליק נר להאיר את חשכת הלילה, — און ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט צו באַלייכטן די פינצטערניש פון דער נאַכט, — ובא הרוח — איז געקומען דער ווינט, — וכבה את הנר — און האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט״... דערנאָך איז נאָך געגאַנגען „אמר אותו האיש״, אָבער איך האָב שוין מער נישט נאָכגעזוגגען, כ׳האָב געוויינט אויפן קול, אַ מוראדיקער טרויער האָט מיך אַרומגעכאַפּט, פאַר די אויגן האָב איך געזען דעם „בר־נש״, וואָס דער ווינט פאַרלעשט דאָס ליכט זיינס אין דער פינצטערער נאַכט, כ׳האָב זיך אויסגעמאָלט אונדזערע האַרבסטיקע, שוואַר־אָנגעלאָדענע נעכט, זיך אַליין, אַן עלנטן, מיט אַ צעבראָכענעם לאָמטערן. דערנאָך, ווען ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַן אומעט האָב איך איבערגעזוגגען דעם „הוי עובדא בהאי בר־נש״.

דאָס איז, דאַכט זיך, געווען דאָס ערשטע יידישע געזאַנג מיינס, וואָס אַ סך מאָל האָב איך עס איבערגעדריסן, אָבער אַלעמאָל איז עס געווען אין מיר. איך וויל זוכה־זיין צו דערגיין צו דעם דאָזיקן געזאַנג מיטן פולן האַרצן, מיט דער גאַנצער פרייד און דעם טרויער פון מיינע בעסאַראַבער יידן — מיט דער טיפער יידישער אמונה, וואָס זיי האָבן אין זיך געוואָרעמט.

נאָוועמבער 1942

אַ שמחת תורה און אַ סוכות ביינאַכט

זינט דעם שמחת תורה, וואָס פון אים וויל איך דערציילן, איז שוין אַוועק אַ קימאַ־לן פון איבער פופציק יאָר. די טיפע נאַכט ליגט מיר אָבער נאָך אין די ביינער און דאָס שפּעטנאַכטיקע געזאַנג אויף דער גאַס אין בעלץ. דער טאַטע מיינער, אלעזר שוחט, איז געווען גבאי אין שוחטישן בית המדרש. פאַרנאַכט האָט מען אים געפירט אין בית מדרש־אַריין מיט שטורקאַצן. גרויסע קאַבאַקעס האָט מען אויסגעליידיקט, אויסגעשניטן פּירעקיכע פענצ־טערלעך אין זיי, אַריינגעלייגט אינעווייניק שמאַטעס, וואָס זענען געווען דורכגעווייקט אין געדיכטן „טראָן“, און זיי אָנגעצונדן. די קאַבאַקעס האָט מען אַרויפגעשטעלט אויף שטעקנס און זיי געהאַלטן אין דער הייך, איבער די קעפּ. פון אונדזער שטוב ביזן בית מדרש איז געווען עטלעכע גאַסן, די פראָ־צעסיע האָט זיך געצויגן פּאַוואָליע, יידן האָבן הנאה־געהאַט פון די פלאַמען וואָס האָבן זיך געריסן אַרויפצו, זיי האָבן געזונגען איינגעהאַלטן, — פאַר די הקפות הוליעט מען נישט, נאָכן טאַנץ מיט דער תורה הייבט מען ערשט אָן צו טאַנצן פאַר זיך אַליין. דער טאַטע איז געגאַנגען אַביסל פאַרשעמט, מיט עניוותדיקער ווערדע, איך, — אַ יינגל פון אַ יאָר צען, — האָב זיך גע־האַלטן לעבן אים. אַז מע פירט דעם טאַטן אין בית מדרש־אַריין, פּאַסט מיר נישט צו קאָמאַנדעווען מיט די וואַיוועס. אַז אַ יינגל גיט מיר אַ צופּ, קוק איך זיך אַפילו נישט אום אויף אים, דעם צופּ וועל איך אים צוריקגיבן דערנאָך, ווען איך וועל ווערן אויס יחסן.

נאָך די הקפות זענען די שטוב־מקורבים געקומען מאַכן קידוש און טועם־זיין פון דער שוחטקעס פלײשיקע קנישעקלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט. געטרונקען איין שטאָף וויין נאָכן אַנדערן, אַ חוץ קנישעקלעך האָט נאָך די מאַמע געגעבן מאַאינע און געפילטע העלדזלעך, דער עולם איז געווען אויפגעלייגט, אַהיים איז שוין קיינער נישט געגאַנגען, וואָס ווייטער איז דאָס געזאַנג געוואָרן העכער, — וואָלעכלעך און פאַרניאַלעס און חסידישע ניגונים. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צו טאַנצן, וואָס ווייטער איז דער ריטם געוואָרן שטורמישער, יידן זענען ממש געפלויגן אין דער לופטן. מרדכי טאַלייסניק, וואָס האָט אַלע יאָר געבראַכט פון דער „קאָדרע“ (די וויינ־געגנט אין בעסאַראַביע) אַ ניי וואָלעכל אויף סוכות, האָט זיך אַזוי פאַרזונגען מיטן וואָלעכל, אַז ער איז געבליבן אין דרויסן פונעם ראָד. ער האָט זיך געפּרואווט אַריינשטופּן, אָנכאַפּן אַן אַקסל, אָבער אויף אַלע אַקסלען זענען שוין געליגן הענט ווי צוגעוואַקסענע. מרדכין איז עס דערגאַנגען ביז צום האַרצן, אַ גרויסע עוולה האָט מען אים געטאָן, ער האָט זיך צעוויינט: יידן, **לאָזט מיך אַריין.**

שפּעט ביינאַכט האָט מען זיך מיישב־געווען צוצוגיין צו יעקב־משה היק,

וואָס האָט געוואוינט ביי דער בריק און אין קעלער ביי אים איז געשטאַנען אַ טייערער „אַנטל" וויין. ביז צו דער בריק איז געווען אַ ווייטער מהלך, איז מען געגאַנגען אינמיטן גאַס און געזונגען. דערווייל איז אָנגעפאָרן אַ פאַעטאָן מיט אַ פּאָר פייערדיקע פערד, — דער פּריץ קרופּענסקי האָט זיך אומגעקערט פונעם קלוב צו זיך אויף דער „אַדייע". ער האָט געהייסן דעם קוטשער אָפּשטעלן די פערד און זיך צוגעהערט צו די וואָלעכלעך, וואָס יידן האָבן געזונגען. אַז ער איז אַוועקגעפאָרן, זענען אָנגעקומען עטלעכע יונגע־לייטלעך, — די שטאָטישע משכילים, — זיי איז נישט אָנגעשטאַנען וואָס יידן גייען איבער דער גאַס אינמיטן נאַכט און זינגען. זיי האָבן געמוסרט, גערעדט האַרבע רייד: ווי פּאַסט עס פאַר יידן? וויניק פאַר אייך דאָס בית מדרש? אויף דער גאַס דאַרפט איר נאָך אַרויסטראָגן דעם שמחת תורה? די יידן האָבן די משכילישע יונגעלייטלעך גענומען אויפן צימבל: וואָסי? איר זענט די פּרייע, האָט איר מורא וואָס די גוים וועלן זאָגן? אוי זענט איר אין גלות ביים גוי. אַ גאָטס רחמנות אויף אייך.

קען איך נישט קאַווירן אַז איך געדענק טאַקע, נאָך איבער פופציק יאָר, די ווערטער וואָס די צוויי קריגערישע צדדים האָבן זיך אין דער שמחת־תורה נאַכט געוואָרפן איינער דעם אַנדערן. אין די עלטערע יאָרן בויט דער מענטש אויף זכרונות, ער פּאַסט צו זיי צו ווערטער וואָס האָבן זיך דורכגע־זיפּט דורך זיין געמיט און זיינע דערפאַרונגען אין לעבן. אין תמצית אָבער זענען די ווערטער, וואָס דער מענטש טראַכט אַפילו צו יאָרן שפּעטער, אמת. אינעם אויסטראַכט בלייבט דאָס בילד, די סיטואַציע, דער נאָכקלאַנג פון רייד, — און סוף־כל־סוף זענען זיי דער אמת.

יאָרן שפּעטער, אַז איך בין שוין געווען אַזויפיל דערוואַקסן, אַז אין מיין איבערלעב האָב איך אָנגעהויבן צו קלייבן מיינע קינדער־יאָרן ווי צייטיק־גילדענע זאַנגען, האָט מיך דער עפּיזאָד אין דער שמחת תורה־נאַכט אַביסל צערודערט, ער האָט געמאָנט ביי מיר אַ פּירוש. דער פּירוש האָט געדאַרפט זיין נישט נאָר אויף די משכילישע יונגעלייטלעך און פריילעכע יידן, — אויף מיר אַליין האָט ער געדאַרפט זיין. איך בין דאָך אויסגעוואַקסן אין דער בחינה „פּרייער", כאָטש קיין משכיל בין איך קיינמאָל נישט געווען. איך האָב דאָך אָנגעהויבן צו קוקן פון דרויסן אויף דער אינעווייניקסטער יידישער וועלט, מער באַטראַכטער אירער בין איך געוואָרן און ווייניקער איבערלעבער אירער.

נישט אין דער ספערע פון גערעכט און אומגערעכט האָט זיך דער וויכוח געפירט, נאָר פון פריי און אומפריי, פון גלות און אומגלות. אויף גע־מיט און איבערלעב קענען מיר נישט אָנווענדן די באַגריפן פון גערעכט און אומגערעכט, יעדער געמיט איז ביי זיך גערעכט און ביים אַנדערן אומגערעכט. די „פּרייע", וואָס די יידן האָבן דעם שמחת תורה ביינאַכט אַזוי מבטל־גע־ווען און זיי געזאָגט, אַז זיי זענען אין גלות ביים גוי, האָבן מסתמא געהאַלטן,

אַז אין גלות איז דער אַנדערער צד, דער וואָס איז געגאַנגען צו יעקב־משה היק טרינקען וויין און זיך משמח־זיין מיטן יום־טוב פון דער תורה ביזן ווייסן טאָג־אַריין. אָבער ווער איז פּסיכיש געווען פרייער? ווער איז פּסיכיש געווען מער אין גלות ביים גוי?

נאָך איידער איך וועל זיך פּרואוון אַרויספּלאָנטערן פון דער נעץ, וואָס איך האָב אַליין אויסגעשפּרייט פאַר זיך, וועל איך נעמען צוהילף אַן אַנדער געשעעניש פון מיינע קינדער־יאָרן. ווידער קאָוויר איך נישט פאַרן פּינקט־לעכקייט פון די רייד, אָבער אין מיין געמיט געדענק איך זיי אַזוי, ווי איך גיב זיי איבער, און דערפאַר זענען זיי מער אמת, ווי אַפילו אַז איך וואָלט זיי דאַמאָלסט פאַרשריבן און איצטער זיי איבערגעשריבן כמו אַ פּראָטאָקאָל.

אַ סוכותדיקע נאַכט, אַ קאַלטע בלענדיק־ליכטיקע. פון זינט איך געדענק זיך האָב איך זיך אַליין געשאַפן פאַנטאַזיעס און דערנאָך געוואָלט דערגיין צי זיי זענען אמת. איך האָב געלעבט אין אַן אויסגעמאָלטער וועלט, אָבער מיט רעפּאָרטערישן נייגער האָב איך די אויסגעמאָלטע וועלט געוואָלט זען רעאַל. איך בין געווען זיכער, אַז וואָס איך מאָל זיך אויס איז דאָ אין דער ווירקלעכקייט, איך דאַרף נאָר זוכן, נישטערן, וועל איך דערגיין די רעאַלקייט פונעם חלום.

געוואוסט האָב איך אַז דער רבי שלאָפט אין סוכה און מיר האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז מלאכים וואַכן איבער אים, הויערן אויפן סכך און קוקן־אַריין דורך די שפּעלטעלעך. די סוכה איז פאַר מיר געווען רעאַל, דער רבי איז געווען רעאַל, אָבער די בלענדיק־ליכטיקע נאַכט, דער אַלייניקער רבי אין דער סוכה, — זיי האָבן שוין די ווירקלעכקייט פאַרהילט אין אַ שלייער פון פאַנטאַזיע. כ׳האָב זיך אינמיטן נאַכט אַרויסגעשאַרט פון שטוב, מיט אַ ציטערדיקן געביין, מיט אַ געפיל פון שולד, מיטן נייגער צו דערגיין דעם סוד, אַפילו אַז דאָס האַרץ טיאַקעט.

אַריינגיין אין סוכה האָב איך מורא־געהאַט, וואָרים וואָס וועל איך טאָן אַז די מלאכים אויפן סכך וועלן מיך אַ כאַפּ־טאָן און אַוועקטראָגן ערגעץ מיט זיך? איבערן רבין וואַכן טאַקע גוטע מלאכים, אָבער וואָס מלאכים טוען מיט קינדער וואָס קומען ביינאַכט קוקן אויף זיי, ווייס איך נישט. די לבנה איז געווען אַ פולע, דער הימל האָט נישט געהאַט קיין שפּרענקעלע אויף זיין בלויקייט. אַ שאָרכעריי האָב איך געהערט, אַז דער ווינט האָט געשורשעט דעם סכך, האָט זיך מיר געדאַכט ווי איך הער קולות. אַז איך וואָלט כח־געהאַט, וואָלט איך מסתמא געווען אַנטלאָפן צוריק אין שטוב־אַריין, נאָר די פיס האָבן מיר געציטערט און איך האָב זיך צוגעשפּאַרט צו אַ ברעט פון דער סוכה־וואַנט.

צווישן די ברעטער זענען געווען שפּאַלטן און געזען האָב איך אַז דער רבי שלאָפט נישט, ער זיצט גאָר. דאָס בעט איז געווען צונויפגעשטעלט פון צוויי בענק, דער דאַרער, טרויעריקער רבי איז געזעסן אויסגעשטרעקט אויף

זיי און האָט געקוקט אַרויף. דער סכך איבער אים האָט געפלאַטערט, דינע פּאַסיקלעך לבנה האָבן זיך אויסגעצויגן אויף זיינע באַקן. די באָרד זיינע איז נאָך געווען שוואַרץ, אָבער דאָ, — אין סוכה, — האָבן זיך אין איר דורכגעפלאָכטן זילבערנע פּאָסן.

איצט האָב איך שוין קיין מורא נישט געהאַט. אַז דער רבי זיצט מיט אָפענע אויגן, איז היימלעכער, בין איך נישט אַליין. דער רבי האָט זיך אַ ריר־געטאָן, ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, נאָר אפשר האָט ער גאָר געזונגען, דאָס קול איז געווען מעלאָדיש, דער קלאַנג — ריטמיש.

טאַטעניו, פאָטער אין הימל, האָט דער רבי אַרויסגעזונגען די רייד, ווי קען אַ ייד איבערטראָגן אַזויפיל פרייד? דיין פרייד, וואָס דו גיסט אים אין די ימים־טובים דיינע? פאַרוואָס קומט מיר דער זכות אַז איך זאָל האָבן כח זיך צו פרייען מיט דיין יום־טוב? איך בין דאָך אַזוי קליין און דיין יום־טוב איז דאָך אַזוי גרויס.

ער איז אַנשוויגן געוואָרן, ער האָט אַ קעם־געטאָן די באָרד מיט דער האַנט און מיר האָט זיך געדאַכט אַז ער האָט אַרויפגעקעמט אויף די פינגער עטלעכע פּאַסיקלעך לבנה. דערנאָך האָט ער ווידער גערעדט. ער האָט זיך, ווייזט אויס, דערטראַכט צו אַן אַנדער געדאַנק:

טאַטעניו, פאָטער אין הימל, איך בין אַזוי קליין און דיין גלות איז אַזוי גרויס. פאַרוואָס קומט מיר דער זכות אַז איך זאָל קענען טראָגן אויף זיך דעם גרויסן גלות דיינעם?

די יידן, וואָס האָבן שמחת תורה ביינאַכט געזונגען אויף די גאַסן פון בעלץ, און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך; דער רבי מיינער אין דער סוכה וואָס האָט געהאַלטן פאַר אַ זכות וואָס ער טראָגט דעם גרויסן גלות אויף זיך, — זיי האָבן געהאַט טאַלאַנט צום גלות. זיי האָבן געהאַט דעם כח צו שאַפן אין זיך אַליין, אין די ווענט פון דער אייגענער וועלט, אַן אַטמאָס־פערע פון פרייהייט. זי איז נישט געווען אַ דורכאויס גייסטיקע, אויך אַ פּי־זישע פרייהייט איז זי געווען. די פיזישע סטרוקטור פון לעבן איז געווען אַזוי אַריינגעוועבט אין דער גייסטיקער, אַז זיי האָבן געווירקט איינס אויפן אַנ־דערן. דער טאַלאַנט צום גלות האָט דעם יידן באַפרייט, אַפילו אַז ער האָט אונטערן יאָך פון גלות אַ סך מאָל געקרעכצט. אַז יידן האָבן זיך געדאַרפט אויסוואָרצלען פון איין לאַנד און איינוואָרצלען אין אַן אַנדערן, איז דער פּראָצעס נישט געווען אַזאַ פיינלעכער, ווי ער וואָלט געווען ביי אַנדערע פעלקער. דאָס איז דערפאַר וואָס דער ייד האָט מיט זיך מיטגענומען דעם גלות־טאַלאַנט זיינעם. ער האָט געהאַט אַ פאַרטיקן נוסח, ער האָט אים נאָר געדאַרפט צופּאַסן צו אַן אַנדער סביבה, אין תוך אָבער האָט זיך גאָרנישט געענדערט ביי אים.

די משכילישע יונגעלייטלעך, וואָס האָבן שמחת תורה ביינאַכט געמוסרט די יידן אין בעלץ, האָבן אָנגעוואוירן דעם טאַלאַנט צום גלות. זיי האָבן אויפ־

ריכטיק געמיינט אַז זיי זענען „פרייע״ און אויפגעקלערטע, אָבער אין דער ווירקלעכקייט זענען גאָר די טאַטעס און זיידעס געווען די פרייע, און אפשר אויך די אויפגעקלערטע. דער רבי מיינער, וואָס האָט דעם גלות איבערגע־לעבט ווי אַ זכות, איז געווען פריי, אין זיין אייגענער וועלט האָט ער נישט געהאַט קיין שום פּענטעס.

אינאיינעם מיטן טאַלאַנט צום גלות האָבן מיר אויך אָנגעוואוירן די וויזיע פון גאולה. אַז מיר קוקן אויפן אינערלעכן געראַנגל נישט נאָר ביי יידן בכלל, נאָר אויך ביי ציוניסטן, זעען מיר אַז דער סאַמע תוך זיינער איז — די אויסגעלאָשענע גאולה־וויזיע ביי אונדז. דער אמתער ציוניסט איז, אָדער ער וואָלט געדאַרפט זיין, אַ גלותיסט, נאָר דער באַגריף „גלותיסט״ דאַרף זיין אַ לחלוטין אַנדערער ווי מיר האָבן אים פאַרגרייזט אָנגענומען.

ווערטערוואַלד

צווישן די טייכן דניעסטער, פּרוט און טינע ליגט דאָס שטיק לאַנד, וואו איך בין געבוירן־געוואָרן און געלעבט ביז צוואַנציק יאָר. דער דניעסטער פאַרבינדט די בעסאַראַבער סטעפּעס מיט אוקראַינע, איבערן פּרוט איז אויסגעלייגט אַ קלאַדקע קיין רומעניע און די טינע עפנט דעם וועג קיין מערב־אייראָפּע. אין מיין צייט האָבן נאָך אין בעלק געבלישטשעט די פרענדזלעך פון דער טערקישער קולטור, — אַ ייד אַ קבצן האָט נישט געהאַט קיין „פאַרעס", וואָס מיינט אויף טערקיש געלט. שטיבער זענען נאָך געווען, וואָס אַרונטערגיין אין זיי האָט מען געדאַרפט אויף אַ דריי טרעפּלעך און אינעווייניק האָט זיך אויפגעפּראַלט אַ הויכע סטעליע, מיט זעקס קאַנטן, מיט קאַרניזן און אַן איבערגעקערטער יאַרמעלקע. אַז אַן אָרעמער שניידער האָט באַגליקט, האָט ער זיך אַרויסגעצויגן פון דער באַשקע, — אַ קעלערשטוב, — און זיך באַזעצט אין אַ שטוב מיט אַ טאַרנאַץ, — אַ גאַניק. אונטער ישראל האָזס שטוב האָט זיך נאָך געצויגן דער קעלער, וואָס געזאָגט האָט מען, אַז קיינער איז אים נאָך נישט דערגאַנגען ביזן סוף, — דער סוף, איז אַ סברא, פירט גאָר קיין ארץ־ישראל, — און אין די ווענט זענען געווען אויסגעהאַקט שטיין קעמערלעך, שטיינערנע טישלעך זענען אין זיי געשטאַנען, שטיינערנע בענק, — אַמאָל איז דאָרט געווען אַ טערקישע טורמע. פּריצים ביי אונדז האָבן געגעסן פּראַנדזאָליעס, — אַזעלכע אָריענטאַלישע בולקעלעך, וואָס זענען זיך צעגאַנגען אין מויל. די פּאָר טערקן אין שטאָט, אַז ס'איז זיי געווען גוט אויפן האַרצן, האָבן זיי זיך אָנגעטאָן די רויטע פעסקעס מיט די שוואַרצע זיידענע טרעלדלעך אויבן אויפן סאַמע מיטן. אין די דערפער זענען געווען יידן, וואָס האָבן נאָך געריכערט טערקישע לולקעס, לאַנגע אַזעלכע ביז דרערד, מיט טשערעפּענע בעכערס, וואָס אויף זיי זענען געווען אויסגעמאָלן כלערליי חיות.

דער מאָלדאַוואַן, וואָס איז דעם רומענערס אַ לייבלעכער קרוב, האָט ביי אונדז פאַרנומען אַלע דערפער און אין די שטעט האָט ער זיך פאַררוקט אין די מאַהילעס, וואו מע האָט געקענט אָנטרעפן אויך טאָטערן. דער אוקראַאינער, ווידער, האָט געלעבט אין די הינטערגעסלעך, אויסגעמישט מיט ציגיינער, גרעקן און קירעס דייטשן. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז אויך געווען אַ פּריצישע גאַס, וואָס איז שוין געווען רייך־רוסיש, אָבער מיט איר האָבן מיר זיך נישט אָנגעקערט, אַ חוץ אַז אַ ייד האָט אַמאָל געדאַרפט קומען צום פּריץ און אַראָפּנעמען ביי אים אין שטוב דאָס היטל, אָדער אַז מע האָט דעם יידן, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַריינגעזעצט אין קאַרדעגאַדיע (דערפון נעמט זיך אפשר דער אויסדרוק „ער זיצט אין חד גדיא"?).

אויפן יידנס לעבנסשטייגער האָבן געווירקט די באַזונדערקייטן פון די

אַלע פעלקערשאַפטן און נאָכמער האָבן זיי געהאַט אַ השפעה אויפן יידישן לשון. דער ברייטער, שוואַרצערדיקער סטעפּ האָט געקלונגען אין דעם שאַרפן קאָמעץ, וואו דער ליטווישער און פּוילישער ייד האָט געזאָגט אַ פּאַסעך. די סטעפּישע ווינטן, וואָס האָבן זיך אַ סך מאָל געטראָגן אַזש פון דער אַראַבישער מדבר, האָבן די רייש אונדזערע, און די שין, פאַרשפּיצט מיט אַ מאָדנער קיילעכיקייט: ררר־עי־עיש, שי־עז. אַ סך ווערטער מיט אוי זענען ביי אונדז געוואָרן או, — אויסשטרעקן, אויסברעכן, אַ הוז, — און אַנדערע אוי־ווערטער זענען געוואָרן אָווע, — אַ מאָוער, עיך באָווע אַ שטיב, ס'איז מיר טראָווריק. דאָס נעמט זיך אויך מסתמא דערפון, וואָס דעם דייטשן אוע האָבן מיר דורכגעווינטיקט אין בערעס, אויסגעברענט אין היצן, אויסגעווייקט אין מראַקעס און זיי פאַרשטייפט.

נאָר נישט פון דעם אופן, ווי מיר רעדן־אַרויס די ווערטער, וויל איך דאָ רעדן, נאָר פונעם יידישן לשון אונדזערן, וואָס האָט נאָך ווייניק געווירקט אויפן גאַנג און דער אַנטוויקלונג פון דעם יידיש, וואָס דער ייוו"אָ רופט כלל־שפּראַך. אַ סך סיבות זענען דאָ דערפאַר, די עיקרדיקע אָבער איז, וואָס אונדזערע יידן האָבן „פאַרשפּעטיקט דעם באָס" אין דער יידישער קולטור. די ערשטע בעסאַראַבישע שרייבער האָבן געהאַלטן, אַז זייער יידיש איז אַ קאַליקעוואַטער, דער גוטער יידיש איז דער ליטווישער, זיי האָבן זיך געשעמט מיט זייער טאַטע, מאַמע, קאַץ, פּיטער און איינוועגס האָבן זיי זיך אויך געשעמט מיט די ווערטער זייערע און דעם זאַץ־בוי. ס'איז באמת אַ שאָד, מיר האָבן געהאַט אַ סך צוצוגעבן צום יידיש־אוצר. מיר דאַכט זיך, אַז היינט נאָך, ווען דאָס לשון אונדזערס איז שוין ברוך־השם אַזוי רייך, פעלן נאָך אַלץ ווערטער, וואָס אין באַסאַראַבישן יידיש זענען זיי דאָ. מיר דאַכט זיך אויך, אַז דאָס געבוי פון אונדזער יידיש האָט אין זיך אַ באַזונדער־קייט, וואָס וואָלט צום כלל־יידיש צוגעגעבן פעסטקייט, פאַרביקייט און מער פאַלקישקייט. מסתמא בין איך אַביסל מגזם, נאָר איך מיין, אַז איך מעג מגזם זיין, וואָרים דער חוזק איבער מיין יידיש איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען נאָכמער גוזמא.

אין וואָס באַשטייט דאָס אַנדערשקייט פון אונדזער יידיש? אַז איך נעם מיין יידיש, ווי איך שרייב סיי אין פּראָזע און סיי אין פּאָעזיע, געפין איך אָן אַ שיעור ביישפּילן צו באַווייזן, ווי מיר קערעווען דאָס וואָרט אַנדערש. אַוודאי האָט דאָ צו טאָן דער שרייבער אַליין, זיין אייגענע פּערזענלעכקייט, דער אופן ווי ער דריקט זיך אויס. אָבער אין אַ גרויסער מאָס נעמט דער שרייבער פון דעם אוצר, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין דער היים.

נעמט, למשל, אַזאַ זאַץ: „אין אַ גאַנצער סטינע קענען זיך דורכן זומער מאַכן צוויי־דריי לעמעלעך אַזעלכע." מילא, דאָס וואָרט סטינע איז דורכ־אויס בעסאַראַביש, און מיינען מיינט עס אַ מין באַלעבאַטישקייט פון שאָף און לעמעלעך אויפן סטעפּ. נישט דאָס וואָרט איז דאָ דער עיקר, נאָר דער

צונויפבונד פון אַלע ווערטער. אין אַנדערע געגנטן וואָלט מען מסתמא געזאָגט דאָס אייגענע אַנדערש, בערך אַזוי: דורכן זומער קענען אין אַ סטינע געבוירן ווערן נאָר צוויי־דריי אַזעלכע לעמעלעך. ס׳איז נישט שלעכט, אָבער עפּעס פעלט מיר, ס׳איז נישטאָ דאָס פולקייט, דאָס קלאָרקייט, וואָס איך וויל. „קענען זיך דורכן זומער מאַכן" גיט אָנצוהערן, אַז סע האָט צו טאָן מיט טראָף, אויב איר ווילט, אפילו מיט מזל. דאָס וואָרט „מאַכן" ווערט אין אַלע יידישן געברויכט אין זין פון טרעפט זיך, אָבער אַן אַנדער שרייבער וואָלט צוגעגעבן געבוירן, ווערן געבוירן. ביי מיר איז גענוג קענען זיך מאַכן.

אַן אַנדער ביישפּיל: „אַ לעמעלע ווידער, וואָס מע לאָזט צונעמען צופּיל פלייש און שמאַלץ, ווערט אַן דאָס פעלעכל." אָנווערן געברויכט מען אין כלל־יידיש אויף פאַרשידענע אופנים: אָנווערן געלט, אָנווערן אַ פריינט. ביי אונדז אָבער „ווערט" מען אויך אָן דאָס פנים און דאָס געזונט. אָנווערן דאָס פעלעכל מיינט דאָ נישט, אַז דאָס לעמעלע בלייבט, חלילה וחס, אָן אַ פעלעכל, נאָר סע פאַרלירט די ווערט.

„דער פעטער בער האָט אַזש אַ ריס־געטאָן די באָרד, אַזוי איז אים דערגאַנגען צום האַרצן לייבס רעוועז." אַז איר וועט איבערלייענען דעם זאַץ, וועט ער אייך קלינגען זייער אייגן, אָבער איך בין מסופק, צי אין ליטווישן, אָדער פוילישן יידיש, וועט מען זאָגן „אַזוי איז אים דערגאַנגען צום האַרצן", גיכער וועט מען זאָגן „אַזוי האָט אים לייבס רעוועז דאָ־קוטשעט". מיר דאַכט זיך, אַז „דערגאַנגען צום האַרצן" איז בילדלעכער קרעפטיקער.

„אין סטינע מאַכט מען נישט קיין מחזקות מיט אַ וואָכעדיקער מנחה" — מאַכן מחזקות איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער יידיש. אין אַנדערע יידישן האָב איך געטראָפן „האָב מחזקות", אָבער נישט מאַכן מחזקות.

„אויפן פנים האָט זיך אים צעגאָסן אַ נחת", — אַלע ווערטער דאָ זענען אין באַגאַזש פון כלל־יידיש, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז נאָר אַ שרייבער, וואָס האָט זיך אויפגעכאָוועט אין בעסאַראַביע, וועט דאָס וואָרט נחת באַנוצן אויף אַזאַ שטייגער. געוויינטלעך איז „ס׳איז אַ נחת צו קוקן אויף אים", „ס׳איז אַ נחת אים צו הערן", אָבער נישט „אויפן פנים האָט זיך אים צעגאָסן אַ נחת". דאָס נעמט זיך מסתמא דערפון, וואָס אונדזער לשון איז בכלל בילדעך און דער שרייבער דאַרף נאָר אָנווענדן אַביסל פאַנטאַזיע צו קאָמבינירן דאָס בילדלעכקייט אויף אַ נייעם שטייגער.

„האָט זיך בערל אַלץ געקילט דאָס האַרץ", — דער אויסדרוק איז ביי מיר דאָ אין אַ סיטואַציע, ווען בערל איז אין כעס און רעדט צו לייבן אַזוי, אַז ער זאָל זיך אין אים נוקם זיין. איך בין נישט זיכער, צי „קילן זיך דאָס האַרץ" האָב איך געטראָפן ביי שרייבער פון ליטע, אָדער פוילן. נאָר אויב אפילו יאָ, איז אָבער ביי מיר די אָנווענדונג אַן אַנדערע. דער אופן, אַז ער האָט גערעדט צו אים און „זיך אַלץ געקילט דאָס האַרץ", איז מיינער,

און אָנווענדן וואָלט איך אים נישט געקענט, ווען איך וואָלט זיך נישט יונגערהייט אָנגעטרונקען ביז שיכור־ווערן מיט אונדזער לשון.

באַגריפן ווערן געבוירן צוליב דעם וואָס מע דאַרף זיי האָבן אין לעבן. נעמט דאָס וואָרט „אויספּאַרען", ס'איז דאָ אין אַלע יידישן, אָבער צוליב דעם, וואָס ביי אונדז עסט מען מאַמעליגע, האָט עס באַקומען נאָך אַ באַגריף, וואָס ערגעץ אַנדערש איז ער נישטאָ. מע פּאַרעט־אויס דאָס גרעט, מע פּאַרעט זיך אויס אין מרחץ אויף דער אייבערשטער באַנק, אָבער ביי אונדז האָט מען געדאַרפט אַ וואָרט, וואָס זאָל איבערגעבן, אַז מע שטעלט־אַוועק די מאַמעליגע אויפן פייער, כדי דאָס וואַסער זאָל זיך פון איר אויסדאַמפן, איז געשאַפן געוואָרן דער אויסדרוק „אויספּאַרען דאָס וואַסער". בעת אין אַנדערע יידישן איז אויספּאַרען טראַנסיטיוו, — דער מענטש פּאַרעט זיך אויס, די וועשין פּאַרעט־אויס דאָס גרעט, — איז ביי אונדז דערפון געוואָרן, אַז נישט די מאַמעליגע פּאַרעט מען אויס, נאָר דאָס וואַסער פון דער מאַמעליגע.

איך וויל נאָך אָנווייזן אויף אַן אַנדער בייג אין אונדער יידיש: דער „ווען" און דער אַז". מיר נוצן דאָס וואָרט אַז, בעת די אַנדערע יידישן נוצן אין דעם אייגענעם קאָנטעקסט דאָס וואָרט ווען. איך האָב נישט קיין באַזונדערן ווידערווילן צום וואָרט ווען, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דאָס וואָרט אַז איז יידישלעכער. איך שרייב: „ווי אַ באַרג האָט זיך פאַר אים געשטעלט, אַז ער זאָל אים וועלן רירן, וועט ער נישט קענען." אין אַן אַנדער יידיש וואָלט מען געזאָגט „ווען ער זאָל אים וועלן רירן" און מיר וואָלט עס געריסן די אויערן. אויף אַן אַנדער אָרט שרייב איך: „ווי אַז מע גייט אין דער פינצטער", בעת אַן אַנדערער וואָלט געשריבן „ווי ווען מע גייט אין דער פינצטער". נאָך אַ ביישפּיל: „נישט אַלע מצוות קען אַ ייד היטן, אַז ער איז אַליין צווישן גוים." ווידער וואָלט אַן אַנדערער געשריבן „ווען ער איז אַליין צווישן גוים".

פאַרוואָס מיין איך, אַז דער „אַז" איז יידישער ווי דער „ווען"? דערפאַר, וואָס ער איז גענומען פון לשון־קודש, פון דעם כי. כי תבא, אַז דו וועסט קומען, נישט ווען דו וועסט קומען. דער כלל־יידיש איז, דאַכט זיך מיר, צופיל ליטוויצירט, איך באַגעגן דעם גרילצנדיקן „ווען", בעת סע בעט זיך ממש דער תנ"כישער „אַז".

פאַר יידיש איז געווען אַ ברכה די צונויפזאַמלונג פון יידן אין אַמעריקע, — יידן פון אַלע שטעט און שטעטלעך, פון אַלע קאַנטן און געגנטן. דאָ האָט זיך געדאַרפט אויסשמידן אַ יידיש, וואָס זאָל אַריינגעמען אין זיך אַלע זאַפטן פון די פאַרשידנסטע יידישן. איז אָבער דערביי אויך געווען אַ גרונט־חסרון: אויפן וועג קיין אַמעריקע איז דער זאַפט פון דעם היימישן יידיש אויסגערונען, אָדער כמעט אויסגערונען. אַז אַ וואָרט פון דעם אָדער יענעם יידיש איז נאָך יאָ געבליבן לעבעדיק אין מויל, איז עס אָבער צום בוך

נישט דערגאַנגען. די טענדענץ איז געווען צו שרייבן אַ יידיש, אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין; די פּרעסע האָט געציטערט אימת־מוות פאַר אַ לאָקאַליזם, פון דער פּרעסע איז דער פּחד איבערגעגאַנגען אין בוך און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פון די ערשטע יאָרן, ווען ביידע, — פּרעסע און בוך, — זענען געווען כמעט איינס.

שפּעטער, אַז די ייִנגערע שרייבער זענען געקומען און האָבן שוין געהאַט דאָס באַוואוסטזיין פון לשון, איז שוין געווען שווער צו פאַרריכטן דעם טעות. היינט, אַז איר זאָלט פּרוּוון שרייבן „טעקל" אויפן אָרט פון „ליאַלקע", וועט מען קווטשן מיט די פּלייצעס: וואָסער אַ ווערטער נוצט ער דאָרטן? ווער ווייסט אים פאַרשטיין? אָבער פאַרוואָס טאַקע פאַרוואַרפן דאָס טייערע וואָרט טאָק, טעקל, און נעמען דאָס סלאַווישע וואָרט ליאַלקע? פאַרוואָס זאָל איך דאָ גיין זען די מאַריאָנעטן, אַז אין דער היים בין איך געלאָפן צו די טעקלעך?

אמת, אין בוך פאַרגינט מען זיך שוין איצט צו באַנוצן לאָקאַליזמען. אָבער דאָס בוך דערגייט שוין איצטער נישט צו דער ברייטער לייענער־שאַפט, וואָס אַמאָל, דאָס וואָרט בלייבט שוין נישט מער ווי אַ חידוש. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז מיר טאָרן פאָרט נישט מוותּר־זיין אויף די ווערטער. וואָס דאַרפן אַריינקומען אין אונדזער יידיש־אוצר. וואָס דער גורל גון יידיש זאָל נישט זיין, זאָל ער כאָטש זיין רייך אין אַלע נואַנסן פון וואָרט.

למשל, ביי אונדז איז דאָ אַ וואָרט־קאָמבינאַציע פון מסוכן, וואָס קיין אַנדער יידיש האָט זי נישט. אַ סך מאָל בענק איך נאָך איר, אָבער כ׳בין זיך מודה, אַז איך האָב מורא זי צו באַנוצן. דאָס וואָרט מסוכן ווערט ביי אונדז באַנוצט נישט נאָר אויף שלעכטס, נאָר אויך אויף גוטס, נישט נאָר מסוכן קראַנק איז ביי אונדז, נאָר אויך מסוכן געזונט, מסוכן שיין, מסוכן רייך. מיר זענען פאַרלאָפן דעם אַמעריקאַנעם סלענג, נאָך איידער דאָ האָט מע אָנגעהויבן צו נוצן „טעריפיק", האָבן מיר שוין געהאַט דעם מסוכן פאַרן אייגענעם באַגריף. נאָר פּרוּווט שרייבן אויף איינעם, אַז ער איז אַ מסוכן גוטער שרייבער, ווער ער זיך פילן באַליידיקט, שוין אָפּגערעדט אַז אַ מיידל וועט שפּרינגען פון דער הויט, אַז איר וועט איר זאָגן: איר זענט מסוכן שיין.

מיר ראַנגלען זיך מיטן וואָרט ספּאָרט. אַ מענטש איז אַ ספּאָרט, — און מיינען קען עס אַז ער גייט אָנגעטאָן ספּאָרטיש, אָדער ער האַנדלט ספּאָרטיש. מיר האָבן אַ וואָרט אויף דעם באַגריף, וואָס וואָלט כלל־יידיש זייער שטאַרק געדינט. ביי אונדז איז אַ מענטש אַ גאַלאַנטאָן. אַ פּשוטער ייד זאָגט ביי אונדז: עיך בין אַ גאַלאַנטאָן, אַז סע זאָל מיך קאָסטן אַ הונדערטער, אַבי עיך זאָל מאַנס אויספירן. אַ גאַלאַנטאָן מיינט אַ ספּאָרט אָן איינשטעלער, ס׳איז צווישן ספּאָרט און בעלן.

אַוודאי איז דאָס וואָרט זיכער, אָדער זעכער, ווי מע זאָגט ביי אונדז,

אַ פיין וואָרט, אָבער פאַרוואָס זאָל נישט זיין דערצו קיין נואַנס? מיר האָבן אים, דאָס וואָרט פעסט. אַ ייד זאָגט: סע איז פעסט אַזוי; סע איז אַביסל שטאַרקער ווי זיכער.

כאָפּן דעם שניט איז אַ גוטער יידישער אויסדרוק, אָבער פאַרוואָס נישט אַן אָפּנייג, וואָס מאַכט רייכער דאָס לשון? כאָפּן דעם סטרי? די ביידע ווערטער, — שניט און סטרי, — מיינען טאַקע דאָס אייגענע, אָבער סע איז פאָרט דאָ אַן אונטערשיד. כאָפּן דעם שניט ווערט אָנגעווענדט אויף לערנען זיך עפּעס אַ מלאכה, כאָפּן דעם סטרי — אויף דערגיין אַ גאַנג אין לערנען, אַ מער גייסטיקער באַגריף.

אויף פרי פאַרטאָג האָבן מיר פירערליי אויסדריקן: קאַיאָר, כאור הבוקר, כלחוך השור און אַ שפּראָץ אויף טאָג. דערווייל האָט כלל־יידיש נאָך קיין איינעם פון זיי נישט אַריינגענומען, און מיר דאַכט זיך, אַז ער איז דערפון אָרעמער.

אומעטום ווייסט מען, אַז אַ מענטש האָט הנאה פון עפּעס, ביי אונדז קען מען אי הנאה האָבן, אי אָנטייען. סע איז כמעט איין וואָרט, אָבער אַ חילוק איז דאָ: פון עסן וועט מען הנאה האָבן און פון אַ קינד וועט מען אָנטייען. אַזוי איז אויך כמעט דאָס אייגענע אַ שלעכטער וועג און אַ דרך־רע, אָבער פאָרט אי דאָ אַ חילוק: אַ דרך־רע מיינט נישט דווקא אַ וועג, נאָר אַז אין דרויסן ליאַפּעט אַ רעגן, דער ווינט רייסט און סע איז חושך מצרים, דאַמלסט איז אַ דרך־רע.

אין אַלע לשונות ווערן ווערטער פאַרפאַלן, אין יידיש אַוודאי און אַוודאי. נאָר אין אַנדערע לשונות ווערן די פאַרפאַלענע ווערטער אויפגעהיט אין אַקאַדעמישע ווערטערביכער, אין יידיש האָבן מיר נישט אַזאַ ווערטער־בוך, וואָס זאָל אויפהיטן די פאַרפאַלענע ווערטער. ביי אונדז, אַז אַ וואָרט דינט־אָפּ די צייט, גייט עס אַוועק אין דער אייביקייט אָן אַ גואל און אָן אַ פריינט.

פרעגט זיך: צו־וואָס דאַרפן מיר די אַלטע, די אַרכאַאישע ווערטער? איז דער תירוץ, אַז מיר דאַרפן זיי קודם פאַרן יחוס פונעם לשון און דערנאָך — אַמאָל זיי אַרויסצונעמען, אָפּשטויבן און באַנייען.

לאָמיר נעמען שפּראַך־יחוס. אַ וואָרט, אפילו אַז ס'איז שוין אַ פאַר־פאַלנס, דאָס הייסט, אַז דאָס פאָלק האָט עס שוין לאַנג אויפגעהערט צו געברויכן, איז עס נאָך אַלץ דאָ אין שפּראַך־אוצר. דער אמת איז, אַז אַ וואָרט ווערט קיינמאָל נישט פאַרפאַלן. די ווירקונג פונעם וואָרט, ווי פאַרעלטערט עס זאָל נישט זיין, הערט קיינמאָל נישט אויף. אַמאָל רופט זיך אָפּ דער קלאַנג פונעם פאַרעלטערטן וואָרט ביי אַ שרייבער. אַמאָל קומט עס צוריק צום פאָלק, איבער מיסטישע וועגן און אומוועגן. אַמאָל גיט עס אומגעריכט אַ שיין אינעם מויל פון אַ קינד, אָדער אַ זקן.

נאָר אפילו אַז דאָס פֿאַרפֿאַלענע וואָרט בלייבט נאָר אין ווערטערבוך, אָטעמט עס אויך מיט לעבן. דאָס ייִנגערע וואָרט, וואָס האָט אָפּגעירשנט דאָס פֿאַרפֿאַלענע וואָרט, האָט גאָר אַן אַנדער טעם, אַז מינטער דעם שטייט דער יחוס פֿון ירושה. פֿאַרן חשיבות פֿונעם יונגן וואָרט דאַרף דאָס אַלטע וואָרט פֿאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט אין ווערטערבוך. דער אוצר פֿאַרעלטערטע ווערטער האַלט די ווערטער־יוונגוואַרג אין צוים, לאָזט זיי נישט ווערן צו חוצפּהדיק, צו הפֿקרדיק.

קינסטלעריש, ווידער, ווערט אַ וואָרט קיינמאָל נישט אַלט. פֿאַרקערט, אין דער שרייב־קונסט איז אַן אַלט וואָרט אַמאָל באַטעמטער ווי אַ יונגס. אַז דער קינסטלער וויל אַמאָל, אַז זיין שרייבן זאָל האָבן דעם אַראָמאַט פֿון אַלטקייט, מוז ער אָנקומען צום אוצר פֿון פֿאַרפֿאַלענע ווערטער. אָפֿט נעמט דער קינסטלער אַן אַלט וואָרט און גיט עס אַ בייג אַזוי, אַז עס הייבט־אָן צו פֿינקלען מיט נייע קאָלירן. אָפֿט גיט ער אין דעם אַלטן וואָרט אַריין אַ נייעם מיין, אַ פֿרישן נואַנס.

ייִדיש פֿאַרמאָגט אַן אוצר פֿון וואָרט־פֿאַרבן. די ווערטער זענען דאָ אין ייִדיש, נאָר גאָר אַ סך פֿון זיי זענען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. נעמט, למשל, אַזאַ וואָרט ווי אָקאַזיע. ווער געדענקט היינט די פֿאַרב פֿונעם דאָזיקן וואָרט? אָבער, גלויבט מיר, אַז עס פֿעלט־אויס. געוויינטלעך זאָגט מען אָנשיקעניש, אָבער אַז אַ שרייבער זאָל וועלן אויסדריקן דעם אייגענעם באַגריף, נאָר אַ שאָטן אָדער צוויי, ליכטיקער, מוז ער שוין אָנקומען צו אָקאַזיע. ווער געדענקט אָבער דאָס וואָרט?

מיר זאָגן: ער האָט ביי מיר אָפּגעוואונען דאָס גאַנצע געלט. ייִדיש פֿאַרמאָגט אָבער אַן אַנדער וואָרט, וואָס קינדער אין זייער שפּיל האָבן גע־ברויכט, — אָפּגעדאַצט. אין אַ שפּיל, אַז איין קינד האָט ביים צווייטן געוואונען אַלע קנעפּלעך, האָט געהייסן, אַז ער האָט אים אָפּגעדאַצט. די טייטש איז כמעט די אייגענע ווי אָפּגעוואונען, אָבער פֿאַרט נאָר כמעט. וואָרים אָפּדאַצן איז אַ סך שטאַרקער ווי אָפּגעווינען. אין אַ ליד האָב איך געשריבן „דאָס לעבן האָט אונדז אָפּגעדאַצט". קיין אַנדער וואָרט, אויס־צודריקן דאָס בילד ווי דאָס לעבן האָט מיט אונדז געשפּילט אַ שפּיל און אָפּגעוואונען ביי אונדז אַלצדינג, וואָלט נישט געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי פּרעציז.

אַז מיר האַלטן שוין ביי שפּיל: ייִדן האָבן נישט געשפּילט פֿאַר געלט, בפֿרט דאַמקעס, אָדער שאַך. אַז אַ ייִד האָט פֿאַרלוירן אַ דאַמקע־שפּיל, אָדער אַ שאַך, — ווי האָט ער זיך אויסגעדריקט? ער האָט מיר געגעבן אַ בערדע. ס'איז אַנדערש ווי פֿאַרלירן, מיט אַ בערדע טראָגט מען זיך אַרום, פֿיגוראַטיוו, בעת פֿאַרלירן איז אַן אויסגעלייזטקייט. אַ ייִד האָט געקענט זאָגן: איך גיי היינט אַרום מיט דריי בערדעס; מיט דריי מאָל פֿאַרלירן וואָלט ער נישט געקענט אַרומגיין.

מיר האָבן פּאַרוואָרפן אַזאַ טייער וואָרט, ווי איפּדעוואָך, מיר זאָגן קומענדיקע וואָך, אָדער נעקסטע וואָך, און אַז מיר ווילן שרייבן אידיאָמאַטיש ייִדיש, זאָגן מיר איבעראַכטאָג. די אַלע ווערטער האָבן אָבער נישט דעם געשמאַקן טעם ווי איפּדעוואָך. וואָומין איז דאָס טייערע וואָרט פאַרפאַלן געוואָרן? מאַלע וויפל טייערע ווערטער מיר האָבן אָנגעוואוירן אין אונדזער שליאָנדער און וואָנדער.

אייביקער אָנהייב

שפּעט אין דער נאַכט בין איך געזעסן ביים טיש און געזוכט אַן אָנהייב. וואָס איך וויל זאָגן, האָב איך זיך פאַרצייכנט, געטראַכט און דורכגעטראַכט, נאָר דעם אָנהייב האָב איך נישט געהאַט. אינעם געראַנגל צו דערגיין צום אָנהייב, האָב איך דערזען, אַז מיט מיין גאַנצער שרייבערישער דערפאַרונג שטיי איך נאָך אַלץ ביים אָנהייב. שעהען, אַמאָל טעג, אַמאָל וואָכן, קען איך דעם אָנהייב נישט דערכאַפּן. ביז ער אַנטפּלעקט זיך מיר אומגעריכט און ער איז אַזוי פּשוט, אַזוי נאָענט און אַריינגעוואַקסן אין מיר, אַז איך חידוש זיך פאַרוואָס האָב איך אים באַלד נישט דערזען. און וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער זוך איך דעם אָנהייב, אַלץ מער האָב איך די איבער־לעבונג אַז איך בין ווייטער פון אים. דערטראַכט איך זיך נישט איין מאָל צום געדאַנק, אַז איך בין אַ פאַרפאַלענער מענטש, איך וועל אויסלעבן דאָס בינטל יאָרן מיינס ביים נישט־אָנגעהייבענעם אָנהייב.

דער ר״ן, — ר׳ נחמן בראַצלאַווער, — האָט יאָרן געפּראַוועט טישן, געזאָגט תורות, געשאַפן אַן אייגענעם דרך אין חסידות, דורכגעלעבט די נסיונות־פולע, מיסטישע נסיעה קיין ארץ־ישראל, נאָר אַז ער האָט געדאַרפט דערציילן זיינע מעשהלעך, האָט ער געזאָגט נתנען: סע איז שוין צייט אָנצוהייבן דערציילן מעשהלעך. מיר פילן אין די עטלעכע ווערטער, ווי צום אָנהייב האָט ער זיך געגרייט אַלע יאָרן, ווי אַלע דורכלעבענישן זענען ביי אים געווען אַ צוגרייט צום אָנהייב.

וואָס איז דער אָנהייב? מיר דאַכט זיך, אַז דער טיפסטער מיסטיציזם איז פאַרוויקלט אין דעם אָנהייב. אַז איך קוק אַמאָל קאַיאָר, ווי דער טאָג הייבט זיך אָן, איך זע דאָס ליכט, וואָס איז נאָך קיין ליכט נישט, — בלוילעך און רויטלעך, שלייערדיק און אויפגעפלעקט; אַז איך זע ווי די זון הייבט־אָן אויפצוגיין אויפן מזרח, — פריער שיקט זי אַרויס גילדענע כוואַליעס און דערנאָך קוקט זי ערשט אַרויס, — אַז איך זע די מיסטעריע פונעם טאָג ביים געבוירן־ווערן, לעב איך אין זיך איבער דעם טרויער און די פרייד פון אָנהייב.

די תורה הייבט זיך אָן מיט בראשית — אָנהייב. די ערשטע דריי אותיות פון בראשית זענען ב־ר־א — ברא — ער האָט באַשאַפן. גאָט האָט נישט נאָר באַשאַפן די וועלט, ער האָט באַשאַפן נאָך גרעסערס פון איר, דעם אָנהייב האָט ער באַשאַפן. דער אָנהייב אַליין איז געווען באַשאַף. דער באַגריף אָנהייב, דערגיין צום געדאַנק, אַז סע איז דאָ אַן אָנהייב, איז געווען אַ געטלעכע שאַפונג. דער געדאַנק איז, אַז אינעם בראשית אַליין איז דאָ דער סוף פון באַשאַף, וואָרים ער האָט נישט געקענט אָנהייבן בראשית אָן די ערשטע דריי אותיות — ברא.

פֿאַרטאָג, אַז איך האָב אַרויסגעקוקט פֿון פֿענצטער, האָב איך געזען ווי דער ווייסער שניי האָט זיך געשפּרייט מיט אַ בלענדנדיקער ריינקייט. אַ ווייסער, נאָך נישט־אָנגערירטער אויסשפּרייט איז געווען דער שניי. אויף איין אָרט האָבן זיך אָנגעזען צייכנס פֿון טריט. איין מענטש נאָר איז געגאַנגען אויפֿן שניי און איבערגעלאָזט די שפּורן פֿון זיך, — דעם אָפּדרוק פֿון זיין גאַנג. ער איז געווען דער אָנהייב, דער ערשטער טרעטער אויפֿן ווייסן, בלענדיק־ריינעם שניי אויסגעשפּרייט. ווער איז ער געווען? האָט ער געהאַט די איבערלעבונג פֿון אָנהייב, בעת ער איז געגאַנגען דער ערשטער אויפֿן שניי? איך ווייס נישט. איך ווייס אָבער, אַז ער האָט זיך אַריינגעדריקט אין מיין באַוואוסטזיין, אַפילו אַז איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען. וואָרים די אָנהייבער איז אַלעמאָל דער, וואָס לאָזט־איבער שפּורן. דער נאָמענלאָזער אָנהייבער באַקומט אויך אַ תּיקון.

שרייבן, ווי איך לעב דאָס שרייבן איבער, איז אַן אַלעמאָליקער אָנהייב. דער צוקום צום וואָרט איז אָנהייב. דער געדאַנק פֿונעם וואָרט איז אַן אָנהייב. דאָס אות איז אַ קינסטלערישער אָנהייב. מיר רעדן ווערטער און פֿאַרטראַכטן זיך נישט, ווי גרויס סע איז דער נס פֿונעם וואָרט.

ווערטער זענען נישט קיין בראָדיאַגעס, זיי שלעפּן זיך נישט אַרום אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, אָן אַ שליחות און אָן אַ זין. ווערטער וואַקסן אויך נישט אַרויס ווי ווילדע פּלאַנצן, וואָס גיבן אַ שפּראָץ־אַרויס מיט ממזרישער געשיקטקייט. ווידער, ווערטער זענען נישט קיין פּאַראַזיטן, וואָס אַליין האָבן זיי נישט קיין וואָרצלען, נאָר זיי נערן זיך אויף די וואָרצלען פֿון אַנדערע.

ווערטער לעבן אין זייער אַטמאָספֿערע, זיי הייבן־אָן באַשיידן, פּרום, כמעט קינדיש, ביז זיי צעוואַקסן זיך אין זייער סביבה און ווערן אָנגעפּילט מיטן זין אירן און דעם גייסט אירן. אויף ווערטער וואַקסט־אַרויף דער תּוכן זייערער, ווי אויף אַ מענטשן די הויט זיינע. אַז איר נעמט ווערטער אַרויס פֿון זייער סביבה, איז נישט נאָר ווערן זיי אָן דעם תּוכן, זיי ווערן נאָך אַ שרייענדיקער דיסאָנאַנס. אַמאָל זעט איר בחוש, ווי ווערטער, וואָס מען האָט אַרויסגעריסן פֿון איין סביבה און אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדערער, זענען אַזוי פֿאַריתומט, אַז ס'איז ממש אַ צער אויף זיי. אַמאָל קוקן זיי אויס פּאַיאַציש אין דער פֿרעמדער סביבה, אויף געלעכטער קומען־אָפּ ווערטער, וואָס אין זייער אייגענער סביבה זענען זיי גאָר וואַזשנע יחסנים.

איידער אַ וואָרט דערגרייכט צו דער מדרגה פֿון אייגענעם זין און תּוכן, האָרעוועט זיך עס גוט אָן, — אַריינגראָבן דאַרף זיך עס אין דער שפּראַך, אַרומוואַקסן אַרום זיך טראַדיציע, זיך אָנטרינקען מיט טראַדיציע. אָבער, אַז איר נעמט דאָס האָרעפּאַשנע וואָרט, וואָס איז שוין געקומען צו דער מדרגה פֿון תּוכן, און אָן אחריות, אָן דרך־ארץ, טראָגט איר עס אַריבער אין אַן אַנדער סביבה, טוט איר דערמיט ווי איר וואָלט אַ טראָפּישע פּלאַנץ אַריבערגעטראָגן אויפֿן צפֿון־פּאָל.

אַז איר האָט נישט קיין דרך־ארץ פאַרן וואָרט, אַז איר פאַרמאָגט נישט דעם חוש ווי אַזוי דאָס וואָרט צו וואַרעמען אין דער אייגענער אַטמאָספערע זיינער, איז איינס פון די ביידע: אָדער דאָס וואָרט ווערט ביי אייך אַ בראָדיאַגע, אָדער עס הייבט־אָן צו טשאַכנען אין אייערע הענט. נאָך ערגער איז, אַז איר שטעלט־אַריין ווערטער אין אַזאַ סביבה, וואו זיי ווערן פאַר־שוועכט, אָדער קוקן־אויס ווי אַ חוזק. ווייִ איז צו ווערטער פאַרשוועכטע, ווינד־און־ווייִ איז צו ווערטער פאַרחוזקטע.

דאָס סאַמע פשוטע וואָרט, וואָס איז, דאַכט זיך, וואָכעדיק און פאַר זיך אַליין האָט עס נישט קיין קלאַנג, ס'איז אָן פאַרב און אָן טעם, — אַז ס'קומט אָבער אַריין אין דער אייגענער דירה, אין דער דירה וואָס איז פאַר דעם אָנגעמאָסטן, צעשפּילט זיך עס ממש מיט טויזנט חנען. איר קוקט זיך אַרום, אַז דאָס אָרעמע וואָרט איז ביי זיך אין דער דירה געוואָרן אַ גאַנצער נגיד, פאַרמאָגט קלאַנג, ריטם, פאַרב, איז באַטעמט און אפילו צוגעווירצט.

דער אמת איז, אַז אַ כשרע כוונה וועט אַלעמאָל געפינען דאָס כשרע וואָרט, אָדער נאָך אמתער איז, אַז די כשרע כוונה כשרט דאָס פשוטסטע וואָרט, הייליקט דאָס גרעבסטע וואָרט, טוט־אָן פליגלען אויפן שווערסטן וואָרט, וואָס פאַר זיך אַליין קען עס אפילו זיין אָנגעלאָדן מיט בליי. פאַר־קערט, ווידער, אַ טרייפענע כוונה פאַראומווערדיקט דאָס זינגעווודיקסטע וואָרט, שטום ווערט עס און גאָר אָפּט הייבט־אָן שלאָגן צום האַרצן פון דער וואולגאַריטעט וואָס די טרייפענע כוונה האָט אויפן וואָרט אַרויפגעדריקט.

הייסט עס, אַז כאָטש דאָס וואָרט איז פאַר זיך אַליין באַשאַף, קומט אָבער פריער די ריינע כוונה, דאָס הייסט אַז די סיבה ראשונה פונעם וואָרט איז די טואונג. איך וויל דערמיט אַרויסברענגען, אַז אין תוך האָט יידישקייט די אייגענע קינסטלערישע באַציאונג צום וואָרט, ווי העלעניזם, דער חילוק איז נאָר וואָס העלעניזם זאָגט אַז צום אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט, אָן דעם מאָראַלישן אחריות פאַר דער טואונג פונעם וואָרט, יידישקייט אָבער גיט פריער די כוונה, כדי דאָס וואָרט זאָל זיין אָנגעלאָדן מיט טואונג, כדי דאָס וואָרט אַליין זאָל זיין באַשאַף און זאָל באַשאַפן. אין אונדזער טראַדיציע דאַרף אַ רעמדער ייד מכוון־זיין די תפילות. פאַרוואָס? וואָרים די תפילה אַליין, דאָס וואָרט אַליין, אָן דער כוונה, איז ליידיק. דער טיפסטער תוכן פון אַ וואָרט ווערט אויסגעליידיקט אָן דער כוונה, וואָרים די טואונג פונעם וואָרט איז די כוונה.

אַ סך מאָל פרעג איך זיך: וואָס איז קינסטלערישע שלימות? איז בכלל דאָ קינסטלערישע שלימות? געווען אַ רבי, דאַכט זיך דער פשיסכער, וואָס האָט אַלעמאָל געזאָגט, אַז ער בעט ביים רבונו־של־עולם אַז ער זאָל אים מזכה־זיין אַז ער זאָל קענען אָפּזאָגן איין תפילה גאַנץ, שלימותדיק. אַז ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער געבעטן נאָר אויף איין פסוק אַ גאַנצן. אויף דער עלטער איז ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל און פון דאָרטן האָט

ער געשריבן זיינעם אַ מקורב, אַז איצט זעט ער ערשט איין, ווי ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אָפּגעלעבט אין טעות, וואָרים אין ארץ־ישראל האָט ער ערשט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף ערשט דערגיין צו דער מדרגה אַז ער זאָל קענען אָפּזאָגן כאָטש איין וואָרט גאַנץ.

אַז איך טראַכט פון קינסטלערישער שלימות, זע איך פאַר זיך דעם רבי־קינסטלער, וואָס האָט געקענט דערגיין צום באַוואוסטזיין, אַז ער האָט נאָך קיין איין גאַנץ וואָרט נישט געזאָגט.

אין אונדזער קאָסמאָגאָניע איז דאָ דער העכסטער באַגריף פון קינסט־לערישקייט. נאָך יעדן באַשאַף שטייט וירא אלהים כי טוב. איך פרעגט זיך: גאָט דער אַלווייסער, דער אויסטראַכטער פון דער וועלט, דער באַ־שאַפער פון דער וועלט, האָט ער דען פאַרן באַשאַף נישט געוואוסט וואָס סע וועט אַרויסקומען, פאַרוואָס האָט ער ערשט נאָכן באַשאַף געדאַרפט זען כי טוב, — אַז סע איז גוט? דאָ, דאַכט זיך מיר, איז אויסגעדריקט דער קינסטלערישער געדאַנק, אַז אפילו מיטן פולן וויסן זיינעם האָט גאָט געדאַרפט ערשט זען דעם באַשאַף, אַז ער זאָל איבערלעבן די הנאה פון כי טוב. מיר טראַכטן אָבער צו דער אייגענער צייט, אַז דער כי טוב איז אי אַ מאָראַלישער באַגריף, אי אַן עסטעטישער. דער באַשעפער האָט געזען אַז סע איז גוט אין דער פולקייט, אין דער האַרמאָניע פון עטיק און עסטעטיק.ביים מענטש־באַשאַף ווידער, איז דאָ אַן אָפּווענדונג פונעם פריערדיקן נוסח. ביי אַלע שטייט ויאמר אליהם ישרצו המים שרץ; ויאמר אלהים תוציא הארץ נפש חיה א. אַז. וו. ביים מענטש־באַשאַף שטייט שוין: ויאמר אלהים נעשה האדם בצלמינו, — און גאָט האָט געזאָגט „מיר וועלן מאַכן דעם מענטש אין אונדזער געשטאַלט". פאַרוואָס אַזאַ אָפּווענד? פריער — גאָט האָט געזאָגט סע זאָל ווערן און סע איז געוואָרן. אַז סע איז געקומען צו מענטש, פילט זיך אַ מין איבערטראַכט, ווי דער באַשעפער האָט זיך באַראָטן מיט זיך אַליין און צום סוף האָט ער געזאָגט: נעשה האדם, מיר וועלן מאַכן דעם מענטש.

וואָס איז געווען דער איבערטראַכט? האָט גאָט געספקט, צי ער זאָל בכלל באַשאַפן דעם אָדם, צי איז דער ספק גאָר געווען אויפן בצלמינו, צי דער אָדם זאָל זיין „אין אונדזער געשטאַלט"? ווי מיר דאַכט זיך, איז דאָ דער מיין, אַז דער איבערטראַכט איז געווען אויף בצלמינו. גאָט האָט געוואָלט אין מענטשן געבן דאָס העכסטע פונעם באַשאַף, דאָס שלימות, וואָס איז דעם בוראס אייגענע אייגנשאַפט. ער האָט אָבער געזען, אַז אפילו דאָס העכסטע איז אויך נישט קיין שלימות, דערפאַר האָט ער איבער־געטראַכט, ביז ער האָט ווי געזאָגט: פאַרפאַלן, נעשה האדם בצלמינו, — מיר וועלן מאַכן דעם מענטש אין אונדזער געשטאַלט. עסטעטיש, פונעם שיין־באַגריף, איז דער מענטש אפשר אַרויסגעקומען שלימותדיק, אָבער עטיש איז אין אים באַלד געווען אַ ריס, דער אָדם האָט באַלד פאַר־

בלאָנדזשעט צו דער גלוסטונג, ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו זוכן, צו פאָרשן, ער האָט געדאָרשט נאָך וויסן, געגאַשט פונעם עץ הדעת.

דער צווייטער דור מענטש איז פון דאָרשט נאָך וויסן אַריבער צו דאָרשט נאָך טויט. דער מענטש, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו וויסן דאָס לעבן איז, האָט אויך געוואָלט וויסן וואָס טויט איז. קין איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס האָט געוואָלט דערגיין דעם סוד פון סוף, וואָס איז טויט. אויף זיך אַליין האָט ער דעם סוד נישט געקענט דערגיין; אויפן ברודער, אויף הבלן, איז ער אים דערגאַנגען. אָבער קין האָט דערמאָרדעט און דעם סוד איז ער נישט דערגאַנגען, וואָרים דער סוף איז ביי אים גאָר געווען דער אָנהייב. פריער האָט ער געזען דעם אָנהייב פון לעבן, איצט האָט ער געזען דעם אָנהייב פון אייביק שווייגן, אייביק־פאַרמאַכטע אויגן, אייביקער נישטאָאיקייט, וואָס איז צו דער אייגענער צייט דאָ. די מיסטעריע פונעם סוף איז אַ קינסטלערישע, זי איז דער אייביקער אָנהייב, וואָס מיר קענען אים נישט באַשייקדן.

צו־וואָס זאָג איך דאָס אַלץ? צו דערגאַנצן דעם געדאַנק פון שלימות. אין מיין איצטיקער עלטער, וואָס דער געדאַנק פונעם סוף איז אַזאַ נאָענטער, און איך לעב־איבער די מיסטעריע פון אַן אָנהייב אַן אייביקן, ווי קען איך אפילו טראַכטן אַז איך בין דערגאַנגען צו שלימות?

מערץ 1952

נוסח בעסאַראַביע

דער פעטער כיל האָט געוואוינט אין לעקסענדרען, אַ צוועלף ווערסט פון בעלץ, ער איז געווען נידעריק געוואַקסן, מיט שמאָלע פּלייצעס און אַ לענגעכיקן פּנים. צען „פּאָלשעס" ערד האָט ער פאַרמאָגט און באַאַרבעט האָט ער זיי אַליין, — מיטן אייגענעם פערדל, אייגענעם אַקעראייזן און אייגענע צען מאָגערע פינגער. אויף צוויי פּאָלשעס האָט ער פאַרזעצט טוטין און, אַז די בלעטער האָבן זיך צעשפּרייט מיט זייער גרינקייט, איז ער די נעכט געשלאָפן אויפן פעלד און זיי אָפּגעהיט מיט אַזאַ פרומקייט, ווי אַן ערלעכער ייד היט־אָפּ אַ ספר־תורה. אויף די טוטין־בייטן האָט ער אַרויפגע־שטעלט גלעזערנע שטייגן, אַז די זון זאָל זיי וואַרעמען, נאָר דער רעגן זאָל זיי נישט נעצן. אַז די בלעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו גאָלדיקן, איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן די גלאָז־פאַרדעקטע בייטן און האָט זיך אונטערגע־זונגען אַ געזאַנג, וואָס די ווערטער האָט ער אַליין צוגעטראַכט, — עפּעס וועגן האָניק, בלעטער ווי גילדענער האָניק.

דער פעטער כיל האָט העכער נישט געוואָלט זיין, פאַר זיך אַליין, האָט ער געזאָגט, איז ער געווען הויך. אַז ער וואָלט געווען העכער, וואָלט ער נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. דער פעטער כיל האָט אויך נישט געוואָלט מער ווי צען „פּאָלשעס" ערד, אַז ער וואָלט געהאַט מער ווי צען „פּאָלשעס", וואָלט ער נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי. איז דער פעטער כיל געווען אַ קליין מענטשעלע, אָבער אין דער אייגענער קליינ־קייט זיינער איז ער געווען גרויס. אַז די טוטין־בלעטער האָבן זיך געגאָל־דיקט, אַז דער ווייץ האָט זיך געצייטיקט און די פּאַפּשויעס האָבן זיך אַרומ־געוויקלט מיט ברוינלעכע מענטעלעך איבער די פלאַקסענע האָר, האָט ער זיך געפילט ווי ער איז אויסגעוואַקסן. צו זיך אַליין איז ער אויסגעוואַקסן, צום שטילן געמיט זיינעם.

ווייטער האָט אין לעקסענדרען געוואוינט דער מחותן אונדזערער, ר׳ חיים בלאַנק, אַ הויכער, אַ שטאַלטנער ייד איז ער געווען, מיט אַ פּריצישן שטעל, מיט אַ „מאָוועך" אויף דער ברייטער גאַס. ר׳ חיים בלאַנק האָט גע־האַלטן גרויסע פּאַסעסיעס, זומער איז ער אַרומגעפאָרן אויף אַ שמאָל בריטשקעלע און ווינטער אויף אַ שליטעלע, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ שוואַן. ער האָט אָבער נישט געהאַלטן פון זיך, אים האָט זיך געדאַכט אַז דער אייבערשטער האָט אים צופיל געגעבן, — סע קומט אים נישט אַזויפיל. אַ טאָכטער האָט ער געהאַט, — אַ הויקער, — האָט ער זי אַלעמאָל אַוועק־געזעצט אויבנאָן, אַז מענטשן זאָלן זען ווי געשטראָפט ער איז. זאָל מען נישט מיינען אַז נאָר גוטס האָט אים גאָט געגעבן, פאַרן חלק גוטס האָט ער אים אָפּגעגעבן אַ היפּשן חלק שלעכטס. איז אַזויווי דאָס שלעכטס זעט

די וועלט, אַזוי דאַרף זי אויך זען דאָס גוטס, וואָרים אַנישט וועט דאָך אויסקומען, אַז דער רבונו־של־עולם איז, באַהיט זאָל מען זיין, אַן אכזר. דערפאַר איז ער אַרומגעפאָרן אויף טייערע בריטשקעס און אויסגעבויט אַ „מאָוער".

דאָס איז נוסח בעסאַראַביע. ביידע, — דער פעטער כיל און דער מחותן חיים בלאַנק, — זענען געווען נוסח בעסאַראַביע, מיט דער קליינקייט און מיט דער גרויסקייט. ביידע האָבן געטראָגן אין זיך דאָס בעסאַראַבישע געמיט פון גאַנצקייט, פון הכנעה, וואָס איז אין תוך נישט געווען קיין הכנעה, נאָר אַ מין פולקייט אין זיך אַליין. דער טרויער על־פי נוסח בעסאַראַביע איז געווען פול, ווי די זומערדיקע וואָלקנס, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך אַן אַנלאָד פון שפע. די פרייד נוסח בעסאַראַביע איז געווען, ווי דאָס וואָלעכל, וואָס האָט זיך אויסגעלייזט אין פולע טענער, נאָך די האַלב־און פערטל־טענער פון אומעט.

אַז איך טראַכט אַמאָל פונעם בעסאַראַבישן יידנטום, קומט מיר אויפן געדאַנק מוישערש אַ פלייצע. אַ הויכער ייד איז ער געווען, אַ ברייטער, מיט אַ קיילעכיק גראָלעך בערדל, וואָס האָט אים אַרומגעבונדן דאָס פנים מיט אַן איידל־געפלאָכטענעם שנור. מיט די מילדע, קאווע־טונקעלע אויגן און דעם פיין־געטאָקטן קאָפּ האָט ער אויסגעזען ווי אַ ייד אַ תלמיד־חכם. גע־ווען איז ער אָבער נישט מער ווי „מוישערש אַ פלייצע", — אַ ייד, וואָס די חיונה זיינע האָט ער געצויגן פון די ברייטע, קרעפטיקע פלייצעס. ער איז געווען אַן ערלעכער ייד, שבת פאַרנאַכט איז ער געזעסן אין בית מדרש און מיטן זיידענעם פנים האָט ער זיך צוגעהערט צום עין־יעקב, וואָס שלמה ווײַנשענקער האָט איבערגעטייטשט פאַר באַלמעלאָכעס אויף עברי־טייטש. ער האָט קיינמאָל קיין הויך וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

אַז מע האָט געדאַרפט אַרונטערלאָזן אַן אָנטל וויין אין קעלער אַריין, איז געקומען מוישערש מיט זיינע פלייצעס. אויף די טרעפ־אַרונטער האָט מען אַוועקגעלייגט צוויי גלאַטע, אָפּגעהובלטע, אָנגעזייפטע קלעצער, אָפּגע־רוקט איינער פון אַנדערן אויף אַ פאָר שפאַן. אויפן אָנטל וויין אין דרויסן האָט מען אַרויפגעטאָן צוויי גראָבע שטריק אויף ביידע זייטן. די עקן פון די שטריק האָט מען שטייף אַרומגעדרייט אויף דריקלעך, וואָס זענען גע־ווען איינגעגראָבן אין דער ערד, און דערנאָך האָט מען דאָס פאָס צוגעקייקלט צו די אָנגעזייפטע קלעצער אויף די טרעפ, אָבער אַזוי אַז די שטריק זאָלן עס האַלטן. ביסלעכווייז האָט מען די שטריק נאָכגעלאָזט פון די דריקלעך. מוישערש איז געשטאַנען אין קעלער אויף די טרעפ אונטן, אַז מע האָט נאָכ־געלאָזט די שטריק, האָט מען צו אים אַרונטערגעשריגן: „מוישערש, אַ פלייצע". ער האָט אונטערגעלייגט די פלייצע אונטערן פאָס, אַז סע זאָל זיך נישט אַרונטערגליטשן, און אַרויפגעשריגן: „אָ־אָ, אַ פלייצע"... דאָס שווערע פאָס איז געלעגן אויף מוישערשס פלייצע, ווי אַ קינד ביי אַ מאַמען

אויף די הענט. די קרעפּטיקע פּיס האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט אין די טרעפּ, אַז ער זאָל זיך נישט אויסגליטשן, און צו זיך האָט ער אונטערגעזונגען: „אַ־אַ, אַ פּלייצע". דאָס קול זיינס איז געווען אַ לויטערס, אַ מעלאָדישס, געדאַכט האָט זיך אַז ער זינגט אַ געזאַנג צו די פּלייצעס.

מוישערש האָט קיין פּליג אויף דער וואַנט נישט אָנגערירט, נאָר אַמאָל איז געווען אַ געשלעג, — גוים האָבן זיך אָנגעשיכורט, זאַטשעפּעט יידן; מוישערש האָט קיין האַנט נישט אויפגעהויבן, נאָר מיט די פּלייצעס האָט ער אַוועקגעשטויסן די גוים אויף איין זייט און די יידן אויף דער אַנדערער זייט. אַז דאָס געשלעג האָט זיך איינגעשטילט, האָט מען געזען, ווי מוישערשן רינט בלוט פון אַן אַקסל, — אַ גוי האָט אים אַריינגעשטאָכן אַ מעסער. סע איז געוואָרן אַ רעש, ווייבער האָבן געבראָכן די הענט: יידן, וואָס שווייגט איר? מע האָט געשטאָכן מוישערשן. ער האָט געשמייכלט קינדיש־שולדיק, ער האָט זיך געשעמט וואָס אַרום אים רעשט זיך. אַז דאָס אייגענע ווייב זיינס איז אָנגעלאָפן מיט געוויין און געפּילדער „מע האָט מיר דערהרגעט מאַן מוישערשן", האָט ער שטיל געזאָגט: „וואָס שראַט איר, וואָס? געלויבט דער אייבערשטער, אַבי יידן האָט גאָרנישט געשאַדט"...

דאָס בעסאַראַבישע יידנטום האָט מיט זיידענער פּשטות אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע אין יידישער כלל־אַרבעט, אָן פּרעטענציעס, אָן מאָנונגען פאַר זיך אַליין, אָן יאָגעניש נאָך כבוד. מיין זכרון טראָגט מיך צוריק אויף קרוב צו זעכציק יאָר, — איך געדענק זאַכן פון זינט איך בין אַלט געווען אַ יאָר פיר, — און איך זע די משולחים, „איינקלעך" און מוכרי ספרים, וואָס זענען געקומען קיין בעסאַראַביע פון די מרחקים. די טירן זענען געווען פאַר זיי אָפן, דער אָרעמסטער ייד האָט געגעבן נאָך זיין יכולת, אַז אַ ייד האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, האָט ער זי נישט צוריקגענומען ליידיק. יידן פון ליטע זענען אין בעסאַראַביע אָפּגעזעסן חדשים, סע האָט זיי פּאַסמאַקעוועט דער ווייַן, די מאַמעליגע, דאָס שאָפּענע פלייש, נאָר דער עיקר — דאָס גאַסטפריינטלעכקייט, דאָס מענטשלעכע וואַרעמקייט. אַ ליטוועק געדענק איך, אין שוחטישן בית מדרש שמחת בית השואבה ביינאַכט. אָקעס ווייַן האָט מען געבראַכט איינע נאָך דער אַנדערער, דער ליטוועק האָט זיך אַביסל אונטערגעטרונקען און יעדער מאָל, וואָס ער האָט גענומען אַ גלאָז ווייַן, האָט ער פאַרצויגן די אויגן, אַ הייב־געטאָן אַ פינגער אין דער הייך און געזאָגט: „אמתער יין גפן, נישט קיין יין טשמוקים, פּלאַי־פּלאַים"...

אָבער נישט נאָר פון יין גפן איז בעסאַראַביע געווען דאָס לאַנד פון „פּלאַי־פּלאַים", — פון וואונדער־איבער־וואונדער, — דער יידישער מענטש אין בעסאַראַביע איז געווען אַ „פּלאַי־פּלאַימדיקער". ער איז געווען דער „מוישערש אַ פּלייצע" אינעם רוסישן יידנטום, ער איז אַ סך מאָל אַליין פאַר־וואונדיקט געוואָרן און פרום געזאָגט: „געלויבט דער אייבערשטער, אַבי יידן האָט גאָרנישט געשאַדט".

דאָס קליינע מלחמהלע

ווי דו קוקסט־אָן דעם פֿאַרעלטערטן טאַטן דיינעם, הערשל זון, איז ער אויך געווען אויף מלחמה. אַוודאי איז דיין מלחמה געווען אַ גרויסע, אַ גלאָבאַלע, און מיינע איז געווען אַ קליינע, נאָר אַ מלחמהלע. אָבער טויט איז אין איר געווען, און דער מענטש איז אין איר געווען אי צעטראָטן, אי דער־הויבן. אין די קלענסטע מלחמהלעך, דאַרפֿסטו וויסן, איז דער טויט גרויס. אַז אַ קליין לעמפּל אין אַן אָרעמען שטיבל לעשט זיך אויס, איז פֿינצטער ווי אין אַ רייכן פּאַלאַץ, וואו סע לעשן זיך אויס ליוסטערס מיט טויזנטער ליכט.

און נאָך עפּעס, דער טאַטע דיינער איז געווען אויף מלחמה און האָט נישט געשאָסן. ער איז נאָך געווען יונג, איז אים נישט אָנגעשטאַנען דער עסק, וואָס אויף מלחמה איז ער און שיסן שיסט ער נישט. אַ ביקס האָט ער געהאַט, נאָר זי איז געווען פֿאַרזשאַווערט. אַמאָל, אַז דער טאַטע דיינער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ פֿילאָזאָפֿיש־הומאַניסטישער שטימונג, האָט ער רחמנות־ געהאַט אויף דער ביקס. פֿייער קנאַלט, ביקסן שיסן, קוילן פֿליען און זי, — די אָרעמע ביקס דעם טאַטנס, — האָט אַ פּיסק, אַ נעסט פֿאַר קוילן, אַ צינגל, נאָר פֿאַרמשפּט איז זי צום אומעטיקן שווייגן.

אויף־וואָס, פֿרעגט זיך, איז אַ ביקס, אינמיטן פֿלאַקער פֿון מלחמה, — זאָל זיין אַ קליין מלחמהלע, — אַז נישט צו שיסן? זי איז נעבעך אַריינגעפֿאַלן אין שלעכטע הענט, וואָרים דער טאַטע דיינער איז בסך־הכל געווען אַן אייזלטרייבער. דאָס קליינע מלחמהלע האָט געדאַרפֿט אייזלטרייבערס. דיין גרויסע מלחמה האָט געדאַרפֿט באָמבערס, ראַקעטן־פֿייער, אַטאָם־באָמבעס. יעדער מלחמה, זון מיינער, האָט איר אייגענעם כאַראַקטער, אירע אייגענע באַדערפֿעניש, דער תוך אָבער איז דער אייגענער: אַ באַהאַלטענער דראַנג צו טויט. אפֿשר איז דאָ אין דער וועלט איינער, וואָס ווייסט פּונקטלעך דער באַהאַלטענער דראַנג צו טויט נעמט זיך, נאָר דער טאַטע דיינער האָט פֿון אים נישט געהערט. נישט פֿון די ווייסערס רעד איך, וואָס דערציילן דיר אַז מע דאַרף ראַטעווען, אַז די וועלט שטייט אין קאָן, דיין לאַנד איז אין סכנה, דו אַליין ביסט אויסגעשטעלט צום טויט. זיי זענען מסתמא גערעכט, אָבער סע איז דאָך אַלעמאָל דאָ דער אַנדערער, וואָס ער איז די סכנה פֿאַר דער וועלט, פֿאַר מיר, פֿאַר דיר, — און אַז ער טראָגט סכנה פֿאַר אַנדערע, טראָגט ער דאָך סכנה פֿאַר זיך אַליין, — פֿונוואַנעט נעמט זיך צו אים, דעם אַנדערן, דער באַהאַלטענער דראַנג צו טויט? פּאָליטיש־מאַטעריאַליסטיש ווערט אַלצדינג אויפֿגעקלערט, אָבער דער פּאָליטישער מאַטעריאַליזם ווערט דאָך אויך געטריבן פֿון עפּעס אַ כּח, וואָס האָט פֿאַר זיך אַליין אַ באַוואוסטזיין, אַפֿילו אַ זין. גוט, זון מיינער, מירביידע וויסן פֿון די „היסטאָרישע פּראָ־צעסן" און די „סטיכישע פּראָצעסן", אָבער אַז מיר שיילן־אָפּ די שאָלעכץ

פון די צוויי באַגריפן, קומען מיר נישט צו דער יאָדרע, נאָר צו אַ נייער שאָלעכץ.

וואָס איך וויל דיר אָבער זאָגן, איז גאָר עפּעס אַנדערש. אויפן קליינעם מלחמהלע איז דער טאַטע דיינער געגאַנגען מיט אַן אידייע, וואָס אויסגעקליבן האָט ער זי מיטן אייגענעם ווילן, דערטראַכט האָט ער זיך צו איר מיטן אייגענעם געדאַנק. סע איז נאָך געווען אַ צייט, מיט פערציק יאָר צוריק, וואָס דער ייד האָט נאָך געקענט זיין דער אויסוויילער פון אַן אידייע, נישט דער אויסדערוויילטער פאַרן טויט. די געשיכטע איז נאָך נישט געשטאַנען מיט אַ פּיסטויל ביים יידנס שלייף און אים געגעבן צוויי ברירות: אָדער גיי געהרגעט ווערן, אָדער דו וועסט סיווי געהרגעט ווערן. דערפאַר, אַז דער טאַטע דיינער קוקט צוריק אויף פערציק יאָר, — ווען ער איז אַריין אינעם קליינעם מלחמהלע, — באַפאַלט אים אַן אימה. ער לעבט־איבער אַ שווערע שולד דערפאַר וואָס ער האָט נישט חושד־געווען אַז פון דעם קליינעם מלחמהלע וועט אַרויסוואַקסן אַזאַ מוראדיקער חורבן אויפן יידישן פאָלק. און וואָס עפּעס נאָר ער? די מיליאָנען אַנדערע ווי ער, וואָס זענען געגאַנגען אין דער גאָר־גרויסער מלחמה מיט פערציק יאָר צוריק, האָבן דען געוואוסט אַז סע איז אַ מלחמה, וואָס עפנט־אויף אַלע מאָרד־שליוזן אין דער וועלט?

נאָר נאָך עפּעס האָט דער טאַטע דיינער נישט געוואוסט, און נעמלעך, אַז דאָס איינרעדעניש, אַז דאָס קליינע מלחמהלע וואָס ער פירט פאַר ארץ־ישראל, וועט נאָך ביי זיין לעבן גאָר קיין איינרעדעניש נישט זיין. אפילו אין דער צעפלאַמטער פאַנטאַזיע זיינער האָט ער זיך נישט אויסגעמאָלט די יידישע ארץ־ישראל, וואָס פאַר איר האָט ער געפירט אייזלען און איבער די אַקסלען איז אים געהאָנגען אַ פאַרזשאַווערטע ביקס מיט אַ פּיסק וואָס האָט געלעכצט נאָך אַ פונק פייער. ער האָט זיך נישט אויסגעמאָלט אַז פונעם מלחמהלע וועט אַרויסוואַקסן אַ חורבן אויף יידן און אַרויסבליען אַ יידישע מלוכה. נאָר די גאַנצע וועלט האָט זיך בכלל נישט אויסגעמאָלט וואָס פון איר וועט ווערן אין פערציק יאָר אַרום.

זאָל איך זאָגן אַז סע איז בכלל געווען אַ וועלט אָן פאַנטאַזיע? דאַכט זיך מיר אָבער, אַז כוחות זענען דאָ אין דער וועלט, וואָס זיי אַליין רופן זיי אַרויס און דערנאָך ווערן זיי די באַוועלטיקער אירע. דאָס ביסל פאַנטאַזיע ביי דער וועלט האָט געסטייעט נאָר אויף אַרויסצורופן די כוחות, אָבער נישט אויף דער שפּירעוודיקייט און זעעוודיקייט אויף עטלעכע טריט ווייטער. דאַרפן מיר, הערשל זון, טראַכטן אַז אין דער וועלט זענען דאָ קאָנפליקטן, וואָס אַלעמאָל טוען זיי אָן אויף זיך אַנדערע אידייען, אָבער אין תוך זענען נישט די אידייען די טרייב־כוחות פון דער וועלט, נאָר די פאַרהוילענע סתירהדיקע כוחות. די אידייען אונדזערע זענען נישט מער ווי צו באַזינען די

קאָנפליקטן, וואָרים מיר ווילן נישט מודה־זיין, אַז צו דער אייגענער צייט וואָס מיר פּורעמען די וועלט, זענען דאָ כוחות וואָס נישט מיר געוועלטיקן איבער זיי, נאָר זיי געוועלטיקן איבער אונדז.

אין דער נביאישער וויזיע, זון מיינער, וועגן סוף פון די טעג, דאַרף אַ וואָלף לעבן אינאיינעם מיט אַ שאָף. דער ביישפּיל פון דעם וואָלף מיט דער שאָף איז, דאַכט זיך מיר, נישט גענומען גלאַט־אין־דער־וועלט אַריין. הינטער דער וויזיע שטעקט דער טיפער געדאַנק פון כוחות וואָס מיר זענען פון זיי באַוועלטיקט. דער וואָלף איז דער נאַטור־כוח פון פאַרצוקונג. די שאָף, ווידער, איז דער נאַטור־כוח פון הכנעה. צוויי עלעמענטישע כוחות האָט די וויזיע אַוועקגעשטעלט איינעם קעגן אַנדערן, — זיי זענען זיך נישט קיין שונאים, דערפאַר פּשוט וואָס קיין באַוואוסטזיין איז אין זיי נישטאָ, נאָר עלעמענטישקייט, נאָר אינסטינקט. פּונקט ווי דער וואָלף, דער פאַרצוקער, איז דער כוח פון אומברענג, אַזוי איז דער כוח פון דער פאַרצוקטער, דער שאָף, די הכנעה. איז, אַז די נביאישע וויזיע ברענגט צונויף דעם וואָלף מיט דער שאָף, מיינט זי דערמיט צו זאָגן, אַז נישט נאָר דער פאַרצוקערישער כוח וועט פאַרשווינדן, אויך דער כוח פון הכנעה וועט אויפהערן. דער עיקר אָבער, זון מיינער, וואָס איך וויל אַרויסברענגען, איז דער געדאַנק הינטער דער נביאישער וויזיע, — אַז די גאולה וועט קומען נישט פון אידייען, נאָר אונטערגעגעבענע כוחות אין דער נאַטור, אָדער אַפילו איבער דער נאַטור.

דערמיט וויל איך אָפּלערנען אַ שטיקל זכות אויף דער וועלט, וואָס די פאַנטאַזיע אירע האָט זיך נישט אויסגעמאָלט דעם אַרויסקום פון דער מלחמה מיט פערציק יאָר צוריק.

און נאָך עפּעס: אין די פערציק יאָר איז די וועלט עלטער־געוואָרן אויף טויזנטער יאָרן. זי איז עלטער־געוואָרן מיט שרעק, מיט טרויער, מיט ניכטערקייט. מיין דור, זון מיינער, איז געגאַנגען אויף מלחמה מיט געזאַנג. דיין דור — מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן, מיט עקשנותדיקן שווייגן. מיין דור האָט דער מלחמה אַנטקעגנגעטראָגן די געזאַנגען „איטס עי לאָנג וועי טו טיפּערערי" און „דהי יענקס אַר קאָמינג". דיין דור — אַ מידע פאַרעלטערטקייט, אַ טרויעריק וויסן אַז ס'איז נישט קיין „מלחמה אָפּצושאַפן מלחמות". מיין דור האָט אַ סך ווייניקער געוואוסט פאַרוואָס ער גייט אין פייער־אַריין, ווי דיין דור. דער פּרייסישער מיליטאַריזם איז אונדז סוף־כל־סוף נישט געגאַנגען אין לעבן־אַריין, ער איז געווען פאַר אונדז אַן אַבסטראַקציע, ער האָט גערוט אויף די פאַרגעלטע בלעטער פון דער געשיכטע. דער נאַציזם, ווידער, איז געווען אַ קאָנקרעטער פאַקט, יעדער איינער האָט אים איבערגעלעבט אויף איין אופן, אָדער אַן אַנדערן. שוין אָפּגערעדט פון אונדז, יידן, וואָס אין דער מלחמה פון דיין דור האָבן מיר קיין ברירה נישט געהאַט, מיר האָבן זיך נישט געקענט פאַרגינען דעם

לוקסוס אויסצוקלייבן אַ צד אין דער מלחמה, — דער שונא האָט פאַר אונדז דעם צד אויסגעקליבן.

זע־זשע, הערשל זון, ווי אַלט די וועלט איז געוואָרן. בעת אין דער מלחמה פון מיין דור איז דער רוף געווען — „אַ מלחמה אַפּצושאַפן מלחמות", איז דער רוף פון דער מלחמה אין דיין דור געווען — „פריי־זיין פון מורא". אַוודאי ווייס איך, אַז ביידע לאָזונגען האָבן פאַבריצירט פּראָפּאַגאַנדע־שמידערס, אָבער אַפילו פּראָפּאַגאַנדע איז אויך דער אויסדרוק פון אַן עפּאָכע. סע איז נישט וואָס דער פּראָפּאַגאַנדיסט טראַכט־אויס אַ לאָזונג פונעם אייגענעם קאָפּ, ער טראַכט אים אויס מיטן קאָפּ פון דער עפּאָכע, אַנישט וואָלט דער לאָזונג געבליבן אַ פוסטער קלאַנג. אין „מלחמה אַפּצושאַפן מלחמות" איז געווען אידעאַליסטישע יונגשאַפט, דערפאַר איז אין אים אויך געווען געזאַנג. אין „פריי־זיין פון מורא" איז דאָ אַלטקייט, איז דאָ מורא, וואָרים אַז מיר דאַרפן זיך שלאָגן, כדי צו זיין פריי פון מורא, איז דאָך קלאָר אַז מיר האָבן מורא. אַ וועלט מיט מורא זינגט נישט. אַ וועלט מיט מורא איז טרויעריק־ערנסט.

רעדן רעד איך צו דיר אין אַ כיסלודיקער נאַכט, דו הערסט נישט, הייזער ווייט ביסטו פון מיר. עפּעס קומט־אויס, ווי מיר ביידע זענען איינער אין אַנדערן, ווי איך טראָג דיך אין זיך, ווי די רייד מיינע ווערן דורך מיר אַריינגעוואַקסן אין דיר. פאַרשטייט זיך אַז סע איז נישט מער ווי אַן אילוזיע, דיין דור ריכט נישט אָפּ קיין חצות מיט זיינע געדאַנקען, ער איז טראַגיש ניכטער, ער פליט צו די הימלען, אָבער נאָר אויף שטאָלענע פליגלען, נישט אויף דעם געמיט זיינעם, נישט אויף דער פאַנטאַזיע. און איך ווייס נישט, צי אויף שטאָלענע פליגלען דערגרייכט אַ מענטש די הימ־לען אַזויווי ער דערגרייכט זיי אַמאָל אין זיין געמיט.

נאָר איך גלויב אַז מיינע רייד וועלן אָנקומען צו דיר, וועסט זיי פאַר־נעמען, ווי איך האָב מיין טאַטנס רייד פאַרנומען יאָרן שפּעטער.